STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01642

# GEKLIBENE VERK

## Isaac Meir Dick

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Luis & Lee Lainer*
*in memory of*
*Sara Rafolin Lainer*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. א. דיק.

# געקליבענע ווערק

מיט א הקדמה פון ד. ק – על.

ערשטער באנד.

פארלאג ש. שרעבערק, ווילנא
פארקויף: געזעלשאפט „צענטראל" ווארשע.

DRUK. SIKORA i MYLNER WARSZAWA, NOWOLIPKI 6.

# אינהאַלט פון ערשטן באנד


| | | |
|---|---|---|
| 1) | איינלייטונג | 5— |
| 2) | הייציִקל אַליין | 1=30 |
| 3) | דאָס רענדעל | 1=36 |
| 4) | די אורהים און דוראַטשעשאָק | 1=36 |
| 5) | אַ פּאַרדרייעניש אָדער ר׳ שמעון נונצער | 1=42 |
| 6) | ר׳ ישעיה זשוכאָוויצער | 1=42 |

**א. מ. דיק.**

# I.

ווילנע, די שטאָט פון יידישן וואָרט און וויץ, די שטאָט פון טראַדיציעס און אויסגעפאָרמטן יידישן לעבן, די שטאָט, וואָס דערהויבט זיך אַזוי זיכער איבער אַ ריי שטעט, ווי מינסק, קאָוונע, גראָדנע און אַנדערע, האָט דאָך אין יענער צייט, ווען עס איז געלייגט געוואָרן דער פונדאַמענט פון דער יידישער ליטעראַטור, נישט אַרויסגעשטעלט קיין איין רעכטן מיטהעלפער, קיין איין בויער, קיין איין פעסטן טאַלענט, וואָס זאָל אונז אַרויסווינקען פון יענע יאָרן ווי אַ העל פייערל.

די התחלה פון דער יידישער ליטעראַטור שלענגלט זיך ערגעץ אין אָדעס אָדער וואַרשע. עס איז געווען אַ מענדעלי, אַ לינעצקי, אָדער אַן עטינגער, צי גאָר אַ שאַצקעס, אַלץ אַזוינע נעמען, וואָס האָבן גאָרנישט געהאַט צו טאָן מיט ווילנע. פאַר דעם ליבהאָבער פון דער יידישער ליטעראַטור שווימט עפּעס אַרויס די פראַגע: וואו איז ווילנע געווען ביי דער התחלה פון דער יידישער ליטעראַטור? וואו

אין איר וואָרט, איר ציגל אינם פונדאַמענט? אויב נישט ווילנע, איז במילא אויך נישט מינסק, נישט קאָוונע, נישט גראָדנע. ווייל אויב נישט דער צענטער, טאָ וואָס קאָנען געבן די קלע־נערע בלאָסערע פונקטן?

עס איז אָבער געווען אין ווילנע איינער, וואָס האָט בלי שום ספק געקאָנט דערגרייכן די זכיה אַוועקגעשטעלט צו ווערן אין דער ערשטער שורה פון די־יעניקע, וואָס האָבן אַוועקגע־לייגט דעם פונדאַמענט פון דער יידישער ליטעראַטור.

צווישן מענדעלין, לינעצקין, עטינגערן אָדער אפילו שאַצ־קעסן האָט מען געקאָנט מיט גרויס תענוג דערמאָנען דעם נאָ־מען א י י ז י ק-מ א י ר ד י ק.

ער האָט עס אָבער נישט אינגאַנצן דערגרייכט.

---

## II.

אייזיק-מאיר דיק איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1807 אין ווילנע. פאַר יענע טונקעלע צייטן, ווען אפילו אַ יוד אַ נגיד, דאָס הייסט דער שטאַרקסטער מענטש אין דער יידישער גאַס, האָט זיך קינדיש געשראָקן פאַרן בוך און פאַר השכלה, האָט אייזיק-מאירן אייגנטלעך געגליקט: אַ פריץ האָט אים געלערנט דייטש, מען האָט אים געלאָזט האַלטן אַ בוך אין דער האַנט און ער האָט לייכט געקאָנט עפענען יענע גאָלדענע טיר פון העלן ליכט און וויסן, וואָס איז כמעט פאַר אַלע יידן פון יע־נער צייט געווען פאַרריגלט און פאַרשלאָסן מיט טויזנטער שלע־סער. אייזיק-מאיר דיק האָט אָבער געהאַט זייער אַ פּאַסיווע נאַ־טור און האָט געשטעלט נישט זיכער דעם פוס. ער איז אפילו

געגאַנגען פּאָראויס, אָבער יעדעס מאָל איז ער באַלד געלאָפן צוריק און צו אַלץ האָט ער זיך באַצויגן שטיל און נאָכגיביק.

זייער פרי האָט מען אים חתונה געמאַכט און דער שווער, דערציילט מען, האָט אים גערופן שלימזל.

—דער שלימזל וויל עסן,—פלעגט ער זיך אָנרופן צו דער טאָכטער און בעת-מעשה אָפּמעסטן דעם איידעם מיט שווע-רע האַמעטנע בליקן.

—שלימזל!

ער האָט געפּרובט אַריינשמעקן אין אַ ראַבינערשול, האָט געאַרבעט אין אַ השכלה-קרייזל און געחלומט פון גרויסע קענט-נישן און ידיעות, אָבער דערפון איז גאָרנישט געוואָרן, און אַז ער האָט געדאַרפט דערנערן אַ ווייב מיט קינדער, ווייל ס'איז שוין מער נישט געווען דער שווער, וואָס פלעגט אים רופן שלימזל און דאָך געבן עסן, איז ער, אָנשטאָט צו ווערן אַ מלמד, געוואָרן אַ לערער, וואָס איז, נאַטירלעך, איינס און דאָסזעלבע. אייזיק-מאיר דיק איז שטיל און נאָכגיביק אַריין אין שפּאַן און דאָ, אין שפּאַן, האָט ער אָנגעהויבן צו שרייבן. ער האָט געשריבן אין גויט, אין צוואַנג און שווייס, ווי אַ בעל-מלאכה, ווי אַ שניידער, ווי אַ שוסטער, וואָס אַ פּאַרצייטיקער באַלעבאָס איז אים געשטאַנען איבערן קאַרק און געשמיסן און געיאָגט און געצאָלט בלויז גראָשנס...

צוויי רובל, דריי רובל פּאַר אַ ביכעלע.

ביסלעכווייז איז די לערערײַ געפאַלן, די תלמידים זיינען צורונען געוואָרן און עס איז געבליבן בלויז דאָס שרייבן, דאָס ביכעלע, די צוויי-דריי רובל.

דאָס הייסט דער שווייס פון טאַלענט, וואָס האָט אים געדאַרפט געבן חיונה.

אַזויאַרום איז אָבער געווען—נישט קיין טאַלענט און נישט קיין חיונה.

## III.

אייזיק-מאיר דיק איז בלי שום ספק געווען אַ מענטש מיט עכטן טאַלענט, און ווי עס טרעפט מיט אַן עכטן טאַלענט, האָט דיק זייער גוט געקענט דאָס לשון, אין וועלכן ער האָט געשריבן און דאָס לעבן, וואָס האָט פאַר זיין שאַרפן אויג געשווירבלט און געגריבלט מיט פאַרשידענע געשטאַלטן און פאַרשוינען, מיט כלערליי סצענעס און בילדער.

אין די ערשטע צייטן, ווען די פאַבריק פון די ביכעלעך איז נאָך נישט געווען אין פולן גאַנג, האָט אייזיק-מאיר דיק ממש איבערראַשט מיט זיין שיינעם גלאַנצפולן יידיש, מיט דעם אימפעט און שאַרפקייט פון זיין קורצן זאַץ און מיטן הייסן אָטעם פון די לעבעדיקע פאַרשוינען און סצענעס. וואַרפט מען, אַ שטייגער, אַרויס פון „חייציקל אַליין״ די ווערטער „וואַר״, „אונד״ און נאָך איניקע, וואָס האָבן, ווי אַ מין צוטשעפעניש דיקן באַגלייט דאָס גאַנצע לעבן, קאָן דאָסדאָזיקע מערקווירדיקע ביכעלע, וואָס איז געשריבן געוואָרן מיט זעכציק יאָר צוריק, פולשטענדיק קאָנקורירן מיט דער פראָזע פון אַ היינטיקן יידישן בעלעטריסט. דער פיינער בוי פון זאַץ מאַכט אַן איינדרוק פון אַן איינגעפונדעוועטער ליטעראַטור, וואָס איר התחלה איז געמאַכט געוואָרן נאָך מיט דורות צוריק.

מענדעלי האָט איבערגעטראַכט און איבערגעקלערט און איבערגעפרעסט אין קאָפּ יעדן יידישן זאַץ. מען זעט די אָנגעשטריינגטע אַרבעט אויף אים און מען פילט בעת מעשה די שטריינגע האַרבע לאָגיק פון דער גראַמאַטיק. עס מאַכט דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט געשמידט אַ שטיק ווילד פאַרזשאַווערט אייזן מיט אַ קליין פאַרעקשנט העמערל. אייזיק-מאיר דיק, וואָס

האָט געשריבן פריער פון מענדעלין, און האָט נאָך דערווייל נישט געזען קיין מוסטער פון אַ ליטעראַרישן יידיש, האָט אָבער נישט געוואוסט פון דידאַקטישע קייטן. ער האָט זיך נישט אָנגעשטריינגט און נישט געפרעסט אין קאָפּ דעם זאַץ. ער האָט געשריבן לייכט, איינפאַך און שנעל, פונקט ווי ער וואָלט גערעדט. ער האָט זיך נישט געניטיקט אין אַ מוסטער, ווייל ער האָט דעם מוסטער אומבאַוואוסטזיניק געפילט אין זיך. און דעריבער איבערראַשט אין דיקן מער דער סטיל, ווי דאָס בילד, מער דאָס וואָרט, ווי די געשילדערטע סביבה, בשעת מען נעמט אין באַטראַכט יענע וויסטע טונקעלע צייט, ווען דיק האָט אָנגעשריבן די ערשטע ביכעלעך נישט בלויז פאַר זיך, נאָר אויך פאַר דער יידישער ליטעראַטור.

די ערשטע ביכעלעך פאַר דער יידישער ליטעראַטור.

## IV.

אין זיינע ערשטע ווערק שלאָגט דער הייסער אָטעם פון די געשטאַלטן און ראַרשוינען, וואָס ווערן דאָרט געשילדערט. על-פּי-רוב זיינען זיי באַגאָסן מיט אַ צאַפּלדיקן הומאָריסטישן שיין. דער הומאָר ווערט טיילמאָל פאַרוואַנדלט אין יענעם ליבן געבענטשטן שאַרז, וואָס פאַרדאַרבט נישט דעם רעאַלן טאָן פון דער זאַך, נאָר פאַרקערט, ער זאַפּט אים אָן מיט מער לעבן, מיט אַ שטאַרקערן קלאַנג פון ווירקלעכקייט. „חייציקל אַליין", „ר' שמאַיע גוט-יום-טוב-בעטער", „די אורחים אין דוראַטשעסאָק" און אַנדערע—דאָס זיינען אַלץ באַקאַנטע פאַרשוינען פון דער פאַרצייטישער יידישער גאַס. זיי זיינען שוין לאַנג אויסגעשטאָרבן, אָבער מיר זעען דורך זיי, ווי דורך גוטע ברילן, פאַרשוואומענע דורות און שטיקער לעבנס, וואָס זיינען

אויסגעלאָשן געוואָרן אונטער די קילע ווינטן פון דער צייט.

דיק האָט געהאַט אַ שאַרף אויג און אַ שטאַרקן חוש פאַר הומאָר. צווישן די פרומע האָט ער על-פּי-רוב גענומען דעם שווער-געפּעלצטן צבועאַק, צווישן די נגידים—דעם קמצן און דעם איינגהאַרציקן, צווישן די כּלי-קודש—דעם שנאָרער, חונף און רמאי און צווישן די אויפגעקומענע—דעם נאַרישן און פּוסטן בעל-גאוה. ער האָט זיי גענומען און אויסגעזונגען זיי אין פריילעכע קאָמישע קלאַנגען.

חייציקל און שמאַיע גוט-יום-טוב-בעטער זיינען געוואָרן גע-צייכנטע געשטאַלטן אין דער יידישער גאַס. מען האָט זיי געקענט און מען האָט געטייטלט אויף זיי מיט די פינגער. אויף אַ צו-פּיעסטעט, שלעכט אויפגעהאָדעוועט קינד האָט מען געזאָגט:

—דאָס איז אַ „חייציקל אַליין".

און אַ שנאָרער, פּרעסער און טעלערלעקער האָט געהייסן:

—שמאַיע גוט-יום-טוב-בעטער.

מען האָט אָבער דיקן, דעם מחבר פון דידאָזיקע פּאַרשוי-נען, אויך געקענט נישט ווייניקער פון זיינע פּאַרשוינען. עס איז זיך שוועד פאָרצושטעלן אַ שריפטשטעלער, וואָס זאָל זיין אַזוי פּאָפּולער ביים פאָלק, ווי דיק איז געווען. דאָס איז אייגנ-טלעך געווען דער איינציקער שרייבער, וואָס איז געלייענט גע-וואָרן נישט בלויז אין עסצימער און אין שלאָפצימער, נאָר אויך אין ק״ך. אייזיק-מאיר דיקן האָט געלייענט די דינסט און דער משרת.

דער ייד פון יענער צייט האָט זיך אויסערלעך כּלומרשט באַצויגן מיט אַ ווידערווילן צום „זשאַרגאָן". פון אויבן אַראָפּ האָט ער געקוקט אויף דיקס ביכעלעך, און עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז די ווענדונג פון מחבר צום לעזער, לויט דעם אַלטן נוסח, האָט זיך ביי דיקן באַצויגן צו דער לעזערין. דיק האָט געמיינט נישט דעם „לעזער", נאָר די „לעזערין". דאָס האָט געשאַפן אַ געוויסן קאָנטאַקט צווישן דיקן און דער יידי-

שער פרוי, וואָס האָט געזוכט און געקויפט זיינע ביכלעך אַזוי פּינקטלעך און רעגולער, ווי זי האָט געקויפט פיש אויף שבת. די דירעקטע ווענדונג צו איר האָט אויסגעוועבט צאַרטע פעדעם צווישן דעם מחבר און איר.

„דער פּאָפּולערסטער שרייבער ביי אונז,—פאַרצייכנט פּאָפּירנע אין זיינע זכרונות,—האָט מיר אַמאָל געזאָגט ש. י. פּין, איז דיק. אַ ווילנער באַלעבאָסטע, אַרויסגייענדיק פרייטיק מיטן קויש אויפן מאַרק, איינצוקויפן אויף שבת גרינוואַרג, לעקעך און ד. גל., וועט נישט קומען אַהיים אָן דיקס עפּעס אַ דערציילונג, וואָס זי האַנדלט איין פאַר עטלעכע קאָפּיקעס, ווי די ליבסטע נאַשעריי לכבוד שבת".

אָבער דיקן האָבן אויך געליינט די מאַנסליט נישט ווייניקער ווי די ווייבער. אויסערלעך האָט מען נאָר געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז מען האָט צו טאָן מיט אַ „זשאַרגאָן-ביכעלע", אָבער אייגנטלעך האָט מען ממש געבערענט פון התפעלות, און דאָס האָבן זיי צוטראָגן און צוקלונגען זיין נאָמען איבער אַלע יידישע ישובים פון ליטע. נישט לייענען דיקן האָט אין יענער צייט געהייסן—נישט קענען זיך און נישט קענען דאָס פאָלק, נישט וויסן די אייגענע מעלות און די אייגענע חסרונות.

## V.

דיק האָט זייער ליב געהאַט ווילנע, וואָס האָט ביי אים על-פי-רוב געהייסן פאַרשטעלט—ל י נ אָ ו ע אָדער ל י נ ו ו ע. ווי יעדער עכטער הומאָריסט, האָט ער דוקא ליב געהאַט יענע סביבה און יענעם ווינקל, וואָס ער האָט אַזוי גערן אויסגעלאַכט. אָבער דיקס ליבע צו ווילנע איז געווען אַן אויסטערלישע, אַ ק י נ ד י ש ע. אַלץ, וואָס ער האָט אָנגעשריבן, אַלע זיינע ביכע-

לעך שמעקן מיט ווילנע. זיין פּאַריז, דאַנציג, האַמבורג און פּראָג זיינען שטיקער ווילנע. דידאָזיקע שטאָט אָטעמט אַרויס פון אַלע זיינע שורות. אין זיינע הערות, באַמערקונגען און אָפּווייכונגען ברענגט ער דאָס רוב ביישפּילן פון ווילנע. ווען מען וואָלט געקאָנט מאַכן אַ פאַרגלייך צווישן דיקן און... מאָפּאַ-סאַנען, וואָלט זיך געלאָזט זאָגן, אַז ווילנע איז אַזוי איינגע-וועבט אין דיקן, ווי פּאַריז אין מאָפּאַסאַנען.

דיק איז געווען אַ וויצלער, און ער האָט געשאָטן זיי-נע וויצן איבער ווילנע, ווי טראָפּנס פון אַ ים. מען דער-ציילט, אַז יעדער שמועס מיט דיקן האָט זיך געמוזט ענדיקן מיט וויצן. עד-היום שפּאַצירן זיי אַרום איבער ווילנע. אויך זיי-נע וויצן האָבן געשמעקט מיט ווילנע, מיטן ווילנער לעבן, מיט ווילנער באַלעבאַטים און פאַרשידענע שטאָטגעשעעניש.

אַ שטיק לעבן האָט דיק פאַרבראַכט אין דערדאָזיקער שטאָט און ער האָט געקוקט אויף איר, ווי אויף אַ יידישער מלוכה, וואָס דאַרף אָבער געהערן רוסלאַנד און דאַרף געהאָרכן רוסלאַנד. אין רוסלאַנד איז געזעסן אַ האַרבער מלך און פאַר דעמדאָזיקן מלך האָט ער זיך שטאַרק געשראָקן.

אַ סך לעגענדעס און סתם וויכטיקע היסטאָרישע געשעע-נישן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט ווילנע, האָט ער באַאַרבעט און פון זיי איז באַזונדערס ווערט צו דערמאָנען זיין „יהודית די צווייטע", אַ דערציילונג, וואָס אַנטפּלעקט אונז בולט די אַל-טע ווילנע מיט איר פאַרצייטיקן לעבן, מיט אַמאָליקע גזלנים, מיט אַמאָליקע יידישע שיינקערס, נאַטשאַלסטווע, רעוויזיעס, תליות און דעסגלייכן. וואַרפט מען אָפּ די פּאַבולע, וואָס קלינגט ווי אַ לעגענדע, לייענט זיך דידאָזיקע דערציילונג, ווי אַ שטיק געשיכטע פון ווילנע.

עס איז גאָרנישט שווער זיך פאָרצושטעלן, ווי אַזוי דיק האָט געלעבט אין ווילנע. דער טאָג האָט זיך אָנגעהויבן אין שול, וואו עס האָט זיך נישט אַזוי געדאַוונט, ווי געשמועסט.

מען האָט געקאָנט כאַפּן אַ שמועס מיט אַ באַלעבאָס אָדער אַזוי מיט אַ יידן פון אַ גאַנץ יאָר און דערביי אַריינוואַרפן עטלעכע נייע וויצן. אויסערדעם, האָט מען געקאָנט קוקן און זעטיקן דאָס אויג מיט פאַרשידענע געשטאַלטן. אין שול האָבן זיך דורכגעוואָרפן עקזעמפּלאַרן פון אַלע קרייזן אין דער יידישער קהילה, אָנגעהויבן פון די זאַטע כלי-קודש און געענדיקט מיט די שנאָרער, וואָס זיינען נאָר-וואָס אָנגעקומען פון אַ פרעמדער שטאָט און זיינען געשטאַנען הינטער דער בימה.

גייט מען פון שול אַהיים, מאַכן זיך ווידער באַקאַנטע. קאָן מען ווידעראַמאָל אויסברייינגען די נייע וויצן און בעת מעשה קוקן אויף ווילנע, אויף די ליבע גוט-באַקאַנטע גאַסן און געסלעך מיט די שאַרפע ריחות, וואָס ריידן אפשר פון אַן אָרעמען, דערפאַר אָבער אייביקן יידישן לעבן, וואָס וועט זיכער קיינמאָל נישט אונטערגיין.

נאָכדעם איז אפילו די היים און דאָס ווייב, און דאָרט לאָזט זיך טיילמאָל הערן אַ בייז וואָרט. אָבער עס שאַדט נישט. דיק איז בטבע אַ שטילער מענטש און ער קאָן פאַרשווייגן. ער קאָן אפילו שרייבן אונטער אַ בייז וואָרט און אונטער אַ שווערן ברוס... און נאָכדעם לאָזט מען זיך ווידער אין גאַס אַריין. מען כאַפּט זיך אַריין צו אַ באַקאַנטן, וואו מען קריגט אַ גלעזל וואַרעמס און עס הויבט זיך אָן אַ נייע סדרה מיט וויצן. אַך, די וויצן, זיי זיינען פשוט מחיה נפשות.

נאָר אָט פאַלט צו דער אָוונט, און מען קאָן זיך ערשט נעמען רעכט צו דער אַרבעט. ער נעמט די פען אין דער האַנט, ווי מען נעמט אַ געצייג, און אין דעם שטילן חדר, וואו אַלע שלאָפן און כראָפּען לייכט צו, בויגט ער זיך צו מיט זיין שטאָטן צום טיש, מיטן געצייג אין דער האַנט...

# VI.

אין דער ערשטער צייט האָט דיק געקאָנט שרייבן דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט. ער האָט געקאָנט פאַרקלערן אַ זאַך, אַריינקוקן אין איר מיט זיין שאַרפן אויג, איבערמעסטן און איבערוועגן זי, און ביים שרייבן אָנפילן זי מיט הייסן בלוט. זיין פען איז נאָך דעמאָלט נישט געווען קיין מלאכה-געצייג.

דידאָזיקע גוטע יאָרן האָבן זיך אָבער זייער שנעל געענדיקט. דאָס שרייבן איז געוואָרן זיין קוואַל פון חיונה, און מען האָט יעדע וואָך געמוזט אָנפּאַקן אַ ביכעלע. דעמאָלט האָט ער על-פּי-רוב געשריבן איבערגעניצעוועטע זאַכן. פון פרעמדס האָט ער געמאַכט אייגנס. ער איז אַרויף אויפן וועג פון שמ״רן און זיין גלייכן און האָט געשריבן פאַרשידענע מעשיות מיט אַ שלעכטן אָנהויב, מיט אַ מוראדיקן מיטן, אָבער מיט אַ גוטן סוף. אַ דערציילונג האָט שוין נישט געדאַרפט זיין קיין פּראָדוקט פון אויג, קיין זאַך פון פאַרב און האַנדלונג, נאָר אַ מיטל צו קיצלען די נערוון פון לעזער. אַ דערציילונג האָט געדאַרפט זיין אַ פלאָנטער, וואָס האָט אומבאַדינגט געדאַרפט שרעקן מיט איר אָנהויב, צעטרויסלען מיט דעם מיטן און דערפרייען מיט דעם אומגעריכטן סוף.

אָבער אויך דאָ, אין דערדאָזיקער מלאכה, האָט זיך ערטערוויַיז דורכגעריסן דיקס פאַרשטיקטער הומאָר צוזאַמען מיט אַ גוטן פיינעם זאָץ, וואָס איז אָבער באַלד צעשעדיקט געוואָרן אין גרויס איילעניש.

שמ״ר האָט פאַרגויעשט דאָס יידישע. ביי שמ״רן קוילעט מען זיך און מען שיסט זיך און מען ווערגט זיך. מען טוט אָפּ כל דבר אסור אין אַ גויעשן מאַשטאַב. אַליך, וואָס ער האָט גע-

נומען פון פרעמדע קוואַלן, האָט אין זיין ווערקשטאַט נישט פאַרלאָרן דאָס פרעמדע. ער איז געווען אַ שלעכטער איבערני־צעוועך. אפילו די יידישע נעמען האָבן ביי אים נישט גע־טויגט. דיק אָבער האָט פאַריידישט דאָס גויעשע. ער האָט אויפ־געהויבען דעם יידישן באָדן איבער דער גויעשער ערד. דער פלאָנטער, וואָס באַשטייט ביי שמ״רן פון קוילן, גיפט און שווערד, קנוילט זיך ביי דיקן פון. כיטרע ריין־יידישע שפיצלעך און פאַרדרייעניש. נישט אומזיסט הייסט ביי אים די מעשה מיט ר׳ שמואל גונצער „דאָס פאַרדרייעניש״. אַ פאַרדרייעניש, אַ כיטרע שפיצל, אַן אונטערגעשטעלט פיסל, אַ פאַרלויפן דעם וועג,—דאָס אַלץ איז יידישלעכער, ווי קלעפ און רציחה.

דיק האָט אַריינגעבלאָזן אַ יידישן אָטעם אין די פרעמדע איבערגעניצעוועטע זאַכן. ער האָט תמיד צוגעגעבן עפּעס פון דער יידישער סביבה, עפּעס רעאַלעס, ממשותדיקס: אַ יידישן שדכן, אַ יידישן בעל־טובה, אַ וואויללערנער אָדער אַ רבל, אַזוי, אַז אפילו אַ גוי זעט ביי אים אויס ווי אַ ייד.

ביי דיקן איז אַלץ דורך און דורך יידישלעך, און ווען נישט דאָס לשון מיט די געשעדיקטע—נישט שלעכטע, נאָר גע־שעדיקטע—זאַצן, מיט דער דייטשמערישקייט, וואָלטן אַ סך ביכלעך זיינע געקאָנט דינען פאַר אַ מוסטער, ווי אַזוי איבער־צוגיסן אַ פרעמדע ליטעראַרישע אַרבעט אין אַן אייגענע.

## VII.

וואָס איז דאָך געשען מיט דיקן? פאַרוואָס האָט מען אים אויפגעהערט צו לייענען? פאַרוואָס איז געפאַלן זיין נאָמען? פאַרוואָס האָט מען אים פאַרגעסן און, דערעיקרשט, פאַרוואָס האָט ער נישט זוכה געווען צו זיין יענער שליח פון ווילנע,

פון דער סאַמע יידישער שטאָט, צו לייגן דעם פונדאַמענט פון דער יידישער ליטעראַטור?

מיט דיקן איז געשען דאָס גרעסטע אומגליק, וואָס קאָן נאָר געשען מיט אַ שרייבער: ע ר ה אָ ט פ אַ ר ל אָ ר ן ד אָ ס ל ש ו ן, ד. ה. ער האָט פאַרלאָרן דאָס באַוואוסטזיין פון זיין טאַלענט.

ער האָט זיך נישט געלייטערט אין זיין שרייבן, ער האָט נישט געשטיגן, נישט גערוקט זיך העכער, ווי עס טרעפט על-פי-רוב מיט אַ טאַלענט, נאָר ער איז פאַרפסולתט געוואָרן און האָט זיך אַראָפּגעלאָזט. ער האָט זיך פאַרלאָרן. ער איז געוואָרן דער שעפער פון דעם אַזוי-גערופענעם ד י י ט ש מ ע ר י ש ן זאַץ. זיין זאַץ איז באַשטאַנען פון געשעדיקטע דייטשע ווערטער, גע-מישט מיט סלאַוויאַניזמען, אַ קאַשע, וואָס קיין שום געשמאַק קאָן עס נישט פאַרדייען.

דידאַקטיקע ירידה לאָזט זיך דערקלערן דורך פאַרשידענע סיבות. די פּאַסיווע נאַטור, די צוריקגעהאַלטנקייט און די נויט — דאָס זיינען, נאַטירלעך, די הויפּטסיבות.

דיק איז געווען אַ מענטש פון ג ד ר און אַ מענטש פון באַלעבאַטישן שנית. נישט געקוקט דערויף, וואָס ער איז גע-שטאַנען מיט אַ קאָפּ העכער פון זיין סביבה, וואָס ער האָט אויפגעכאַפּט מיטן אויג אירע שוואַכע זייטן און האָט אַ סך גע-לערנט און אַ סך געקענט, איז ער דאָך פאַרבליבן, אַזוי צו זאָגן, אַ סביבה-מענטש, אַ ייד פון אַ גאַנץ יאָר. זיין טאַלענט האָט אים נישט אונטערגעזאָגט, וואָס ער האָט צו טאָן, און זיין באַוואוסטזיין, אַז מען באַדאַרף שרייבן יידיש, האָט אים אויך נישט אַרויסגעהאָלפן, און אַז די שווייספאַבריק פון די ביכעלעך איז אַוועק אויף אַלע רעדער, האָט ער געפועלט ביי זיך צו לערנען דאָס פאָלק דייטש דורך זיינע ביכעלעך. פאָרם, שפּראַך און סטיל זיינען געוואָרן נעבנזאַכן, קליינקייטן, און אויפן ערשטן פּלאַן זיינען געשטאַנען די למודים פון דייטש. ער האָט געשריבן: „דיזע טרייסט וואָרטע וואַרען באַלזאַם אין איר וואונ-

דעס הערץ״, אָדער: „צום אומגליק וואַר די מאַרגרעטע נישט בײַ דיזעס איבערפאַל״ אָדער: „עס איז אַ גרויסער מאַרטער פאַר דיזע ערייזענדע צו פאַרשמאַכטן פאַר דורשט״ און אַז. וו., און אַז. וו. דאָס איז געווען אַ שטריקל, אויף וועלכן דיק האָט בידים אויפגעהאָנגען זײַן אייגענעם טאַלענט.

דורך דידאָזיקע למודים האָט זיך דאָס פאָלק קיין דײַטש נישט אויסגעלערנט, און אָנשטאָט צו לייענען דיקס ביכעלעך, וואו מען האָט געדאַרפט ברעכן דעם קאָפ איבער פאַרשידענע משונהדיקע אויסדרוקן, זאַצן און גאַנצע זײַטלעך, האָט מען זיך בעסער אַ וואָרף געטאָן צו שמ״רן, וואו מען האָט אויך געפונען אַ רעכטע פאָרציע „דײַטש״, אָבער עס איז דאָך געווען מעגלעך צו פאַרדייען.

דיק האָט אַזוי ווי אײַנגעדרעמלט אין זײַנע דײַטשע למודים. וואָס ווײַטער, איז אַלץ ערגער געוואָרן. אין יענער צײַט האָט זיך שוין באַוויזן דער זיידע, וואָס האָט געמאַכט אַזוינע געוואַלטיקע שפּראַך-אָנשטרענגונגען. מענדעלי איז געווען די ערשטע און האַרבסטע התראה, אַז מען טאָר נישט שרײַבן קיין דײַטשמערישן ייִדיש און קיין סלאַווישן ייִדיש, נאָר אַ ייִדישן ייִדיש און אַז דער תּכלית פון אַ ווערק ליגט נישט בלויז אינם אינהאַלט, נאָר אויך און אפשר דערעיקרשט—אינם לשון.

עס מאַכט דעם אײַנדרוק, ווי דיק וואָלט מענדעלין נישט געלייענט און דידאָזיקע התראה נישט באַמערקט. ער איז געגאַנגען זײַן וועג און זיך נישט געענדערט אפילו ביז נאָך מענדעליס התחלה, אפילו ביז שלום-עליכמען און פּרצן.

ער האָט זיך שוין נישט געקאָנט ענדערן: דאָס טאַלענט איז אויסגעטריקנט געוואָרן.

אויב דיק קאָן נישט אינגאַנצן צוגערעכֿנט ווערן צו די-יענע, וואָס האָבן געבויט דעם פונדאַמענט פון דער יידישער ליטעראַטור (און דאָס בויען ליגט נאָר אין דעם לשון), האָט ער דאָך גרויסע פאַרדינסטן פאַר איר. „חייציקל אַליין", „ר' שמאַיע גוט-יום-טוב-בעטער", „יהודית די צווייטע", „דער רענדל", „די אורחים אין דוראַטשעסאָק", „אַ פאַרדרייעניש" און אַנדערע זיינע בלי שום ספק קערנדיקע זאַכֿן, מאַנכֿע לויטן לשון און אַנדערע לויטן הומאָר. אויסערדעם, האָבן זיי אויך אַ היסטאָרישן ווערט. אַ פאַרגאַנגענער דור קלינגט אין זיי, און ווער עס וויל זיך באַקענען מיט אַ שטיק פאַרשוואומענעם לעבן, מוז אויך אָנקומען צו דיקן.

ביז היינט איז נאָך נישט פעסטגעשטעלט געוואָרן, וויפיל דיק האָט אָנגעשריבן. מען ווייזט אָן אַ ציפער: ביז דרייהונדערט ביכֿלעך. איך מיין אָבער, אַז מער. דיק האָט לאַנג געלעבט און לאַנג געשריבן. אַ סך ביכֿלעך האָט ער אַרויסגעלאָזט אונטער זיין פולן נאָמען, מאַנכֿע האָט ער בלויז באַצייכֿנט מיט זיינע איניציאַלן א. מ. ד. און מאַנכֿע האָט ער אַרויסגעלאָזט גאָר אָן אַ נאָמען. פאַראַן ווידער פאַלסיפיצירטע ביכֿלעך, וואָס טראָגן כּלומרשט דיקס פירמע און זיינען נישט זיינע. פעסטצושטעלן דעם גאַנצן סכום, וואָס דיק האָט אָנגעשריבן און אַרויסגעלאָזט, איז בלי שום ספק אַ וויכֿטיקע אַרבעט. אַ פולשטענדיקע ביאָגראַפיע פון דיקן איז ווידער אַ וויכֿטיקע אַרבעט. אונזער דיינקמאָל פאַר אַ געזעלשאַפטלעכֿן טוער, אַ קינסטלער, אַ שרייבער איז נישט מער ווי—אַ גוטע ביאָגראַפיע.

אַ גרינדלעכֿע גענויע ביאָגראַפיע פון דיקן—דאָס איז אַ חוב-אַרבעט פאַר ווילנע.

אין ווילנע זיינען נאָך איצט פֿאַראַן אַ סך מענטשן, וואָס האָבן געקענט דיקן און האָבן נישט איינמאָל געלאַכט פֿון זיינע וויצן. יעדער איידער פֿון זיי ווייס צו דערציילן פֿון דיקס לעבן און זיי וואָלטן בלי שום ספק געקאָנט שטאַרק מיטהעלפֿן צו דער אַרבעט פֿון דיקס ביאָגראַפֿיע.

דידאָזיקע וויכטיקע אַרבעט דאַרף דעריבער געמאַכט ווערן וואָס שנעלער.

פֿון דיקן איז פֿאַרבליבן זייער אַ גוט בילד. דער פֿאָטאָ־גראַפֿישער אַפּאַראַט האָט נישט געגרייזט. מיר זעען: אַ שווייגנ־דיק פּנים מיט צוויי שאַרפֿע אויגן. אַ טיפֿער צער ליגט אין דידאָזיקע אויגן. אפשר איז עס דער צער פֿון אַ קינסטלער, וואָס צייט, נויט און סביבה האָבן אים געצוואונגען נישט צו געבן דאָס, וואָס ער וואָלט געקאָנט און באַדאַרפֿט געבן?

ווער ווייסט?

ק—על.

באמערקונג: אין „חייציקל אליין", „ר' שמאיע גוט-יום-טוב-בעטער", „דער רענדל" און טיילווייז „יהודית די צוויי-טע" איז ווייניק געענדערט געוואָרן. אויסער אייניקע ווערטער, וואָס זיינען געטוישט געוואָרן, איז דאָ אַלץ פאַרבליבן ווי ביי דיקן.

מאַנכע ענדערונגען זיינען נאָר געמאַכט געוואָרן אין „פאַר-דרייעניש", „ר' שמואל גונצער" און „די אורחים אין דוראַטשע-סאָק", וואו דיק איז אַלץ מער און מער פאַרזונקען אין זיין דייטשמערישן זאַץ.

אַמשטאַרקסטן איז געענדערט געוואָרן „די שיינע מינקע", אַ דערציילונג, וואָס האָט אַ היסטאָרישן ווערט און וואָס דעקט אונז אויף אַ שטיקל פאַרצייטיש לעבן פון אַ יידישער שטאָט. דידאָזיקע דערציילונג איז אָבער אָנגעשריבן געוואָרן, אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן, כמעט גאָר אָן אַ לשון.

אויסערדעם, זיינען באַזייטיקט געוואָרן מאַנכע לאַנגע אָפּ-ווייכונגען, אויסגעפּילט מיט מוסר, שטיקער מליצה און באַמער-קונגען, וואָס שטערן נאָר דעם חן פון די דערציילונגען.

# חיציקל אליין

# חייציקל אליין.

למען הראות לך קורא נעימה מה גדלו דברי המשל הקדמוני, אום צו ווייזן דיר, מיין טייערע לעזערין, ווי וויכטיק און אמת עס זיינען די רייד פון דעם אלטן שפריכוואָרט: „עס איז די גרעסטע קונץ צו זיין אַ פאָטער און אַ מוטער“, דאָס הייסט צו דערציען קינדער, און דאָך נעמען זיך דאָס אַלע אָן, מוז איך דיר באַשרייבן אַ קליינע געשיכטע פון אַ געוויסן ר׳ שמערל שיפער, ווי ער האָט דערצויגן זיינעם אַ בן־יחיד, וואָס מען האָט אים גערופן חייציקל. ער האָט געמיינט, אים און זיך גליקלעך צו מאַכן, און האָט דורך זיין נאַרישער דערציונג און אויפפירונג געמאַכט אומגליקלעך זיך און אים. און נאָכמער— זיין ווייב. ווייל זי איז דורכדעם אַוועק פאַר דער צייט פון דער וועלט און האָט געלאָזן דורך איר אומגליק אַ ביישפיל פאַר פאַר אַנדערע פרויען, אַז עס זאָל זיך זיי נישט גלוסטן צו גלאַנצן צווישן גרויסע מענטשן און מען זאָל זיך נישט ווייזן פאַר אַנדערע, אַז יענע זאָלן גלויבן, אַז מען איז זייער געהייבן.

לפני עשרים וחמש שנה, פאַר אַ יאָר פינפאונצוואַנציק האָט געוואוינט אין דער שטאָט אַילון אַ געוויסער נגיד ר׳ שמערל שיפער. דאָך אָבער, מיין טייערע לעזערין, אויב דו פאַרשטייסט לשון הקודש פיליכט, זאָלסטו נישט מיינען, אַז ער איז באמת געווען אַ פירשט, ווי דאָס וואָרט נגיד באַטייט אויף לשון הקודש. ניין, ביי אונז איז אונטער דעמדאָזיקן וואָרט נגיד געמיינט גאָר אַ פראָסטער מענטש, וואָס קאָן זיין אויך פון אַ געמיינער פאַמיליע, נאָר ער איז רייך און האָט געלט. אָדער ער קאָן מאַכן אָן אָנשטעל, אַז ער איז רייך און האָט געלט.

**א. מ. דיק.**

אַזויאַרום איז אינזער ר׳ שמערל אויך געווען אַ נגיד ער איז אָבער געווען אַ יודע ספר און פון ערלעכע עלטערן, וואָס זיינען געווען קליינע פאַבריקאַנטן. זיי האָבן געהאַט אַ פאַבריקל פון וואָלענע קאַפעליושן, מיצקעס, זאָקן און הענטשקעס; דערצו האָבן זיי גוט פאַרשטאַנען פאַרבעריי.

אַז זיי זיינען געשטאָרבן האָט ר׳ שמערל איבערגענומען דאָס פאַבריקל, האָט עס גוט אַוועקגעשטעלט און האָט זיך געלעבט זייער רואיק און צופרידן.

ער האָט געהאַט דערפון וויפיל ער האָט געברויכט אויף זיין פרנסה און ער האָט ווייניק געדאַרפט. ווייל דידאָזיקע מלאָכה איז געווען זייער פאַרבונדן מיטן האַנדל פון וואָל, און וואָל פלעגט זיך אַמאָל הויבן, בשעת ער פלעגט שטענדיק האָבן אַ היבשן זאַפּאַס, פלעגט ער אַזויאַרום עפּטער פאַרדינען אַ צוויי־דריי הונדערט רענדלעך און איז זיך אַזוי מיט דער צייט ביסלעכווייס געוואָרן גוט אין שטאַנד, ביז מען האָט אָנגעהויבן צו זאָגן אויף אים אַז ער איז אַ נגיד. ביי זיך האָט ער געוואוסט ווי ווייט עס פעלט נאָך אים צו זיין אַ נגיד, אָבער ער האָט געהאַלטן זיין פאַבריקל און איז זיך אַזוי, פון יאָר צו יאָר, געוואָרן רייכער און רייכער אין פאַרמעגן.

ער האָט ביי זיך באַשלאָסן צו בלייבן אַ פאַבריקאַנט כל־זמן ער וועט לעבן. ער האָט געוואָלט מקיים זיין דעם פסוק פון אונזערע חכמים: אהוב את המלאכה ושנא את הרבנות, דאָס הייסט האָב ליב די אַרבעט און האָב פיינט די גרויסקייט.

אך אשתו לא כן דמתה, אָבער זיין ווייב, קונע, האָט נישט אַזוי געמיינט, ווי ער. ביים ערשטן שטיקל פאַרדינסט האָט זי זיך געקויפט אַ בינטל פערל, ביי דעם צווייטן האָט זי אַריינגעכאַפּט גוטע דימענטענע אויריגנלעך, פינגערלעך און האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער צייט צו סטראָיען אויף דעם נגידישן אופן און האָט זיך אָנגעהויבן ביי זיך גרויס צו האַלטן, צו גיין רייך אָנגעטאָן.

# חייציקל.

מיט דער צייט האָט זי זיך אָנגעהויבן צו שעמען מיט איר פּרנסה. עס איז איר נישט אָנגעשטאַנען, אַז מען זאָל איר רופן קונע די פּאַרבערקע, קונע די קאַפּעליושניצע, קונע די הענטשקע-מאַכערין.

„ניין, — האָט זי אַמאָל געזאָגט צו איר מאַן נאָך אַ פריי-לעכן בריוו, וואָס עס איז געקומען פון פּרייסן. — גענוג, מיר זאָלן זיך שמירן אַרום קעסל און גיין מיט שוואַרצע הענט, ווען מיר קאָנען שיין גיין מיט ווייסע הענט. נישט צו פאַרזינדיקן, מיר זיינען שוין לייטן גלייך, מיר קאָנען שוין אונזער שטעטל באַשטיין אָן דער זיסער פּרנסה. ר' שמשון דעמביצער איז, כלעבן, נישט רייכער פאַר אונז און פונדעסטוועגן וועט ער נישט וועלן טאָן א שידוך מיט אונז. און דאָס איז בלויז צוליב אונזער פאַרשאָלטענעם קעסל. אַזוי איז מיין עצה, אַז מיר זאָלן אונזער פאַבריקל צושליסן און מיר זאָלן אונזער וואָלגעשעפט פאַרגרע-סערן. מיר וועלן האַנדלען אין פּרייסן. מיר וועלן קריגן אַ שם ווי אַלע סוחרים. דאָס שטייט אונז מער אָן ווי אַנדערע סוחרים, וואָס זיינען פריער געווען משרתים און דינסטן".

כדברים האלה, אַזעלכע רייד האָט זי אים שטענדיק אַריינ-גערעדט אין די אויערן, ביז זי האָט עס ביי אים געפּועלט. ער האָט צוגעמאַכט דאָס פאַבריקל און האָט אָנגעהויבן צו האַנדלען זייער גרויס, תחילת מיט וואָל אַליין און נאָכדעם מיט טוך, און עס איז אים זייער גוט געגאַנגען.

וואָס אַ יאָר איז ער געוואָרן אַלץ רייכער און רייכער. ער האָט זיך אָנגעהויבן ברייט צו פירן און האָט מיט דער צייט געקראָגן אַ נאָמען פון אַ גרויסן נגיד מיט גרויס כבוד ביי לייטן.

אין אַ כשך פון אַ יאָר אַכט האָט מען שוין אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז ער איז אַמאָל געווען אַ בעל-מלאכה. ר' שמערל האָט זיך שוין געלאָזט געפינען צווישן לייטן, ווי עס פּאַסט פאַר אַ נכבד. ער האָט אויסגעהאָלטן געפאַלענע באַלעבאַטים און פלעגט געבן שיינע נדבות דעם חזן און דעם שמש. דאָס איז

שוין גאַנץ גענוג געוועזן מפייס צו זיין דעם עולם פאַר דער קליינער עולה, וואָס ער איז אַמאָל געוועזן אַ פאַרבער.

לבד זה האָט זיך אים געמאַכט אַ גוטע געלעגנהייט צו האָבן ביי זיך אין שטוב די גרעסטע לייט פון שטאָט. ווען זיין ווייב, קונע, האָט אים געבוירן אַ יינגל, האָט ער געמאַכט אַ רייכן ברית מיט אַ גרויסן מזל־טוב. אין ווער גייט עס נישט צו אַזאַ רייכן מאַן? ווען מען שטעלט אַוועק דאָס טעצל מיטן איינגעמאַכץ אויף דעם שפיץ פון א זעגלבוים אין דעם גרעסטן שטורם, וואָלטן אויך די איידלסטע ווייבער, וואָס אַז זיי גייען איבער אַ בריק, נעמט זיי אָן אַ שרעק און אַ גרויל, גיר אָן אַ לייטער אַרויפגעקראָכן, ווי אַ קאַץ נאָכן טעצל. און אַ פשיטא שוין ביי אים, וואו עס זיינען געשטאַנען טישן געדעקט מיט די שענסטע טאָרטן, דאָרט, ביי זיך אין גאָרטן, אין אַלטאַנע. מען איז געגאַנגען גאָר אָן געפאַר — יעדע דאַמע און איר האַר און ביים ברית האָט נישט געפעלט דער גרעסטער מאַן פון שטאָט.

קורץ דערפון, אונזער ר' שמערל איז פאַררעכנט געוואָרן אונטער דעם צאָל נגידים, און זיין נאָמען האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרשפרייטן ווייט און ברייט. עס האָבן זיך געצויגן צו אים אָרעמע קרובים — זיינע און אירע. ער האָט ביז אַהער גאָר נישט געוואוסט, וואָס פאַר אַ משפחה ער מיט זיין ווייב פאַרמאָגן. צו דעם פדיון הבן פון זיין חייציקל אַליין האָבן זיך פינף נגידים אויסגעשמועסט, אַז זיי זיינען נישט פרעמד מיט אים, און ער האָט זיי אָנגענומען פאַר קרובים.

ביי שלש סעודות האָט ביי אים אויסגעזען ווי ביי אַ גוטן ייד. אַ גרויסער עולם איז געוועזן אין שטוב.

זיין שטילע וואוינונג איז פון יענער צייט אָן, ווי ער איז געוואָרן אַ נגיד, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ בערזע. און ווער רעדט שוין, אַז חייציקל איז שוין געוואָרן אַלט אַכט יאָר, פלעגט בין־הזמנים ביי אים קאָכן, ווי אין א קעסל פון מלמדים.

## א י י צ י ק ל.

אַ היגן מלמד האָט ער נישט געוואָלט. עס האָט נישט געפּאַסט. ער האָט אַמאָל געקנעלט בודאי מיט ׳שניידערשע קינדער אָדער מיט אַ פאַרבערס, חלילה. און דאָס קאָן דאָך עפּעס דערמאָנען אָן זיין פריערדיקן שטאַנד, און אים קאָסט דאָך אָפּ אַזויפ׳ל געלט, אַבי צו פאַרגעסן עס.

פלעגט ער אַלעמאָל נעמען אַ נישט־היגן מלמד און פלעגט אים געבן קעסט מיט אַלע וויגאָדעס.

וואָס דער יינגל פלעגט אונטערוואַקסן, פלעגט ער אַלץ צונעמען אַ גרעסערן מלמד, דאָס הייסט, פון אַ ווייטערער שטאָט.

דער מלמד פלעגט אים מוזן אויסלערנען אויף אַלע שבת אָן אַנדער פּשטל מיט מפטיר. צו שלש סעודות פלעגט דער יינגל זאָגן זיין שטיקל גמרא מיט אַ קשיא און די מוטער פלעגט זיך פרעגלען הערנדיק.. דער פאָטער האָט געקוואָלן און דער עולם האָט זיך צעריסן לויבנדיק. אויך דער מלמד פלעגט זיך בשעת מעשה גלעטן דאָס בערדל און פּאַטשן דאָס בייכל, און פלעגט ביי זיך טראַכטן:

„יעצט זעען אַלע, גאָט און לייט, אַז איך בין אַבריה...“

און דער אָרעמער למדן, וואָס פלעגט דאָרטן עסן שבתים, לעגט זאָגן:

„עס איז פּשוט, דער יינגל איז אַ וואוילער, און ווען ער וואָלט האָבן אַ גרעסערן מלמד, וואָלט ער נאָך געהאַט אַ גרע־סערע פּעולה...“

ער מיטן מלמד זיינען געווען, ווי צוויי קעץ אין איין זאַק.

דאַדורך פלעגט מען אַלע זמן טוישן איין מלמד א׳יפן אַנדערן. דערווײַלע האָט חייציקל באַקומען אַ נאָמען פאַר אַ גרויסן עילוי.

באמת איז חייציקל געווען אַ נאַריש קינד, אָן תורה, אָן חכמה און אָן דרך־ארץ. ער איז געווען צופיל פאַרצויגן, די

ליפן איינגעריכט אין קאווע און אנטשלאָפן פלעגט ער ווערן פאַר דער וויטשערע.

ער איז שוין געווען אַ בחורל פון אַ יאָר צוועלף און שוועך אויף דער עברי. און דאָס איז דערפאַר, ווייל ער האָט גאָר קיין עברי נישט געלערנט. ווייל קוים האָט ער אָנגעהויבן צו מאַכן מיט די ליפן, האָט מען שוין מיט אים אָנגעהויבן חומש מיט רש״י און באַלד נאָכדעם, לקח טוב, דאָס הייסט, שטיקלעך גמרא.

דער מלמד פלעגט צו זאָגן די עברי און פלעגט דערנאָך מיט אים אויסריידן דעם פאַלשן פשט. מען קאָן שוין אַליין פאַרשטיין, אַז ער האָט נישט געוואוסט קיין איין פסוק, קיין שטיקל דקדוק, און האָט נישט געקאָנט אָנשרייבן קיין אות. נאָך פיל זאַכן האָט ער נישט געוואוסט, און מען קאָן זיי אַלע נישט אויסרעכענען. דאָך האָט ער געהאַט אַ נאָמען פאַר אַן עילוי, אַזוי אַז צו צוועלף יאָר איז ער אַרומגעגאַנגען מיט געשוואָלענע בעקלעך, וואָס מען פלעגט אים אַלץ קנייפן ביי יעדער שלש סעודות, בשעת מען פלעגט אים פאַרהערן. מען פלעגט אים דעמאָלט זאָגן:

„דו ביזט שוין ווערט אַ שיינע כּלה!״

אונזער חייציקל איז שוין ביי זיך געווען זייער געהויבן און האָט זיך באמת דורכדעם אויפגעפירט פיל שענער, ווי אַנדערע קינדער, וואָס זיינען געווען אין זיינע יאָרן, אַזוי אַז אַלע טאַטעס און מאַמעס האָבן זיך געבענטשט מיט אים. און חייציקל האָט זיך אָנגעהויבן צו הערן אין דער גאַנצער שטאָט, ווי אויך אין די פאָרשטעט ביז אונטער די קוימענס און נאָך ווייטער.

ויהי, און עס איז געווען ווען חייציקל איז געוואָרן בר־מצוה, האָבן די עלטערן געמאַכט אַ גרויסן מאָלצייט. אַלע נכבדים, אַלע גרויסע לומדים זיינען איינגעלאַדן געוואָרן און חייציקל האָט געזאָגט אַ חילוק. אַ פּאָר לומדים, דעם רבינס גוטע פריינט, האָבן זיך געוואָלט אַריינמישן און אים פרעגן אַ

פאָר גוטע קשיות. האָט ער זיי אָבער פאַרענטפערט, איידער מען האָט אים נאָך געפרעגט. דער עולם האָט זיך זייער פאַרוואונדערט. דעריבער און דער מלמד איז רויט געוואָרן, ווייל חייציקל האָט זיך מיט די אָפּגעמאַכטע תירוצים אויף די באַשטעלטע קשיות צו גיך אַרויסגעכאַפּט און האָט אויסגעזען, ווי איינער, וואָס זאָגט אויס דעם פּתרון פאַר דעם רעטעניש.

דאָך אָבער האָט עס קיינער נישט געשפּירט, אָדער נישט געוואָלט שפּירן, ווייל מען האָט געוואָלט, ער זאָל שוין וואָס צום גיכסטן ענדיקן און מען זאָל שוין בעסער נעמען עפּעס אין מויל אַריין, איידער אין די אויערן. מען האָט דאָך געדעקט אַ טיש מיט אַלעם גוטן. און אגב, ווער וויל דאָס פאַרשאַפן קריינקונג דעם בעל=שמחה און אויפווייזן, אַז דער יינגל איז גאָר אַן עם=הארץ. און ווידער, אַז מען איז מיט איין כוס מתרץ פיר קשיות*), היינט אַ פשיטא שוין מיט פיל כוסות? איין וויכטיקע קשיא איז אָבער דאָך געווען:

„צו וואָס האָט מען גאָר געדאַרפט, ער זאָל זאָגן אַ חילוק, — האָט איינער געפרעגט. — אייער יינגל דאַרף זיין אין רעכטע הענט, וואָלט מען געקאָנט פון אים מאַכן אַ רעכטע כלי. איך האָב פאַר אייך אַ מלמד גאָר אַ וואונדער: דער מויציטער. זיינע תלמידים זיינען געוואָרן חתנים אין די גרעסטע הייזער. פאַרצייטן האָט מען אים גערופן דעם מויציטער עילוי. פאַר אים איז קיין מהרש"א און קיין מהרם=שיף נישט געווען צו האַרב. איר זאָלט אים אַוועקגעבן צו אים. ער איז איצט דאָ הי. ער פאָרט פון לאָהישע, וואו ער האָט פאַרהערט אַ חתן. דער גביר כעמע עטקעס טוט אַ שידוך מיט דעם קאָזלקאָווער רבל. מען זאָגט, אַז ער האָט אַ יאַרענאַצקע גאָר אַ צאַצקע. פאָלגט מיך,

*) דאָס הייסט, מען גיסט דעריבער אָן דעם צווייטן כוס באַלד נאָך די פיר קשיות, וואָס מען טרינקט אים ערשט נאָך דער הגדה פאַרן עסן, ווייל מען האָט מורא, אַז דער יינגל וועט אפשר נישט וועלן אָננעמען דעם עבדים פאַר אַ תירוץ. אָבער ווי ער דערזעט דעם כוס, נעמט ער שוין אָן אַלץ פאַר גוט און טוט שוין אַלץ, וואָס מען הייסט אים.

וואָרום אייער רבי איז מער נישט ווי אָנגעלערנט, און אייער חייציקלען מוז מען שאַרפן דעם מוח.״

ומה נקל, און וואָס איז נאָך גרינגער, ווי שאָדן צו טאָן אַ מלמד ביי אַזעלכע עלטערן, וואָס זיינען פאַרנאַרט אין זייער קינד? ר׳ שמערל האָט קוים דעם זמן דערצויגן מיט אים און מען האָט געקראָגן דער מויציטער. מען האָט אים גערופן מיט דעמדאָזיקן נאָמען. אַנטוועדער ער איז געווען פון מויציטע אַ געבאָרענער, אָדער ווייל עס זיינען שוין געווען עטלעכע עילוים פון מויציטע, האָט מען אים אויך גערופן דער מויציטער.

אָבער אין דידאָזיקע זאַכן דאַרפן מיר זיך גאַנץ ווייניק באַשעפטיקן. מיר דאַרפן נישט מער וויסן, אַז ער האָט געהייסן דער מויציטער. אַלט איז ער געווען בערך אַ יאָר פערציק. אַ גרעבלעכער מיט אַ גוטן אויסגעפּאַשעטן בייכל פון פרעמדע טישן. ריידן פלעגט ער אַ ביסל אויף אַ זייעל, ווי בערטשע דער באַס, שיסקע דער פאָלעטרוניצעס מאַן, וואָס מען פלעגט אים צודינגען פאַר אַ משורר ביי די קצבים.

אַ פנים האָט דער מלמד געהאַט אַ ליינגלעכן און עטוואָס געפּאָקט און זומער געשפּריינקלט, אַ געלע באָרד מיט צוויי שפּיצן, אַ גרויסן שטערן מיט לאַנגע קאַרבן און בלאָע אויגן מיט גאַנץ לאַנגע ברעמען. מען קאָן נישט זאָגן, ער האָט נישט אויסגעזען העסלעך, האָט געהאַט אַ געזונטן קאָפּ און איז אַמאָל געווען אַן עילוי. לערנען אָבער האָט ער פאָרט נישט געקאָנט אויף זיין לעבנס=טאָג נישט, ווייל פון זיין קינדהייט=אָן האָט ער זיך אַריינגעלאָזן אין חריפות אין פּשטלעך און דעם אמתן פּשט האָט ער קיינמאָל נישט געוואוסט. ביז פינפאונצוואַנציק יאָר האָט ער געגעבן גט וויפיל ווייבער. ווי אַ גילטיקע מטבע, וואָס גייט פון האַנט אין האַנט, אזוי האָט מען אים צוגעכאַפּט פון איין שווער און שוויגער צו די אַנדערע שווער און שוויגער. ער האָט געהאַט קינדער אין אַלע שטעכלעך. דערנאָך איז ער געבליבן אַ קצבס איידעם.

## חייציקל.

פון זיין האָפּנונג, צו ווערן אַ רב, איז גאָרנישט געוואָרן. ער איז געווען אָן תורה, אָן חכמה. ער האָט נישט פאַרשטאַנען קיין שום זאַך שבעולם, ווי חייציקל אַליין. אָבער ער איז געווען ביי זיך זייער געהויבן, און האָט פון קיינעם נישט געהאַלטן. ער האָט געהאַט אַ ברייט מויל און פלעגט אין לערנען אַלעמען איבערשרייען און פאַרטומלען, פלעגט ריידן אויף אַלע לומדים און האָט געזאָגט מבינות אויף אַלע גאונים. דעם האָט ער געלויבט, יענעם האָט ער געשענדט, און האָט געשפּילט אַ ראָליע ביי אַלע באַלעבאַטים, וואו ער האָט נאָר געקנעלט, איבערהויפּט ביי די באַלעבאָסטעס.

ער האָט אין יעדן הויז געשפּילט אַן אַנדערע ראָליע. אין צאַסק, למשל, איז ער געווען אַ פּרוש, אין יאַנציק איז ער געווען אַ קדוש, אין כומעץ פלעגט ער אויף ווייבער נישט קוקן נאָר בשעת אַנדערע האָבן אויף זיי נישט געקוקט, אין פודראַן איז ער געווען אַ חסיד, אין היידעשאָק — אַ בעל־שם און האָט אַרויסגעגעבן קמיעות און אין כאַסלאַוויטש האָט ער מקיאות געבראַכט.

און באמת איז ער קיינמאָל נישט פרום געווען, וואָרום אמתע יראת שמים מוז זיין פאַרבונדן מיט תורה, חכמה און גרויסע מדות־טובות. און ער האָט אין זיך נישט געהאַט קיין תורה, קיין חכמה, קיין מדה־טובה.

ער איז געווען אַ גרויסער עזות פנים. מען האָט אים אַמאָל געפרעגט, פאַרוואָס ער שטעלט זיך דאַווענען אַזוי שפּעט, דען ער לייגט טלית און תפילין ערשט בשעת דער עולם האַלט ביי קריאת שמע. האָט ער געענטפערט:

„איך בין נישט גלייך צו אַלעמען. איך פיר מיר אויף מיט דעם אויבערשטן אין שול, אַזוי ווי אייגענע מענטשן אויף אַ שמחה, וואָס זיי גייען ערשט עסן, ווען דער גאַנצער עולם האָט שוין אָפּגעגעסן“ און אַזוי האָט ער צוגעבראַכט וויפיל יאָרן. אַמאָל אַ מלד, אַמאָל אַ שדכן, אַמאָל אַ פּרוש, אַמאָל אַ פאַרהערער.

ער האָט געוואוסט אַלע ערטער אין גמרא, וואָס מען ווייזט זיי אָן און מען פּרובט מיט זיי אַ ייִנגל. דערויף איז ער גע־ווען אַ גרויסער בריה, ווייל ער האָט דערויף זיין גאַנצן לעבן פאַרבראַכט. ער האָט אַזוי ווייט פאַרקרימט און פאַרדרייט זיין קאָפּ דורכדעם, אַז ער האָט געזאָגט אויף יעדער זאַך אַ פּשטל מיט אַ שטיקל חריפות, וואָס אַ מענטש מיט אַ געזונטן פאַרשטאַנד פלעגט אָננעמען אַן עקל צו הערן.

דאָך איז ער געווען אין זיין צייט אַ גילטיקע מטבע און האָט זיך מיט זיינע נאַרישקייטן צוגעשלאָגן צו אַ גוטן קאַרק און צו אַ גראָבן בייכל.

מען האָט אים פון אַלע זייטן געקעכלט. דערצו נאָך האָט ער געהאַט אַ גוטע נאַטור: עס האָט אים נישט געטשעפּעט, וואָס ווייב און קינדער שטאַרבן פאַר הונגער. דאָס איז גאָרנישט גע־ווען זיין זאַך.

פון אייביק ער פלעגט צו זאָגן:

„מיינע שווער און שוויגערס האָבן פריער געוואוסט, בשעת איך פלעג ווערן ביי זיי אַן איידעם, אַז זיי פאַרזאָרגן זייערע טעכטער נאָר מיט יענער וועלט, אָבער נישט מיט דערדאָזיקער פאַלשער וועלט. אויף דעם עולם זאָלן זיי פאַרדרייען דעם קאָפּ זייערע טעכטער און אייניקלעך, אָבער נישט מיר".

נו, האָט זיך שוין זיין פאַרדרייטער קאָפּ נישט געדרייט פאַר זיי.

ווער פאַרשטייט דאָס נישט אַליין, אַז אַזאַ מין חברה־מאַן, אַזאַ מין פּיסקל איז אָנגעמאָסטן געווען פאַר אונזער ר' שמערלס הויז. ער האָט זיך דאָ געפונען אַזוי וואויל, ווי אַ פיש אין וואַסער. קוים איז ער דאָרט געווען עטלעכע טעג, איז ער שוין געוואָרן זייער תקיף ביי ר' שמערלען און זיין ווייב קונען. ער האָט זיי מפליא געווען דעם הייציקל גאָר אָן אַ שיעור.

„ער האָט אַ קאָפּ פון אַ מחבל, — האָט ער זיי געזאָגט. — די תפיסה איז גרויס, די הבנה שפּילט. אַ שאָד וואָס די פריער־

## חייציקל.

דיקע מלמדים האָבן אים שטאַרק פאַרלאָזן. אַזעלכן מוז מען שאַרפן דעם שכל און דאָס וועל איך טאַקע טאָן.״

דידאָזיקע ווערטער זיינען שוין געווען גענוג פאַר זיי, אַז זיי זאָלן אים האַלטן טייער ווי זייער לעבן. אויף זיי קוקנדיק, האָט אים די דינסט (וואָס ער האָט אויף איר געקוקט, בשעת אַנדערע האָבן נישט געקוקט) שטאַרק צוגעזען. און זיין בייכל האָט גע־שטיגן פון טאָג צו טאָג ווי ביי אַ טראָגעדיקע. מען האָט אים מיט חייציקלען אָפּגעגעבן אַ באַזונדער חדר מיט אַלע וויגאָ־דעס און ער האָט דעם יינגל מדריך געווען ווי אַ קאָנאָוואַל דאָס פערד, וואָס דאַרף מאָרגן אַרויסגעפירט ווערן אויפן מאַרק צום פאַרקויפן, דאָס הייסט, ווי אַ יינגל, וואָס האַלט שוין אויף דער מדרגה, מען זאָל מיט אים טאָן אַ שידוך.

און דאָס איז געווען די ערשטע מדרגה פון די פיר מדרגות, וואָס אַ נאַרישער יונג דאַרף דורכגיין עטלעכע מאָל אין זיין לעבן, און אַמאָל דאַרף ער דאָס איבערחזרן אויף דער עלטער. די ערשטע מדרגה איז שטיין, די צווייטע איז גיין, די דריי־טע איז זיך דרייען, די פערטע איז זיצן. און אַמאָל טרעפט נאָך אַ פינפטע מדרגה — זיך אַוועקלאָזן. שטיין הייסט — שטיין אין שידוכים, גיין — גיין חתנווייז, זיך דרייען — דרייען זיך מיט דער ווייב, דאָס הייסט, אַמאָל וואוינען מיט דער ווייב און אַמאָל נישט. זיצן — זיצן אָן אַ ווייב. און אָפט זיך גאָר אַוועקלאָזן אין דער וועלט.

אונזער חייציקל האָט ערשט געהאַלטן ביי דער ערשטער מדרגה: ער איז געשטאַנען אין שידוכים. דער מויציטער האָט געהייסן, מען זאָל אים מאַכן אַ זשופּיצע מיט אַ פאַשעמאַן, מיט געשפּילעוועטע אַרבל. ער האָט אים אָנגעטאָן אין אַ טלית־קטן, האָט אים אויסגעטאָן דעם האַלזטוך און אָנגעטאָן אַ דעליטשקע מיט לאַנגע אַרבל מיט טאַשמעס.

ער האָט אים אַ ביסל אויסגעקרימט דעם רוקן, די פאות אויסגעצויגן, דאָס היטל אויפן האַלבן קעפּל. ער האָט שוין

## חייציקל.

געוואוסט די הלבשה פון אַ בחורל, וואָס איז געווען אַ קאַנדידאַט אויף אַ שידוך. ער האָט שוין כמה מאָל געקנעלט מיט חתנים. לערנען האָט ער אים געהייסן — אַ ביסל זאָל ער שרייען און אַ ביסל זאָל ער קוויטשען, האַלב-זינגענדיק, האַלב-וויינענדיק און אַ ביסל זיך צוקרימען און אַ ביסל ריידן מיט זיך אַליין. פאָטער און מוטער האָבן גאָר געקוואָלן, צוזעענדיק זייער צרה.

און ווער קען אויסשרייבן די גרויסע שמחה פון זיי, בשעת דער מויציטער פלעגט זאָגן אָפט ביי אַ גלעזל משקה צו שלש סעודות אויף לשון הקודש. דאָרט פלעגט ער נישט ריידן קיין דברי חול.

„אייער זון, חייציקל, — פלעגט ער זאָגן, — וועט געוויס זיין אַ מורה הוראה ביי יידן. ער זאָל נאָר אָנקומען צו גוטע שווער און שוויגער, דאָס הייסט, וואָס זייער אויסקוק איז טאַקע באמת, אַז דער איידעם זאָל בלייבן עפעס ביי אַ תכלית אין לערנען, ווי מיין שוויגער איז געווען, עליה השלום. איך האָב נאָר איר צו דאַנקען, וואָס איך בין אַזוי ווייט דערגאַנגען“.

פאָטער און מוטער האָבן זיך געפרעגלט, הערנדיק עס, און זיינען געווען ביי זיך שטאַרק געהויבן.

ויהי, און עס איז געווען, אַז חייציקל איז געוואָרן מיט אַ האַלב יאָר עלטער, דאָס הייסט אַז ער איז אַלט געוואָרן פערצעטהאַלבן יאָר, האָט שוין די טיר נישט גערוט פון שדכנים. זיי זיינען אָן אויפהער געקראָכן אין שטוב און מען האָט גערעדט שידוכים פון אַלע שטעט. דער — פון מינסק, יענער — פון פינסק, אָבער נישט איינער פון לינאָווע, ווי דער שטייגער איז פון אַלע גרויסע גבירים, וואָס זיי טוען נישט קיין שידוך פון דער אייגענער שטאָט. אַפילו אַ מלמד נעמען זיי נישט פון דער אייגענער שטאָט.

מען האָט גערעדט מיט געלט, מיט יחוס, מיט קעסט, מיט אַ שיין מיידל. דאָס רוב שדכנים זיינען אויך געווען נישט היגע. זיינען זיי איינגעשטאַנען ביי ר׳ שמערלען און געגעסן ביי אים. ביי יעדן מאָלצייט זיינען געזעסן עטלעכע שדכנים. און

שבת פלעגט דאָרט אויסזען ווי אין אַ גאַסטהויז. עס פלעגן איינגעלאַדן ווערן די מחותּנימס מענטשן. דער מויציטער פלעגט טרינקען מיט פיל חריפות און פלעגט זאָגן פיל חריפות. און דאָס־גלייכן פלעגט חייציקל אַליין אויך זאָגן חריפות. אַלע נאַכט פלעגן זיין ביי ר׳ שמערלען גרויסע זיצונגען איבער די שידוכים, וואָס זיינען גערעדט געוואָרן. דער מויציטער איז געווען דער פאָרזיצער דערביי.

זיי האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ וועלט־קלוגן מאַן. ער האָט דאָך געקנעלט כמה יאָרן אין גרויסע הייזער און האָט שוין פאַר־הערט וויפיל חתנים, איז אַליין אויך געווען וויפיל מאָל אַ חתן און האָט יעדעס מאָל אויסגענומען. מען האָט געשיקט רשימות אין דער גאַנצער מדינה, אין אַלע גרויסע שטעט: אין שקלאָוו און אין מאָהילעוו, און מען האָט זיך געריכט, עס זאָלן קומען פאַרהערערס פון כמה מקומות.

דאָס אַלץ האָט זייער שטאַרק געשטערט אונזער ר׳ שמערלען אין זיינע געשעפטן. דער מויציטער האָט אים נישט געלאָזט אַוועקפאָרן. ביי יעדן שידוך האָט ער געטענהט, אַז ר׳ שמערל טאָר נישט אַוועק פון דערהיים. ווער ווייסט, טאָמער איז דער איצטיקער שידוך דוקא אַ באַשערטע זאַך.

יעדעס מאָל, אַז עס איז געקומען אַ פאַרהערער און חייציקל פלעגט אָנהויבן צו זאָגן, פלעגט זיך שוין דער מויצי־טער אַריינמישן ווי אַ בריטאַן מיט זיינע פאַלשע חריפות און חייציקל אַליין פלעגט אויך אַריינפאַלן אין זיינע רייד און עס פלעגט ווערן אַ געשריי און אַ טומל. אָבער חייציקל האָט אַלע מאָל אויסגענומען.

דער פאַרהערער פלעגט אַוועקפאָרן מיט אַ שיינער מתנה. און דאָסגלייכן איז דער מויציטער אויך באַשיינקט געוואָרן מיט אַ בגד און מען האָט אים נאָך צוגעזאָגט, אַז מען וועט אים זייער רייך באַשיינקען, ווען עס וועט זיך אויספירן אַ שידוך.

אַזוי זיינען גערעט געוואָרן זייער פיל שידוכים. און יעדער שידוך האָט געקאָסט גענוג צייט און גענוג געלט. דערווייל

## חייציקל.

האָט חייציקל נישט געלערנט און האָט כסדר געהאַט אין זינען אַ כלה. עס האָט אַזוי געדויערט. אַ שידוך אַריין, אַ שידוך אַרויס. אַ פאַרהערער נאָך אַ פאַרהערער. און עס האָט אַלץ קיין האַפט נישט געהאַט, ביז מען האָט גערעדט פון שכיז מיט ר׳ שלומקען דעם גביר. די שדכנים האָבן אַזוי לאַנג געאַרבעט, ביז יענער האָט געשיקט אַ בעל־כּוח. דער אייגענער איז אויך געווען אַ פאַרהערער. מען האָט אים גערופן ר׳ שעפסל דער מגידיכעס, ווייל זי איז געווען זיין שוויגער. דאָס איז געווען אַ ייד אַ למדן און אַ וועלטמאַן. צו אים האָט געהערט דאָס רבּני־שטיבל פון זיין שווערס קבר.

ער איז אַפילו געווען אַ מענטש אַ דריי־קאָפּ, אָבער נישט ווי דער מויציטער. דער מויציטער האָט מיט זיין פאַלשער תורה פאַרדרייט דעם קאָפּ זיך אַליין און אַמאָל אויך דעם אַנדערן, אָבער ר׳ שעפסל האָט נאָר פאַרדרייט דעם קאָפּ דעם אַנדערן, אָבער זיך גאָרנישט. און ווי ער האָט געהאַט אַן אָפענעם קאָפּ, אַזוי האָט ער געהאַט אָפענע מערידן און אַן אָפענע האַנט צו נע־מען לאַפּקע.

דערדאָזיקער גרויסער פאַרהערער האָט זיך נישט געלאָזט אַזוי לייכט פאַרשווינדלען פון דעם מויציטער. ער האָט זיך מיט אים געהאַקט ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין און חייציקל פלעגט זיך אַריינמישן אַלע ווײַלע, ווי אַ זינגערל מאַכט באַם נישט יואו עס פאַסט. זיין גליק אָבער איז געווען, וואָס ר׳ שעפסל דער מגידיכעס איז געווען אַזוי פאַרברענט מיט דעם מויציטער אין דעם שטיקל גמרא, אַז ער האָט גאָר פאַרגעסן אין חייציקלען. דאָס וואָלט זיך געצויגן אָן אַן אויפהער, ווען קונע, זאָל געזונט זיין, וואָלט נישט דערלאַנגט צום טיש ווײַן און ליקער, קאָנפי־טורן און נאָך גוטע זאַכן. דאָס האָט איינגעלאָשן זייער היציקייט און בּיידע זייַנען געוואָרן צווישן זיך גוטע פריינט.

חייציקל האָט בּיי אים אויך אויסגענומען, ווייל ער האָט גוט געוואוסט, אַז ער וועט אויך גוט אויסנעמען (די שדכנים האָבן אים עס פריער געזאָגט).

„מען קען אַנדערש נישט זאָגן, — האָט ער זיך אָנגערופן צו דער מוטער, — אייער חייציקל איז א וואונדערלעכע כּלי. ביי ר׳ שלומטשען וועט ער אַרויסוואַקסן אַ גאון עולם“.

חייציקל איז געווען אַ ביסל פאַרשוויצט, אַ ביסל צעשראָקן, דאָך אָבער פריילעך.

„אַבי איבערגעקומען, — האָט דער מויציטער נאָכדעם אַ זאָג געטאָן צו חייציקלס מוטער, — עס איז א גוט שטיקל סחורה. איך האָב מיינע כּוחות אָנגעוואָרן ביז איך האָב אים איבער־געריידט. ער שטאַרבט גאָר ממש פאַר דעם יינגל. יעצט וועט שוין זיין „למזל תנאָים.“

וכן היה, און אַזוי איז געוואָרן. צומאָרגנס האָט ר׳ שמערל געמאַכט אַ שאַרפע תנאים. עס זענען געווען געלאַדן די גרעסטע לייט. פאַר גוטע פריינט האָט מען געמאַכט אַ געוואַלדיקן מאָל־צייט. דער בעל־כּוח האָט באַקומען צען דוקאַטן חוץ קליינע מתנות. די שדכנים האָבן געכאַפּט פופציק רענדלעך. דער מוי־ציטער האָט אויך געגוג גענומען. אויף איבערמאָרגן איז דער בעל־כּוח אַוועקגעפאַרן און האָט אַוועקגעפירט מתנות דער כּלה פאַר כּמה הונדערט רובל. אין אַ חודש אַרום האָט מען איינגעלייגט דאָס געלט מער ווי צוויי טויזנט רובל. חייציקל האָט באַקומען אַ גאָלדענעם זייגערל, זילבערנע בתּים. ר׳ שמערל מיט זיין ווייב זיינען געווען זייער פריילעך, ווייל זיי האָבן גוט באַזאָרגט זייער קינד.

ביי דעם מויציטער איז שוין דער עק געווען שטאַרק פאַרריסן. עס איז מיט אים גאָרנישט געווען צו ריידן. ער פלעגט דערציילן פון זיין נצחון, ווי אַזוי ער האָט אויסגעפירט געגן ר׳ שעפּסלען, ווי איינער דערציילט פון גבורות און נפלאות.

אָבער דידאָזיקע שמחה האָט נישט לאַנג געדויערט. דער שכיזער מחותּן איז אין אַ פאָר חדשים אַרום געוואָר געוואָרן, אַז ר׳ שמערל איז גאָר אַ זון פון אַ בעל־מלאכה און ער אַליין איז א יך געווען אַ פאַרבער. דאָס איז אים נישט אָנגעשטאַנען, האָט ער אָפּגעלאָזט דעם שידוך. האָט דאָס ר׳ שמערלען מיט זיין

## חייציקל.

ווייב זייער געקריינקט. דערצו האָט זיי געקאָסט געגוג מי און געלט ביז זיי האָבן אָפּגענומען די מתנות און די שלישית. דער מויציטער האָט געמוזט פאַרן קיין שכיז און האָט געהאַט דין־תורות און לויפעניש, ביז ער האָט אַלץ מוציא געווען.

דער מויציטער איז אָבער תקיף געוואָרן ביי זיינע באַלעבאַטים. זיי האָבן אים אָרנטלעך באַלוינט דערפאַר באַזונדער. זיי האָבן אים שוין נישט געוואָלט פון זיך אַוועקלאָזן ביז חייציקל וועט חתונה האָבן אין אַ גוטן אופן.

לא ארכו הימים, עס האָט נישט לאַנג געדויערט און מען האָט אָנגעהויבן גאָר אויף סניי חייציקלען צו ריידן שידוכים. ער איז ווידער געוואָרן אַ חתן, ווי פריער, אָבער דאָסמאָל איז שוין דער שידוך לייכטער אָפּגעלאָזט געוואָרן ווי פריער, און אַזוי איז עס געשען אַ מאָל זעקס.

יעדער שידוך האָט אַלץ געקאָסט שדכנות און הוצאות־התנאים און אָפּט אויך קנס. אָן דעם מויציטער האָט זיך קיין שידוך נישט אָנגעהויבן און נישט אויסגעלאָזט, און אַלץ נישט אומזיסט. ביז עס איז געקומען אַ גרויסער לאַנד־שדכן פון וואָלין און האָט געמאַכט אַ סוף פון די צרות.

ער האָט פאָרגעשלאָגן ר׳ שמערלען אַ שידוך פון בראָד מיט אַ געוויסן נגיד און יחסן ר׳ שמשון סאַנדעגורער. ער האָט געהאַט אַ מיידל, די יונגסטע, אַ מוזינקע, זייער אַ שיינע און אַ געלערנטע, האָט זיך אים געוואָלט איר געבן פאַר אַ מאַן אַ ליטווישן יינגל, וואָס זאָל זיין אַ וואוילער און פון רייכע עלטערן; ער מעג זיין אין יחוס נישט אַזוי געהויבן, אָבער פון אַ פרום הויז און דער חתן זאָל זיין א מתמיד. די בראָדער יינגלעך זיינען שוין אין יענער צייט געווען האַלבע דייטשן און האַלבע פּראַנצויזן, לויט דער היינטיקער מאָדע. אָבער ער האָט געוואָלט אַן אַלטמאָדישן יינגל.

דער שדכן האָט חייציקלען פאָרגעשטעלט פאַר ר׳ שמשונען אַלס חתן, ווי ער ווינשט זיך אליין, מיט אַלע מעלות. אויסערדעם, גיט דער פאָטער נדן טויזנט דוקאַטן.

צוויי חדשים האָט געדויערט, איידער מען האָט זיך צוזאַמענגערעדט דורך בריוו. דערווײַלע איז דער שדכן געזעסן בײַ ר׳ שמערלען אין שטוב אויף אַלעם גוטן. קורץ דערפון, דער שידוך איז אויסגעפירט געוואָרן. עס איז געקומען אַ בעל=כּוח פון בראָד און האָט פאַרהערט דעם חתן און עס האָט געגליקט. ער האָט גראָד מיט אים גערעדט וועגן אַן ענין, וואָס יענער האָט עס שוין אַמאָל געלערנט. דער בעל=כּוח האָט גענומען עפּעס אין מויל אַרײַן, איז ער געוואָרן גאַנץ ווייך. האָט מען איבעראַנייס געמאַכט גרויסע תנאים, אַז די שטאָט האָט געקלונגען, עס האָבן אים פיל נגידים מקנא געווען מיטן שידוך.

אויף דידאָזיקע תנאים בין איך, דער שרייבער פון דערדאָזיקער געשיכטע, אויך געווען אײַנגעלאַדן, ווײַל צוליב געשעפט=זאַכן בין איך פון עטלעכע חדשים געוואָרן אַן אײַנגייער דאָרט אין שטוב, האָב איך דאַן געהאַט אַ געלעגנהייט צו זען דאָרט אויפן טיש אַ שיינעם זילבערנעם לײַכטער. איך האָב אים זייער שטאַרק באַוואונדערט. און ווײַל ער האָט אויסגעזען גאָר בײַ, האָב איך געמיינט, אַז מען האָט אים ערשט געקויפט צו די תנאים. האָב איך געפרעגט קונען, בײַ וועמען זי האָט אים געלאָזט מאַכן.

„דער לײַכטער איז שוין אַ צײַט בײַ מיר“, — האָט זי מיר געענטפערט. — מײַן מאַן האָט אים געבראַכט פון פרייסן. אָבער איך ניץ אים מער נישט, ווען בײַ מײַן חייציקלען איז תנאים, און ווײַטער קיינמאָל נישט. איך היט אים, ווײַל איך האַלט אים אויף דרשה=געשאנק פאַר מײַן חייציקלען.“

איך האָב מיך קוים אײַנגעהאַלטן פון לאַכן.

ויהי, און עס איז געווען, אַז דער עולם האָט אָנגעהויבן צו גיין אַהיים, איז צו מיר צוגעגאַנגען דער מוציטער און האָט מיך געבעטן אין ר׳ שמערלס נאָמען, אַז איך זאָל נאָך אַ קליינע ווײַלע פאַרבלײַבן. האָב איך געמיינט, אפשר וויל מען דאָ מיך אויפהאַלטן אויף אַ גוט גלעזעלע משקה. האָב איך געוואַרט. ווען אַלע זײַנען שוין אַוועקגעגאַנגען, איז צו מיר צוגעגאַנגע

## חייציקל.

ר׳ שמערל מיט דעם מויציטער און האָבן מיך געבעטן, אַז איך זאָל אָנשרייבן צו דעם מחותן אַ בריוו אין לשון־קודש אין דעם חתנס נאָמען.

איך, וואָס איך האָב גוט געוואוסט, וואָס פאַר אַ טויגעניכטס ער איז, דער תלמיד, מיט דעם רבין צוזאַמען, האָב מיך געמאַכט גאָר נישט וויסנדיק און האָב געזאָגט צו דעם מויציטער:

„אין איר אַליין זייט קליין אָנצושרייבן אַ בריוו?“

„פאַרשטייט איר מיך, — האָט יענער אָפּגעענטפערט, רויט־ווערנדיק, — איך בין דאָך פון די ליטווישע עילוים, וואָס פאַרנעמען זיך נאָר מיט לערנען אַליין. ביי אונז איז חריפות אַ באַזונדער זאַך, און שרייבעכץ איז אַ באַזונדער זאַך. איך וואָלט אויך מער נישט האָבן וואָס צו טאָן, צו פאַרנעמען זיך, ווי אַ קליין יינגל, מיט טינטלעריי... אַ שיינער משא ומתן וואָלט עס געווען פאַר מיר. איך וואָלט טאַקע אַרויסגעוואָקסן אַ רעכטער מענטש.“

„נו, — האָב איך געזאָגט, — איך ווייס נאָך אַצינד אויך נישט, כאָטשבי איר קאָנט נישט שרייבן, אין וואָס עס באַשטייט אייער רעכטע מענטשלעכקייט. איך מיין, אַז איר קאָנט אויך נישט לערנען. איר ווייסט נישט קיין פסוק, קיין דקדוק, קיין מדרש.“

דאָ איז דער מויציטער אין כעס געוואָרן און האָט זיך אָפּגערופן:

„אָט הויבט זיך אָן מיט אַ ה״ינטוועלטיקן. אַ שיינער למוד. בשעת מען לערנט גמרא, און עס ווערט דערמאָנט אַ פסוק, קוקט מען זיך איין אין חומש אָדער אין עשרים וארבע. אויך מיר אַ זאַך. און וואָס האַקט איר מיר אָן אַ קאָפּ מיט דקדוק. איך האַלט מיט די, וואָס זאָגן, אַז דקדוק ברענגט נאָר צו מדת ניאוף. און וואָס איר זאָגט מיר עפעס פון מדרש, איז דאָס גלאַט צו לאַכן פון אייך. איר ווילט מאַכן פון מיר אַ בעל־דרשן. אָט זייט אַ בריה און פאַרהערט אייך מיט מיר אין האַרבע שטיקלעך גמרא, וועט איר נישט וויסן, וואו אייער געביין וועט אַהינקומען!“

א. מ. דיק.

האָב איך צו אים געזאָגט:

„אָבער דער תּכלית פון גמרא לערנען איז דאָך אום אַ ייד צו וויסן. צי ווייסט איר דערפון, וואָס אַ האָר איז ווערט? איי באַווייז האָב איך שוין דערפון אַליין, וואָס איר ווילט נעמען אַ יונגען יינגל און פאַרדרייען אים מיט אַ ווייב. אַ יינגל, וואָס איז אָן תּורה, אָן חכמה, אָן מלאכה און ווייס נישט, מיט וואָס אַ ווייב מפרנס צו זיין, וואָס דאָס איז דערווידער אַ בפירושן דין אין רמב״ם. ער זאָגט דאָך אין ס׳ יד החזקה, אַז אַזוי טוען נאָר טפּשים: זיי נעמען פריער אַ ווייב, איידער מען ווייס נאָך מיט וואָס אַ ווייב מפרנס צו זיין.״

„אויף אַזעלכע זייטיקע דינ׳ים, — האָט דער מויציטער באַמערקט, — קוקן נישט אַזעלכע לייט, ווי מיר זיינען. און נייע חוקים וועט איר ביי אונז נישט מאַכן.״

קורץ דערפון, איך האָב נישט געוואָלט מיט אים אַריינגיין אין ווייטע ויכוחים. איך האָב אים אָנגעשריבן דעם בריוו און האָב אים איבערגעגעבן זיי. עס האָט אים אָבער נישט פאַרשטאַנען — נישט דער מויציטער, נישט חייציקל און נישט דער פאָטער. נאָכדעם האָט מען די גאַנצע נאַכט געהוליעט.

חייציקל איז דעמאָלט אַלט געווען זעכצן יאָר, אָבער ער איז געווען אָן שכל, אָן געזונט און יראת שמים, אָן דרך ארץ, אָן תּורה, אָן מוסר און אָן אַ פעדער. ער האָט געהאַט אַ בלאַס פּנימל, ווייל פון עלפטן יאָר אָן האָט ער שוין אַלץ געטראַכט פון אַ ווייב. און דאָס שאַדט זייער צום געזונט, ווי אונזער גמרא זאָגט „הרהורי עבירה קשה מעבירה גופא.״ דאָס טראַכטן און קלערן פון דעמדאָזיקן ענין שאַדט פיל מער, ווי די עבירה גופא.

אָ, איר טאַטע און מאַמעס, היט אייערע יונגע קינדער, אַז זיי זאָלן פון דעמדאָזיקן ענין נישט געוואָר ווערן, וואָס איז זייער געפערלעך צום גוף און צום נפש, וואָס פאַרצערט דעם קערפּער און פאַרשמוצט די נשמה, אַזוי גיך, ווי אַ פונק פייער פאַרצערט אַ גאַנצן קאַסטן מיט פּולווער. דעריבער צו שרייבן

זיינען הונדערט בויגן פאפיר אויך וויניק. אבער פאר דעם קלוגן איז גענוג א וואונק.

לאמיר אבער ווייטער פארציילן אונזער געשיכטע.

ובין כה וכה, און דערווייל, ווי אונזער ר׳ שמערל האט זיך אלץ דא געמחותנט און מקבל נחת געווען פון זיין הויקער און פון דעם מויציטער, האט די צייט א ביסל אומגעדרייט דאס רעדל אין די געשעפטן פון אונזער ר׳ שמערלען. ער האט געהאט צוויי שלעכטע יארן. די שידוכים האבן ביי אים צעשלעפט א האלבן קאפיטאל און דאך איז ער נאך געווען פארבלענדט און האט געזען מיט אלע מעגלעכקייטן צו טאן דוקא דעם פעלער און האט זיך בדלות געשטעלט מיט דער חתונה. ער האט געמוזט פארן קיין בראד. דער זמן־חתונה איז אויסגעפאלן אין חשון, דעמאלט, ווען דער וועג איז זייער שלעכט. האט ער געדונגען צוויי בריטשקעס, צו פיר פערד.

מען האט אנגעבאקן און אנגעפרעגלט גאנצע קאסטנס. מען האט געמאכט גרויסע מאלצייטן, איידער מען איז אוועקגע־פארן. מען האט אריינגעלייגט אין בויד אריין בעטצייג מיט קליידער פארן חתן, וואס האבן געקאסט טויזנט רובל.

געפארן איז ר׳ שמערל מיט זיין ווייב, מיט צוויי מיידלעך, טעכטער, און דער חתן מיטן מויציטער, א באהעלפער, א קעכין, א דינסט, א יונג, און א פאר נגידישע יונגעלייט מיט זייערע ווייבער.

דער וועג איז געווען שלעכט. דער יקרות גרויס און די נסיעה פון העכער הונדערט און צוואנציק מייל האט געדויערט גאנצע דריי וואכן. אין וועג האט דער מויציטער געחזרט מיט חייציקלען די דרשות און די פשטלעך.

חייציקל האט דארט געדארפט בלייבן אויף קעסט, און דער מויציטער האט זיך געריכט צו פארבלייבן זיינער א רבי, האט ער פאר זיך אליין אויך אנגעגרייט א סך פשטלעך.

די נסיעה האט געקאסט פיל געלט און געזונט. קומענדיק אהין, האט חייציקל אויסגעזען ווי א מויז אין סמעטענע און

ערשט דאָרט האָבן אנגעהייבן צו פליען רענדלעך, ווי שפּענדלעך, דאָרטן, ביי דעם מחותן, האָבן זיי געפונען אַ ריין הויז און זייער איידעלע מענטשן. זיי זיינען ביי זיך זייער אַראָפּגעפאַלן, ווען זיי האָבן דערזען וואָס פאַר אַ פיינע זין און איידעמס, גרויסע מופלגים אין מושלמים און חכמים ר׳ שמשון האָט געהאַט. די כּלה איז געווען זייער שיין און קלוג און זייער געבילדעט, און דערצו הויך געוויקסיק. חייציקל האָט אויסגעזען קעגן איר ווי אַ קליין מאַלפּעלע קעגן אַ מענטשן. ס׳האָט אים מער געפּאַסט צו עסן דאָרטן טעג, איידער אַן איידעם צו זיין.

עס פאַרשטייט זיך, אַז ער איז דאָרט באַלד נישט געפעלן ר׳ שמשון אָבער איז געווען אַ פרומער ייד און אַגרויסער צדיק, האָט ער אָנגעהויבן איינצורעדן די טאָכטער, אַז זי זאָל אים דאָך ליבן.

„ער איז אַפילו אַ שטשופּלער, — האָט ער געזאָגט, — און אַ בלאַסער. אָבער ער איז אַן עילוי. זיין תּורה וועט דיך באַקריי־נען און באַשיינען. נישקשה, ביי אונז אין שטוב וועט ער ווערן אַ מענטש. זיין אויסגעווייקטער פּנים ווייזט אויס, אַז ער מוז זיין אַ גרויסער מתמיד. און תּורה איז דאָך די בעסטע סחורה.״

די כּלה איז געווען אַ גאַנץ פרומע טאָכטער. האָט זי גע־פאָלגט דעם פאָטער און האָט פאַר ליב אָנגענאָמען דאָס, וואָס איז נישט געווען ליב. די זין, די איידעמס, די טעכטער, די שניר האָבן געוואָלט דעם אַלטן אויפעסן. דאָך אָבער איז דער אַלטער געבליבן ביי דאָס זייניקע. ער האָט פּשוט קיין מוט נישט גע־האַט אָפּצעלאָזן דעם שידוך און מבייש צו זיין ר׳ שמערלען מיט זיין פאַמיליע, וואָס זיי זיינען געפאָרן אַזאַ וייטן וועג און האָבן זיך מרבּה הוצאה געווען. דערצו האָט ר׳ שמערל באַשאָטן די דיגערשאַפט מיט געלט, און יעדער האָט דערציילט פון חייציקלען אַן אַנדער חכמה. אויך האָט ער אין בראָד געקויפט זייער פיל פּערל און האָט דערמיט באַהאָנגען דעם האַלז פון דער כּלה.

ר׳ שמערל האָט גאַנץ גוט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט מיט חייציקלען אַ צוגרויסן טריט געמאַכט, דאָס הייסט ער האָט אָנגע־

## חייציקל.

יוענדס אַלע מעגלעכקייטן, צו מאַכן אומגליקלעך זיך און זיין ווייב און זיין זון. דורך די גרויסע מתנות און גרויסע נדבות, וואָס ער האָט דאָרט געגעבן, האָט ער זיך געמאַכט אַ שם אין בראָד פאַר אַ גרויסן גביר און האָט אויסגעפירט זיין פארלאַנג.

אין עטלעכע טעג אַרום איז געווען די התונה. דער חתן האָט געזאָגט א פּאָר דרשות. עס איז האַלב געפעלן, האַלב נישט געפעלן. נאָר בלייבט נאָר, מקח בלייבט מקח. האַלט זיך מיט דער דודע, דען עס איז שוין נאָך דער סעודה.

אַ טאָג צען נאָך דער התונה איז ר׳ שמערל געבליבן אין בראָד, ביז חייציקל זאָל צוגעוויינט ווערן צו דער כלה און צו די הויזלייט.

דערווייל האָט דער מויציטער געהאַט אַ גוטע געלעגנהייט באַקאַנט צו ווערן מיט ר׳ שמשונען אין לערנען. ר׳ שמשון האָט איינגעזען, אַז דער מויציטער קאָן גאָרנישט לערנען. אין קאָפּ דרייט זיך עפּעס, כלומרשט א חריף, אָבער אינגאַנצן איז ער פּוסט און וויים נישט קיין פּסוק, קיין רמ״בם, קאָן נישט קיין איינציקע מסכת, און ווער רעדט שוין פון אַזייטיקן לכוד—פון אַ מדרש, פון אַ פּסוק, פון דקדוק אַודאי און אודאי נישט. און, ווידער, פאַרקערט האָט דער מויציטער געזען, אַז ר׳ שמשון איז אַ מופלג גדול מיט אַ גרויסן קאָפּ אין לערנען, און דערצו נאָך אַ גרויסער חכם אין אַנדערע חכמות און אַ מענטש מיט גוטע מדות. איז דער מויציטער ביי זיך זייער אַראָפּגעפאַלן.

ער האָט זייער גוט פאַרשטאַנען ווי ער זעט אויס ביי דעם מחותן און אַ פשיטה שוין ביי די איידעמס, וואָס זיינען געווען גרויסע לומדים און גרויסע מושלמים. זיי האָבן אים געהאַלטן פאַר אַן אַלטן ייִנגל, וואָס זיצט ביים טיש און הערט זיך צו ווי מען לערנט. דער מויציטער האָט זיך אָבער אָנגעהויבן מיט זיי צו האַקן אין לערנען מיט פּוסטע דבורים און מיט גרויסע געשרייען.

האָט אים איינער פון זיי געפרעגט:

„האָט איר נישט געקענט באַקומען פאַר זיך אַ רבין אין מויציט, וואָס איר ווייט גאָר געוואָרן א מלמד אין ליבאָווע?"

דידאָזיקע ווערטער האָבן געשטאָכן ווי אַ שפּיז ר' שמערלס האַרץ. ער האָט שוין דאָרטן גוט פאַרשטאַנען, וויאַזוי חייציקל אַליין וועט האָבן אַ פּנים ביי זיי. אַז זיי וועלן זיך פונאַנדער־ריידן מיט אים אין לערנען.

קורץ דערפון, דער מויציטער איז דאָרט אויך קלאָר געוואָרן, וואָס מען רופט אַ למדן און ווער עס ווערט גערופן אַ רעכטער מענטש. ער האָט דאָרט אויסגעזען, ווי אַ שוואַרץ יאָר. ער האָט שוין נישט געטראַכט מער דאָרט צו בלייבן. ניין. עס האָט זיך אים דאָרט געצויגן אַ טאָג — אַ יאָר. ער האָט געזען, ווי מען שטעלט אים גאָר אַרויס פון הינטן אַ צונג. אַזוי־אַרום האָט ער שוין אויך נישט בעסער אויסגעזען ביי ר' שמערלען אַליין, וואָס ביי אים האָט געציטערט דער פּופּיק וועגן זיין חייציקל אַליין.

אחר ימים עשרה, אין צען טעג נאָך דער חתונה האָט זיך ר' שמערל צעזעגנט מיט חייציקלען, מיט דער כלה, מיט די מחותנים און האָט געלאָזט איבעראַנייעס גרויסע מתנות דער שנור און יעדערן באַזונדער, און באַפרידיקט די דינערשאַפט. דער מויציטער האָט מוסר געווען חייציקלען נאָך עטלעכע פּשטלעך און האָט זיי אים אויסגעלערנט אויף אַזאַ אופן, אַז יענער זאָל זיי זאָגן מיט אַזאַ אָנשטעל, פונקט ווי יעדער פּשטל איז אים אין דער רגע איינגעפאַלן. ער האָט אים אויך איבערגעגעבן געוויסע כללים, וויאַזוי ער זאָל זיך מיט זיי אַמפּערן אין לערנען. איבערהויפּט זאָל ער זיי אַלעמאָל זאָגן: „ניין! איך מיין פאַרקערט! מען קען גאָר אַנדערש זאָגן", ווייל מיט דידאָזיקע ווערטער איז זייער לייכט יענעם צו פאַרטומלען. חייציקל אָבער איז נישט געווען אַזוי פּיפּיק, ווי ער, און האָט דעמדאָזיקן כלל אַלעמאָל זייער שלעכט אָנגעווענדעט, ווי מיר וועלן עס באַלד דערציילן.

## חייציקל.

ויהי, און עס איז געווען, ווי זיי האָבן זיך צעזעגנט, און ר׳ שמערל, וועלכן עס האָט זיך דאָך געוואָלט, אַז דער מוי־ציטער זאָל דאָ פאַרבלייבן מיט חייציקלען כאָטש אויף איין זמן, האָט געפּרובט ריידן מיט ר׳ שמשונען וועגן דעם, האָט אים יענער געענטפערט:

„ניין, מיר האָבן אין בראָד פיל בעסערע מלמדים, וואָס זיינען אמתע לומדים, חכמים און שרייבערס. זאָל ער פאָרן מיט אייך געזונטערהייט. און דאָ האָט ער זיין דרשה־געלט."

ער האָט אים געשענקט צוואָנציק טאָלער, און האָט ר׳ שמערלען דערביי פאַרזיכערט, אַז ווען חייציקל וועט קיין עקשן נישט זיין און וועט פאָלגן, קען ווערן מיט דער צייט אַ מענטש פון אים.

מיט דידאָזיקע ווערטער האָט ער ר׳ שמערלען ממש מחיה געווען. זיי האָבן זיך צעקושט, און ר׳ שמערל מיט זיינע מענטשן זענען אַוועקגעפאָרן לשלום אַהיים. דער מויציטער איז אָבער געווען זייער אומעטיק, ווי אַ נאַסער האָן. דעם גאַנצן וועג איז ער געווען ביי ר׳ שמערלען מיט זיין ווייב צו לאַסט, ווי אַן אומצופרידענער גאַסט. זיי האָבן געזען לייז צו ווערן פון אים ביי דער ערשטער בעסטער געלעגנהייט. אַז זיי זיינען גע־קומען אַרום לאַהישע, האָבן זיי אים אַרונטערגעלאָזט. דאָרטן האָט זיך אים געמאַכט אַ פאַרהערעניש. אַזויאַרום זיינען זיי פון אים פּטור געוואָרן.

ר׳ שמערל מיט זיין ווייב זיינען געפאָרן אַהיים האַלב פריילעך האַלב־פאַרזאָרגט. אַ ווײַלע האָט זיך זיי געדאַכט׳ אַז זיי האָבן זייער קינד פאַרזאָרגט און עס וועט אים דאָרט זיין גוט און אַ ווײַלע האָבן זיי, פאַרקערט, געטראַכט, אַז ער וועט דאָרט קיין קיום נישט האָבן. אַזוי האָבן זיי זיך אַ גאַנצן וועג אַלץ געשלאָגן מיט די געדאַנקען, און זיינען שיער כּשוגע געוואָרן פון די רעיונות. דאָך, פאַר מענטשן האָט מען גע־וויזן אַ פריילעך פּנים. מען איז דאָך אַראָפּגעפאָרן פון וועג, אַז זען זיך מיט חייטע רייכע קרובים, צו דערציילן מיט וועמען

זיי האָבן געטאָן אַ שידוך. דאָרטן האָט מען אויף דאָסניי געהוליעט, און די רענדלעך זענען געפֿלויגן ווי שפּענדלעך. דער וועג איז אַלץ געווען אַ שלעכטער. זיי האָבן זיך געשלעפּט צו פיר, פינף מייל אַ טאָג. זיי זיינען געפאָרן זייער שווער מיט גרויסע שווערע קאַסטנס און זאַלבעצענט. די נסיעה האָט געדויערט צוריק אַ וואָך זיבן, אַכט.

קורץ דערפון, זיי זענען געקומען אויסגעמוטשעטע קיין לינאָווע צוועלף אַזייגער ביינאַכט. ביי די ראָגאַטקעס האָבן די סטראַזשניקעס זיי אָפּגעגעבן מזל-טוב און זיי האָבן זיי געטיילט לעקעך און בראָנפן און האָבן זיי פאַרציילט די גרויסקייט פון דעם שידוך. די סטראַזשניקעס האָבן זיך קוים איינגעהאַלטן פאַר לאַכן. עס איז געווען פון וואָס צו לאַכן, ווי דו וועסט עס באַלד אַליין זען.

ר׳ שמערל איז מיט זיינע לייט אַרויפגעפאָרן צו זיך אויפן הויף, און האָבן געדאַנקט און געלויבט דעם אויבערשטן, וואָס זיי האָבן זייערע ביינער געבראַכט אַהיים.

וימצאו, האָבן זיי אָבער געפונען די טירן מיט די לאָדן איינגאַנצן פאַרהאַקט. האָט ר׳ שמערל אַליין אָנגעקלאַפּט אין טיר איינמאָל, צווייטמאָל, ביז עס האָט זיך אָפּגערופן עפּעס אַ קינדערשער באַקאַנטער קול:

„ווער קלאַפּט דאָס אין האַלבע נאַכט?“

„מיר זענען שוין געקומען פון דער חתונה“, — האָט קונע געענטפערט מיט אַ דערשראָקענער שטימע.

„אַ שיינע זאַך! — האָט זיך אָפּגערופן יענער קינדערשער קול. — מיר האָבן געמיינט, אַז איר זייט שוין אַלע אויסגעשטאָרבן. מען זאָל זיך דאָס אַזוי לאַנג זאַמען“

„ווער איז דאָס עפּעס דאָרט פאַר אַזאַ איינער, וואָס חכמעט זיך דאָ מיט אונז?“ — האָט זיך אָפּגערופן ר׳ שמערל ווי אַ צעמישטער.

## חייציקל.

„פטור, גאָר אַ נייס, זיי דערקענען מיך שוין גאָרנישט! — האָט זיך יענער אָפּגערופן פון שטוב. — צען יאָר זאָט חוזק געוואונט מיט זיין ווייב און האָט איר דערנאָך נישט דערקענט.“

דאָ איז שמערל אין כעס געוואָרן און האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיטן פוס אין טיר, און זאָגט:

„וועסטו מיר נישט זאָגן אויף דער שטעל, ווער דו ביסט און עפענען גלייך די טיר, הייס איך אויפברעכן די טיר און דיך וועל איך לאָזן בינדן. עס מוז דאָ עפּעס זיין נישט קיין גוטע זאַך. ווי קומט צו מיר אין שטוב עפּעס אַ יונגאַטש. דאָס ייִנגל מוז אַודאי זיין פון די נאַכט־גנבים. ער האָט זיך דאָ בודאי אַריינגעלאָזט דורך דעם קוימען. ווי קומט אַהער אַ ייִנגל?“

„אָך, אָך! — אָט זיך יענער אָפּגערופן פון שטוב. — דאָס איז שוין אַזוי גיך פאַרגעסן געוואָרן? נו, זאָל זיך אייך דאַכטן, אַז איך בין חייציקל אַליין. דאָס איז זיך אַ ביסל געוּאָמט.“

„אַ צרה מיר נישט געשען, אוי, אַ גזרה, אַ חורבן!—האָט די מוטער אָנגעהויבן צו שרייען. — איך וועל עס נישט אויסהאַלטן. איך בלייב! סטייטש, ערשט אַכט וואָכן נאָך דער חתונה און שוין אַנטלאָפן?“

„גאָר אַ נייס אַנטלאָפן!—האָט חייציקל געענטפערט, עפענענדיק די טיר. — איך בין נישט אַנטלאָפן. זיי אַליין האָבן געדונגען אַ בריטשקע מיט דריי פערד און האָבן מיר געהייסן פאָרן אַהיים צו אייך.“

„אָבער אַזוי גיך?“ — האָט זיך אָפּגערופן די מוטער, ברעכנדיק די הענט.

„נו, ווי דען ווילסטו? — האָט ער איר געענטפערט.—שלעפן זיך בעסער מיט משא אַכט וואָכן ווי איר, מיט דאַרדעוואַטע פערד? דו וואָלסט זען מיין פורמאַנקע — אַ פּאָר קאַטעס מיט אַ ליידיקער בריטשקע. מיר זיינען געפלויגן כמעט אין דער לופטן.“

וואו זיינען דיינע זאַכן? — האָט זי אים געפרעגט. -- עס האָט דאָך אונז געקאָסט בלוט, אַז איך בלייב פּאַר צרות!“

וואָס דאַרף איך די זאַכן? אַבי איך בין דאָ אַליין, —האָט ער געענטפערט און האָט זיך פאַנאַנדערגעוויינט. — וואָס צאַפּט איר מיר די דמים? נישקשה, די זאַכן זיינען דאָרט דאָ אינגאַנצן.

ועתה, יעצט לאָמיר דאָ לאָזן שטיין חייציקלען מיט זיינע געקריינקטע עלטערן, וואָס האָבן זיך געוואונטשן דעם טויט און אים אויך, ווייל חוצדעם, וואָס זיי זיינען דורך אים בדלות געוואָרן, איז די חרפה געווען גרויס אָן אַ שיעור. גוטע פריינט וועלן האָבן צער, שונאים וועלן זיך פרייען. לאָמיר נישט שטיין דערביי און זיך צוקוקן, וויאַזוי זיי גריזשען זיך איינאַנדער, און מיר וועלן בעסער זען, ווי די זאַך איז צוגעגאַנגען מיט חייציקלען אַליין אין בראָד.

קוים זיינען די עלטערן אַוועקגעפאָרן און ר' שמשון מיט זיינע קינדער האָבן זיך אָנגעהויבן אַרומצוזען אַרום חייציקלען אַליין, ביי דעם ערשטן מאָל ריידן מיט אים אין לערנען, האָבן זיי שוין גוט פאַרשטאַנען, ווי דער בעל-כוח האָט זיי אָפּגענאַרט. זיי האָבן אין אים דערקענט אַלע זיינע חסרונות אויף איין מאָל, אַז ער איז אָן כוח און אָן מוח און איז דערצו אַ גרויסער נאַר און אַן עקשן. אַלע שטלעך, וואָס דער מויציטער האָט אים אויסגעלערנט, האָט ער פאַרניצט אין איין טאָג. ער האָט זיי אויסגעפּלוידערט איינעם נאָכן אַנדערן, אַזוי אַז מען האָט גלייך פאַרשטאַנען, אַז דאָס זיינען נאָר אויסגעשטעלטע פּשטלעך.

אין אַ פּאָר טעג אַרום, האָט זיך אַ שוואָגער מיט אים געאַמפּערט אין אַ שטיקל גמרא. חייציקל האָט אַפילו געהאַט דעם כלל, וואָס דער מויציטער האָט אים איבערגעלאָזט, אַז ער זאָל אַלץ זאָגן: „ניין, עס איז נישט אַזוי, אדרבה, פאַרקערט האָט אים דער שוואָגער געזאָגט דעם מהר"שא."

„אָבער עס מאַכט דאָך אַזוי, ווי איך זאָג," — האָט אים יענער באַמערקט.

„ניין, אדרבה, דער מהר"שא מאַכט גאָר פאַרקערט", —האָט חייציקל געטענהט דאָס זייניקע.

## חייציקל.

האָט זיך דער שוואָגער אָפּגערופן:

„נו לאָמיר אָקאָרשט אַראָפּנעמען דעם מהר״שא און לאָמיר זען.״

האָט חייציקל געענטפערט:

„אַדרבה, לאָמיר דעם מהר״שא נישט אַראָפּנעמען און נישט זען.״

איז געוואָרן אַ גרויס געלעכטער, און ער האָט געמיינט, אַז ער האָט געזאָגט אַ גרויסע חכמה און דאַדורך לאַכט מען.

אין אַכט טעג אַרום האָט ער געדאַרפט שרייבן אַ בריוו צו דעם פאָטער, האָט ער געבעטן דעם נייעם רבין, ער זאָל אים שרייבן אַ בריוו. האָט מען אים געוואָלט לאָזן לערנען שרייבן, האָט ער נישט געוואָלט. ער האָט געזאָגט:

„דער מויציטער האָט אויך נישט געקענט שרייבן און האָט קיין זייטיקע זאַך נישט געוואוסט. פונדעסטוועגן איז ער געווען אַ גרויסער מענטש.״

ער האָט אויך נישט געקענט ליידן, וואָס מען רעדט דאָרט האַלב דייטש און פאַרגויאיש. אין אַ געזעלשאַפט פלעגט ער זיצן ווי אַ גולם, ווייל ער האָט נישט פאַרשטאַנען קיין איין וואָרט, וואָס מען האָט גערעדט. אויסערדעם, האָט ער נישט געוואוסט צו גיין ריין אַרום זיך. די האָר שטענדיק פול מיט פעדערן, נישט אויסגעקעמט. און ווען ער האָט גערעדט, האָט ער זיך געשאָקלט און געקראַצט. פאַר א קריסט פלעגט ער זיך דערשרעקן און באַהאַלטן. ביים טיש פלעגט ער איינשלאָפן, ווי אַ קליין ייִנגל.

דאָך האָט ר׳ שמשון געוואָלט נאָך מאַכן פון אים אַ מענטש. ער האָט אים געדונגען אַ גוטן מלמד, אַ גוטן לערער, און פלעגט אים אַליין מדריך זיין. ער האָט אָבער אין די ערשטע צוויי וואָכן שוין פאַרשטאַנען, אַז עס איז אומזיסט די מי און די אַרבעט. דערצו האָט אים דאָס ווייבל פיינט געהאַט ווי דעם טויט.

א. מ. דיק.

אין גאַנץ בראָד האָט מען אים גערופן „די פיינע בריה פון לינאָווע", „ר' שמשונס עילוי" און נאָך אַזעלכע שפּאַסנעמען, אַזוי אַז דאָס ווייבל האָט זיך געשעמט צו שטיין אין זיינע פיר איילן. די איידעמס מיט די זין האָבן אָנגעהויבן אַריינצורייִדן אין דעם אַלטן, ער זאָל רחמנות האָבן אויף זיין טאָכטער און זאָל פון דעמדאָזיקן ייִנגל נעמען גט, איידער זי וועט ווערן מעוברת. דער אַלטער האָט אַפילו נישט געוואָלט. עס זיינען אָבער צוגעשטאַנען צו אים גוטע פריינט און אָנגעזעענע מענטשן און האָבן אים איבערגערעדט. און ביי חייציקלען האָט מען דאָס זייער לייכט געפועלט. די שוואָגערס האָבן אים געוויזן אַ ברייטשקע מיט צוויי שיינע פערדלעך און האָבן אים געפרעגט:

„חייציקל, ווילסט פאָרן אַהיים. עס איז דאָ אַ וואוילע פור, וואָס פאָרט ליידיק און לייז קיין לינאָווע."

האָט ער געענפערט אַ דערפרייטער:

„גוט."

האָבן זיי געפרעגט:

„טאָמער וועסטו שוין נישט קומען צוריק?"

אין ער האָט געזאָגט:

„נאָט אייך אַ האַנט, אַז איך וועל יאָ קומען צוריק."

„מיר גלויבן דיר אָבער נישט, — האָבן זיי געזאָגט. — מיר ווילן דיך האָבן אין דער האַנט. דו זאָלסט דיין ווייב געבן גט. און ווען דו וועסט נישט קומען צוריק אין אַ פּאָר חדשים אַרום, וועלן מיר זי חתונה מאַכן מיט אַן אַנדערן."

„פּטור, — האָט ער געענטפערט, — איך וועל נאָך אַפילו פריער קומען."

קורץ דערפון, דער פורמאַן האָט צוגעטריבן און חייציקל האָט זיין ווייב געגעבן גט. ער האָט נישט גענומען קיין שום זאַך מיט זיך, ווייל ער האָט זיך געריכט, אַז ער וועט באַלד צוריק קומען. אַזוי איז ער אַוועקגעפאָרן לשלום אהיים, און איז נאָך געקומען קיין לינאָווע פריער פון זיינע עלטערן.

## חייציקל.

ער האָט זיי געפּענט די טיר, ווי מיר האָבן פריער דער־ציילט און האָט זיך נאָך געבייזערט אויף זיי, פאַרוואָס זיי האָבן זיך אַזוי לאַנג געזאָמט. פאַר איינוועגס האָט ער זיי דער־ציילט, אַז ער איז שוין אַ גרוש אויך.

איצט וועלן מיר זיך אומקערן צו חייציקלס עלטערן, וואָס זיי זיינען געוואָרן אויסער זיך, הערנדיק.

ביום ההוא, אין דעמזעלביקן טאָג, וואָס ער איז געקומען צו פאָרן פון דער חתונה, האָבן זיי נאָך געדאַרפט ענטפערן הונדערט מענטשן:

„מיט מזל זאָלט איר לעבן!"

אויף דעם מזל־טוב, וואָס מען האָט זיי אָפּגעגעבן. מאַנכע האָט מען נאָך אויך געדאַרפט מכבד זיין. דערצו האָבן זיי גע־מוזט שיקן אַ מענטשן קיין בראָד אָפּצונעמען די קליידער, די מתנות און דעם שלישית. עס האָט געקאָסט גענוג מי און הוצאות, אויסער חרפות און בושות.

עס האָט דערמיט גערוישט פון ליגאָווע ביז בראָד. דעמאָלט האָט מען דעם יונגנמאַן אַ נאָמען געגעבן חייציקל אַליין. דאָס האָט ר' שמערלען איינגאַנצן אַראָפּגעזעצט פון טראָפּ. עס איז אים אַזוי אייגג געוואָרן, אַז ער האָט געמוזט אָנזעצן. מיט די טעכטער האָט ער שוין געטאָן שידוכים מיט פּראָסטע און ערלעכע יונגעלייט. איינער איז געווען אַ שרייבער, דער צווייטער אַ פוטער־הענדלער. זיי האָבן זייערע ווייבער ערלעך און אָרנטלעך אויסגעהאַלטן. חייציקל אָבער איז אים געבליבן אַן אייביקער הויקער. ער האָט אים נאָכאַמאָל חתונה געמאַכט מיט אַן אָרעם מיידל און האָט אים גענומען צו זיך אויף קעסט.

צוויי יאָר נאָך דערדאָזיקער מפּלה האָט זיך נאָך ר' שמערל געראַנגלט אַלץ מיט זיין גליק. עס האָט זיך אים נאָך אַלץ גע־וואָלט שפּילן די ראָלע פון אַ גביר. ער איז אָבער געוואָרן אַ גרויסער יורד, אַז ער האָט שוין די אָרעמקייט גאָרנישט געקענט באַהאַלטן פון דעם עולם. און ערשט האָט ער חרטה געהאַט, וואָס ער האָט זיין פאַבריקל אָפּגעלאָזט און האָט אָנגעהויבן צו

גיין אין גדולות. דער רעכטער שכל קומט אָבער אַלע מאָל צו שפּעט, ווי אָפּט אַ חתן צו אַ כלה. ער פּלעגט תמיד שילטן דעם מויציטער, די שדכנים. ער פּלעגט גריזשען דאָס ווייב, וואָס זי האָט אים דערצו צוגערעדט. ער האָט זי געגריזשעט אַזוי לאַנג, ביז זי איז, נעבעך, קראַנק געוואָרן און איז אַוועק פון דער וועלט פאַר דער צייט.

נאָך איר האָט ער אויך נישט לאַנג געלעבט און געשטאָרבן איז ער אין הקדש. און חייציקל, דער עילוי, דער בן-גביר, איז געבליבן אַ קבצן, אַ גאָרנישט, אַ נאַר, אָן תורה, אָן חכמה, אָן מלאכה, אַ מטופל מיט קינדער. פאַר גרויס רחמנות האָט מען אים געמאַכט פאַר אַ סטראַזשניק. ער האָט אָבער דערצו אויך נישט געטויגט. האָט ער געמוזט לעבן פון קצבה. און אַז די קינדער פון שטאָט האָבן אים דערזען פלעגן, זיי שרייען:

„חייציקל אַליין! חייציקל אַליין!"

און דערדאָזיקער נאָמען איז אים געבליבן ביז אין זיין טויט אַריין.

כן אחרית, אַזוי איז דער סוף פון נאַראָנים, וואָס ווילן פירן אַ צו-גרויסע ראָלע אין דער וועלט, וואָס שעמען זיך מיט זייער מלאכה און ווילן זיך פירן ווי גבירים.

נו, מיין טייערע לעזערין, דו האָסט זיך מסתמא פון דער-דאָזיקער געשיכטע געגנוג אָנגעלאַכט. דאָך אָבער זיי וויסן, אַז נישט דערפאַר אַליין איז עס געמאַכט. מיר מיינען, אַז דו זאָלסט ווערן דורך דעם אַ קלוגע מוטער, אַז עס זאָל פון דיר אַרויסקומען אַ זון אַ גוטער. דאָס הייסט אַזעלכער, וואָס זאָל אויף דער וועלט נישט עסן אומזיסט און זאָל נישט גיין ליידיק און וויסט. ווייל ווער עס טוט זיך ערלעך געגערן, יענעם טוט די גאַנצע וועלט ערן.

---

# דער רענדל

דאָס איז זייער אַ שיינע דערציילונג, וואָס אַ רענדל דערציילט פון זיך, ווי עס האָט פּאַסירט מיט אים פון זיין געבורטסטאָג אָן אין יאָר טויזנט זיבנהונדערט און פופציג ביז דעם יאָר טויזנט אַכט־הונדערט גלייך. ער דערציילט אַלע זיינע אומגליקן, וואָס ער איז אויסגעשטאַנען, אַלע נסים, וואָס זיינען געשען מיט אים, דורך וועלכע הענט ער האָט זיך דורכגעקייקלט און וואו ער שטעקט אַצינד. ער פאַר־זיכערט גלייכצייטיק צו דערציילן אין אַ צווייטן ספר פון זיינע איבריקע יאָרן, דען ער לעבט נאָך עד־היום.

באמערקונג: צום ערשטן מאָל געדרוקט אין יאָר 1867.

# דער ריענדל.

אנכי נולדתי, איך בין געבאָרן געוואָרן רויט און געזונט אין יאָר 1750 אין דער הויפטשטאָט האַג, וואָס ליגט אין נידערלאַנד. גלייך צומאָרגנס האָב איך אָנגעהויבן גיין און די גאַנצע וועלט איז געווען פריי פאַר מיר, פונקט ווי אין די צייטן פונם דור־הפלגה, בשעת אַלע מענטשן האָבן גערעדט אויף איין לשון און האָבן געהאַט איין גלויבן אָדער גאָר קיין גלויבן נישט. יעדערער האָט מיך אויפגענומען פריינטלעך, ווי אַן אַלטן באַקאַנטן, אָדער ווי זייער אַ געווינטשטן גאַסט און איך האָב באמת געמיינט, אַז די גאַנצע וועלט מענטשן זיינען נאָר קינדער פון מיין פאַמיליע און לעבן צווישן זיך ווי טרייע ברידער, און יעדער האָט מיך ברידערלעך באַהאַנדלט. דערפון האָב איך משער געווען, אַז אויב יעדער מענטש איז מיינער אַ ברודער, זיינען דאָך אַלע מענטשן ברידער.

אָבער דערדאָזיקער גליקלעכער טעות האָט נישט לאַנג געדויערט, דאָס הייסט, נישט מער ווי אַכט טעג, ווייל אויפן אַכטן טאָג האָט מען מיך געיידישט, דאָס הייסט מל געווען, און עטלעכע וואָכן בין איך דעריבער שטאַרק קראַנק געווען. כ׳בין געלעגן צום בעט און געטראַכט, אַז צוליב דערדאָזיקער בלוטיקער אָפּעראַציע וועל איך נאָך אַוודאי קיין קינדער נישט האָבן.

אָך, מיין ליבער לעזערין, דו מוזט זיך אודאי חדושן: ווי קומט אַ רענדל צו קינדלען, אָבער מיין טייערע פריינטין, זאָל עס דיך נישט וואונדערן, ווייל אין דידאָזיקע זאַכן זיינען מיר גלייך צו מענטשן און צו אַלע אַנדערע באַשעפענישן, און איך בין נישט קיין אויסנאַם. אַלץ אין דער בריאה ווערט איינגעטיילט אין צוויי מינים: אויף זכר און נקבה. פאַראַן צווייערליי מינים צווישן האַנט-מטבעות, צווישן דאָלאַרס, רובלס און דוקאַטן, און ב׳קען דיר געבן טויזנטער רעיות דערצו. אַ שידוך, ווי דו ווייסט, ווערט נישט געשלאָסן אָן געלט. ביי יעדן שידוך זיינען מיר דער עיקר, דאָס הייסט, ווען אַ שדכן זעט, אַז ביי איינעם איז דאָ אַ פעקל רובלס—זכרימלעך, און ביי דעם אַנדערן איז דאָ אַ זאַק מיט רובלס—נקבהלעך, פירט ער אויס דעם שידוך, און דער יינגל מיטן מיידל, וואָס איר רופט זיי חתן-כלה, זיינען מער נישט ווי צוויי געלט-שומרים. און דעריבער, אַז מיר פאַרלאָזן זיי, שיידן זיי זיך אויך פון אייגאַנדער, ווייל זיי האָבן שוין נישט וואָס צו היטן.

ווי דו זעסט, האָב איך געהאַט דאָס אומגליק געבאָרן צו ווערן אַ זכר, און מען האָט מיך מל געווען, געיידישט און אַזוי ווייטער.

איך בין אַ ביסל שוואַך געוואָרן אויף די פיס און האָב שוין נישט געקאָנט אַזוי לויפן, ווי פריער. אויסערדעם, האָט מען מיך נישט אומעטום אַריינגעלאָזט. איך האָב מיך נישט גע-טאָרט ווייזן אין כמה וכמה ערטער, אַ שטייגער, אין אַ קאַנטאָר, אין אַן עפנטלעכן אָרט, ווייל מען האָט מיך געיידישט.

ערשט איצט האָב איך איינגעזען, אַז אין דער וועלט זיי-נען פאַראַן פאַרשידענע אמנות און פאַרשידענע פעלקער.

איך האָב געלעבט אַ לאַנגווייליק לעבן. אין גרויסע געשעפטן האָב איך זיך שוין מער נישט אומגעדרייט. איך האָב געוואוינט ביי מיין מוהל אין שטוב, ווייל ער איז געווען אַ גרויסער מכניס אורח און האָט ליב געהאַט אַ גר. דאָך בין איך געווען דער ערשטער גר, וואָס האָט זיך ביי אים אַזוי לאַנג אויפגעהאַלטן;

## דער רענדל.

און דערין איז ער אַליין שולדיק געווען, ווייל ער האָט איבערגעכאַפּט די מאָס און האָט מיך צופיל פאַרשניטן. און דאָך, נישט צו פאַלן אים צופיל צו לאַסט, פלעג איך אים עפּטער אַרויסווייזן קליינע געפעליקייטן. איך פלעג אים, אַ שטייגער, ווייזן, וואו עס וואוינט אַן אָרעמער בעל־חצר, וואָס זיין הויף ווערט נישט אָנגענומען אין משכון, ווייל ער טויג נישט, אָדער ווייל ער איז שוין סיי־ווי־סיי אַ גרויסער בעל־חוב, דאָך אָבער קאָן ער אַמאָל געבן וואוינרעכט דעמיעניקן, וואָס מען האָט אים געכאַפּט מיט אַ קוואָרט דורכגעשמוגלטן בראָנפן און דעסגלייכן. טיילמאָל פלעג איך אים אַרויסווייזן אַ חסד אין אַ שיינק פאַר אַ גלאָז ביר, פאַר אַ געבראָטן גענזל, אַ קאַטשקע וכדומה.

און איך האָב פיינט צו זאָגן, ער האָט קיינמאָל קיינעם נישט אָנגעפייפט, ווייל ער פלעגט אַלע מאָל געבן באַצאָלן אַזויפיל, וויפיל עס האָט אָנגעטראָפן מיין חסד. דאָך אָבער האָב איך איינגעזען, אַז איך וועל מיך ביי אים לאַנג נישט עלטערן. הגם ער אַליין האָט מיך מל געווען, דאָך איז ער געווען אַ דם־שונא די יידן, און איך קען נאָך עד־היום נישט זאָגן, צו וואָס פאַר אַן אמונה ער האָט אָנגעהערט: אין שטוב האָט מען נישט געזען נישט קיין צלם און נישט קיין, צען מאָל להבדיל, מזוזה.

נו, האָב איך מיר געטראַכט, אפשר איז דאָ אַזאַ אמונה, וואָס ברויכט ביידע זאַכן נישט. איז מיר אָבער ווידער קשה געוואָרן. וואָלט מען דאָך געדאַרפט, לפּחות, היטן דעם זונטאָג אָדער דעם שבת אָדער אַנדערע ימים־טובים? ביי אים האָט זיך עס נישט געלאָזט מערקן. אַלע טעג זיינען געווען גלייך. דאָס איז קענטיק, געווען אַ מענטש גאָר אָן אמונה, דאָס הייסט ווי מען רופט עס פילאָזאָף.

נו, האָב איך מיך ווייטער געפרעגט — ביי אַ פילאָזאָף איז אַלצאיינס אַ ייד, אַ קריסט, אַ מאַכמעדאַנער, און פאַרוואָס האָט דווקא דער און זיין ווייב פיינט אַ יידן? איך מיין אָבער, אַז מיט זיין פיינטשאַפט צו יידן האָט ער זיך געוואָלט איינקויפן אין יחוס ביי דער וועלט, ווייל דאָס איז דעמאָלט געווען אין דער מאָדע...

און אָט איז איינמאָל געווען אַ נאַכט, ווען איך האָב בשום אופן נישט געקאָנט איינשלאָפן. דערדאָזיקער אומשטאַנד האָט מיר גראַדע געגעבן אַ מעגלעכקייט אונטערצוהאָרכן אַ קליינעם שמועס צווישן מיין באַלעבאָס און זיין אשה.

זי האָט זיך אָנגערופן צו אים:

„זאָג מיר, ווילאַנג וועסטו האַלטן דעם קאַליקע ביי זיך אין שטוב? דו האָסט שוין מסתמא פאַרגעסן, וואָס פאַר אַ צרות מען האָט אויסצושטיין, ווען מען לאָזט איבערנעכטיקן אין שטוב אַ באַשניטענעם רענדל? דו מוזט פטור ווערן פון אים. וואָרום היינט, מאָרגן וועט מען זיכער מאַכן אַ רעוויזיע“.

דערויף האָט ער איר געענטפערט:

„דו ביזט אַפילו גערעכט, אָבער מען קאָן דאָך נישט נעמען און אַרויסוואַרפן אים אויף דער גאַס? איך וועל אים שוין מאָרגן אויסזוכן עפּעס אַ סטאַנציעלע, און נאָכדעם וועל איך מיר פאַר־וואָליע דערלאַנגען אַ מסירהלע, וואו מען באַדאַרף, און עס וועט שוין זיין חי־געלעבט! מסתמא וועל איך אים שוין איינקוואַרטירן ביי אַ יידל, און איך האָב מיך ליב אָפּצורעכענען מיט אַזאַ מין נפש“...

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָב איך מיך שטאַרק דער־שראָקן, וייל איך האָב אָנגעהויבן איבערצוטראַכטן, וואָס קיין שונא אין דער וועלט וועט עס קיינמאָל נישט איינפאַלן. ערשטנס, האָב איך מיך געשראָקן, טאָמער פאַל איך אַריין אין דער האַנט פון אַ מענטשן אַ פּחדן, דאָס הייסט, צו אַן ערלעכן מאַן, און אָט נעמט ער און וואַרפט מיך אַריין אין פייער אָדער אין וואַ־סער. און באמת: פאַרוואָס זאָל איינער צוליב מיר אומגליקלעך ווערן. און, צווייטנס, האָב איך מיך סתּם געשראָקן. אַ גאַנצע נאַכט האָב איך מיך געשווידערט פון שרעק און ערשט פאַרטאָג האָב איך איינגעשלאָפן. און ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, האָב איך מיך שוין געזען ביי מיין באַלעבאָס אין קעשענע.

דאָרט זיינען בעת־מעשה געלעגן נאָך עטלעכע מטבעות., איך האָב אַפילו געוואָלט פאַרפירן מיט זיי אַ שטיקל שמועס

זייִנען זיי אָבער געווען שטום, ווי מפּיל=קינדער, ווייל זיי זייִנען נאָך נישט געווען פאַרטיק. דעם האָט געפעלט אַ ראַנד, יענעם די פּאָליטור, דער דריטער האָט נאָך נישט געהאַט קיין דאַטע...

בין איך מיר געלעגן שטיל און געוואַרט אויף מיין גורל. דאָך האָב איך מיך אומזיסט געשראָקן. ווייל אָנשטאָט צו גיין מיט מיר אין דער יידן=גאַס, ווי מיין באַלעבאָס האָט געזאָגט זיין ווייב נאָכן פרישטיק, וואו ער האָט געוואָלט קויפן אַ זומער=בגד, איז ער גאָר געגאַנגען ערגעץ אַנדערש. עס זייִנען געווען פאַרשיידענע סבות דערצו. ערשטנס, איז שווער אַריבערצוטראָגן איבער אַ האַגער גאַס אַ דאָלאַר, אַ רובל, אָדער אַ רענדל, ווייל ביז מען גייט אַריבער איין האַלבע גאַס, בלייבט שוין אַ העלפט דערפון. מען באַגעגנט זיך, אַ שטייגער, מיט אַ באַקאַנטן, מאַכט מען מיט אים אַ שנאַפּס אָדער מען מוז געבן אַ נדבה, אָדער עס מאַכט זיך צו קויפן עפּעס אַ מציאה — היינט ווי קויפט מען נישט? צווייטנס, איז שווער אַריבערצוטראָגן איבער דער גאַס פון אַ שטאָט דעמזעלבן געדאַנק, מיט וועלכן מען גייט אַרויס פון שטוב, ווייל ער מוז זיך ענדערן ביי יעדן טריט און שריט. מען באַגעגנט זיך מיט פאַרשיידענע עניִנים, וואָס דערמאָנען פאַרגעסענע זאַכן און פאַריאָגן אינגאַנצן דעם ערשטן געדאַנק. דריטנס, איז סתם שווער אַרויסצוגיין פון שטוב מיט אַ באַשטימטער כוונה ערגעץ צו גיין אין תיכף ומיד טאַקע גיין אַהין אָן אַן אָפּהאַלט. פאַרוואָס? אַלץ די אייגענע מעשה: מען טרעפט אָן באַקאַנטע, מען באַגעגנט זיך מיט מענטשן, וואָס פאַרשלעפּן גאָר אַנדערש=וואו אין בויבעריק.

אין מיין באַלעבאָס האָבן זיך איצט די אַלע דריי זאַכן פאַרייניקט, דאָס הייסט, ער האָט געוואָלט גיין אין דער יידן=גאַס און ער האָט געהאַט געלט ביי זיך און האָט באַרעכנט צו קויפן אַ זומער=בגד... דאָס איז געווען אַ צו=גרויסע לאַסט פאַר אַזאַ לייכטן מענטשן, און באַלד ווי ער איז אַרויס פון שטוב, האָט אים שוין אָנגעטראָפן אַ חברה=מאַן און מען איז אַריין זיין אַ שיינק מאַכן אַ שנעפּסל. נאָכדעם האָט יענער אים אַוועקגעשלעפּט

צו זיינעם אַ באַקאַנטן, און ווען ער האָט אים גייענדיק געזאָגט, אַז ער האָט זיך צו קויפן אַ זומער=מאַנטל, דאָס הייסט, אַז ער האָט ביי זיך געלט, האָט אים יענער אָנגערעדט צו כאַפּן דערווייל אַ קערטל.

גערעדט און געטאָן. מען האָט באַלד איינגעלאַדן נאָך עטלעכע מענטשן, און עס האָט נישט לאַנג געדויערט, ווי עס האָט שוין געשפּילט אַ מנין מענטשן. אין קאָרטן מאַכט עס נישט אויס. עס שעמט זיך נישט צו שפּילן מיט גרויס און קליין. מען האָט אַרויסגעטריבן דעם טאָג פון שטוב, דאָס הייסט, מען האָט צוגעמאַכט די פענסטער, אָנגעצונדן ליכט און עס איז אַוועק אַ רעכט שפּיל. און דעמאָלט האָט מיך מיין באַלעבאָס אַרויסגענומען פון דער קעשענע צוזאַמען מיט אַן אַסיגנאַציע, וואָס איז אויך מסתמא געמאַכט געוואָרן אויפן היימישן שטייגער.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שפּיל אויף טויט און אויף לעבן. מיין באַלעבאָס האָט מיך געשטעלט אויפן ערשטן פייער און עס האָט אים געגליקט, ווייל ער האָט מיך פאַרשפּילט נאָר אויף אַ ווײלע. באַלד האָב איך מיך אומגעקערט ווידער צו אים. דערנאָך בין איך ווייטער אַרויס פון זיין האַנט. קורץ גערעדט, יעקעלע דער גאָלד=שלעגער האָט נישט געהאַט אַזויפיל חייבער, זינט ער האָט געלעבט, וויפיל באַלעבאַטעם איך האָב געהאַט אין דער קאָרטנשלאַכט, וואָס האָט געדויערט גאַנצע פערצן שעה. איך האָב מיך באַטייליקט אין דערדאָזיקער שלאַכט מער ווי אַלע אַנדערע מטבעות, וואָס זיינען דאָרט געווען, און דאָס נאָר דערפאַר, וואָס איך בין געווען לייכטער און פלינקער פאַר זיי. און ווער רעדט, אַז מען האָט געוואָלט אויסטוישן אַ מטבע, בין איך באַלד געווען די ערשטע כפּרה. ביי דער ציאונג פון אַ פיגור האָט מען מיך אַרויסגעשטעלט.

איך האָב מיך, אַלזא, באַטייליקט סיי אין דער געלט=שלאַכט און סיי אין דער צייט=שלאַכט (ווייל ביי קאָרטן שפּילן ווערן ביידע געשעדיקט, סיי דאָס געלט און סיי די צייט). איך בין געוואַן פול אין אַלע ווינקעלעך. איך האָב אָנגעגריפן אַלע מינצן=

באַטאַרייעס, און פון זיי געפלויגן צום קאָרטן-מאַרשאַלעק, דאָס הייסט צו דעם באַנקיר, ווייל דאָרט איז געווען מיין הויפּט-קוואַרטיר. אַ מאָל צען בין איך געפאַנגען געוואָרן און אַ מאָל צען, ווידער, בין איך באַפרייט געוואָרן. איך האָב שוין געמיינט, אַז איך בין ווידער מותר געוואָרן לבֿא בקהל, ווי אין מיינע יונגע יאָרן און אויף מיר האָט זיך אָנגעצויגן גאָר אַן אַנדער הויט. דער סוף דערפון איז אָבער געווען, אַז איך האָב מיך אָפּגעשטעלט ביי דעם באַנקיר צוזאַמען מיט דער אַסיגנאַציע פון מיין פריערדיקן באַלעבאָס און צוזאַמען אפילו מיט מיין פריערדיקער וואוינונג, וואָרום מיין באַלעבאָס האָט פאַרשפּילט אויך זיינע לעצטע קליידער מיט דער קעשענע, וואו איך בין עפּעטער געלעגן.

ער איז, נעבעך, אַוועק האַלב נאַקעט. ווי ס'איז אים געגאַנגען דאָרט מיט זיין ווייב, ווייס איך נישט. כ'ווייס נאָר, וואָס מיט מיר איז עס צוגעגאַנגען. דעם אמת געזאָגט, האָט מיך שטאַרק געפרייט, וואָס איך בין אַמאָל פּטור געוואָרן פון אים.

אָבער דער נייער הער איז, צום באַדויערן, אויך נישט געווען קיין לייט, און כ'האָב זייער גוט פאַרשטאַנען, אַז איך וועל ביי דעמדאָזיקן פאַרשוין קיין טון זאַלך נישט אויפעסן. און אַזוי האָט זיך טאַקע אויסגעלאָזן. אין דעם אייגענעם אוונט האָט ער מיך איינגעפּאַקט אין בייטל מיט נאָך טויזנט אַנדערע מטבעות. ער האָט שוין געהאַלטן דעם שטעקן אין האַנט און פון דער גאַנצער געזעלשאַפט איז געבליבן נאָר איינער, וואָס האָט זיך שוין אויך געקליבן אַוועקצוגיין. האָט זיך דער איינער גראָד געדאַרפט דערמאָנען, אַז עס קומט אים פון באַנקיר אַ פּאָר דאָלאַר, האָט ער געבעטן דעם חוב, און יענער האָט געזאָגט:

„גיב מיר אַ דאָלאַר מיט אַ גילדן רעשט, וועל איך דיר געבן אַ רענדל“.

יענער האָט דערלאַנגט אַ דאָלאַר מיט אַ גילדן, און דער באַנקיר האָט אַרויסגענומען דאָס בייטל מיט די הונדערטער רענדלעך און דאָלאַרס, האָט דאָרט לאַנג געזוכט און געקוקט, ביז ער האָט מיך באַקומען און האָט מיך איבערגעגעבן צו אים.

דערביי אָבער האָט ער זיך אַזוי הויך צעלאַכט, אַז עס קלינגט מיר נאָך איצט אין די אויערן.

איך קאָן דיר גאָרנישט אזוי ווייט דערציילן, מיין טייערע לעזערין, וויפיל עס האָט מיך געקריינקט. עס איז מיר דאָס, בלוס פון די פיס אין פנים אַריינגעקומען. דו וואָלסט נאָר זען מיט וואָס פאַר אַ פרייד ער איז פון מיר לויז געוואָרן.

אין מיין נייער דירה האָב איך מיך געשעמט ווי אַ גנבן נאָך אַ נס, וואָס ביי אים דאָרט, אין דער קעשענע, איז געווען פוסט און לער און ס'איז נישט געווען פאַר וועמען זיך צו שעמען. דאָרט איז געווען אַזוי פוסט, ווי אין אַ מדבר. עס האָט מיך אפילו געגרוילט דאָרט צונעכטיקן; איך וואָלט דאָרט זיכער ניזק געוואָרן, ווען עס וואָלט נישט אַריבערהיינגען אַ קייטעלע פון אַ זייגער מיט אַ שליסעלע, וואָס אין אים האָט געשטעקט אַ קליין מזוזהלע (היינט איז עס אין מאָדע, עלעגאַנטן טראָגן שליסעלעך מיט מזוזהלעך, וואָס זיינען געמאַכט פון אַ גרויסער פאָטאָגראַפיע. זיי זיינען זייער קליין און שיין. זיי טראָגן עס ביי די קעשענעס, כדי די שדים זאָלן זיך דאָרט נישט פרוכפערן און מערן, ווייל דאָרט איז, ווי געזאָגט, אַ גרויסער מדבר). אַהיים איז געקומען מיין נייער באַלעבאָס האַלב שיכורלעך און האַלב פאַרשלאָפן, און דאָך האָט ער זיך באַך אָנגעטאָן אַ כוח און האָט זיך גוט צעזידלט און צעקריגט מיטן ווייב. נאָכדעם האָט ער זיך געלייגט שלאָפן און ערשט אויף מאָרגן אינדערפרי האָבן מיר זיך ביידע דערקאָנט. דעמאָלט האָט ער זיך אַרומגעזען, אַז ער האָט זיך מיט מיר אָפּגעבאַרט, ווייל אין בין קוים ווערט געווען די רעשט, וואָס ער האָט פאַר מיר אויסגעצאָלט. און איך, ווידער, האָב מיך אַרומגעזען, אַז איך האָב דאָ געמאַכט אַ צרהדיקן טויש.

איך האָב באַלד איינגעזען, אַז איך האָב דאָ צו טאָן מיט אַ קבצן אַ פּאָדראַטשיקל. עס זיינען געקומען צו אים דראָבנע מענטשעלעך, וואָס האָבן מיט אים לאַנג איינגעטענהט מכוח אָפּטרעט-געלט צו צען, צו צוועלעף דאָלאַר אויף אַ חלק, עס

איז געוואָרן קלאָר, אַז דאָס זיינען אַזוינע מענטשלעך, וואָס קאָנען נישט פירן קיין גרויכע געשעפטן.

עס פאַרשטייט זיך, אַז ער איז געווען אָרעם ווי טיטוס, און האָט אַלץ געאַרבעט מיטן מוח, ווי אַזוי פטור צו ווערן פו מיר. איך גאָס האָט ער מיך מורא געהאַט צו לאָזן, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז איך וועל ווייט נישט גיין און וועל אים דערצו גאַנץ ווייניק אַריינטראָגן. אויסערדעם, נעמט מען אַלץ אויף באָרג און ווי לאַנג האָט ער סך־הכל גאָר אָנגעזעצט? היינט נעם און ווייז זיך אין גאַס מיט רענדלעך, לייטן אויפצורייסן די אויגן? דאָס טויג דאָך גאָרנישט.

און אָט, ווי ער שטייט אַזוי פאַרטראַכט, מיט צוגעמאַכטע אויגן און קלערט אַלץ, וואָסער לאָך זאָל ער פריער פאַרשטאָפּן מיט מיר און וואָסער בעל־חוב זאָל ער פריער צומאַכן מיט מיר דעם פיסק, איז פּלוצלונג אַריינגעפאַלן צו אים אין שטוב עפּעס אַן ארימע יידענע מיט אַ קלאָג און מיט אַ יאָמער.

„סטייטש, — האָט זי געשריען, — מיינע פיס זיינען מיר שוין געשוואָלן געוואָרן, לויפנדיק צו אייך. — אַלע טאָג — היינט, מאָרגן, מאָרגן, היינט. מיר האָבן קיין ברויט נישט אין שטוב! מיין מאַן האָט שוין קיין כוח נישט צו שרייען מיט אייער יאָסעלען, ווייל ער האָט שוין פון דריי טעג נישט געגעסן".

„וויפיל קומט עס אייך?" — האָט ער זי געפרעגט.

„וויפיל קומט? — האָט זי געווישט די נאָסע נאָז און געשריען. — דאַכט־זיך מיר, איר האָט באַדונגען צען דאָלאַר אַ זמן און איר האָט נאָך דערווייל קיין איין גראָשן נישט געגעבן".

„נו, יידענע, הערט־אויף צו שרייען, מאַכט נישט קיין ליאַרם, — האָט ער זיך אָנגערופן צו איר. — הייסט אייער מאַן, ער זאָל בעסער ווערן אַ פּאַדראַטשיק, איידער צו זיין אַ מלמד. נאַט אַייך אַ רענדל און גייט אייך געזונטערהייט".

און ער האָט אַריינגעשטעקט די האַנט אין קעשענע און האָט מיך אָפּגעגעבן צו איר.

מיך האָט נאָך קיין שום מענטשלעכע האַנט אַזוי פריינטלעך נישט געקוועטשט, ווי די דאַרע האַנט פון דערדאָזיקער אָרעמער פרוי, און עס האָט מיך ממש געפרייט, וואָס איך בין לסוף אַריינ־געפאַלן צו איר. ערשטנס, האָב איך איינגעזען, אַז איך בין דער ערשטער רענדל, וואָס זי האָט געהאַלטן אין איר האַנט. ווער זי זיך באַלד נישט כאַפּן, אַז איך בין, נישט פאַר אייך געדאַכט, באַשניטן. צווייטנס, וועט זי דאָך פאָרט קריגן פאַר מיר אַ פּאָר דאָלער.

אַהיים האָט זי מיך געבראַכט מיט אַזאַ פרייד און מיט אַזאַ שמחה, אַז קיין שום גר אין דער וועלט וועט עס געוויס נישט זוכה זיין צו האָבן פון מיליאָנען.

די שמחה האָט זיך נאָך באַנייט, ווען דער מאַן איז גע־קומען פון חדר. ער האָט אָנגעטאָן די ברילן און דאָס ווייב האָט מיך אויסגעוויקלט פון די צען פּאַפּירעלעך, אין וועלכע זי האָט מיך איינגעוויקלט, און ער האָט מיך מיט זיין בלאַס פּנים באַ־טראַכט פון אַלע זייטן.

„דאַכט זיך, לאה, האָט ער זיך אָנגערופן צו איר, — אַז דאָס רענדל איז עפּעס קלענער פון אַלע יענע זעקס רענדלעך, וואָס מיר האָבן אַמאָל געהאַט. געדיינקסט? אמת, ס'איז שוין אַ צייט מיט יאָרן אַוועק, זינט מיר האָבן זיי אונזער פּערען, עליה השלום, אַוועקגעגעבן אין נדן, און ווי איך געדיינק איצט, זיינען יענע געווען ווי די קעלבער, און דער איז עפּעס גאָר אַ קליינינקער".

זאָגט דאָס ווייב:

„אוי, מיין מאַן, וואָס רעדסטו אַזוינע נאַרישקייטן, הלואי וואָלטן מיר געהאַט כאָטש אַן אַכטל רענדלעך אַזוינע, וואָלט אונזער צירעלע באַלד אַ כּלה געוואָרן. אוןווידער, וואָס פאַר־גלייכסטו די רענדלעך פון יענע יאָרן מיט די רענדלעך פון די היינטיקע יאָרן. די פּאַרצייטיקע מענטשן זיינען אויך גאָר אַנדערע געווען. געדיינקסטו די מעשה פון קאָזומס פּאַנטאָפל, וואָס איז איינגעבונדן מיט דער תחינה פון ראש־חודש בענטשן? געלויבט און געבענטשט איז זיין ליבער נאָמען, וואָס איך האָב אים

אַרויסבאַקומען פון זיינע הענט. הלואי וואָלט ער אונז דאָס איבעריקע שכר-למוד באַצאָלט מיט אַזעלכע רענדלעך. איך וואָלט מיט גרויס שמחה פאַרלאָרן אין זיי כאָטש צו צוויי גילדן, ווייל אַנדערש וועט ער גאָרנישט איינצאָלן דאָס רבי-געלט".

נו, מיין טייערע לעזערין, איך מוז דיר זאָגן דעם אמת, אַז דידאָזיקע ווערטער, ווי: מלמד, שכר-למוד, נדן און דאָסגלייכן האָב איך גאַנץ ווייניק פאַרשטאַנען, ווייל חוץ דעם באַשניידן האָב איך נאָך פון יידישקייט גאָרנישט געוואוסט. דאָך האָב איך פאַרשטאַנען, אַז מיין נייער אייגנטימער איז אַן ערלעכער קבצן.

אַ גאַנצע נאַכט האָט מען זיך מיט מיר געשפּילט און גע-פרייט און מען האָט זיך אַלץ מישב געווען, ווי אַזוי מען זאָל מיך אויסגעבן. דערדאָזיקער ישוב-הדעת האָט זיי צוגענומען מער צייט, ווי דער ישוב-הדעת, וואָס זיי האָבן געהאַט ביי זייער אויסגעבן אַ טאָכטער און זיי האָבן טאַקי מער און בעסער אויס-געפירט מיט מיר, ווי מיט איר, ווייל זי האָט זיך אומגעקערט באַלד צוריק און איך — שוין קיינמאָל נישט...

איך בין ביי זיי געווען זייער אַן אָנגעלייגטער גאַסט, אָבער אויף מאָרגן האָט מיך די אָרעמע לאה אַוועקגעטראָגן צו אַ באַקאַנטן חלפן. זי האָט אים מיך פאַרגעשטעלט און האָט אים געבעטן, ער זאָל מיך אויסטוישן אויף קליינגעלט. קוים אָבער האָט מיך דער חלפן דערזען, האָט ער געמאַכט אַ זויערע מינע, אַז עס איז מיר פינסטער געוואָרן אין די אויגן. און די אָרעמע לאה איז, נעבעך, געבליבן שטיין ווי אַ פאַרמשפטע.

דער חלפן האָט אָבער קיין איין וואָרט נישט גערעדט און האָט מיך אַרויפגעוואָרפן אויף אַ וואָג-שאָל. איך בין געווען גוט אָפּגעצערט. דאָס געוויכט איז אַראָפּ אונטן און איך בין אויבן אַרויף. און אַזוי ווי איך בין געוועזן ביי זיך זייער געהויבן, אַזוי איז, נעביך, די אָרימע לאה ביי זיך געפאַלן און האָט אַלץ גע-קוקט מיט אירע אויגן, ווי דאָס געוויכט האָט מיך איבער-געוואויגן.

„ווער האָט עס אייך געגעבן אזא קל שבקלים ? – האָט ער זי לסוף אַ פרעג געטאָן".

„דאָס האָט מען מיר, ברוך השם, אַריינגערוקט רבי־געלט, – האָט זי געזאָגט, – אפרים דער נייער נגיד האָט עס מיר גע־געבן".

„פון אים, פון אפרים דעם נייעם נגיד און דעם אַלטן קאָרטנשפּילער, האָט איר עס באַקומען ? פאַרשטיי איך שוין. ער אַליין איז אויך אַ קל שבקלים און אַזעלכע רענדלעך גוט ער אייך. מיר שיינט, אַז ער האָט גאָר קיינמאָל קיין בעסערע נישט געהאַט. מען מוז דאָך האָבן אַ לב אָנצוגעבן אַזאַ רענדל פאַר דריי דאַ־לאַר אַן אָרעמען מלמד פאַר שכר למוד. הערט, מיין ליבע לאה ווען איך זאָל אייך געבן דאָס, וואָס דערדאָזיקער רענדל איז באמת ווערט, קענט איר מער ווי צוועלף גילדן נישט באַקומען פאַר אים. מאַך איך מיט אייך אַזאַ געשעפט: צוועלף גילדן קריגט איר שוין און נאָך אַכט גילדן וועל איך אייך דערלייגן אין אַכט טעג אַרום. איינער האָט ביי מיר באַשטעלט, איך זאָל אים פאַרשאַפן צוויי טויזנט דוקאַטן, וואָס יעדער הונדערט פון זיי זאָל וועגן אַ פונט, ווייל ער ברויכט זיי מער אויף גאָלד, ווי אויף מינצן. איך האָב אַפילו גאַנץ אַלטע דוקאַטן, וואָס מאַנכע ג ייען מער ווי הונדערט אויפן פונט. אייער רענדל קאָן אויך גיין צווישן זיי. איך וועל דערמיט קיין שאָדן נישט מאַכן נישט מיר און נישט יענעם, ווייל ער וועט מיר דאָך בלאו הכי נישט צאָלן מער פאַר די עטלעכע שווערערע דוקאַטן".

די אָרימע פרוי איז געווען העכסט צופרידן, איז אַוועק מיט די צוועלף גילדן אַ היים און איך האָב מיך אָפּגעשטעלט ביי דעם חלפן. ער האָט מיך אַראָפּגענומען פון שאָל און האָט מיך אַרײנגעוואָרפן אין אַ קעסטעלע, וואו עס זיינען געלעגן כמה־הונדערטער דוקאַטן, געזונטע און אָפּגעפּרעסטע. איך בין דאָרט געלעגן אַ גאַנצע וואָך און האָב דידאָזיקע צייט פאַרבראַכט זיי־ער פריילעך. יעדערער פון אונז האָט דערציילט זיין לעבנס־

געשיכטע, וואו ער האָט אויסגעוואַנדערט און אויסגערייזט און וואָס ער האָט זיך אָנגעזען און אָנגעהערט.

נאָר איך וועל, נאַטירלעך, נישט גיין איבערציילן דאָס, וואָס איך האָב מיך אָנגעהערט. איך קאָן נאָר איין זאַך זאָגן, אַז די דאָרטיקע דוקאַטן זיינען אַלע געווען האָלענדער און דעריבער האָבן זיי מיך זייער פריינטלעך אויפגענומען. עס האָט זיי גאָרנישט געאַרט, וואָס איך בין געיידישט און האָבן זיך מיט מיר באַגאַנגען ווי ברידער. עס האָט זיי גאָרנישט אויסגעמאַכט, צי איך ליג אויבן און זיי אונטן, צי זיי אונטן און איך אויבן. איך בין אָבער אַלעמאָל געלעגן פון אויבן, ווייל מיין נייער באַלעבאָס האָט מיר תמיד געוואָלט האָבן אין אויג, כדי פטור צו ווערן פון מיר ביי דער ערשטער בעסטער געלעגנהייט.

אין אַכט טעג אַרום זיינען מיר הונדערטערווייז איינגעפאַקט געוואָרן אין פאַפירן און דאַן האָט מען מיך אַריינגעזעצט צווישן צוויי געזונטע און דיקע קערלען און זיי האָבן מיך געטרייסט און צוגעגעבן מוט.

„שרעק זיך נישט, — האָבן זיי געזאָגט, — מיר וועלן דיך דורכפירן דורך אַלע סכנות. טייל זיך נאָר נישט אָפּ פון אונז, וועסטו גלייך מיט אונז אַדורכמאַשירן די וועלט“.

און אַזוי איז אויך געווען. מען האָט אונז דאָרט הונדערטערווייז געוואויגן און באַלד ווידער איינגעפּאַקט אין ראָלן, און אַ דיקער מאַן האָט אונזערע ברידער אַוועקגעשלעפּט מיט זיך גאַנצע צוויי טויזנט שטיק.

ער האָט אונז געבראַכט אַהיים און פאַרשלאָסן אין אַן אייזערנעם קאַסטן, מיט פינף רינגען און צען שלעסער.

יאָרנלאַנג, זיינען מיר דאָרט געלעגן, און האָבן פאַר דער צייט נישט געוואוסט, וואָס עס טוט זיך אויף דער ווייסער וועלט. מיר האָבן נישט געוואוסט, ווער איז אונזער באַלעבאָס. מיר האָבן בלויז געוואוסט, אַז ער איז רייך, און ווייטער גאָרנישט. פון לאַנגווייליקייט זיינען מיר שיעור נישט משוגע געוואָרן. טיילמאָל

א. מ. דיק.

פלעגט אונז אויסווייזן, אַז אונזער מינצנדור איז שוין לאַנג סקאַסירט געוואָרן, און אַז גאָלד אַליין האָט שוין גאָר קיין ווערט נישט. איז דאָך געווען אַמאָל אַ צייט, ווי עס דערציילן אונזערע זקנים, אַז אַ שטיק ברויט האָט געהאַט מער ווערט פאַר אַ שטיק גאָלד.

קורץ גערעדט, מיר האָבן געלעבט אין אַזאַ פינסטערניש און שטילקייט, אַז מיר האָבן לחלוטין פאַרלאָרן דעם חשבון פון דער צייט. אַ סך פון די אונזעריקע האָבן גערעכנט, אַז מיר זיצן שוין דאָ אַ יאָר צען, אַ טייל, ווידער, האָבן געמיינט, אַז מיר זיצן נאָכמער. אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז מיר זיצן נישט מער ווי אַ יאָר זעקס. יעדער האָט געבראַכט זיינע ראיות און זיינע באַווייזן, און דער דוקאַטן-עולם האָט זיך שטאַרק געאַמפּערט איבער דעם. אויסגעלאָזן האָט זיך אָבער אַזוי, אַז קיינער האָט נישט געטראָפן, ווייל אין רעכטן מיטן קלערן און שפּאַרן זיך האָט מען פּלוצים אויפגעמאַכט דעם קאַסטן...

איר קאָנט זיך גאָרנישט פאָרשטעלן, ווי אַזוי דער עולם האָט זיך דערפרייט. מיר האָבן געמיינט, אַז מיר ווערן שוין פּטור פון דער תפיסה און וועלן ווידעראַמאָל אַרומשפּאַצירן איבער דער ליכטיקער וועלט. ליידער אָבער איז אונזער תפיסה געעפנט געוואָרן נישט דערויף, צו באַפרייען אונז, נאָר אַריינצוזעצן נייע אַרעסטאַנטן. דער דיקער הער האָט אַריינגעלייגט נאָך צען פּעקלעך דוקאַטן און האָט דעם קאַסטן ווידער צוגעהאַקט. דאָך האָבן מיר געהאַט גענוג צייט צו באַטראַכטן דעם דיקן הער.

ער האָט זיך שטאַרק געעלטערט פאַר דער צייט. דעמאָלט, בעת ער האָט אונז אַריינגעפּאַקט אין תפיסה, האָט ער געהאַט אַ קליין שוואַרץ בערדל און אַצינד הייגגט אים אַ גרויסע גרויע באָרד אויף דער ברוסט. וויפיל-זשע זיצן מיר פאָרט? אודאי אַ יאָר צוואַנציק!

ס'האָט זיך ווידער אָנגעהויבן אַ הייסער וכוח צווישן אונז, וויפיל צייט באַדאַרף אַוועקנעמען, אַז פון אַ שוואַרצער באָרד זאָל ווערן אַ גרויע באָרד. עס זיינען געווען פאַרשידענע מיינונגען.

עמעץ האָט זיך אַפילו אָנגערופן, אַז די פאַרוואַנדלונג פון אַ שוואַר־צער באָרד אין אַ ווייסער, איז נאָך גאָרנישט קיין ראיה פון צייט. ערשטנס, קען זיין, האָט דער דיקער מאַן שוין געהאַט אַ גרויע באָרד צום ערשטן מאָל, נאָר ער האָט זי אָפּגעשוואַרצט, ווייל היינטיקע צייטן פאַרבט מען בערד, ווי ווייט עס לאָזט זיך; צווייטנס, קען אַמאָל אַ שווערע מינוט פאַרוואַנדלען פון יונג אין אַלט. בשעת איך בין געווען אין נאָרוועגיע, איז אַ יונגער פייגל־כאַפּער, וואָס האָט אַרויפגעקלעטערט אויף אַ הויכן פעלז, אויפצונעמען אין די נעסטן די טייערע פעדערן, פלוצלונג אַראָפּ־געפאַלן. אינמיטן פאַלן אָבער האָט ער זיך פאַרטשעפּעט מיטן בגד אָן אַ דאָרן און איז געבליבן הייגען אין דער לופטן. דעמאָלט האָבן אים די אַנדערע יעגער מציל געווען דאָס לעבן דורך דער הילף פון אַ שטריק מיט אַ קאָרב.

פונם פעלז איז אָבער אַראָפּ נישט קיין יונגער פייגלכאַפּער, ווי ער איז עס געווען, בשעת ער איז אַרויף אויפן פעלז, נאָר אַן אַלטער מאַן, ווייל ער איז אין דער קליינער, אָבער העכסט שרעקלעכער מינוט גרוי געוואָרן. נו, קען געמאָלט זיין, אַז אונזער דיקער הער האָט אפשר אויך איבערגעלעבט אַ גרויסן פחד און איז מיטאַמאָל גרוי געוואָרן... די גרויקייט, אַלזאָ, קאָן נישט דינען פאַר אַ ראיה, אַז עס איז אַוועק אַ סך צייט.

דערהערט אָבער פון וואָס מיר אַמפּערן זיך דאָ, האָבן אונזערע נייע חברים זיך הויך צעלאַכט.

„וואָס טויגן אייך די וכוחים, — האָבן זיי געזאָגט, — פרעגט אונז, וועלן מיר אייך גלייך קלאָר מאַכן, וואו איר זייט אין דער וועלט. מיר באַדאַרפן מיט אייך גאָרנישט צו ריידן, גיט נאָר אַ קוק אויף אונזער דאַטע, וועט איר באַלד וויסן. מיר זיינען ערשט היי־יאָר געמינצט געוואָרן".

דער דוקאַטן־עולם האָט באַלד באַטאַפּט די ציפער פון אונזערע נייע חברים. עס איז געשטאַנען אַ יאָר: 1780. וויפיל צייט זיצן מיר שוין? אָך, עס נעמט דורך אַ שרעק! נישט צען און נישט צוואַנציק, ווי דער עולם האָט אויפגעוויזן מיט גרויס

בקיאות, נאָר גאַנצע 30 יאָר! גאַנצע 30 יאָר! ווייל אַרעסטירט זיינען מיר געוואָרן אין יאָר 1750. די האָר האָבן זיך אונז אויפגעהויבן פון פּאַרדרוס און צאָרן. דאָס איז אַ ביסל אַ רציחה פונם דיקן הער צו האַלטן אונז איינגעשפּאַרט אַזויפיל יאָרן.

ביי אַ פריערע באַהאַנדלונג האָבן מיר דאָך געקאָנט אַ סך נוצלעך זיין פאַר אים און פאַר דער וועלט. עס קאָן אָבער זיין, אַז ער האָט זיך געשראָקן צו ווייזן זיך מיט אונז אין דער וועלט ווי אַ פּנויה, דאָס הייסט, ווי אַ פרוי, וואָס האָט קיינמאָל נישט חתונה געהאַט, קאָן זיך נישט ווייזן מיט אַ קינד, וואָס זי האָט געבוירן מן הצד. ווער ווייסט וואָס דאָ איז?

אין עטלעכע טעג אַרום, נאָכדעם ווי מען האָט אונז געבראַכט די נייע אַרעסטאַנטן, האָבן מיר פּלוצלונג דערהערט אַ גרויס גערודער מיט אַ געוויין און באַלד דערויף האָט זיך דערהערט אַ שעפּטשעריי אין דעם צימער, וואו מיר זיינען געזעסן.

איינער פון די אונזעריקע האָט געזאָגט:

„ברידער, הערט, וואָס איך וועל אייך זאָגן. מיר איז שוין נישט דאָס ערשטע מאָל צו זיין אַ תּפוס. יאָרנלאַנג בין איך געזעסן ביי פאַרשיידענע מענטשן אין דער וועלט, און האָב שוין די פּראַקטיק, אַז קוים ברעכט אויס אַזאַ גערודער אין אַ שטוב, איז עס אַ סימן, אַז דער באַלעבאָס האָט אויף אייביק צוגעמאַכט די אויגן... רבותי, איר זאָלט וויסן, אַז מיר וועלן לאַנג נישט זיצן. מיר וועלן אינגיכן באַפרייט ווערן".

און אַזוי איז עס טאַקע געווען. אונזער באַלעבאָס איז געשטאָרבן און דער מת איז אָפּגעלעגן גאַנצע דריי טעג, ווייל מען האָט נישט געקאָנט דורכקומען מיט די יורשים וועגן קבורה געלט. מיט אַ נאַכט פריער פאַר דער קבורה, האָבן דריי יונגעלייט אויפגעעפנט דעם קאַסטן. דאָס זיינען געווען די יורשים; זיי האָבן געציילט נאָר יענע סומעס און פּאַפּירן, וואָס זיינען דאָרט געלעגן נאָך פריער פאַר אונז. נאָכדעם האָבן זיי אויס-

געקליבן אַלע קראַנקע מטבעות און קלים, צוזאַמען ביי אַ דריי טויזנט דאָלאַר און אַוועקגעגעבן זיי אויף קבורה=געלט.

עס פאַרשטייט זיך, אַז איך בין געווען די ערשטע כפרה. אויף צעמאָרגנס אינדערפרי האָט מען אונז אַוועקגעטראָגן צום גרויסן גבאי, און דאָרטן האָט מען אונז בלויז געציילט און נישט געוואויגן. מען האָט גענומען ווי עס גייט, ווייל מען האָט נישט געוואָלט מער איינרייסן מיט די יורשים. זיי האָבן געהאַט אַן אַלטע מוטער מיט אַ גרויסער כתובה, און אַז מען וואָלט צו שטאַרק אָנגעצויגן די סטרונע, וואָלט זי זיך צעריסן. אין אַזאַ פאַל וואָלטן די יורשים זי אַוועקגעשיקט שטאַרבן צו זייערע אַ שוועסטער, ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפן שטעטל.

ביי דעם גרויסן גבאי האָב איך אַפילו אויסגעזען זייער קליין, ווייל ער האָט מיך אַ פּאָר מאָל אַ וועג געטאָן אויף די פינגער. ער האָט אָבער מיט מיר נישט געמאַכט קיין סך מחזקות. ער האָט מיך בלויז איינגעוויקלט אין אַ פאַפירל, צו דערקאָנען מיך שנעלער און נישט מער.

איך בין ביי אים אַזוי געלעגן אין ווינקל, ווי אַ מתל אין מיינע פרעס=ווייסע תכריכים, נאָכמער ווי מיין געשטאָרבענער באַלעבאָס, ווייל יענער איז געלעגן בלויז דריי טעג און איך בין געלעגן פינף טעג. אויפן זעקסטן טאָג האָט מען אונז אַלעמען טראַנספּאָרטירט צו די גבאים פון דער צדקה=גדולה, נאָר איך מיט עטלעכע וואַזשנע קלים זיינען געלעגן אין אַ באַזונדער אָפּטיילונג פונם בייטל... ביינאַכט איז אויך געקומען דער גרויסער גבאי און מען האָט אָנגעהויבן צו שיקן פון אונז פאָרוויין און איינציקווייז אין די הייזער פון די געפאַלענע באַלעבאַטים אויף קמח=פסח. האָבן מיר זיך אָנגעהויבן צו געזעגענען.

מיר האָבן פאַרגאָסן טייכן טרערן. מען האָט אונז אַריינגעלייגט אין באַזונדערע קאָנווערטן צו איינעם, צו צוויי, צו פיר און צו זעקס און מען האָט אונז פאַנאַנדערגעטראָגן אין פאַרשיידענע הייזער, וואו מיר זיינען אויפגענומען געוואָרן מיט דער גרעסטער חשיבות און כבוד. אָבער אויף מיר, וואָס

א. ב. דיק.

איך בין געווען דער איינציקער ביי מיין געפאַלענעם באַלעבאָס, האָט מען זייער קרום אַ קוק געטאָן, הגם איך האָב אויך געטאָן דאָס אייגענע: איך האָב אויך אַ קרום געטאָן, ווייל איך האָב דערקאָנט דעם באַלעבאָס און איך האָב מיך דערמאָנט, אַז איך האָב אַמאָל ביי אים איבערגענעכטיקט אַ נאַכט...

דאָס איז געווען דער אייגענער אפרים דער פּאָדראַטשיק, וואָס האָט מיך אַוועקגעגעבן צו זיין מלמד פאַר שכר־למוד און האָט מיך דאַן אַריינגערעכנט פאַר דריי דאָלאַר מיט צוויי גילדן, דאָס הייסט פאַר אַ פולער מטבע. ער איז נאָך דעמאָלט געווען אַ יונגערמאַן, קוים דרייסיק יאָר אַלט און דערצו נאָך אָן אַ חתימת־זקן, ווייל ער איז געווען אַ גלות. היינט אָבער איז ער שוין געווען אַן אַלטער מאַן מיט אַ גרויער באָרד און אַרומגעריסן און אַרומגעשליסן, דערצו אַ קבצן שבקבצן! די גבאים האָבן געוואוסט, אַז ער איז נישט גאָר ערלעך און האָבן דעריבער מיך געשיקט צו אים.

ער האָט זיך אַזוי געענדערט, אַז אַן אַנדערער וואָלט אים בשום אופן נישט דערקאָנט, און איך וואָלט אים אויך נישט דערקאָנט, ווען איך וואָלט נישט דערהערט אין שטוב די זעלבע קללות און דיזעלבע זידלערייען און קריגערייען מיטן ווייב, און דעם ווייבס ענטפער:

„אפרים קאָרטנשפּילער, שכור, קורעווניק".

איך האָב בעת מעשה געטראַכט: „גוט אַזוי, גוט אַזוי, וואַרף אים אין פנים אַריין די ערגסטע ווערטער..."

דער אויסוואורף האָט מיך אָבער צוויי מאָל געוואָרפן אויף דער ערד, האָט געשאָלטן די גבאים, וואָס זיי האָבן מיך געשיקט צו אים. ער האָט זיי גערופן גנבים, רמאים, לאַפּקע־נעמער, רוצחים, בייטלשניידער...

„צו מיין הארץ זאָלן זיי קומען, — האָט ער געשריען, — איך בין אַ מאָל געווען מער לייט פאַר זיי, נישט פאַרדייען זאָלן זיי די דאָלאַרס, וואָס איך פלעג צו צאָלן אַלע יאָר פאַר „אתה הראתה" אין דער גרויסער שול, פאַר פּתיחת־ארון צו נעילה.

באָקעם זאָל זיי אַרויס מיין ספר־תורה, וואָס איך האָב דאָרטן אַמאָל איינגעגעבן אין דעם ערשטן יאָר, ווען איך האָב די פינפטויזנט דאָלאַר אָפּגענומען פאַר דער פּרעטענזיע, וואָס איך האָב געהאַט בײַ קאַזנאַ. אָבער נישקשה, איך בין נאָך נישט אינגאַנצן פאַרלאָרן, איך וועל נאָך לערנען מיט זיי בלק. זיי וועלן וויסן, אַז אפרים דער נייער נגיד לעבט נאָך".

אַזוי גייט עס אין דער וועלט, מיין טייערע לעזערין. דער גרעסטער הולטאַי, דער גרעסטער אויסוואורף וויל באַהאַנדלט ווערן פון דעם אַנדערן מיט כּבוד. ווען מען כאַפּט אַ גנב און מען גיט אים אַ פּאַטש, שרייט ער, אַז מען טאָר אים נישט שלאָגן, אַז מען זאָל זיך מיט אים באַגיין פּאָ זאַקאָנו. הייסט דען אָבער דאָס געזעץ, מען זאָל אויפבּרעכן אַ פרעמדע טיר?

צוויי מאָל האָט ער מיך געוואָרפן אויף דער ערד, צוויי מאָל אָבער אויפגעהויבן און האָט נאָך געזאָגט:

„נישט דערלעבן זאָלן זיי, אַז איך זאָל דערפון מאַכן פּסח. איך וועל אים בעסער פאַרשפּילן אין קאָרטן...

נאָכדעם האָט ער מיך גענומען אין דער האַנט אַריין און איז אַוועק מיט מיר אין אַן אומבאַקאַנטער שטוב. איך האָב דאָרטן געפונען אַ באַנדע קאָרטנשפּילער, יידן און קריסטן. אַלע זיינען געווען בלאַס און אויפגערעגט און פאַרקומערט. אייניקע פון זיי האָבן שוין געהאַט רויטע נעזער פון צופיל טרינקען, און האָבן אויסגעזען אינם רויך פון די ציגאַרן, ווי די נאַכט־רוחות. אַ גאַנצע נאַכט האָט מען זיך געמוטשעט בײַ די קאָרטן.

איצט איז געווען פרייטיק נאָך האַלבן טאָג. קוים בין איך אַריין מיט מיין באַלעבאָס אין שטוב, איז די געזעלשאַפט גאָר אויפגעלעבט געוואָרן, ווייל ווי אָרעם אפרים איז נישט געווען, האָבן זיי אים געקאָנט פאַר אַ גוטן קונד, און מען האָט זיך געזעצט פון דאָסניי שפּילן אין קאָרטן ווי עס געהער צו זיין.

מיין באַלעבאָס האָט מיך ווידער אַרויסגעשטעלט אויף דעם ערשטן פייער און היינט איז אים גראָד געגאַנגען. ער האָט בײַ זיי אָפּגעדאַצעט אַ דאָלאַר דרייסיק און איינער פון זיי, וואָס

איז געווען קורץ אין געלט, האָט אים פאַרשפילט אויף אַ
לאָטעריי=צעטל. דאָס שפיל האָט זיך פאַרצויגן איבער ליכט=
בענטשן, און אַרום צוועלף ביינאַכט האָט מען זיך שוין אָנגעהויבן
פאַנאַנדערצוגיין.

איך האָב זיך שוין געפונען ביי אַן אַנדערן אין די הענט.
אָבער יענער האָט נישט אָפּגעלאָזט מיין באַלעבאָס, ער זאָל אים
באַצאָלן פאַר מיר צוואַנציק גילדן און זאָל מיך צונעמען צוריק.
מיין באַלעבאָס האָט זיך נישט געלאָזט לאַנג בעטן און האָט
מיך גענומען.

געקומען אַ היים, האָט ער שוין געפונען די ליכט אויס=
געלאָשן. עס האָט מער נישט געברענט ווי אַ נאַכטליכט, ווייל
זיין ווייב איז געווען אַ גרויסע חולנית, אַ בת=מות. האָט ער
שטילערהייט אָפּגעדאַוונט, קדוש געמאַכט, אָפּגעגעסן און האָט
דער ווייב קיין מעשיות נישט דערציילט. אויף מאָרגן האָט מען
אים אָנגעזאָגט נישט מער און נישט ווייניקער, אַז זיין צעטל
האָט געוואונען צוויי טויזנט דאָלאַר. נו, איז זיין פרייד געווען
זייער גרויס. נאָך שבת האָט ער ערשט אָפּגענומען דאָס געלט:
זעקס הונדערט דוקאַטן אין גאָלד. איצט איז מיר שוין נישט
געווען אַזוי טרויעריק ביי אים אין שטוב. כ'האָב שוין געהאַט
אַ פיינע געזעלשאַפט, בפרט אַז צווישן זיי האָבן זיך געפונען אַ
צען שטיקלעך כמעט מיין גלייכן.

מיר האָבן געהאַלטן ביי אים יום=טוב, און באַלד נאָך פסח
האָט ער אונז סאָרטירט און האָט אונזערע עלף קלים אָדער גע=
מלטע חברה=לייט אָפּגעלייגט באַזונדער.

„גענוג, — האָט ער געזאָגט, — איך וויל שוין גאָט נאָכ=
אַמאָל נישט פרובן. איך שפיל שוין נישט מער אין קאָרטן. מיט
די פונפהונדערט=ניינציק גוטע דוקאַטן וועל איך גיין אויף טאַר=
געס און די איבריקע עלף זאָלן ליגן, איך וועל זיי מסתמא
אינגיכן געברויכן. איך מיין, אַז מיין שטיק צרה, די ווייב, וועט
שוין לאַנג נישט אָנהאַלטן. זי וועט מסתמא אינגיכן אויסהויכן
די נשמה. די גבאים וועל איך צאָלן מיט דערזעלבער מטבע,

מיט וועלכער זיי האָבן מיר געצאָלט. איך וועל זיי אָיועקגעבן די צען רענדלעך קלים, און זייער רענדל, וואָס זיי האָבן מיר געשיקט, מוז געציילט ווערן צום ערשטן".

אָבער אַ מענטש טראַכט און גאָט לאַכט; דער פסוק זאָגט: „רבות מחשבות בלב איש ועצת ה' היא תקום", עס הייסט, דער מענטש, וואָס האָט אַ קראַנקע פרוי, האָט זיכער טויזנטער רעיונות וועגן טויזנטערליי שידוכים און גאָט מאַכט דוקא, אַז דאָס ווייב זאָל גאָר ווערן געזונט און אויפשטיין. און אַזוי איז טאַקע געווען. טאָג אויף טאָג האָט ער זיך געריכט, אַז אָט־אָט וועט זי צומאַכן די אויגן, אָבער זי ווערט גאָר בעסער: זי ווערט געזונט. עס איז בכלל אַ נאַרישקייט צו רעכענען אויף אַ ווייבס קראַנקהייט, אויף איר טויט. דערדאָזיקער שוטה האָט גאָר פאַרגעסן, אַז אַ יידענע האָט טויזנט נשמות, און לעבט ביז דער לעצטער מינוט, וואָס זי שטאַרבט. אַ שפּריכוואָרט זאָגט: „דריי זאַכן מעג מען אַ יידענע גלויבן, אַז זי זאָגט אמת. ערשטנס, ווען דער מאַן רופט זי עסן און זי זאָגט, אַז זי האָט שוין געגעסן, ווייל זי שטייט דאָך טאַקע ביים טעפּל און ביים שיסל; צווייטנס, ווען זי רופט איר אייגן קינד ממזר, מעג מען עס אויך גלייבן, און, דריטנס, ווען זי זאָגט ביי יציאת נשמה, אַז זי איז נישט געזונט אָדער זי האָט זיך געקלאָגט און שטאַרבט טאַקע באַלד דערויף".

קורץ דערפון, אַ גאַנץ זומער איז זי אַלץ געווען קרוב למקה. אַמאָל האָט זי זיך פלוצלונג פאַרבעסערט, אַמאָל פלעגט זי זאָגן, אַט זי שטאַרבט, און אַמאָל, ווידער, האָט זי זיך אַזוי גוט געפילט, אַז זי האָט אַפילו געשמועסט פון מאָדע־זאַכן. מען האָט אָבער בשום אויפן נישט געקאָנט וויסן, צי זי וועט לעבן צי זי וועט שטאַרבן.

אין דעם טאָג, וואָס זי האָט געאַרבעט מיט די זייטן אַן מיטן האַרץ, פלעגט ער שוין אויסגרייזלען די פיאות און דאָס היטל איז אים געזעסן אויפן האַלבן קאָפּ, און אין דעם טאָג, ווען זי האָט אויסגעוויזן בעסער, איז ער געגאַנגען, ווי אַ באַגראָבע־

נער, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזן, דאָס היטל איבער די אויגן. דער־דאָזיקער פּראָצעס האָט זיך אַזוי געצויגן אַ גאַנץ זומער, הגם ער האָט גוט פּאַרדינט דעמדאָזיקן זומער, און אָט איז שוין דער חודש אלול. מיין באַלעבאָס איז אַוועק אין דער גרויסער שול און האָט געדונגען אַ שיינע שטאָט. ראש־השנה האָט ער געקויפט אַ שאַרפע עליה, נישט פון פרומקייט און נישט פון גאוה, נאָר פשוט צוליב דעם, ער זאָל האָבן אַ געלעגנהייט אַריינצורוקן מיך ווידעראַמאָל אין די הענט פון צדקה גדולה.

ערב יום־כפור האָט ער מיך מיט נאָך עטלעכע גלאַטע גילדנס איינגעוויקלט אין אַ פּאַפּירל, אויף וועלכן ער האָט אויפ־געשריבן דידאָזיקע ווערטער: „קיין בעסערן ביסן זאָלט איר אין אייער גאַנצן לעבן נישט האָבן", און תאָט אונז אַזוי אַרויפגע־לייגט צו מנחה אויף אַ טעלער.

די גבאים האָבן אונז באַלד אויסגעטאָן, איבערגעלייענט די אויפשריפט און האָבן מיך תיכף דערקאָנט. עס איז געוואָרן אַ גאַנצער טאַראַראַם, און די זאַך האָט זיי זייער פּאַרדראָסן. זיי האָבן מיך געוויזן יעדן איינעם באַזונדער, און דער־ביי די אויפשריפט. יעדערער האָט איבער מיר געשאָקלט מיטן קאָפּ, געצויגן איבער מיר מיט די ליפּן, געקרימט דאָס גע־זיכט און זיך שטאַרק־שטאַרק געחדושט. איך בין אַזוי פּאַרשעמט געוואָרן, אַז איך האָב מיך פּאַררויטלט ביז איבער די אויערן. אָט איז צוגעגאַנגען צום טעלער אַ רייכער שניידער, וואָס האָט באַצאָלט גאָר דאָס געלט פּאַר הוצאות מיט הכנסות, נאָכדעם האָט ער מיך באַטראַכט מיט אַ האַסטיקן קוק, באַלד דערויף אויסגעלאָזט אַ גרייסלעכן פּששש און זיך אָנגערופן: „אַזאַ יונגאַטש איז ווערט מען זאָל אים קנסנען", און איז אַוועקגעגאַנגען.

קורץ דערפון, יעדערער האָט דאָרט גערעדט וועגן מיר, וואָס דאָס האַרץ האָט אים געגלוסט און דערצו נאָך געשפּיט מיר אין פּנים אַריין. מער ווי פון אַלעמען האָב איך דאָרט גע־ליטן פון אַ גאַנצער באַנדע באָד־יינגען, וואָס זיינען געשטאַנען אַרום טיש. דאָס איז זייער אַ געשיקטע חברה. עפּטער פלעגן זיי

ברײנגען די כּלי=קודש, וואָס זײַנען געזעסן בײַ די טעלער, ביר און שנאַפּס און פּירעשקעס. די באָז=ײַזען פּלעגן מיך אַלע ווײַלע אויפריען, אויפגראָבן פון אונטערן זילבערגעלט, מיט וועלכן איך בין פאַרשטעלט געוואָרן און פּלעגן מיך דוקא אַנידערלייגן פון אויבן און מיך ווײַזן פאַר יעדן אײַנעם מיט דידאָזיקע ווערטער:

„אָט דאָס איז דער רענדל, וואָס אפרים, דער נײַער נגיד, האָט אונטערגעוואָרפן די גבאים".

וואָס זאָל איך דיר זאָגן, מײַן טײַערע לעזערין, איך בין שיער נישט אַוועקגעפאַלן פון גרויס בושה. זאָל זיך שוין אַזאַ ערב=יום=כּפּור מער נישט אומקערן. איך האָב קוים דערלעבט, אַז עס זאָל שוין ווערן שפּעט.

ווען אַלע זײַנען אַוועק און די גבאים האָבן איבערגעציילט דאָס געלט, האָבן זײ מיך אָנגעטאָן צוריק אין מײַן באַשריבן העמדעלע און האָבן מיך אָפּגעגעבן דעם שמש, ער זאָל פאַר מיר קויפן אַ קהלישן אתרוג. „עס מעג שוין זײַן ווי עס וויל זיך, — האָב איך בײַ זיך געטראַכט, — אַבי איבערגעקומען".

באַלד נאָך יום=כּפּור איז דער שמש אַוועק מיט מיר צו אַן אתרוגים=הענדלער, און הגם איך בין געוועזן גאַנץ קליין, דאָך האָט ער אײַנגעהאַנדלט פאַר מיר אַ גרויסן אתרוג, וואָס איז אָבער געווען אַזאַ חסור, ווי איך. באַלד האָבן אַפילו בײדע צדדים אײַנגעזען, אַז ס'איז מיט אונז עפּעס גאָרנישט גלאַט. דער אתרוג=הענדלער האָט מיך געטראָגן ווײַזן דעם חלפן און דעם אתרוג האָט דער שמש געטראָגן ווײַזן דעם מורא הוראה, און בײדע האָבן באַקומען אַ שלעכטע תשובה. דאַן האָבן בײדע צדדים קײן חרטה נישט געהאַט. יעדער צד באַזונדער האָט געטראַכט, אַז ער האָט דעם צווײטן צד אָפּגענאַרט.

דעם יום=טוב סוכּות האָב איך פאַרבראַכט אײנער אַלײן בײַ דעם אתרוג=הענדלער, וואָס איז געווען אַ חסיד און אַן אורח פון וואָלין. ער האָט מיך אָפּגעלײגט באַזונדער, ווײַל ער האָט

געהאַט בדעה צו פאָרן צום רבין... דאָרט האָט ער מיך, קענטיק, געוואָלט אַלס אַריינשפאַרן פאַר פדיון=געלט.

דאָך איז מיר באַשערט געווען צו בלייבן אַ היגער. איך האָב מיך אָפּגעשטעלט ביי אַ זאָגער פון קלייזל, וואָס איז דערצו אויך געווען אַ דיין. דאָס איז אַזוי געשען: דער אתרוג=הענדלער איז געקומען אַהער מיט זיינע אתרוגים פאַר יום=כפור, און איז מיט זיי אַריינגעפאָרן צום גרעסטן בעל=אכסניא, וואָס האָט גע= הייסן ר' הערצל נעכעס. דאָס איז געווען אַ פיינער ייד מיט אַ רבנישער אויפפירונג, מיט אַ לאַנגן מלבוש און אַ לאַנגער שמונה=עשרה. דאָס איז געווען אַ מענטש מיט אַ בויך, מיט אַ וואָגיקן קול, און אַ ווייב האָט ער אויך געהאַט אַ דיקע, אַן איינגעטיעטע. ביידע זיינען געווען גרויסע בריות, וואָס קאָנען זיך אַן עצה געבן אין לעבן. דער בעל=אכסניא איז אויך געווען אַ גרויסער בעל=נאמנות אין שטאָט און בכלל אין דער גאַנצער אַרומיקער סביבה.

ר' הערצל נעכעס איז געווען אַ שם=דבר. צו אים פלעגט מען אַלעמאָל צושיקן די גרעסטע קאָמיסיעס פון נאָענט און פון ווייט. און אַלע גרעסטע אורחים פלעגן צו אים פאַרפאָרן, פאַר= פוצטע היינטוועלטיקע יונגעלייט, און אַפילו אַזעלכע, וואָס פלעגן שוין קאַליע מאַכן דעם מאָגן פון אַ כשרן ביסן... מיט איין וואָרט, זיין אכסניא איז געווען די גרעסטע אין שטאָט.

מיין פרומער אתרוגים=סוחרל איז אויך פאַרפאָרן אַהער און האָט זיך שטאַרק באַנאַרישט...

דער בעל=אכסניא האָט געזען, אַז דער חסידל וועט דאָ מאַכן גוטע געשעפטן מיט זיין סחורה, ווייל מיט זיינע אתרוגים איז ער געווען דער איינציקער אויפן מאַרק, האָט ער אַריינגע= רופן דעם חסידל צו זיך אין צימער און האָט אים געוויזן אַ בריוו, וואָס ער האָט דערהאַלטן פון אַן אַנדער אתרוגים=הענדלער. אין דעמדאָזיקן בריוו איז אָנגעפרעגט געוואָרן, צי עס לוינט זיך אַריינצופאָרן אַהער אין שטאָט מיט אתרוגים. וואָרום דער סוחר פון די אתרוגים געפינט זיך נישט ווייט פון דער שטאָט, ביי א

מייל דריי, און אויב עס לוינט זיך אַריינצופאָרן, וועט ער טאַקע באַלד קומען מיט דער סחורה.

הסוחר שמע, דער אתרוגים־הענדלער הערט דידאָזיקע ווער־טער און עס ווערט אים פינסטער אין די אויגן. שווייגט ער אַ ווײַלע און רופט זיך נאָכדעם אָן:

„שלעכט, איך בין אומגליקלעך!"

און ר' הערצל זאָגט:

„וואָס העלפט עס, מיין פריינט, איך מוז דאָך ענטפערן און כ'וועל אים בודאי הייסן קומען, ווייל ער וועט פאַרדינען און איך וועל אויך פאַרדינען".

האָט דער חסיד געזאָגט:

„מילא, אויב איר ווילט אויך עפּעס פאַרדינען, וועלן מיר שוין דורכקומען צווישן זיך... מיר וועלן נישט גיין צום רב".

פרעגט ר' הערצל:

„און וואָס רעכנט איר מיר צו געבן?"

„כ'ווייס, אַ דאָלאַר פופציק", — ענטפערט דער חסיד.

הויבט ר' הערצל מיט די אַקסלען און זאָגט:

„איז כדאי, אַז איך זאָל צוליב אַזאַ נישטיקער סומע מפסיד זיין אַן אַלטן אורח אַ סוחר, וואָס קומט צו מיר אַלע יאָר, און גיט מיר אָנשטענדיק צו פאַרדינען? ניין, כ'וויל, פּע־טערשי, אַ שליש פרנסה. גיט איר דערויף די האַנט, איז גוט, ווען נישט שרייב איך, אַז יענער זאָל קומען".

דער חסיד האָט זיך דערשראָקן און האָט אים געגעבן די האַנט און ר' הערצל, ווידער, האָט געגעבן אַ האַנט, אַז ער וועט שרייבן, אַז יענער זאָל נישט קומען. אַזוי איז געוואָרן דער עסק. דער חסיד האָט פאַרקויפט די אתרוגים מיט גרויס פאַרדינסט, און נאָך יום־טוב האָט ער דעם בעל־אכסניא נישט געוואָלט אַרויסצאָלן זיין חלק. דער חסיד האָט זיך געטראַכט: דער בעל־אַכסניא איז אַפילו אַ בריה אַ ייד, אָבער ער וועט גאָרנישט קענען מאַכן מיט מיר. ער וועט מוזן שטומען. אויב דער בריוו איז גע־ווען אַ פאַלשער, הער איך אים סתם ווי די גרויע קאַץ, אויב

ווידער, דער בריוו איז געוועזן אַן אמת, האָט ער דאָך אויך גע־האַנדלט נישט ערלעך, ווייל ווי שרייבט מען דאָס אַ פאַלשע תשובה צו אַן אורח, וואָס האָט דעם גרעסטן צוטרוי צו דיר". דערצו נאָך איז דער חסיד באַלד געוואויר געוואָרן פון די אורחים, וואָס זיינען געקומען פון יענער געגנט, וואו דער אתרוגים־סוחר האָט זיך כלומרשט געפונען, אַז די גאַנצע מעשה איז אַן אויסגע־טראַכטע, אַז דאָרט איז גאָרנישט געוועזן קיין אתרוגים־הענדלער... איז דער בריוו, אַלזאָ, אַ פאַלשער, און אַז דער בריוו איז אַ פאַלשער, איז שוין ממילא דער תקיעת־כף בטל ומבוטל. און דער חסיד האָט דעם בעל־אכסניא אויסגעשטעלט אַ פייג. וואָס־זשע טוט דאָ ר' הערצל? האָט ער פאַרהאַלטן דעם פאַס און האָט דעם חסיד מתרה געווען צו ב"ד, אָבער נישט אין ב"ד־שטיבל, ווייל דערדאָזיקער אָרט וואָלט זיך גאָרנישט געפּאַסט פאַר ר' הערצלען. האָט ער בעסער דעם בית־דין אַוועקגעזעצט ביי זיך אין צימער. איינער פון די דיינים, וואָס איז אויך געוועזן אַ זאַגער אין אַ קלייזל, אַ ייד — אַ דריי־קאָפּ, אַ חריף, אַן אָפּענער מוח און אַ מענטש, וואָס האָט געקאָנט נעמען לאַפּקע־געלט, האָט איינמאָל אין אָוונט, באַלד נאָך מעריב, געכאַפּט אַ שמועס אין קלייזל מיטן אתרוגים־הענדלער.

„איר ווייסט, ר' ירוחם,—האָט ער זיך אָנגערופן צו אים, — איך בין מאָרגן אייער דיין".

„אַזוי, זאָלט איר געזונט זיין, — האָט זיך דער אתרוגים־הענדלער דערפרייט. — איך וויל אייך טאַקי דערציילן די גאַנצע מעשה, איר זאָלט בעסער פאַרשטיין דעם ענין".

האָט דער דיין פאַרגלאָצט די אויגן און געזאָגט:

„מיט מיר, ר' ירוחם, דאַרף מען פיל נישט ריידן, איך בין שוין אין דעם ענין קלאָר. איך ווייס שוין אַפילו אַ פּסק אויך, אָבער עס ווענדט זיך, ווי איר וועט טענהן פאַר מיר. וועל איך ין אייער טענהן פילן אַ גוטן טעם, ווי איר פאַרשטייט אַליין, וועט איר בודאי אַ גראָשן נישט דאַרפן געבן, און ווען נישט, פאַרגעסט נישט מיט וועמען איר האָט דאָ צו טאָן. מיט ר' הערצל

גנעכעס, אַ היגער באַלעבאָס, אַ ייד – אַ בריה, אַ ייד – אַ בעל מפורסם. איר וועט דאָ אַרויס אָן אַ העמד, איר פאַרשטייט? און דערמאָנט אייך טאַקע אָן דעם אַלטן גלייכווערטל: ווען מען וויל נישט געבן יעקבן, גיט מען עשיון". דער אתרוגים=הענדלער האָט זייער גוט פאַרשטאַנען די כונה פון דידאָזיקע ווערטער און האָט געזאָגט:

„איך ווייס אַפילו פון נאָך אַ גלייכווערטל: „איין האַנט וואַשט די אַנדערע". נו, איר האָט ביי מיר ביין דאָלאַר און זייט מיר אַ גוטער פריינט. און די זכיות פון מיין טענה וועל איך שוין מאָרגן, דאָרטן, נאָך פאַרן דין=תורה איבערגעבן אין אייערע הענט.

אויף צומאָרגנס פאַרנאַכט זיינען דריי דיינים אַריין צו דעם בעל=אכסניא אין צימער. דער אתרוגים=הענדלער האָט דעם זאָגער תיכף ומיד אַריינגערוקט אין האַנט אַריין ביין דאָלאַר אין גאָלד, דאָס הייסט צוויי דוקאַטן מיט קליין זילבערגעלט. ער האָט עס געמאַכט זייער געשיקט און דער זאָגער האָט עס געמאַכט נאָך געשיקטער, ווי דער נותן, און האָט עס מיט דער פלינקייט פון אַ קעשענע=גנב אַריינגעשמוגלט אין קעשענע. איך מוז דיר זאָגן, מיין טייערע לעזערין, אַז איינער פון דידאָזיקע צוויי דוקאַטן בין א י ך געווען.

איצט האָב איך געהאַט אַ געלעגנהייט אויסצוהערן די טענות פון ביידע צדדים און דעם פסק=דין. איך האָב מיר פשוט צוזעצט די זייטן, לאַכנדיק. אָבער נישט דאָ איז דער אָרט צו דערציילן וועגן דעם. ערשט דאָ האָב איך פאַרשטאַנען דעם פסוק, וואָס דער נביא האָט געזאָגט: „נישט איינער קלאָגט אָן דעם צווייטן פאַרן געריכט מיט רעכט, און דעריבער ווערט מען נישט געמשפט מיט רעכט". דער סוף איז געווען, אַז דער בעל=אכסניא האָט פאָרט מוציא געווען עטלעכע צענדליק דאָלאַר פון דעם אתרוג=הענדלער, ווייל אַנישט וואָלט דאָך גלאַט נישט געפּאַסט. אין אַזאַ פאַל וואָלט ער דאָך באמת אויסגעזען ווי אַ פאַלשער מענטש, חלילה. דער אורח האָט דאָ, אַלזאָ, געכאַפּט אַ גוטע

פּאָרציע. מען האָט אים אויסגעשניטן די וואונד מיט נאָך אַ גע־
זונטן שטיק פלייש דערצו, ווייל צו דעם דין־תורה האָט זיך באַלד
צוגעטשעפּעט אַן אַנדער דין־תורה. דער בעל־אַכסניא, וואָס איז
געווען זייער אויפגעבראַכט אויפן חסיד, האָט אויפגעוויזן מיט
פעסטע ראיות, אַז די אתרוגים זיינען מורכבים, וואָס זיינען על־
פּי־דין פון אַ יש־אומרים גאָר פסול, און דער אתרוג־הענדלער
האָט דערפון געוואוסט. דערהערט דאָסדאָזיקע עדות־זאָגן, האָט
מען דעם אורח גוט אַרומגעצופּט, און ער האָט זיך אַרויסגע־
כאַפּט פון דאָרטן קוים מיטן לעבן.

דער זאָגער האָט מיך נאָכדעם אַוועקגעטראָגן אַ היים. איך
האָב שוין פריער פאַרשטאַנען, אַז איך דאַרף מיך דאָרט נישט
ריכטן אויף כבוד און גדולה, און קוים האָט ער מיך אויפגעוויקלט
און האָט מיך דערזען, איז ער טאַקע באַלד אַריינגעפאַלן אין גרויס
גרימצאָרן, און האָט מיך אַ שליידער געטאָן אויפן טיש און גע־
שאָלטן און געוואָגלט דעם אתרוגים־הענדלער. ער האָט אויסגע־
שאָלטן זיין געביין.

„דאָס איז אַן אמתער שווינדלער און אויסגעמאַכטער גנב, —
האָט ער געטענהט צו זיך. — עס טרעפט מיר דאָס ערשטע מאָל
אין לעבן, מען זאָל מיך אַזוי אָפּנאַרן. אַ שרעקלעכע זאַך, קיין
ערלעכער מאַן איז גאָר נישטאָ אויף דער וועלט. מען טאָר פון
היינט אָן קיינעם נישט גלויבן“.

און צומאָרגנס האָט ער שוין מרמז געווען וועגן דעם אין
זיין קלייזל־דרשה און האָט דערציילט, אַז דורך עפּעס אַ מעשה
האָט ער אַנטפּלעקט, ווי אַזוי די גאַנצע וועלט איז געוואָרן פאַלש
און שווינדלעריש, אַז מען טאָר איר גאָרנישט גלויבן.

איך בין דאַן געלעגן ביי אים אין קעשענע און האָב בעת
מעשה געמוזט שווייגן, ווייל איך בין געווען זייער קליין און
שוואַך, און קיינער וואָלט מיך אַודאי נישט געהערט. און דאָך
האָט ער מיך נישט אַרויסגעוואָרפן אין גאַס און האָט מיך
פאַרברויכט צו אַ גוט געשעפטל. דאָס איז אַזוי געשען. זיינער
אַן איידעם האָט זיך אויסגעלערנט שחיטה. ער האָט אָבער גע־

דאַרפט נעמען קבלה. דאָרט אין שטאָט האָט מען זיך אָבער נוהג געווען, אַז אַ יונגער שוחט, וואָס דאַרף נעמען קבלה, מוז פריער געבן קבלה דעם, וואָס גיט קבלה. נו, האָט מען מיך אַוועקגעשיקט אַהין, און יענער האָט באַלד, ווען ער האָט מיך נאָר דערזען, גענומען שרייען און גוואַלדעווען. אָבער פאַרפאַלן. איך בין אָפּגעלעגן ביי אים שיינע עטלעכע וואָכן און ווער ווייסט, ווי לאַנג איך וואָלט ביי אים דאָרט געפוילט, ווען עס פּאַסירט נישט אַ שרעקלעכע געשיכטע. ער האָט מיך געוועסט גאָר צוגעלייגט צו דעם נדן, וואָס ער האָט געוואָלט געבן זיין יינגסטער טאָכטער, וואָס איז געווען שוואַרץ ווי די נאַכט, גרויס ווי דער יידישער גלות און אַזוי שטאַרק געפּאָקט, אַז איר פּנים האָט באמת אויסגעזען ווי אַ בית-עולם נאָך תחית-המתים, ווען די מתים צעלויפן זיך און די קברים בלייבן אָפן. דערצו איז זי געווען אַזוי אַלט, אַז די פּראָפעסאָרן האָבן זי געוואָלט אָפּקויפן ביים פאָטער און אַריינשטעלן זי אין אַ מוזיי. עס איז דאָך קלאָר ווי דער טאָג, אַז אַזאַ איינע האָט שוין געקענט בלייבן זיצן, ביז גאָט וואָלט שוין דאַרפן איבערניצעווען די וועלט. און פאַר דערדאָזיקער צייט וואָלט איך דאָרט געמוזט פוילן אין אַ טוכלע, דומפּיקן פּעקל פון אַ גרויסן קופּערט.

האָט זיך אָבער געמאַכט, אַז דידאָזיקע שוואַרצע מויד האָט אָנגעהויבן ווערן געלער פון טאָג-צו-טאָג, ביז עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אויף קלאָר, אַז זי האָט געלזוכט. האָט מען גערופן העניע די הויכשפּרעכערקע, האָט זי איר אַוועקגעפּירט אין מרחץ אַריין און געריבן מיט טאַלקעס און געגאָסן איר בליי אויפן קאָפּ. נאָכדעם האָט זי איר געהייסן, זי זאָל שטענדיק האַלטן אין האַנט אַ רענדל און קוקן אויף אים, נאָר ווער פאַרשטייט נישט, אַז דערדאָזיקער כבוד איז מיר איבערגעגעבן געוואָרן. מען האָט מיך אַרויסגענומען פון מיין טוכלע תפיסה, און מען האָט מיך אַרומגעריבן און אַרומגעשייערט און אַריינגעגעבן דער יפת-תואר אין דער האַנט אַריין. און זי האָט אָנגעהויבן צו קוקן אויף מיר זייער קרום (ווייל זי איז געווען קאַסאָקע), און האָט

זיך גאָרנישט געקענט אָפּקוקן פון מיר. דאָס איז אייגנטלעך גע־שען צוליב צוויי סיבות. ערשטנס, פלעגט זי קוקן בלויז מיט איין אויג, און, צווייטנס, בין איך געווען זייער קליין. לויט אַ ריכ־טיקן חשבון, האָט זי געדאַרפט קוקן אויף מיר פיר מאָל אַזויפיל, ווי אַ מענטש, וואָס קוקט מיט געזונטע צוויי אויגן אויף אַ גרויסן רענדל. אַזוי האָט זי פון מיר דאָס אויג נישט אַראָפּגע־לאָזן גאַנצע צוויי טעג. דאָך אָבער בין איך איר פאַרפאַלן גע־וואָרן פון די הענט. העניע די הויכשפּרעכערקע, וואָס זי פלעגט צו איר קומען צוויי מאָל אַ טאָג, האָט מיך צוגעלקחנט. וואָס דאָרט איז נאָכדעם געשען אין שטוב, וויל איך נישט דער־ציילן. איך קאָן דיר נאָר איין זאַך זאָגן און אַפילו מיט שטאָלץ, אַז אין יענער שטוב, האָט מען שטאַרק—שטאַרק געביינקט נאָך מיר.

איצט האָב איך מיך שוין געפונען אין העניעס קעשענע. דאָס איז אייגנטלעך געווען אַ פרומע יידענע וואָס פלעגט קומען די ערשטע אין שול און אַוועקגיין די לעצטע. זי איז געווען די ערשטע אויף אַ לויה און פלעגט דאָס רוב צייט פאַרברענגען אויפן בית־עולם, ווייל זי איז אויך געווען אַ קברנטע און האָט דערפון געלעבט. על־פּי־רוב מאַכן די קברנטעס בעסער, ווי די קברנים. ערשטנס, העלפן זיי צו וויינען און, צווייטנס, האָבן זיי אַ מער געשליפן צינגל און קענען פלינקער אויספּרעסן געלט פון אַ לויה. אויסערדעם, איז העניע געווען אַ הויכשפּרעכער־קע, מיט סגולות און תּרופות און נאָך אַזעלכע געשעפטן, ווי ר׳ שמאַיע דעם גוט־יום־טוב־בעטערס ווייב, און צו דעם אַלעם האָט זי געהאַט דינע פלינקע פינגערלעך און פלעגט באַלד אַוועקראַמען אַ זאַך, וואָס איז געלעגן פון אויבן אין א פרעמדער שטוב.

„אַ זאַך טאָר זיך נישט אַרומוואַלגערן, — האָט זי גע־טענהט, — זי מוז ליגן אויף אַן אָרט״.

איך מוז דיר זאָגן, מיין טייערע לעזערין, אַז ביי איר אין קעשענע בין איך נישט לאַנג געלעגן. דורך איר בין איך שיער פאַראומגליקט געוואָרן.

## דער רענדל

אויף צומאָרגנס איז גראָד געשטאָרבן אַן אַלטע פרומע יידינע. זיינען געקומען אויף איר לויה אַ סך קאַליקעס, און יעדערער פון זיי האָט געוואָלט אויפן בית-עולם, נאָך דער טהרה, זיך אויסשמירן מיט איר האַנט, ווייל מען האָט עס געהאַלטן פאַר אַ סגולה, בפרט פאַר די-יעניקע, וואָס האָבן וואָליעס אויף די העלזער, אָדער די איינגלישע קריינק אין האַנט אָדער אין אַ פוס. אַזאַ מין בר-מינן איז, נאַטירלעך, געווען זייער אַ גוט שטיקל סחורה פאַר די קברנטעס. ער טראָגט זיי אַריין מער הכנסה, ווי אַ שניידערשע כלה דעם בדחן צום כשר-טאַנץ. מיין העניע, זאָל געזונט זיין, איז דערביי געווען די קאַסירערין. ס'האָט גע-מאַכט אַ שיינע פאָר גילדן, אַז איך האָב מיך ממש דערשטיקט אין איר קעשענע צווישן די מטבעות, וואָס זי האָט דאָרטן אָנגעשאָטן. און פון גרויס שמחה האָט זי מיך גאָר פאַרגעסן.

דער מאַרק איז געווען אַזוי גרויס, אַז די קבורה האָט זיך פאַרצויגן ביז שפעט אין דער נאַכט. דער בר-מינן איז שוין געלעגן אין קבר, מען האָט אים שוין געוואָלט באַדעקן מיט ברעטער, בשעת עס איז אונטערגעלאָפן עפעס אַ יידענע, וואָס האָט דערלאַנגט העניען צוויי גילדן מיט דער בקשה, אַז איין גילדן זאָל זי נעמען פאַר זיך, דעם צווייטן זאָל זי אַריינלייגן דעם מת אין האַנט, און זאָל אים בעטן אין איר נאָמען, אַז ער זאָל זיך דאָרט מיען פאַר איר. דעם גילדן באַקומט דער מת פאַר אַ סימן, וואָס זאָל אים דערמאָנען אָן דערדאָזיקער בקשה.

העניע האָט אַראָפּגעלאָזן ביידע גילדן אין קעשענע און האָט געוואָלט אַרויסנעמען אַ גראָשן, צו פאַרשטאָפן מיט אים די האַנט פון מת...

צום שלים-מזל האָט זיך געמאַכט דוקא אַזוי, אַז איך האָב מיך אונטערגעדרייט אָנשטאָט דעם גראָשן און העניע האָט מיך אַריינ-געלייגט אין דער קאַלטער ביינקער האַנט פונם בר-מינן. דערביי האָט זי גענומען שעפטשען, דאָס הייסט געבעטן מחילה ביים מת און געטענהט, אַז ער זאָל נישט פאַרגעסן יענע יידענע, וואָס גיט אים איצט דעם גילדן פאַר אַ סימן. באַלד דערויף האָט מען

דעם מת צוגעדעקט מיט די ברעטער און פֿאַרשאָטן מיט אַ באַערד פֿון הונדערט פֿוד...

אָך, מיין טייערע לעזערין, וואו נעם איך ווערטער, מיט וועלכע איך זאָל דיר קענען דערציילן און איבערגעבן, וואָס איך האָב אין יענעם מאָמענט איבערגעלעבט. קיין שום באַשעפעניש זאָל נישט געפּרובט ווערן צו אַזאַ אומגליק, דאָס הייסט באַגראָבן צו ווערן לעבעדיקערהייט. איך האָב שוין געמיינט, אַז איך בלייב דאָרט ליגן אויף אייביק. נאָכמער האָט מיך אָנגעהויבן צו שרעקן, ווען די אַלטיטשקע האָט זיך אַ ביסל אָנגעוואַרעמט (אין דער ערד איז זייער וואַרעם), און עס האָט איר אָנגעהויבן צו קלאַפּן דער דופק. מען האָט זי, אַפּנים, אויך לעבעדיקערהייט באַגראָבן. פֿון איר מויל האָט זיך אַרויסגעריסן אַ טיפֿער קרעכץ.

מיין שרעק איז געווען אַזוי גרויס, אַז מיר האָט זיך געדאַכט, זי וויל מיך אַרויסלאָזן פֿון האַנט און אַז זי שעפּטשעט:

„אוי, וואָס האָבן די רשעים אַריינגעלייגט אַזאַ שווערע זינד אין מיין ריינער האַנט? עס פֿעלט מיר נישט מער, ווי צו שטיין מיט אַ באַשניטענעם רענדל פֿאַרן גערעכטן משפּט..."

אויסערדעם, האָב איך מיך געריכט, אַז דער מלאך הדומה וועט אַ ליאַדע מינוט קומען צו דער אַלטיטשקער. איך וועל דאָ אויסזען ווי אַ גנב, וואָס האָט זיך באַהאַלטן אונטער דער תּליה. דער מאַרך אין מיינע ביינער האָט מיר געציטערט, אָבער דערדאָזיקער פּחד איז מיר באַלד אַנטרונען געוואָרן, ווייל איך האָב מיך דערמאָנט, אַז היינט איז דער חודש ניסן, און אין דעםדאָזיקן חודש האָט דער מלאך קיין שליטה נישט איבער די קברים.

נאָכדעם ווי איך בין געלעגן אַ צען שעה אין קבר, האָב איך געהאַט געננוג צייט צו באַרעכענען מיין לאַגע. אַמאָל האָב איך זיך באַקלאָגט דערויף, וואָס איך בין געלעגן אויפֿן טעלער ערב יום־כּפּור. עס האָט מיך פֿאַרדראָסן, יואָס אפרים, דער נייער נגיד, האָט מיך אַ שליידער געטאָן אויף דער ערד. אָך, ווי שיין און העל זיינען געווען יענע צייטן קעגן דערדאָזיקער

שיין און העל זיינען געווען יענע צייטן קעגן דערדאָזיקער פינ־סטערער שעה! און ווער קאָן מיך אַרויסראַטעווען פונדאַנען? סיידן דער שופר של משיח. אָבער ווען וועט עס זיין? איך האָב מורא, אַז די ווערעם וועלן מיך פריער אויפפרעסן. טרויעריקער און יאָמערלעכער האָט שוין יונה נישט געקענט שרייען צו גאָט, בשעת ער איז געלעגן אין דעם בויך פונם פיש, דאָרטן, אין דעם טיפן אָפגרונט פון ים.

שועתי, איך האָב געשריען און געשריען, און גאָט האָט מיין שטימע דערהערט, ווייל אין דערזעלבער נאַכט האָט זיך העניע אַרומגעזען וואָס פאַר אַ שרעקלעכן טעות זי האָט געהאַט, און האָט געשיינקט דעם קברן אַ צוויי גילדן, עד זאָל ביינאַכט אויפ־גראָבן דעם קבר און אַרויסנעמען מיך. קוים האָב איך דערהערט, אַז מען גראָבט, איז מיר תיכף געוואָרן לייכטער און העלער אויף דער נשמה. ביי יעדן רידל ערד, וואָס מען האָט אַראָפּ־גענומען פון קבר, איז מיר צוגעקומען אַ שטיק לעבן און וואָס דייטלעכער איך האָב דערהערט דעם קלאַפּ פונם קברן, אַלץ העכער און העכער בין איך געשפרונגען פון גליק. און אָט האָט מען פאַנאַנדערגערוקט די ברעטער און איך האָב דערזען די וועלט. . .

ס׳איז אַפילו געווען שטאָקפינסטער אין דרויסן, אָבער מיר איז געווען העל און ליכטיק, און כ׳האָב געקאָנט דייטלעך זען העניען, ווי זי שטייט דערנעבן מיטן קברן און דער קברן צע־שפרייט זיינע פיס אויף ביידע זייטן פונם ארון, בויגט זיך איין, עפנט אויף די רעכטע האַנט פונם מת און געפינט מיך נישט, ווייל איך בין, ווי כ׳האָב שוין פריער געזאָגט, אַרויסגעפאַלן פון דאָרט. זוכט ער אָבער ווייטער, זוכט, זוכט און געפינט מיך...

ער האָט מיך אַריינגעלייגט צו זיך אין קעשענע און העניען האָט ער דערלאַנגט אַ גראָשן, וואָס ער .האָט כלומרשט געפונען אין קבר און וואָס ער האָט, נאַטירלעך, אָנגעגרייט פון פריער.

„נאַט אייך, — האָט ער געזאָגט. — דאָס האָב איך געפונען ביים מת אין האַנט“.

הענין, וואָס האָט דאָ גאָרנישט איינגעזען, אַז מען גאַרט זי אויס, האָט זיך שטאַרק דערפרייט. דעם קבר האָט מען באַלד פאַרקלאַפּט און פאַרשאָטן און ביידע זיינען אַוועק אַהיים — דער קברן צו זיך און הענין צו זיך.

וואָס ביי הענינען האָט זיך אָפּגעטאָן אויף מאָרגן אינדערפרי, קאָן איך מיר נאָר פאָרשטעלן, אָבער נישט דערציילן. הענין איז אודאי געקראָכן אויף די ווענט פון רציחה. איצט וועל איך דיר, מיין טייערע לעזערין, דערציילן, וואָס דער קברן האָט מיט מיר געטאָן. קיין גוטס זאָל ער נישט האָבן, דער יונגאַטש. ער האָט מיך אַרויסגענומען פון איין אומגליק און האָט מיך אַריינגעבראַכט אין אַ צווייטן אומגליק. די מעשה איז אַזוי געווען: דערדאָזיקער יונגאַטש האָט נישט געהאַט זיך וואו אַהינצוטאָן מיט מיר, ווייל ער האָט דאָך פחד געהאַט פאַר הענינען, טאָמער וועט זי געוואויר ווערן, אַז דער רענדל איז פאָרט ביי אים, וואָרום ווי זי האָט נישט איינגעריסן די וועלט, האָט זי דאָך טיילמאָל געהאַט אַ רעיון, אַז דעם רענדל האָט זי פאַרלאָרן און דער אַלטיטשקער האָט זי אריינגעלייגט אַ גראָשן אין האַנט. וואָס טוט דער קברן? נעמט ער און טראָגט מיך אַוועק אינם הויז פאַר אַנאַטאָמיע...

דאָס איז נישט יענץ הויז, וואו מען פאַלמעסט טויטע מענטשן. ניין, דאָרט וואָלט איך גראָד געווען אַ גוטער גאַסט און כ'וואָלט מיך גאָרנישט געקימערט. ער האָט מיך בעסער אַוועקגעטראָגן און האָט מיך געבראַכט צו זיינעם אַ באַקאַנטן גאָלדשמיד... נישט זען זאָל מען עס, וואָס דאָרט האָט זיך אָפּגעטאָן. אַן אמתע יאַטקע! עס זיינען געלעגן צעשניטענע דאָלאַרס, האַלב געשמאָלצענע דוקאַטן, צעהאַקטע לאָדאָרס, צעשמאָלצענע אימפעריאַלן און פיל זיינען געלעגן אין אַ שאַכטל פאַרמשפּט, נעבעך, צו ברענען און צו שרפען.

אַלע מטבעות זיינען געווען שטאַרק פאַרצאָגט און פאַרזאָרגט, און האָבן זיך שוין געריכט אַ ליאַדע מינוט געלייטערט צו ווערן אין פייער. און אָט האָט מען מיך אויך אַנידערגעלייגט צווישן די פאַרמשפּטע. מיינע אויגן האָבן אַ גאַנצן טאָג נישט גע-

טריקנט, ווייל איך האָב שוין געוואוסט, אַז מיך וועט בשום אופן נישט אויסמיידן דערדאָזיקער ביטערער גורל.

ויהי לעת ערב, און עס איז געווען קעגן אָוונט, ווען אין שטוב איז געווען שטיל און רואיק, האָט דער גאָלדשמיד אויפ־געמאַכט דאָס שאַכטל און האָט מיך דעם ערשטן אַרויפגעלייגט אויף אַ וואָגשאָל. אָבער קוים האָט ער אַרויפגעוואָרפן דאָס גע־וויכט אויף דער צווייטער שאָל, האָב איך מיך אַזאַ הויב געטאָן אינדערהויך, אַז איך וואָלט אַודאי פאַרפלויגן אין דעם זיבעטן הימל, ווען דער גאָלדשמיד וואָלט מיך באַצייטנס נישט דער־כאַפּט. און דאָס איז דוקא געווען מיין גליק.

„ יוזעף! — האָט ער אַ געשריי געטאָן. — דער טויג נישט צום שמעלצן, זאָלסט אים אַריינזעצן אין בעכער צווישן יענע, וואָס גייען אַרום ראַנד".

האָט מיך יענער געכאַפּט און האָט עפּעס געאַרבעט אַרום מיר ביי אַ פּאָר שעה. אַרום עלף דעם זייגער ביינאַכט זיינען שוין אונזערע זעקס קלים איינגעפּאַקט געווען אין אַ גרויסן זיל־בערנעם בעכער. צומאָרגנס איז דערדאָזיקער בעכער אָפּגעטראָגן געוואָרן צו אַ גרויסן גביר, וואָס האָט אים געלאָזט מאַכן און וואָס האָט דערצו געגעבן זעקס שווערע רענדלעך. זעקס רענדלעך זיינען, נעבעך, פאַרמשפּט געוואָרן לשרפה.

אַזוי־אַרום קאָן איך, מיין ליבע לעזערין, דינען פּאַר אַ ביישפּיל, אַז מען ווערט אַמאָל אויך נצול דורך אַ חסרון.

צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן בין איך זוכה געווען אַריינצוטרעטן אין אַ גביריש הויז. מען האָט זיך מיט מיר און מיינע איבעריקע חברים געשפּילט און געצאַצקעט און געפּרייט, און גראַד יענע, וואָס האָבן פון מיר געלאַכט, בשעת איך בין ערב יום־כפור געלעגן אויף אַ טעלער, האָבן מיך אַצינד באַ־וואונדערט און האָבן קוים זוכה געווען, אַז איך זאָל קומען כאָטש אויף אַ ווייל צו זיי אין די הענט.

דערווייל בין איך אויף אַ גאַנץ גוטער שטעלע און כ'האָב מיך נישט, וואָס צו באַקלאָגן. וואָס ווייטער וועט זיין, ווייס איך

א. מ. דיק.

בישט. מען סטראַשעט אונז אַפילו און מען זאָגט, אַז אונזער באַ־לעבאָס פאַרזעצט אָפט זיינע קאָסטבאַרע חפצים, אָבער איך פאַרהאָף, אַז מען וועט אונז ביי דעם מלוה אויך נישט אויפעסן אין קאַשע. איך האָב, אַלזאָ, דורכגעמאַכט אַ שטיקל וועלט און האָב איינגעזען, אַז די ערלעכקייט איז דאָ גאַנץ זעלטן. אַלט בין איך ביי אַ פופציק יאָר, נישט אייביק וועל איך, נאַטירלעך, שטעקן אין דעם בעכער. איך וועל נאָך ווייטער אַרומוואַנדערן אין דער וועלט און דאַן וועל איך דיר דאָס איבעריקע דערציילן. דערווייל אַדיע, מיין טייערע לעזערין, מעגסט מיט רעכט רעכענען אויף רעמדאָזיקן קליינעם ביכעלע, אָבער האַלט עס בלויז פאַר אַן ערשטן טייל פון מיין לעבנס־געשיכטע, ווייל איך האָף נאָך צו שרייבן און צו שרייבן. וועלכער וואַנדערער קען אַזוי גרינט־לעך און גיך דורכנעמען די וועלט, ווי איך — איינער און אַ קליינער...

---

# די אורח׳ים אין דראטשטשאק

▫ ▫ ▫

באַ ע ר ק ו נ ג: צום ערשטן מאָל געדרוקט אין יאָר 1872.

# א.

## דער חזן.

אין יאָר טויזנט אַכטהונדערט און דרייסיק איז ערב שבת אינדערפרי, פרשה בהעלותך, אָנגעקומען אין דער שטאָט דוראַ־טשעסאָק אַ פּאַסאַזשיר מיט אַ קליין פורל און איז זיך פאַרפאָרן אין אַ באַזונדערן צימער פון דער גרעסטער אַכסניא אין דערדאָזיקער שטאָט. דער בעל־אכסניא האָט אים זייער שיין אָנגענומען, האָט אים געגעבן אַ ברייטן שלום־עליכם און האָט אים דערביי גע־פרעגט די געוויינלעכע יידישע פראַגע:

„פונוואַנען איז אַ ייד?"

„איך בין, — האָט אים יענער געענטפערט, — שטאָפּערקער חזן, ר׳ זונדל קרייעהאָן. איך פאָר אַרום אַצינד איבער דער מדינה, צו דאַוונען אין גרויסע קהילות. איך רעכן היינטיקן שבת צו דאַוונען אין אייער קהילה".

דער בעל־אכסניא, וואָס איז געווען אַ ייד אַ מנגן, איז גאָר נתפעל געוואָרן פון דידאָזיקע ווערטער, און האָט זיך אָנגע־רופן צום חזן:

„אויב אַזוי, טאָ מאַכט טאַקע נישט קיין שהיות און גייט גלייך אַריבער צום פרנס־חדש, ער זאָל אייך דערלויבן צו דאַוונען אין דער גרויסער שול. דאָ וועט איר שוין באַפרידיקט ווערן אויפן שענסטן אופן. אונזערע שטאָט־לייט מוזט איר וויסן, זיינען גרוי־סע בעלנים אויף נגינה און באַצאָלן פון דער ברייטער האַנט

יעדן חזן, וואָס ווייזט זיך אין שטאָט, און בפרט אייך, וואָס איר זייט אַ שם דבר. וואָרום ווער האָט עס נישט געהערט פון ר׳ זונדל דעם שטאָפּערקער חזן.״

באַקומענדיק אַזאַ מין ענטפער פון בעל=אַכסניא, האָט זיך דער חזן שיין אָנגעטאָן און איז זיך אַוועק צום פרנס=חדש. קוים אָבער איז ער אַרויס פון דער אַכסניא און האָט זיך אַ ווייז געטאָן אין גאַס, איז געוואָרן אַ קאָך אין שטאָט, אַז עס איז געקומען אַ חזן אָדער אַ בעל=דרשן, און ער האָט זיך נאָכגעפרעגט ביי אַ פּאָר מענטשן און ביי אַ שניידער:

„וואו וואוינט דאָ אייער פרנס=חדש?״

און דערצו נאָך מיט אַ פאַרצויגענעם לשון.

און ווייל קיינעם פון די שטאָטלייט האָט זיך נישט געוואָלט בלייבן אַ לאַנגע צייט אָן די טשיקאַווע ידיעות וועגן דעמדאָזיקן אויסטערלישן גאַסט, האָט זיך דער עולם אַ שאָט געטאָן צו דער אַכסניא*) נאָך ידיעות. אָבער נאָך איידער דער בעל=אַכסניא האָט געוויזן צו ענטפערן דעם נייגיריקן עולם, איז דערווייל אָנגעפאָרן אַ וועגל מיט אַ צווייטן אורח, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט אויך נעבן דער אייגענער אכסניא. דערדאָזיקער אורח האָט אויסגעזען זייער חשוב, הויך און רונד געוואַקסן, דאָס געדיכט פול און רויט, ווי די זון פאַר איר אונטערגיין, מיט אַ גרויער, לאַנגער באָרד, אין אַ מאַנטל מיט ברייטע אַרבל, אין אַ קיילעכדיקן היטל, מיט אַ גאַרטל אונטערן נאָפּל און מיט אַ גרויסן ראָרשטעקן אין דער האַנט.

דערזען אַזאַ אורח, איז דער בעל=אכסניא אַרויס אים אַקעגן און האָט אים אָפּגעשטעקט שלום. האָט דער אורח געבעטן, אַז

---

*) דאָסזעלבע, וואָס אַ בצרזע איז אין אַ האַפּנשטאָט, איז אַן אַכסניא אין אַ קליין שטעטל. זי איז שטענדיק פול און פּאַק פון שטאָטישע לײדיקגייער, שדכנים, משרתים, שמשים, איזבאָרשטשיקעס, דאַזאָרעס, אַ קאַפּעטשקע שבורלעך, היינט גלאַט קרעמער=יונגען, אָפּצעהיטן אַן אורך אָדער אַ פּריץ, וואָס דאַרף עפּעס קויפן, און אַ מיינגע מעקלער פון פורן, וואָס זיינען אויך נישט גאַנץ ניכטער.

ער זאָל אים אָפּגעבן אַ באַזונדער צימער, ווייל ער וויל דאָ האַלטן שבת.

„איך וועט עס ביי מיר באַקומען, — האָט אים יענער גע־ענטפערט און האָט געהייסן זיין יונג, ער זאָל אַריינטראָגן אין צימער דעם אורחס זאַכן — אַ שווערער סעפּעט און אַ היבש קעסטל מיט גרויסע רויטע אותיות: „ר׳ ברוך בעל־שם“. דער־זען דידאָזיקע אויפשריפט, איז דער יונג באַלד אַריינגעלאָפן צו דעם באַלעבאָס און האָט אים איינגערוימט אין אויער, אַז דער־דאָזיקער אורח איז אַ בעל־שם.

„אַ בעל־שם?! — האָט אויסגעשריען דער בעל־אַכסניא, פאַרבייסנדיק די ליפּן, — אַזוי, זיינען נאָך פאָרט דאָ אויף גאָטס וועלט מענטשן, וואָס קאָנען ווייזן אַ שטיקל וואונדער. נו, טוט עס מיר הנאה, וואָס ער איז גראַדע צו אונז פאַרפאָרן. אַזוי־אַרום וועט שוין מיין ריוועטשע נישט באַדאַרפן פאָרן אין אַן עק וועלט!“

דידאָזיקע בשורה האָט ער באַלד אָנגעזאָגט זיין פרוי און יענע איז אַריינגעפאַלן אין אַזאַ שמחה, פּונקט ווי זי וואָלט שוין געהאַט דעם שליסל פון די עקרות ביי זיך אין האַנט. זי איז געווען, לא לנו, אַן עקרה. זי האָט דערפאַר געמאַכט אַ ברייטן שבת, ווי פאַר אַ חתן, וואָס מען האָט אים אָפּגעוואַרט אויף שבת חנוכה.

באַלד דערויף האָט זי אַרויפגעשיקט דעם מאַן צו אים מיט אַ טאַץ זעמל און קאַווע, כדי זי זאָל שוין האָבן אַ געלעגנ־הייט זיך צו באַקענען מיט אים, איידער דער גרויסער עולם וועט זים אַ שאַט טאָן צו אים.

אין שטאָט זיינען געווען גענוג יידן, וואָס דאָבן געוואָלט געהאָלפן ווערן. לבד אַ טויזנט עקרות, זיינען גלאַט געווען אַזוינע ווייבער, וואָס האָבן נישט געקינדלט, ווייל זיי זיינען געווען עגונות און פאַרזעסענע מוידן און אַזוי אויך נאָך אַנדערע צרות, און היינט ווער רעדט שוין פון צרות הכלל. דאָרט איז געווען אַ שלעכטער אַסעסאָר, אַ דמים־צאַפּער, און ווידער האָט זיך דאָרט געלאָזט הערן אַ קלאַנג פון שקאָלעס...

„זע, מיין מאַן, — האָט אַ זאָג געטאָן דאָס ווייב צום בעל־אַכסניא, — זיי דו ביי אים בעסער דער ערשטער, איידער דער לעצטער. אפשר קאָנען מיר שוין פון אים געהאָלפן ווערן. מען קאָן אַרויף צו אים פרייטאָג צו נאַכט אויך. איך געדיינק, אַז מיין מוטער, זכרונה לברכה, איז געוואָרן מעוברת מיט מיר נאָר דורך דעם ר' פייוול פינטשעוועשער בעל־שם".

אַרויפגעטראָגן די זעמל מיט קאַווע, האָט דער אורח געזאָגט:

„און צו וואָס האָט איר אייך געדאַרפט נאָך אַליין מטריח זיין? איר האָט דאָך אַ יונג".

„אָ, רבי, — האָט זיך דער בעל־אַכסניא אָפּגערופן, — מיינט נישט, אַז איך ווייס נישט, ווער איר זייט, און מיינט נישט, אַז איך ווייס נישט, ווי גרויס איז די מצוה משמש צו זיין אַליין אַזאַ אורח הגון, ווי אייער כבוד איז."

„און ווער בין איך עס אַזאַ איינער, וואָס איר רופט מיך רבי? — האָט דער אורח געפרעגט.

„אָ, — מאַכט דער בעל־אכסניא, — גוטער וויין שמעקט שוין פון ווייטן. איר זייט דער בעל־שם, „ר' ברוך".

„אַ פּלא! — האָט זיך דער אורח געחדושט. — עס איז זיך נישט אויסצובאַהאַלטן פון דער וועלט! נאָר ביי אַלעם דעם האָט איר אַ גוטן חוש, אַז איר קענט אַזוי ווייט דערשמעקן אַ ריח."

„איך וועל אייך זאָגן דעם אמת, דער הונגעריקער דערשמעקט אַ גוטן מאכל גיכער ווי דער זאַטער. נישט פאַר אייך געדאַכט, מיר זיינען חשוכי בנים..."

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט זיך דער אורח אָנגערופן:

„הייסט עס, אַז דער בורא, ברוך הוא, שיקט צו דעם שפינער זיין פלאַקס און דעם טרינקער זיין וויין. הערט, ר' ייד, איך זאָג אייך פאָרויס, אַז די מניעה איז נישט פון אייך, נאָר פון אייער ווייב."

# די אורחים אין דוראַטשעסאָק.

ביי דידאָזיקע ווערטער, איז דער בעל־אכסניא געבליבן שטיין, ווי פאַרשטיינערט. דער אורח האָט אים דוקא צוגעטראָפן. נאָך מיט אַ יאָר פינף צוריק האָט זיינע אַ דינסט דערלעבט פון אים אַ יאַטל. איז ער איצט געוואָרן טויט און רויט און האָט זיך נישט דערוועגט צו קוקן דעם בעל־שם־טוב אין פנים אַריין. דער בעל שם אָבער האָט אויסגעפוצט אויף אים די אויגן און האָט זיך אַזוי טיף אַריינגעקוקט אין אים, פונקט ווי ער וואָלט דאָרט אַנטפלעקט דאָס אַלץ, וואָס איז געלעגן פאַרבאָרגן אין די טיפסטע פאַלבן פון דעם בעל־אכסניאס נשמה.

דער בעל־אכסניא האָט שוין נישט געקאָנט שטיין אויף די פיס, און ער וואָלט זיכער אומגעפאַלן, ווען דאָס וואָלט געדויערט נאָך אַ פאָר מינוט. ער וואָלט אומגעפאַלן צו דעם אורחס פיס און וואָלט זיך פאַר אים מתודה געווען אין זיין גרויסן חטא און בעטן ביי אים אַ תיקון.

צום גליק אָבער האָט זיך געעפנט די טיר, און די בעל־אכסניאטע איז אַריין מיט אַ טעצל, אויף וועלכן עס איז געשטאַנען אַ פלעשל שנאַפס מיט צובייסונג. זי האָט זיך אָנגערופן צום מאַן:

„זעסט, לעמל, אַז פון איילעניש קומט קיין גוטס נישט אַרויס — דו האָסט דאָך פאַרגעסן מיטצונעמען שנאַפס."

ריווטשע, די בעל־אכסניאטע איז אַלט געווען אַ יאָר דרייסיק. זי איז געווען אַ שיינע געזונטע פרוי מיט פייערדיקע אויגן, וואָס האָבן נאָך געקאָנט דערוואַרעמען אַ קאַלט האַרץ.

דער אורח איז אַ ביסל אויפגערודערט געוואָרן... ער האָט אפילו געהאַט זייער אַ פרום פנים, אָבער דאָס איז געווען אַ מענטש אַ בעל־תאוה. ער האָט זיך קיינמאָל נישט אָפגעזאָגט פון קיין שום תענוג אין דער וועלט, און אז ריווטשע איז אַריין, האָט ער שוין געוואוסט צו פאַרווענדן זיין בליק אויף עפעס בעסערס, איידער צו קוקן אויף דעם נאַרישן פנים פון ר׳ לעמלען. און בשעת זי האָט געוואָלט אַוועקגיין, האָט ער איר אַ וואונק געטאָן, אַז זי זאָל נאָך פאַרבלייבן אַ ווײַלע. מער

ווי דאָס האָט זי זיך אייגנטלעך נישט געוואונטשן און — איז געבליבן שטיין ביי דער טיר מיט גרויסדרך ארץ, ווי אַמאָל שונמית פאַר אלישען, מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגן.

„גוט, וואָס איר זייט אַרויפגעקומען, — האָט ער זיך נגערופן צו איר, — אַנישט, וואָלט איך געמוזט שיקן נאָך אייך. איך האָב אייך וואָס צו פרעגן. מן הסתם מוזט איר דאָך שוין וויסן, ווער איך בין. ווען איך וועל מיך דערוויסן, וואָס אייער מבוקש איז, וועלן מיר שוין פאַרשטיין איינאַנדער.“

„אָ, רבי, זאָלט איר אַזוי נחת זען, — האָט זי אַרויסגעפּלאַצט. — וואָס רעדט איר „פאַרשטיין“. מען דאַרף גאָרנישט קיין גרויסע חכמות דערצו. אונזער מבוקש איז בלויז, אַז איר זאָלט אונז מזכה זיין מיט אַ קינד, און פאַרשטיין וועלן מיר בודאי אויך, ווי אייך צו באַפרידיקן, ווייל מיר זיינען, ב"ה, אומשטאַנד עס צו טאָן.“

„אלזאָ, זאָגט-זשע מיר, — האָט זיך דער בעל-שם אָפּגערופן, — האָט איר נאָך קיינמאָל קיין קינד נישט געהאַט?“

ריוועשע האָט געזאָגט:

„פון דער חתונה אָן קינדל איך נישט“.

און זי האָט זיך גענומען ווישן די אויגן.

„ווי אַלט זייט איר געווען צו דער חתונה?“ — האָט ער זי ווייטער געפרעגט.

„אַכצן השכדיקע יאָר...“

„אַכצן יאָר! — האָט ער זיך אָפּגערופן, שמאַטשקענדיק מיט די ליפּן, — צו אַכצן יאָר וויגט מען שוין ביי לייטן דאָס צווייטע קינד. פגרזעסן, בעוונותנו הרבים. אָט דאָס האָט מען פון דעם צופיל קלויבן שדוכים“.

„מיינע עלטערן האָבן אַפילו נישט פיל געקליבן, — האָט זי געזאָגט. — אָבער עס האָט געדויערט, ביז מען האָט מיך אויסגעקליבן, ווייל נישט אַלע ווילן נעמען מיידלעך, וואָס האָדעווען זיך אויס אין אכסניות, און מיינע עלטערן האָבן געהאַלטן אַ פריצישע אכסניא. איז מען געווען, ווי פאַר אייך זאָגנדיק, גאַנץ

נאַרעדס. אַ וועלט האָט דאָך צינגער״.

„נו, לאָמיר דאָס אַוועקלייגן, — האָט דער בעל-שם איר איבערגעשלאָגן אין די רייד. — זאָגט מיר, האָט איר עפּעס עקרות אין אייער משפּחה?״

אָ, זאָלט איר טאַקע נחת זען אויף אייערע קינדער, — האָט זי זיך אָפּגערופן, — איר טרעפט טאַקע ווי אַ מלאך. מיין מוטער, זכרונה לברכה, איז אַ צייט געווען אַן עקרה און וואָלט אודאי געבליבן אַן עקרה, ווען נישט דער בעל-שם ר׳ פייוול פינטשעוועטשער. פריער דער, וואָס איך טאָר אים נישט דערמאָנען, דערנאָך ער, דער בעל-שם, וואָס דורך זיין לאַסקע בין איך געבוירן געוואָרן. מיינע אַן עלטערבאָבע אָבער איז געווען אַן עקרה און געשטאָרבן (נישט פאַר מיר גערעדט) אַן עקרה״.

דער בעל-שם האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און געזאָגט:

„און פונדעסטוועגן מעגט איר זיין זיכער, אַז אין אַ יאָר אַרום וועט איר ניאַנטשען אַן אייגן קינד. איך וועל אייך געבן אַ אַ קמע און דעראו נאָך וואָס עפּעס צו טאָן. איר וועט האָבן אַ יינגל און זאָלט אים אַ נאָמען געבן שמואל, ווי אונזער מוטער חנה האָט געטאָן״.

„אוי, לאָמיר עס נאָר דערלעבן!-איז ריוועטשע געשפּרונגען פון שמחה — ער מעג הייסן, ווי איר ווילט״.

דערדאָזיקער שמועס צווישן אים און איר וואָלט אפשר גאָר קיין סוף נישט גענומען, ווען דער יונג וואָלט נישט אַרויפגעקומען און וואָלט דעם בעל-אַכסניא נישט זאָגן, אַז דער חזן איז זייער אַ פריילעכער געקומען צוריק פון פּרנס חודש און בעט אים, ער זאָל אַזוי גוט זיין אַראָפּקומען צו אים. דער יונג האָט אַזויאַרום איבערגעריסן דעמדאָזיקן וויכטיקן שמועס מיט אַ שיין ווייבל.

די בשורה וועגן דעם חזן, אַז ער האָט אויסגעפירט ביים פּרנס חודש און אַז ער, פאַרלאַנגט, דער בעל אַכסניא זאָל אַרונטערקומען צו אים, האָט אַרויפגעפירט דעם אורח אויף אַנדערע

רעיונות. און אַז מאַן און ווייב האָבן געוואָלט אַרויסגיין פון דעם אורחס צימער, האָט דער אורח פאַרהאַלטן ר׳ לעמלען ביי זיך אויף אַ ווײַלע. די בעל־אַכסניאטע איז דערווייל אַרויס פון צימער מיט גרויס האָפענונג, אַז זי וועט באַלד געהאָלפן ווערן, און זי האָט זיך שוין אַזוי ווייט איינגעגלויבט אין דעם, אַז איר האָט שוין אויסגעוויזן, אַז זי פילט שוין דאָס קינד...

דער בעל־שם האָט זיך אָנגערופן צו ר׳ לעמלען:

„זאָגט, ר׳ לעמל, וואָס פאַר אַ חזן איז דאָ, וואָס דער יונג רופט אייך צו אים?"

„מיר האָבן אויף היינטיקן שבת אַ נייעם חזן אין אונזער שטאָט, — האָט אים דער בעל־אַכסניא געענטפערט. — איר האָט אפשר געהערט פון אים? ער הייסט ר׳ זונדל קרייעהאָן, דער שטאָפּערקער חזן."

„אַזוי?! — האָט זיך דער בעל־שם אָפּגערופן מיט גרויס חדוש — אַזוי?! ר׳ זונדל איז דאָ און וועט ביי אייך דאַוונען? דאָס פרייט מיך זייער, עס איז דאָ וועמען צו הערן. ער איז אַ גרויסער זינגער און אַ גרויסער דאַוונער. זיינע ווערטער זיינען צוקער־זיס און דערקוויקן דאָס האַרץ און די נשמה. דערצו נאָך איז ער גלאַט אַ שיינער ייד, אַ למדן, אַ ירא שמים. עס טרעפט גאַנץ זעלטן, אַז די אַלע מעלות זאָלן זיך באַהעפטן אין אַ חזן. אַזוי, אויב דער חזן איז באמת זונדל קרייעהאָן, וויל איך אייך מער נישט אויפהאַלטן דאָ. עס איז נישט שיין צו לאָזן אים וואַרטן אַזוי לאַנג אויף אייך. נו, גייט אייך צו אים, אָבער דערציילט קיינעם נישט, אַז איך בין ר׳ ברוך בעל־שם. מען וועט מיך נישט לאָזן לעבן, און איך וויל מיך אויסרון איבער שבת".

— „און ווען האָט איר בדעה אַוועקצופאָרן?" האָט ר׳ לעמל געפרעגט.

— „לא יאוחר, ווי זונטאָג", האָט דער אורח געענטפערט.

„איר האָט גערדאַרפט בעטן מיין פרוי, זי זאָל קיינעם נישט זאָגן. איך וועל געוויס קיינעם נישט דערציילן", — האָט ר׳ לעמל געזאָגט.

— „נו, בעט איך אייך טאַקע, איר זאָלט עס אָנזאָגן אייער פרוי אין מיין נאָמען“.

„איך וועל טאַקע אַזוי טאָן“, — האָט אים ר׳ לעמל פאַרזיכערט, — און איז אַרויס פון צימער.

אַריין צום חזן, האָט אים שוין ר׳ לעמל נישט דערוויסט, דערפאַר אָבער האָט ר׳ לעמלס ווייב זיך שוין געטענטלט מיט וויקעלעך און ווינדעלעך פאַרן קינד, וואָס דער בעל־שם האָט איר מבטיח געווען, און בעת מעשה דערציילט גרויס וואונדער פון דעם ר׳ ברוך, ווי אַזוי זי האָט מיט אים גערעדט, און ווי ער האָט איר צוגעטראָפן. זי האָט גערעדט פאַר אַן עדה ווייבער, וואָס זיינען געשטאַנען אַרום איר און וואָס האָבן זיך פאַרמערט פון מינוט צו מינוט.

עס פאַרשטייט זיך, אַז דער ר׳ לעמל האָט שוין נישט געקאָנט בעטן דאָס ווייב, זי זאָל קיינעם נישט דערציילן פונם בעל־שם, מחמת זי האָט שוין פאַרפויקט די גאַנצע שטאָט מיט דערדאָזיקער נייס און האָט זיך געפּאַטשט אין בויך אַריין, ווי תּמר, בשעת זי האָט זיך באַקענט מיט יהודהן, און האָט נאָכאַנאַנד געשריען:

„איך בין מיט אַ גאון, מיט אַ גוטן יודן מעוברת!“

און עס האָט שוין דאָרט אַ גאַנצן פרייטאָג געקאָכט, ווי אין אַ קעסל פון יידן און ווייבער, וואָס זיינען געקומען זען און באַשמעקען דעם חזן און דעם בעל־שם.

און אַז דער בעל־אכסניאַ האָט איינגעזען, אַז עס איז שוין סיי־ווי־סיי נישט קיין סוד מיטן בעל־שם, האָט ער שוין אַליין אויך נישט געשוויגען און האָט דערציילט פאַר דעם עולם, וואָס האָט אים אַרומגערינגלט, וואונדער איבער וואונדער.

„דאָס איז אַ געטלעכער מענטש, — האָט ער געשריען,— ער זעט נישט, ווי אַלע מענטשן בלויז דאָס אויסערלעכע, ניין, ער זעט, וואָס עס טוט זיך ביי יעדעם אין האַרצן. די פראַגע האָב איך אַליין געזען אויף מיר אַליין, און געלויבט און געדאַנקט איז זיין ליבער נאָמען, וואָס איך בין עס שוין איבערגע־

קומען !.. היינט שפּילט גלאַט די שכינה אויף זיין געזיכט. ער זעט אויס, ווי אַ מלאך און האָט מיר און מיין ווייב צוגעטראָפן אין אַזעלכע זאַכן, וואָס מיר האָבן שוין באַלד גאָר פאַרגעסן אין זיי. איצט פאַרשטיי איך שוין גאַנץ גוט, וואָס ער האָט אָנגע־קערט דאָס פּנים פון מיין ליבהאַרציקן משרת, פון בערקען, בשעת יענער איז אַרויס צו אים אַנטקעגן. דער געטלעכער מאַן האָט דערשמעקט דאָס טרפה פון וויטן און איצט פאַרשטיי איך אויך, אַז דער חזן, ר׳ זונדל, מוז זיין עפּעס אַ תכשיט פון אַ יידן, ווייל בשעת איך האָב אים דערציילט, אַז ר׳ זונדל וועט ביי אונז שבת דאַוונען, האָט עס אים זייער געפרייט, און ער האָט געזאָגט אויף אים, אַז ער איז אַ אדם כשר און האָט אים זייער מפליא געווען. ער האָט זייער געלויבט זיין זינגען, און האָט געזאָגט, אַז עס שיינט, ווי די גרעסטע בריליאַנטן און די קרוי־נען, וואָס די מלאכים מאַכן פון די פאַרשידענע יידישע תפלות״.

עס פאַרשטייט זיך, אַז דידאָזיקע רייד האָבן געהויבן דעם חזן למעלה און קיין איינער האָט נישט געצווייפלט אין די מעלות פון חזן: ערשטנס, צו וואָס זאָל דער בעל־שם לויבן אומזיסט אַ חזן; צווייטנס, וועט ער זיך דאָך נישט וועלן מאַכן פאַר אַ ליגנער. ווי ווייט איז דאָס גאָר צו שבת, וועט מען דאָך הערן. מוז דאָך דער חזן טאַקע זיין אַ שיינע כלי.

אין דעם בעל־שם אָבער האָבן מאַנכע געצווייפלט. עס האָבן זיך געפונען אַזוינע, וואָס האָבן גאָרנישט געהאַלטן פון אים.

באַזונדערס איז אַרויסגעטרעטן געגן אים דעם בעל־אַכסניאס, מלמד, וואָס האָט געלערנט מיט זיינעם אַ ברודערס אַ ייִנגל, וועלכן ער האָט געהאַלטן ביי זיך פאַר אַ קדיש. דער בעל־אַכסניא האָט שוין אָבער געהאַלטן פאַר איבעריק צו האָדעווען דאָסדאָזיקע ייִנגל פאַר אַ קדיש, ווייל ער האָט שוין געהאָפט אויף אַן אייגענעם ייִנגל... דאָס האָט באַליידיקט דעם מלמד און ער

האָט געשאָטן אויפן בעל־שם, וואָס ער האָט נאָר געקאָנט, וואָס אין קאָרט שטייט.

דעם בעל־אַכסניא האָט עס שטאַרק פאַרדראָסן, האָט ער געגעבן אַ גוטע פּאָרציע דעם מלמד מיט די איבעריקע פאַרשוינען, וואָס האָבן געמאַכט צו גאָרנישט דעם בעל־שם.

אַקוראַט אין דעם מאָמענט איז געקומען דער חזן מיט נאַסע פּיאותן: ער איז געוועזן אין מקוה.

„אָ, איר זייט אונז געקומען, ווי גערופן, — האָט אַ זאָג געטאָן דער בעל־אַכסניא צום חזן. — מיר שפּאַרן זיך דאָ איבער דעם ענין פון קבלה און אַ בעל־שם. לאָמיר הערן, וואָס האַלט איר דערפון?“

„אָ, דאָס איז אַ קורצע שאלה, — האָט דער חזן געענטפערט, — וואָס ברויכט אַ לאַנגע תשובה, און איצט איז דערויף קיין צייט נישטאָ. עס וואַרטן אויף מיר אייערע משוררים, מסדר צו זיין זיך מיט זיי. דאָך וועל איך אייך זאָגן אין קורצן, אַז מיר, יידן, מאמינים בני מאמינים, באַדאַרפן גלויבן, אַז אונזערע גרויסע לייט האָבן מיט קבלה אויפגעטאָן גרויסן וואונדער, ווי דאָס איז אַרויסצוזען פון דער גמרא און פון דעם האר״י הקדוש. אָבער אויף די היינטיקע ווייס איך נישט“.

„איצט בין איך שוין אַ בעלן צו הערן פון אייך, וואָס וועט איר זאָגט אויף ר׳ ברוך בעל־שם?“

„וואָס פרעגט איר עפּעס גראַדע אויף אים? — האָט דער חזן אַ פרעג געטאָן.

„ווייל ער איז אַצינד גראַדע אונזער אורח. ער שטייט דאָ איין ביי מיר אויבן, ער איז טאַקי ערשט געקומען“.

אַזוי? — האָט זיך דער חזן אָפּגערופן. — איז דערדאַזיקער רמאי געקומען אויך אַהער, און גראַדע האָט איר עס דעם מזל, ער זאָל דוקא איינשטיין ביי אייך. זייט אָבער גוט פאָרזיכטיק, וואָרום ער קאָן אייך מיט אייערע שפּאָט־לייט גוט אָנפייפן, ווי ער האָט אָנגעפייפט אַלע איבעריקע שטעטלעך. ער איז אַ צבויאק פון ערשטן סאָרט. ער קאָן גוט ריידן און קאָן

אָפּגאָרן דעם גרעסטן מענטשן. צו אַלע צרות וועזט מיר נאָך אויס, אַז ער איז אויך אַ גרויסער עם־הארץ און האָט זיך דערייבער טאַקע געמאַכט פאַר אַ בעל־קבלה, ווייל דערדאָזיקער עני איז אַזוי ווי אַ מאַנטל, וואָס פאַרדעקט אַלע פעלערן און די גרעסטע עם־הארצות. אוי, עס פאַרדריסט מיך, וואָס איך בין דערביי נישט געווען — איך וואָלט אייך גאָר נישט געלאָזט, איר זאָלט אים אַריינגעמען אין שטוב, אַ שאָד!"

„אָ, ר' זונדל, — האָט דער בעל־אַכסניא זיך אָנגערופן, — וואָלט איר אָבער וויסן, וואָס ר' ברוך האָט אויף אייך געזאָגט, וואָלט איר עס נישט גערעדט, וואָס איר רעדט אַצינד אויף אים. זעט איר, ער האָט אייך זייער געלויבט. ער האָט געזאָגט, אַז איר זייט אַ גרויסער חזן, אַן אדם כשר און אַ ייד—אַ למדן".

דער חזן האָט זיך צעלאַכט.

„דאָס איז גראַדע פאַר מיר אַ חסרון, וואָס אַזאַ רמאי לויבט מיך, — האָט ער געזאָגט.— איך דאַרף נישט זיינע שבחים און זיין מבינות. אין אַ פּאָר שעה אַרום וועט איר מיך אַליין הערן, און אויף מיין לומדות קאָן אַזאַ עם־הארץ גאָר קיין מבין נישט זיין. געקומען בין איך אָבער בלויז צו דאַווגען, אָבער נישט צו פּסקענען שאלות, אַלזאָ, וואָס מאַכט עס מיר אויס, צי איר וועט מיך האַלטן פאַר אַ למדן, צי נישט. אויף זיין סחורה אָבער קאָנט איר קיינער קיין מבין נישט זיין, דערפאַר זאָלט איר מיר גלויבן, ווען איר האַלט מיך יאָ פאַר אַן אדם כשר, ווי ער זאָגט אויף מיר, און היט אייך פאַר אים, ווי פאַר אַ משוגענעם הונט".

נאָך דעמדאָזיקן קליינעם וכוח איז זיך דער חזן אַריין אין זיין חדר מיוחד, זיך מסדר צו זיין מיט די שטאָט־משוררים, און דער מלמד מיט די, וואָס האָבן מיט אים געהאַלטן, האָבן ערשט אויפגעעפענט זייערע פּיסקעס און האָבן זיך לוסטיק געמאַכט איבער דעם בעל־שם און איבער די אַלע בעלי־קבלה און האָבן דערמיט פאַרשאַפט פיל קרענקונג דעם בעל־אַכסניא און נאָכמער זיין פרוי, וואָס האָט זיך געריכט באַלד געלעגן צו ווערן.

דערהערט, וואָס דער חזן האָט געזאָגט, איז דער מלמד געוואָרן ביי זיך אַזוי תקיף, אַז ער האָט נישט אָפּגעלאָזן דעם בעל־אַכסניא און האָט דורכאויס געוואָלט, ער זאָל אים אַרויפפירן צו דעם בעל־שם, און דאָרט וועט ער אים שוין ווייזן אין די אויגן, אַז ער איז אַ גרויסער עם־הארץ.

דער בעל־אַכסניא האָט עס אים סוף־כל־סוף נאָכגעגעבן.

„גוט, קומט מיט מיר אַרויף צום בעל־שם, — האָט ער געזאָגט, — איך וועל אייך אים פאָרשטעלן. איך וועל זאָגן, אַז איר זייט מיין מלמד און איר ווילט מיט אים וואָס ריידן אין לערנען".

צום אומגליק, איז דער מלמד געווען אַ גרויסער פחדן. ער פלעגט לאַכן פון שדים און האָט מורא געהאַט צו שלאָפן אַליין אין אַ צימער; ער פלעגט לאַכן פון חלומות און פלעגט זייער אָפט פאַסטן אַ תענית־חלום. און דעריבער, אַז זיי זענען נאָר אַריין צו דעם בעל־שם אין צימער, האָבן אָנגעהויבן דעם מלמד צו ציטערן הענט און פיס.

דער בעל־שם איז בעת מעשה געשטאַנען אָנגעטאָן אין טלית איבערן קאָפּ, מיטן געזיכט אָפּגעקערט צו דער וואַנט און אַזוי ווייט פאַרגעטערט, אַז ער האָט זיי גאָרנישט באַמערקט.

ער האָט זיך זייער שטאַרק געשאָקלט און האָט אַרויסגעלאָזט פון האַלז ווילדע קולות און געשריען, ווי פון אַ געוואַלטיקער מאַשין. ער האָט באמת אויסגעזען, ווי איינער, וואָס איז אויסגעטאָן פון זיך און פון דער וועלט, און וואַנדלט ארום אין די עולמות־עליונים, ווי מען רופט עס ביי אונז יידן „התפשטות הגשמיות".

ווײַלעוויַיז האָט ער אויסגערופן זעלטענע נעמען פון בייזע גייסטער, פון מלאכי חבלה.

„שווייג דו, אַריין! — האָט ער געשריען, — שווייג דו, פרגוד! אויך דו, עדיאל, האַלט ס'מויל!"

באַלד נאָכדעם האָט ער צוגעבויגן דעם רעכטן אויער, אַזוי ווי ער וואָלט זיך איינגעהערט, וואָס עמיץ זאָגט, און אין דער אייגענער רגע האָט ער זיך צושריען, פונקט ווי ער וואָלט איבערגעזאָגט יענע ווערטער, וואָס ער האָט געהערט:

„דערדאָזיקער „רמאי!"

„אַ צבויאַק פון ערשטן סאָרט".

„היט אייך פאַר אים, ווי פאַר אַ משוגענעם הונט".

„אָ, גענוג שוין מקטרג צו זיין אַ יידן, אַ למדן. אָ, דו, גבריאל, דו, וואָס דו האָסט פאַרשלאָפן די מיילער פון די לייבן, אַז זיי זאָלן דניאל נישט בייסן, פאַרשליס שוין די מיילער פון דידאָזיקע שעטנזים! עס זאָל כאָטש נישט שאַטן דער גאַנצער שטאָט צוליב דעם איינעם; גענוג, אַז ער אליין זאָל זיין די כפרה פאַר זיי אַלעמען! אָ, איך בעט דיך, גבריאל, ווי מיינעם אַן אַלטן באַקאַנטן!..."

דידאָזיקע ווערטער האָט דער בעל=שם אַרויסגעזאָגט מיט גרויס ציטערניש און פלאַטערניש און אויך מיט גרויס פאַרגעטערונג.

דער מלמד מיטן בעל=אכסניא, וואָס האָבן זייער גוט פאַרשטאַנען דעם תוכן פון די קולות און גוואַלדן, דאָס הייסט, אַז ער האָט דאָ נאָר איבערגערעדט די ווערטער, וואָס דער חזן האָט אונטן גערעדט, און דעריבער בייזערט ער זיך אויף די שעטנזים, וואָס זיינען אויף אים מקטרג, און בעט גלייכצייטיק דעם מלאך גבריאל, אַז ער זאָל זיי פאַרשליסן די מיילער און זיין אַ מליץ טוב פאַר דער גאַנצער שטאָט, אַז זי זאָל נישט ליידן פאַר זיין בייז מויל, — דער מלמד מיטן בעל=אכסניא זיינען געבליבן שטיין אין טויטער פאַרגליווערטער שרעק. ערשט איצט האָבן זיי בחוש געזען, אַז דער בעל=שם איז אַ נביא. וואָרום ווען ער וואָלט קיין נביא נישט געווען, טאָ פונוואַנען וואָלט ער געוואוסט וואָס דער חזן האָט אויף אים גערעדט? אויסערדעם, איז ער אויך אַ גרויסער מחותן מיט אַלע מקטרגים און אויך מיטן מלאך גבריאל.

קורץ דערפון, זיי זיינען געבליבן שטיין, ווי צוגענאגלטע, זיי האָבן געוואָלט אַנטלויפן און האָבן נישט געקאָנט. די פיס האָבן זיי נישט געדינט...

זיי זיינען אַזוי לאַנג געשטאַנען, ביז די געטלעכע באַגייסטערונג פון דעם בעל־שם איז אַריבער און ער איז געוואָרן דערזעלביקער מענטש, וואָס פריער. דעמאָלט האָט ער זיך אומגעקערט צו זיי און האָט זיי זייער פריינטלעך געפרעגט, צי זיי זיינען שוין דאָ לאַנג און וואָס דאַרפן זיי צו אים.

האָט דער בעל־אכסניא קוים אַרויסגערעדט:

„דאָס איז אַ מלמד און קנעלט ביי מיר. ער לערנט מיט מיין ברודערס אַ יינגל, וואָס איז ביי מיר. ער האָט מיך געבעטן, איך זאָל אים אַריינפירן צו אייך, ער וויל אייך אָפּגעבן שלום."

— „גאַנץ שיין!" — האָט אים דער בעל־שם געענטפערט און האָט אים אויסגעשטרעקט זיין לינקע האַנט.

עס פאַרשטייט זיך, אַז ס'איז געוואָרן פון מלמד אַ גל של עצמות פון גרויס שרעק, אַז ער האָט שוין קיין כח נישט געהאַט צו געבן אים די האַנט. ער איז געשטאַנען ווי אַ טויטער, מיט פאַרגליווערטע הענט און פיס.

וואָס זייט איר מירביידע עפּעס באַאומרואיקט? — האָט ער זיי געפרעגט.

„ווייל מיר זיינען שוין דאָ מער ווי אַ האַלבע שעה, — האָט זיך דער בעל־אכסניא אָפּגערופן, — און מיר האָבן אונז דאָ געזען עטוואָס אַזוינס, וואָס מיר האָבן נאָך קיינמאָל אין לעבן נישט געזען. מיר זיינען ביידע שיער נישט אומגעפאַלן פאַר שרעק..."

— „אַזוי, איר זייט שוין דאָ פון אַ צייט? — האָט זיך דער בעל־שם געחדושט. — איר האָט אודאי געהערט מיט וועמען איך האָב גערעדט? איר מוזט מסתמא פאַרשטיין וועגן וואָס איך האָב דאָ מיט זיי געשמועסט. איר זאָלט וויסן, אַז אין הימל איז אַ גרויסער רוגז אויף אייער שטאָט דערפאַר, וואָס מ'האָט גערעדט ביי אייך אין שטוב אַזעלכע דברים אויף אַן אדם כשר,

אַז עס קאָן גאָרנישט בלייבן אומבאַשטראָפט. מיר געפינען עס אַפילו אין דער גמרא און אין די מדרשים, אַז דער בורא, ברוך הוא, איז גיכער מוחל אויף זיין כבוד, איידער אויף דעם כבוד פון זיינע הייליקע לייט, און די ערשטע כפּרה האָט געזאָלט זיין אייער גאַנצע שטוב דערפאַר. אָבער איך, וואָס איך בין תמיד אַ מעביר על מדותי האָב עס אַצינד מתקן געווען און האָב אויסגעפועלט, אַז עס זאָל קיינעם נישט שאַדן, לבד דעם, וואָס האָט גערעדט אַזעלכע זלזולים אויף מיר. אמת, נישט ער אַליין האָט גערעדט, נאָר אַנדערע אויך, און צווישן די אַנדערע — דערדאָזיקער מלמד, וואָס שטייט פאַר מיינע אויגן. דאָך וועל איך מיך באַנוגענען מיט יענעם אַליין, ווייל ער האָט גערעדט מער פון אַלעמען, און דערפאַר וואָס ער האָט מיך גערופן „משוגענער הונט" און האָט אויף מיר געבילן, ווי אַ הונט, וועט ער ווערן משוגע, ווי אַ משוגענער כלב, און וועט בילן, ווי אַ כלב."

מיינע לייט האָבן קוים דערלעבט אַראָפּצוגיין פון בעל־שם און אין שטוב זיינען זיי אַריין בלייך, ווי די וואַנט. דער מלמד האָט זיך געשלאָגן „אשמנו", וואָס ער האָט גערעדט אויף אַזאַ איש קדוש, און דער בעל־אכסניא האָט זיך געפּאַטשט אין בייכעלע, ווי אַן עכטער תקיף.

ער האָט דערציילט אַלץ, וואָס זיי האָבן זיך אָנגעזען און אָנגעהערט דאָרט, ביי אים אויבן.

„ווי מיינט איר פאַרט?-האָט ער זיך אָנגערופן צו די אַלע, וואָס האָבן זיך אַרומגעשטעלט אַרום אים, — האָט ער נישט אי־בערגערעדט יעדעס וואָרט, וואָס איז דאָ אונטן געפאַלן אויף אים, פּונקט ווי ער וואָלט געווען דערביי? אָבער ביי מיר איז שוין דאָס נישט קיין וואונדער, ווייבאַלד אַז ער איז אַזאַ מענטש, וואָס האָט התחברות מיט מלאכים און מיט רוחות. מיר האָבן אים טאַקע אָנגעטראָפן, ריידנדיק מיט זיי. אָט פרעגט אייך ביי דעם רבין, זאָל ער זיך געזונט זיין. אָבער וואָס האָט ער מיט אַ שעה פריער גערעדט וועגן דעם בעל־שם?"

דער מלמד, וואָס איז נעבעך נאָך אַלץ נישט געקומען צו זיך פון גרויס אַנגסט און פּחד, האָט איצט געמוזט מודה זיין, אַז דער בעל־שם איז אַ גרויסער מענטש.

„איצט, — האָט ער זיך אָנגערופן, — זעט מען, ווי גרויס עס איז, בעוונותינו הרבים, דער כּח פון לשון הרע, אַז עס דרינגט דורך די ווענט. נאָך גוט, וואָס מען האָט אָנגעטראָפן אויף אַזאַ ענין, אַ נישט וואָלט שוין מער ווי איינער געליטן, און איך וואָלט שוין מסתמא געווען די ערשטע כּפּרה, ווייל איך האָב אויך געננוג. . .״

דידאָזיקע ווערטער האָבן געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אויף די צוהערער אין שטוב, און באַלד דערויף אויף אַלע איינוואוי־נער פון דער גאַנצער שטאָט, וואָרום אין אַ שעה אַרום איז שוין יעדע שטוב געווען פול מיט דערדאָזיקער מעשה. יעדערער באַזונ־דער האָט זיך באַרעכנט, וואו ער האַלט אין דער וועלט מיט זיינע מעשים, און מער ווי אַ האַלבע שטאָט האָט שוין געוואָלט גיין אַרויסנעמען תּיקון ביי אים אויף זייערע חטאים.

די שטאָט איז שוין געווען אַזוי צעטראָגן מיט אים, אַז מען וואָלט זיך שוין גאָר פאַרגעסן אין דעם חזן, ווען עס וואָלט מיט אים נישט פּאַסירט אַ מעשה, וואָס האָט נאָכמער אויפגערודערט די שטאָט, ווי דער שמועס פון בעל־שם מיט די מלאכים.

קוים האָט דער מלמד געענדיקט זיינע ווערטער, איז אין שטוב אַריינגעלאָפן זיין תּלמידל, אַ ייִנגל פון אַ יאָר צען און האָט דערציילט דעם רבין, אַז אין חדר, וואו עס שטייט איין דער חזן, הערט זיך אַ בילן און סקאַוויטשן פון אַ גרויסן הונט. זאָל עס זיין, אַז ער איז זיך אַזוי מסדר צו זינגען אין שול?

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט דער עולם פּשוט גע־נומען גאַפן און שטוינען.

דער בעל־אַכסניא האָט זיך אַזוי איבערגעשראָקן, אַז די האָר האָבן זיך אים אויפגעשטעלט. ער האָט זיך אָנגערופן צום

מלמד, וואָס יענעמס פּנים איז איינגעשרומפּן געוואָרן פון גרויס פּחד, ווי דו אויסגעשמאָטשקעטע פייג פון ר׳ צדוק:

„אָט האָט איר אייך שוין אַ קלאָרע תשובה. הלואי זאָל מען מיט אים אַליין אָפּקומען. איך מיין, אַז עס זאָל כאָטש קיין אַנדערן נישט שאַדן, ווייל מיר, יידן, זיינען דאָך אַלע מאָל ערבים זה לזה. איצט האָט איר אייך שוין אַ גוטע אָנלערנונג, ווי אַזוי מען דאַרף האַלטן די צונג צווישן די ציין און נישט ריידן אויף אַבי ווועמען. און זייט וויסן, אַז איך בין אַ מבין אויף אַ מענטשן. איך האָב אים שוין דערקענט פון דעם ערשטן בליק, אַז ער איז אַ געטלעכער מאַן“.

„אָט גלויבט בעסער נישט, און וואונדערט זיך נישט דע־ריבער, — האָט זיך אָפּגערופן איינער, וואָס איז פריער געווען פון דעם מלמדס צד. — מאלע וואָס אַ יינגל, אַ שייגעץ, באַ־לעבאָטשעט. ווער ווייס, וואָס עס האָט זיך אים דאָרט געדאַכט?“

„שוין גאָר אַ נייס! געדאַכט זיך גאָר? — האָט זיך דער יינגל אָפּגערופן, — איך וועל אייך שוין דערציילן די געשיכטע אויף קלאָר. איך, שעפּקע דעם שוסטערס און וועלפּקע דעם קאָמינאַרס האָבן אונז פאַרטייעט אונטער דעם פענסטער פון יענעם חדר, וואו עס שטייט איין דער חזן. מיר האָבן געוואָלט הערן, ווי ער וועט זיך מסדר זיין. האָבן מיר דערהערט, און איך אַליין האָב געזען דורך די שויבן, ווי ער מאַכט מיט דעם מויל: „האַוו! האַוו! האַוו!“ פונקט ווי דעם אַסעסאָרס הונט און דערצו האָט ער געוואיעט אַזוי שטאַרק, ווי עס וואיען די הינט, (צו זייער קאָפּ און לייב און לעבן!) בשעת עמיץ שטאַרבט. נו, זיינען מיר צעלאָפן“.

— „אָט האָט איר אייך אַ שפּיל, — האָט דער בעל אַכסניא ווידעראַמאָל געזאָגט. — דער לעבעדיקער ווייס, מיט וואָס דאָס וועט זיך ענדיקן...“

— „און דאָך גלויבט זיך מיר עס נישט, — האָט זיך דער פריערדיקער אָפּגערופן. — מיר מוזן עס הערן מיט די אייגענע

אויערן און זען מיט די אייגענע אויגן. קומט, לאָמיר צוגיין צום פענסטער פון דעם חזנס חדר!"

ס'האָבן זיך געפונען עטלעכע בעלנים, וואָס האָבן מיטגע־שלעפט אויך דעם מלמד, און די שטאַרקערע פון זיי האָבן זיך דערוועגט צוצוגיין צום פענסטער. זיי האָבן זיך איינגעקוקט און האָבן דערזען עטוואָס אַזוינס, וואָס אונזערע גוטע פריינט זאָלן עס בעסער נישט זען!.. זיי האָבן אים דערזען, דאָס הייסט, דעם חזן, ווי ער שטייט אינמיטן שטוב, אויף אַלע פיר און קוקט זיך אַרום מיט ביסטרע, רויטע אויגן, די האָר פון קאָפ הייגען אים אַרונטער, ווי פּאַטליעס, דאָס פנים איז ווילד, דאָס מויל אָפן, די צונג הייגט אַרויס, און עס גאַוועט. עפּטער קריצט ער מיט די ציין און רוקט זיך הינטערוויילעכץ אַלץ צום טיר, און אַז ער האָט זי קוים באַרירט מיט זיין הינטער־חלק, האָט ער באַלד דערויף זיך אַ שופּ געטאָן צוריק און האָט אָנ־געהויבן צו וואיען און צו בילן אַלץ העכער און העכער...

עס האָט נישט לאַנג געדויערט, — און ער האָט אָנגעהויבן צו שפּרינגען און צו ברעכן כלים, און די שערבלעך האָט ער געטראָטן מיט די פיס און געביסן מיט די ציין.

די גאַנצע שטאָט איז באַלד פול געוואָרן מיט דערדאָזיקער נייס. פון אַלע עקן איז מען געקומען צו לויפן זען דעם חזן און נאָכדעם האָט יעדער דערציילט אַ סך מער, ווי ער האָט געזען.

איצט האָט מען שוין דעם בעל־שם פאַרגעטערט פון מינוט צו מינוט. אין איין האַלב שעה צייט איז געוואָרן פון בעל־שם אַ נביא, פונם נביא — אַ בעל־מופת, פון בעל־מופת אַ געטלע־כער מאַן, פון געטלעכן מאַן — אַ מלאך, און פון מלאך אַ שותף צום בורא...

דער עולם האָט זיך אַ שאָט געטאָן צום בעל־שם, צו באַ־קומען אַ ברכה, אַ קמע אָדער אַ תיקון אויף די עבירות אָדער אַ היילונג צו מאַנכע חלאתן.

א. מ. דיק.

אָבער עס איז נישט געווען אַזוי לייכט צוצוקומען צו אים. דער עולם האָט זיך געשטופּט און געשטויסן.

תּחילת האָט דער בעל-שם גאָרנישט געוואָלט צולאָזן צו זיך, לסוף אָבער איז ער ווייכער געוואָרן און האָט אָנגעהויבן אַריינצולאָזן אין צימער די מער חשובֿע באַלעבאַטעס, וואָס האָבן געקאָנט גוט באַצאָלן פאַר זיינס אַ וואָרט.

די ערשטע בּרכה און די ערשטע קמע האָט באַקומען די בעל-אַכסניאַטע, נאָכדעם אירע גוטע פריינט, וואָס האָבן פיין באַצאָלט.

מען קאָן דאָך עפּעס נישט זיין אַזוי גראָב. אויסערדעם האָבן זיי זיך סתּם געשראָקן פאַר אים. אין זיין חדרל האָט זיי געציטערט דער פּופּיק פון דעם חזנס בילן.

מער פאַר אַלעמען אָבער האָט זיך געשראָקן דער מלמד. אים האָט זיך שוין געדאַכט, אַז זיין שטים איז שוין עפּעס ענלעך צו דער שטים פון אַ הונט. מיט ביידע הענט האָט ער פאַרקוועטשט דאָס מויל, ער זאָל, חלילה, נישט אָנהויבן בילן אָדער סקאַוויטשן. ער האָט זיך אויך פעסט אָנגעהאַלטן אין זיין שטעקען, ער זאָל, ווי דער חזן, נישט פאַלן אויף אַלע פיר. אים האָט זיך אַלץ געדוכט, אַז עס ציט אים צו דער ערד. ער האָט דעריבער אָפּגעגעבן זיין לעצטן רובל דעם בעל-שם פאַר פּדיון.

קורץ דערפון, אַ גאַנצן פרייטאָג איז געשטאַנען אַ יריד אין דער אַכסניא. עס האָט געקאָכט און גערוישט. מען האָט געטראָגן געלט צו דעם בעל-שם, ווי מצה-וואַסער, בפרט נאָך, אַז ער האָט געזאָגט, אַז דאָס געלט וועט ער אַוועקגעבן אויף ארץ-ישראל. אַ סך יונגע ווייבלעך האָבן אים אַוועקגעגעבן זייערע אוירינגלעך, זייערע פינגערלעך און האָבן געדאַנקט גאָט, אַז ער האָט עס ביי זיי צוגענומען. זיי וואָלטן אים אַפילו זייערע נשמות אויך אַוועקגעגעבן, אַבי נאָר די מאַנען צוריק צו באַקומען, אָדער אַ קדיש צו דערלעבן, און בפרט אַז דורך דער ערשטער זאַך קאָן מען שוין ממילא אויך באַקומען די צווייטע זאַך.

אַפילו אַלטע לייט, וואָס האָבן שוין גאָרנישט געהאַט, וואָס צו פאַרלאַנגען פון אים, און אַפילו אַלטע ווייבער, וואָס האָבן שוין דריי מאָל איבערגעניצעוועט זייערע תכריכים, האָבן אים אויך אַוועקגעטראָגן זייער לעצטן פעניג, כדי אויסצופועלן ביי אים אַ לייכטע מיתה פאַר זיך אָדער אַ גוטן אָרט אויף יענער וועלט, און אַלע זיינען אַוועק פון אים העכסט צופרידן. ער האָט אַלעמען אַלדאָס גוטס מבטיח געווען.

אַ פּאָר אַלטע לייט האָט ער פאַרזיכערט, אַז די נשמות וועלן זיי אַרויס גאָר אומגעריכטערהייט און זייער לייכט — איינעם עסנדיק, אַ צווייטן — שלאָפנדיק, און דעסגלייכן. געגן אָוונט האָט מען אים אָנגעהויבן צו שיקן משקה: מעדן, וויינען, טאָרטן, און די אַכסניא איז געווען פול און פאַק מיט מענטשן. אַ טייל — צו זען דעם בעל־שם און אַ טייל — צו הערן דעם חזן, ווי ער סקאָוויטשעט.

מען איז זיך פאַרנאַנדערגעגאַנגען ערשט צו ליכט־בענטשן, עס זיינען מער נישט געבליבן נעבן דעם חזנס סטאַנציע ווי אַ פּאָר צענדליק קונדסים, וואָס מען האָט זיי שוין עטלעכע מאָל אויסגעבראַקירט פון רעקרוטן.

אין דוראַטשעסאָק איז אויך געווען אַ רבל, פון וועלכן דער עולם האָט שטאַרק געהאַלטן:

ער פלעגט אָפּצעשפּרעכן עין־הרעס, זייער אָפט מאַכן אַ שאלת חלום, און האָט געשפּילט ביי דעם ערשטן נאַבאָר אַ גרויסע ראָלע אין שטעטל מיט זיינע בייע סגולים און תשובות, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן.

ער איז אויך געוואָרן שטאַרק מפורסם דורך זיינע סגולות אין דער ערשטער כאָלערע. ער איז געווען אַ מיטגליד פון יענעם בית־דין, ביי וועלכן אַ טויטער מחותן האָט געהאַט אַ דין־תורה מיט זיינעם אַ געוועזענעם לעבעדיקן מחותן, פאַרוואָס יענער האָט מביש געווען זיין בחורל, און נישט גענומען אים פאַר אַן איידעם נאָך דעם מחותנס טויט.

עס פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ איינער האָט בודאי געהאַלטן

פון קבלה־מעשיות, פון אַ בעל־שם און בפרט נאָך פון ר׳ ברוך בעל־שם, וואָס מען זעט דאָ פון אים וואונדער איבער וואונדער.

דאָס רבל׳ האָט זיך אויך געוואָלט זען מיט דעמדאָזיקן צדיק, אָבער אַזוי ווי ער איז געווען דער מרא דאתרא, האָט אים נישט געפּאַסט, ער זאָל פריער באַזוכן דעם בעל־שם. וואָס־זשע האָט ער געטאָן? ער האָט צוגעטראַכט עפּעס אַן ענין, אַזוי, אַז דאָס רבל׳ זאָל קענען קומען פריער צום בעל־שם, און עס זאָל אים נישט שאַדן צו זיין כבוד.

פרייטאָגצונאַכט, נאָך קבלת־שבת, האָט ער פאַררופן צו זיך די פרנסי־חדשים פון שטאָט און האָט צו זיי אַזוי געזאָגט:

„ברידער, איר זאָלט וויסן, אַז מיר זיינען נישט יוצא פאַר דעם „איך טאָר נישט געדיינקען״, וואָס מיר שטייען פון וויטן ביי אַזאַ מין מעשה. דער חזן איז דאָך, ווי דער בעל־שם האָט אַליין מעיד געווען אויף אים, אַ טייערער ייד און אַ למדן דערצו. ער איז געקומען אַהער עפּעס פאַרדינען, אָבער ער איז, נעבעך, אַריינגעפאַלן און האָט זיך פאַרוואַנדלט ביי אייך אין אַ משוגענעם הונט. איך וועל עס אַפילו נישט לייקענען — ער האָט עס פאַרדינט גאַנץ כשר: מען דאַרף נישט ריידן קיין נאַרישקייט, מען דאַרף נישט לאַכן פון אַזעלכע זאַכן. דאָך אָבער איז אַ גרויס רחמנות אויף אים, ער האָט דאָך אַ ווייב און קינדער, און וויפיל איז עס דער שיער צו מוטשען אים? דע־ריבער מוזן מיר אַלע גיין צו ר׳ ברוך בעל־שם, מיר וועלן אים צוזאָגן אַ שיינעם פדיון און בעטן אים בכבוד, ער זאָל פון זיינעטוועגן מתפלל זיין, און דער אומגליקלעכער חזן זאָל, לפחות, אַרויס בשלום פון אונזער שטאָט״.

דעם רבס ווערטער האָבן פיל־ווייניק געווירקט אויף די פרנסי־חדשים און זיי זיינען צוזאַמען אַוועק צו דעם בעל־שם. זיי האָבן אים דערוויסט ביי זיך אין חדר, וואו ער האָט גע־דאַוונט מיט אַ מנין און האָט בעת מעשה געזאָגט „שלום עליכם״ מיט גרויס דבקות און התלהבות.

## די אורחים אין דוראַטשעסאָק.

זיי האָבן זיך געזעגנט אָנגעוואָרט, ביז ער האָט געענדיקט און געעפנט די אויגן.

דער בעל־אַכסניא האָט זיי פאָרגעשטעלט פאַר אים.

אָבער מיינע טייערע לעזער, מיר וועלן דאָ אויסמיידן דעמדאָזיקן צערעמאָניאַלן שמועס צווישן דעם בעל־שם און דעם רבֿ, וואו איינער האָט לויטער געחנפעט דעם צווייטן, און אַ פשיטא שוין די תורות, וואָס זיינען געפאַלן דערווייל צווישן זיי ביידן, וואָס נישט נאָר די פרנסי־חדשים האָבן נישט פאַרשטאַנען דערפון קיין איין וואָרט, ווייל מען האָט בלויז געשמועסט קבלה־זאַכן, נאָר אַפילו זיי אַליין האָבן אויך גאָרנישט פאַרשטאַנען.

די חשובע שטאָטלייט האָבן געמאַכט אַ שמועס וועגן דעם חזן, און דער בעל־שם האָט זיי געזאָגט:

„האַלט מיך נישט פאַר קיין נוקם ונוטר. איך האָב אים באַלד מוחל געווען זיינע רייד, וואָס ער האָט גערעדט אויף מיר. איך בין פון מיינע לאַנגע יאָרן אַ מעביר על מדותי, און פאַרקערט, ווען איך וואָלט נישט מתפלל געווען וועגן דעם, וואָלט דאָס גאַנצע שטעטל אומגעקומען. איר ווייסט דאָך, אַז מיר, יידישע קינדער, זיינען ערב איינער פאַר דעם אַנדערן, און דער חזן דאַרף מיר נאָך דאַנקען, וואָס איך האָב אויסגעבעטן פאַר אים אַ קליינע שטראָף אויף אַ קורצע צייט, נישט אָבער, חלילה, פון נקמה וועגן, נאָר כדי אים מתקן צו זיין, דאָס הייסט צראָפּנעמען פון אים דעם פלעק פון לשון־הרע. דאָס איז אייגנטלעך די כונה פון אַלע עונשים אין גיהנום, וואו עס ליידן די רשעים נישט פאַר נקמה, חלילה, נאָר צו לייטערן זיי פון זייערע עונות, ווי מען לייטערט זילבער אין פייער. דאָס איז אַפילו אַ צו טיפער ענין, אַז מען זאָל קאָנען איצט שמועסן איבער אים, אָבער איך וועל אייך זאָגן אין קורצן, אַז ווען נישט איך, וואָלט אויף דעם חזן נגזר געוואָרן, ער זאָל נאָך זיין טויט מגולגל ווערן אין אַ כלב אויף לאַנגע יאָרן... איך האָב אָבער געבעטן פאַר אים, וועט ער עס אָפּפּטרן מיט אַ קורצער צייט, אָבער אַזויווי איר זייט שוין געקומען צו מיר, ווייל איך אייך נישט אַוועקלאָזן מיט

ליידיקע הענט. איך וועל אים, צוליב אייך, מתקן זיין, אז דער זכות פון שבת וועט מיר שוין ביישטיין דערביי. דאָס וועט אים בלויז פאַרבעסערן, אָבער נישט אינגאַנצן געזונט מאַכן. געװנוג וועט זיין פאַר אים, אַז ער וועט אויפהערן דערוויל צו קריכן אויף אַלע פיר און צו וואיען, צו בילן, ווי אַ הונט. ריידן אָבער וועט ער ערשט אָנהויבן נאָך שבת און זינגען וועט ער ערשט קאָנען הלואי אין אַ חודש אַרום. און דאָס איז דערפאַר, ווייל דאָרט אויבן איז מען בייז אויף אים, וואָס בשעתן דאַוונען וויל ער געפעלן מיט זיין זינגען די נשים... ביי אַלעם דעם וועט ער נאָך אַ צייט לאַנג צושטאַמלען אַ ביסל, ווייל ער האָט זיך זייער פיל פאַרזינדיקט מיט דער צונג. אָבער גענוג צו ריידן, רבותי, די ליכט וועלן ביי אייך אויסגיין. נאָט אייך מיין טלית, שפּרייט אים אויס איבער אים, וועט ער ווערן פון אַ הונט צוריק אַ מענטש, און גייט אייך אַהיים בשלום".

האָבן זיי גענומען זיין טלית און האָבן אים באַלד אויסגעשפּרייט איבער דעם חזן, ווי דער בעל-שם האָט זיי געהייסן, און מען האָט שוין געזען בחוש, ווי ער ענדערט זיך און בעסערט זיך און ווערט רואיקער.

אין אַ האַלב שעה צייט איז ער שוין געשטאַנען אויף די צוויי פיס ווי אַ מענטש, און אַז מען האָט אים געשטעלט אַ שטול, האָט ער זיך שוין געקאָנט זעצן, הגם ער האָט זיך אָנגעהאַלטן אָן די הענטלעך פון שטול, און אַז ער איז נאָכמער געקומען צו זיך, האָט ער אָנגעהויבן צו פאַרריכטן זיך די באָרד און פאות און אַרומצעווישן זיך דאָס געזיכט און האָט אַפילו געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער עס גייט נישט. נאָר ער האָט שוין געהאַט אַזויפיל שכל, אַז ער האָט זיך געקאָנט דערקלערן דורך רמזים.

אַז ער האָט געוואָלט, מען זאָל אים געבן אַ שנאַפּס, האָט ער זיך אַ שנעל געטאָן אין גאָרגל, עסן, — האָט ער צוגעלייגט דעם פינגער צום מויל, שלאָפן — האָט ער צוגעלייגט די האַנט צו דער באַק און האָט דערביי אַ נויג געטאָן מיטן קאָפּ.

# די אורחים אין דוראַטשעסאָק.

קורץ דערפון, אין פאַרלויף פון אַ פּאָר שעה איז ער געוואָרן אַ מענטש, ווי אַלע, און עס האָט אים מער נישט געפעלט, ווי דער דבור. עס איז אים נישט געבליבן דאָס מינדעסטע פון אַ הונט, מער נישט ביים עסן, זיצנדיק ביים טיש צו מיטאָג, שבת נאָכן דאַוונען איז ער איבערגעפאַלן אַלע שפּייזן, וואָס איז דערלאַנגט געוואָרן צו טיש, ווי אַ הונגעריקער הונט און האָט עס אויפגעפרעסן ביז איין פּיצעלע. דערצו האָט ער נאָך צעבראָכן מאַנכע כלים אויך. מען האָט עס אַפילו באַלד געמאָלדן דעם בעל־שם, אָבער יענער האָט גאָרנישט געמאַכט דערפון.

„דאָס איז נאָר בלויז אַ פאַרדינטער עונש ביי אים, — האָט ער געזאָגט, — ווייל ער עסט אויף התונות און בריתן נישט לשם מצוה... איצט לאָזט מען דעם בעל־חוב אויפמאָנען זיינע חובות. איר זאָלט וויסן, אַז מען פירט זיך אויבן, ווי דאָ אונטן. אַז איינער פאַלט שוין אַריין אין די הענט פון דער פּאָליציי פאַר אַ חטא, רעכנט מען זיך שוין אָפּ מיט אים פאַר אַלע איבעריקע חטאים“.

עס פאַרשטייט זיך, אַז דער בעל־שם איז דורך דעם דעדאָוויקער געשיכטע זייער נתקדש געוואָרן אין שטאָט, און מען האָט אין אים שוין געגלויבט, ווי אין אַ נביא, ווי אין אַ צדיק, און אַ גאַנצן שבת צו נאַכט איז מען צו אים געגאַנגען מיט פדיונות, מיט געלט, מיט מתנות, און ער האָט אויסגעטיילט זייער פיל קמעות און סגולות.

עס זיינען אויך געקומען פיל קריסטלעכע פרויען מיט געלט, מיט מתנות און זענען אַוועק פון אים מיט גרויס התפעלות, וואָרום ער האָט זיי אויך צוגעטראָפן און געגעבן גוטע עצות.

אויף מאָרגן, דאָס הייסט, זונטאָג בשעת דער בעל־שם האָט שוין געוואָלט אַוועקפאָרן, האָבן אים קהל זייער אָרנטלעך באַפרידיקט פאַר דעם, וואָס ער האָט מגין געווען אויף זייער שטאָט, אַזוי, אַז עס האָט מער נישט געשאַדט ווי דעם חזן אַליין.

די גרעסטע נדבה האָט ער אָבער באַקומען פון דעם בעל־אַכסניא, וואָס איז שוין איצט פאַרזיכערט געווען מיט אַ קדיש.

דער מלמד האָט אים מחילה געבעטן פאַר אַלע אין די אויגן.

„איך ווייס, — האָט ער צו אים געזאָגט, — אַז איך האָב פאַרדינט דעמזעלביקן פסק, וואָס דער חזן, נאָר אייערע עניוות, אייער קדושה האָט אויף מיר מגין געווען. אַלזאָ, פון אַצינד אָן בין איך אַ מאַמין אין קבלה און אין בעלי־שמות".

דער בעל־שם האָט זיך דערביי געגלעט די באָרד און גע־שמייכלט און האָט אים געזאָגט פאַרן אַוועקפאָרן:

„לעונך וחטאתך תכופר. דיינע זינד האָבן שוין געמיטן פון דיר און דיין חטא איז דיר שוין פאַרגעבן געוואָרן".

אַ גרויסער עולם, יידן און ווייבער, האָבן אים באַגלייט און ביים שיידן זיך מיט אים האָבן זיי אים מבטיח געווען, אַז זיי וועלן דעם חזן נישט באַעולען און וועלן אים ביי אַלעם דעם באַצאָלן, ווי ער וואָלט ביי זיי געדאַוונט. לבד וואָס זיי וועלן אים באַצאָלן פאַר דעם שבת, וועלן זיי אים אויך אויס־האַלטן ביי זיך, ביז ער וועט אָנהויבן צו ריידן, און דאַן וועלן זיי אים אָפּשיקן אַהיים אויף זייערע הוצאות.

און זיי האָבן באמת געהאַלטן וואָרט, ווייל לבד וואָס זיי זיינען געווען גרויסע מאמינים, זענען זיי אויך געווען זייער ערלעכע לייט.

אַרום דינסטאָג, מיטוואָך האָט דער חזן אָנגעהויבן צו ריידן. ער האָט זיי דערציילט, אַז אַלץ, וואָס דער בעל־שם האָט אויף אים געזאָגט, איז אַן אמת, און האָט אַרויסגענומען פון דעם דאָרטיקן רב, וואָס איז אויך אַ שטיקל בקי אין דידאָזיקע זאַכן, תיקונים און תשובות, און איז זיך אַוועק פון דאָרט מיט אַ רעכטן גראָבן גראָשן.

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום זיינען זיך געקומען צו פאָרן אַ פּאָר אורחים צום אונזער בעל־אַכסניא. זיי האָבן געהאַלטן שבת ביי אים, און האָבן דערציילט דיזעלביקע וואונדער פון אַ בעל־שם מיט אַ חזן, וואָס איז געשען ערשט פאַראַכטאָגן אין זייער

שטעטל לאַכמאָן. דאָרט האָט אויך פּאַסירט פּונקט דאָס אייגענע, וואָס דאָ, און אַז ער האָט זיך בײַט זײַ גוט פאַנאַנדערגעשמועסט וועגן דעם, האָט זיך שוין אַרויסגעוויזן קלאָר אויפן טעלער, אַז דאָס זײַנען געווען דיזעלביקע יידן, וואָס דאָ, און אַלע האָבן באַלד פאַרשטאַנען דעם שווינדל.

עס איז איצט געווען קלאָר, אַז דער בעל=שם מיטן חזן זײַנען געווען פּשוטע שווינדלער, און נישט דער איז אַ בעל=שם און נישט יענער איז אַ חזן, און אין שטעטל האָבן אַלע אַראָפּגעלאָזט די נאָז פאַר חרפּה. . .

די בעל אַכסניאַטע האָט שוין אויפגעהערט צו טראָגן, די מאַנען פון די עגונות זײַנען געבליבן אויף זייערע ערטער, די קראַנקע האָבן זיך אָנגעהויבן צו קורירן בײַ דאָקטוירים, און האָבן זיך אַפילו אָנגעהויבן צו שעמען מיט דעם נאָמען פון זייער שטאָט „דוראַטשעסאָק“. מען האָט שוין אָנגעווענדט צו זיי דאָס באַוואוסטע שפּריכוואָרט: „הם נאים לשם עירם ושם עירם נאה לשמם, דאָס הייסט — זיי פּאַסטן פאַר דעם נאָמען פון זייער שטאָט, און דער נאָמען פון זייער שטאָט פּאַסט פאַר זיי.

נו, מײַנע טײַערע לעזער, ווען מיר האַלטן שוין איינמאָל אין לאַכן פון דער שטאָט דוראַטשעסאָק וועלן מיר שוין אויך, פאַרבײַגייענדיק, אַ לאַך טאָן פון כעלם, וואָס ליגט טאַקע נישט ווײַט פון דאָרט, דאָס הייסט, פון דוראַטשעסאָק.

אין די פאַרצײַטיקע יאָרן, בשעת דער לעבעדיקער עולם פלעגט באַזוכן די שול בײַטאָג, ווי דער טויטער עולם בײַנאַכט; בשעת די בעלי=מלאכות, וואָס פלעגן בויען גלײַכצײַטיק צוויי שטעט עטלעכע מײַל ווײַט פון איינאַנדער פלעגן זיך דערלאַנגען איינער דעם אַנדערן די געצייג, שמעקן טאַבאַק פון איין טאַ=באַקערקע און זאָגן איינער דעם אַנדערן לחיים בײַ אַ שנעפּסל, האָט שוין כעלם געהאַט אַ שם פאַר אַ שטאָט פון גרויסע נאַ=ראָנים. מען פלעגט דערציילן פון זיי גרויסע ווילדע נאַרישקייטן. מען האָט דערציילט, אַ שטייגער, אַז אין אַ געוויסן יאָר, ווען עס האָט פאַרפעלט זאַלץ, האָבן זיי אויף אַ שטיק ליידיקע פעלד,

וואָס זיי האָבן אָפּגעקויפט פאַר אַ בית־עולם, פאַרזייט זאַלץ און האָבן זיך געריכט צו פאַרדינען אָן דעם פיל מער, ווי פון קבורה־געלט. קוים אָבער האָבן זיי פאַרזייט דאָס זאַלץ, זיינען ווילדע חיות — בערן און וועלף איבערגעפאַלן דאָס זאַלץ און האָבן עס אויסגעלעקט.

עס פאַרשטייט זיך, אַז דאָס האָט דעם דאָרטיקן קהל זייער פאַרדראָסן, האָבן זיי געמאַכט אַ גרויסע אַסיפה, און עס איז ביי זיי געבליבן, אַז מען זאָל מאַכן אויף די חיות אַ געיעג, און אַלע, סיי גרויס און קליין, זאָלן אַרויס קעגן די חיות מיט קאָטשערעס און לאָפּאַטעס.

אַזויאַרום איז געוואָרן אַ מוראדיקער געשלעג, אין וועלכן עס זיינען אומגעקומען אָדער פאַרוואונדעט געוואָרן פון ביידע צדדים זייער פיל.

דאָך אָבער האָט מען קיין חרטה נישט געהאַט דערויף, ווייל מען האָט זיך געהאַלטן טריי ביי דעם אַלטן שפּריכוואָרט: „וואו מען האַקט האָלץ, דאָרט פאַלן שפּענער” און ווידער:

„נאַ טאָ וואָינאַ” דאָס הייסט, ווי קאָן זיין אַ מלחמה אָן פאַרוואונדעטע? איין זאַך האָט זיי אָבער שטאַרק באַזאָרגט.

מען האָט געפונען צווישן די, וואָס זיינען נהרג געוואָרן, איינעם אָן אַ קאָפּ, און מען האָט אים נישט געקאָנט דערקענען. אויב אַזוי, קען דאָך בלייבן זיין ווייב אַן אייביקע עגונה?

האָט מען באַלד דערויף אַוועקגעזעצט דעם בית דין, און זיי האָבן געלאָזט אויסרופן מיט אַ חרם, אַז יענע פרוי, וואָס ווייסט נישט, צי איר מאַן לעבט, צי ער איז אומגעקומען, זאָל זיך מעלדן צום בית דין.

צום גרויסן טרויער פון דער גאַנצער שטאָט אָבער האָט זיך דוקא געמאָלדן די רביצן.

„אוי, איך בין די איינציקע, — האָט זי זיך אָפּגערופן צו זיי, — וואָס איך ווייס נישט, צי מיין מאַן לעבט צי נישט”.

„גוט, ליבע רביצן, — האָט געזאָגט דער ראש בית־דין, — מיר האָבן איינעם אַ דערהרגעטן ביי אונז, וואָס וועגן אים האָט

זיך נאָך קיינער נישט געמאָלדן, קאָן זיין, אַז דאָס איז אפשר אייער מאַן. זאָגט אונז אַ סימן אויף אים און נעמט אייך אַן אַנדערן. זאָגט אונז נאָר, צי אייער מאַן איז געווען מיט אַ קאָפּ, צי אָן א קאָפּ".

„דאָס, רבותי, — האָט זי זיך אָפּגערופן, — קאָן איך נישט וויסן, ווייל אַ גאַנצן טאָג האָב איך אים נישט זוכה געווען צו זען. ער פלעגט זיצן איינגעשלאָסן אין זיין חדר מיוחד און געלערנט, און ביינאַכט איז דאָך פינסטער, איך קאָן אייך דערבער גאָרנישט זאָגן דערויף".

„אויב אַזוי, — האָט דער ראש בית-דין געזאָגט, — זאָל מען שיקן פרעגן אין בית-מדרש, וואו אייער מאַן פלעגט דאַווענען. אַהין פלעגט ער דאָך שוין קומען בייטאָג".

— „דאָס איז אַ שכל", — האָט זיך די רביצן אָפּגערופן.

האָט מען אַהין געשיקט פרעגן, אָבער מען האָט דאָרט אויך נישט געקאָנט דערגיין, צי איז ער געווען מיט אַ קאָפּ, צי אָן אַ קאָפּ. דער שמש פון בית-מדרש האָט געענטפערט:

„מיר קאָנען עס נישט וויסן, ווייל ער פלעגט תמיד קומען מיט דעם טלית איבערן קאָפּ".

האָט מען געשיקט פרעגן — דעם בעדער, דען ווער קאָן נאָך בעסער וויסן פון אים? אין באָד גייט מען דאָך שוין נישט מיט אַ טלית איבערן קאָפּ? פאַרקערט, מען גייט דאָרטן אינגאַנצן מוכער-נאַקעט, קאָן ער זיין דער בעסטער בעדות.

אָבער ביי אַלעם דעם האָט דער בעדער געענטפערט, אַז ער ווייסט אויך גאָרנישט.

„וואָלט מען ביי מיר פרעגן אויף אַן אַנדער סימן, וואָלט איך תכיף געענטפערט, ווי די מעשה איז באמת. ווייל מען גייט דאָך אין באָד נאַקעט, קאָן איך עס אַלץ באַטראַכטן און וויסן, אָבער בנוגע צו דעם סימן, צי איז ער געווען מיט אַ קאָפּ, צי אָן אַ קאָפּ, דאָס קאָן איך גאָרנישט וויסן, ווייל אין מרחץ ביי מיר איז אַ קאָפּ פון אַ מענטשן נישט צו זען. דער רויך, וואָס שטייגט אַרויף אויבן צום באַלקן, פאַרדעקט אַלע נמעטשן

די קעפ, די העלזער ביז די אַקסלען, און, אפשיטא שוין, האָב איך נישט געקאָנט זען דעם רב, וואָס איז דער מער מיט זיין קאָפּ. אַפילו זיין פרוי און די בית־המדרשניקעס ווייסן דאָך נישט, צי ער האָט געהאַט אַ קאָפּ, צי נישט".

„ווייסט איר וואָס? — האָט זיך אַריינגעמישט איינער פון די דינים. — לאָמיר וואַרטן נאָך אַ פּאָר טעג, ביז ער וועט אָנהויבן גיין צו חלום דעמאָלט קאָן מען עס שוין וויסן אויף קלאָר, ווייל מען וועט דאָך שוין זען, צי איז ער מיט אַ קאָפּ, צי אָן אַ קאָפּ".

„אָט זייט איר מיר אַ חכם! — האָט אים אָפּגעענטפערט דער ראש בית־דין, — צו חלום גייט מען דאָך ביינאַכט, אינ־דערפינסטער, וועט מען דאָך ווייטער נישט וויסן. די רביצן ווייסט דאָך טאַקע נישט, צי איז ער געווען אָן אַ קאָפּ, צי מיט אַ קאָפּ בלויז דערפאַר, ווייל ער פלעגט מער נישט קומען צו איר ווי ביינאַכט, אינדער פינסטער".

קורץ דערפון, מען איז משוגע געוואָרן קלערנדיק, ווי מען זאָל עס דערגיין, ביז דער ראש בית־דין איז געפאַלן אויף אַ המצאה:

„ער האָט דאָך געמאַכט אַ סך ספרים, — האָט ער גע־זאָגט, — לאָמיר זיי דורכלערנען, וועלן מיר זען, צי ער האָט געהאַט אַ קאָפּ, צי ניין".

דידאָזיקע עצה איז אַלעמען זייער געפעלן געוואָרן. יעדער דין האָט דורכגעקוקט זיינעם אַ ספר, און אַלע האָבן איינשטימיק איינגעזעהן, אַז ער האָט גאָר קיין קאָפּ נישט געהאַט... דע־מאָלט איז געבליבן, אַז דאָס איז דער רב אין מען האָט עס איבערגעגעבן זיין פרוי...

# אַ פֿאַרדרייעניש.

□ □ □

דאָס איז אַן אמתע געשיכטע, וואָס האָט פּאַסירט מיט אַכציק יאָר צוריק מיט די גונצערס, אַ יידישע רייכע פֿאַמיליע אין אונגערלאַנד. די דאָזיקע געשיכטע האָט נישט אַ ר גלייכן מיט די בּיזאַהעריקע געשיכטן. זי קאָן דעם קומער גופֿא ברייגנען צום לאַכן. מען מוז זי אָבער לייענען מיט זינען און מיט קאָפּ, ווייל זי איז פֿול מיט פֿאַרדרייעניש און ווייעניש, מיט שווינדל און געבינדל, מיט וויצן און מיט שפּיצן.

באמערקונג: צום ערשטן מאָל געדרוקט אין יאָר 1873

# אַ פאַרדרייעניש

אָדער

# ר' שמעון נונצער

• • •

## א.

# ר׳ שמעון נונצער און זיין הויז.

בעיר, אין דער שטאָט פרעסבורג האָט דאָ נישט לאַנג געוואוינט אַ גרויסער גביר ר׳ שמעון נונצער, אַ וואָל־הענדלער, וואָס האָט געמאַכט גרויסע געשעפטן פון ווין ביז פעטערבורג. דערדאָזיקער מאַן איז געווען אַ גרויסער למדן, פרום, גוט און בראַוו אין זיינע געשעפטן. לבד אין שטוב אָבער איז ער געווען אַ ביסל האַרט, קאַפריזלעך און שטריינג. און דאָך דאָט זיין פרויפרומע, וואָס מען האָט זי גערופן „פרומע די פרומע“, געוואוסט, ווי צו האַנדלען מיט אים און פלעגט ביי אים אויספירן אַלץ, וואָס זי האָט נאָר געוואָלט, דאָס הייסט, וואָס זי פלעגט נאָר איינזען פאַר רעכט. זי איז געווען פיל קליגער פאַר אים און האָט פאַרשטאַנען אַן ענין בעסער פאַר אים, און בפרט נאָך אין די הויזזאַכן. זי פלעגט אים לאָזן זיך אויסשרייען און אויסבייזערן, ווי דער פישער לאָזט זיך אויסטרייסלען דעם אוּאַל*) אַזוי, אַז נאָכדעם קאָן ער אים נעמען מיט די הענט. באַלד דערויף פלעגט ער שוין בעסער ווערן און אין שטוב פלעגט מען נישט הערן קיין קולות.

---

*) -- מין פיש, וואָס הייסט ביז אונז ו ו י י נ ג ע ר. אין די האַרעמלעגדער איז ער זייער געפערלעך פאַר מענטשן אָדער חיות.

**א. מ. דיק.**

דאָס ווייב איז ביי אים זייער חשוב געווען פאַר אירע גרויסע מעלות. אָבער מיט גרויסע מעלות האָט זיך אויך אויס־געצייכנט זייער איינציקע טאָכטער, וואָס אַלע האָבן זי גערופן די שיינע תרצה, ווייל זי איז געווען זייער א שיין און גוט מיידל. זי האָט אויך געשפּילט קלאַוויר און געקאָנט עטלעכע לשונות.

ביי ר׳ שמעון נונצער אין שטוב האָט זיך נאָך אויפגע־האַלטן אַ מיידל — אַ יתומה, וואָס האָט געהייסן רייזל פּינקעל. זי איז אויך געווען אַ שיין און אַנטוויקלט מיידל. דערצו איז זי געווען זייער רייך. איר פאָטער, ר׳ הלל נונצער (ר׳ שמעונס אַ ברודער), האָט פאַרן טויט איבערגעלאָזט אַ גרויס פאַרמעגן און האָט געמאַכט זיין ברודער שמעון פאַר אַן אָפּעקון איבער זיין טאָכטער. מיט תרצהן איז זי כמעט געווען אין איין עלטער. רייזלס ברודער אָבער איז שוין דאַן געווען אין די יאָרן: סך־הכל יינגער פון זיין פעטער שמעון מיט אַכט יאָר. ער איז געווען זייער אַ פּעאיקער סוחר, און האָט געקאָנט איבערנעמען דעם פאָ־טערס געשעפטן.

רייזל איז געווען זייער באַליבט ביי איר פעטער און ביי דער מומען, און מיט תרצהן האָט זי זיך געהאַלטן ווי אַ לייב־לעכע שוועסטער. אויף זיי האָט מען באמת געקאָנט דאָס זיינען צוויי גופים מיט איין נשמה.

איידער מיר וועלן ענדיקן דאָס קאַפּיטל, מוזן [illegible] נאָך צוגעבן, אַז ר׳ שמעון איז אין דער צייט, ווען עס [illegible] זיך אָן אונזער געשיכטע, אַלט געווען זעקס און דרייסיק יאָר, [illegible] תרצה זיבעצן יאָר. זי האָט אָבער אויסגעזען ווי אַ מיידל פון צוואַנציק יאָר. די עלטערן האָבן שוין געטראַכט פון אַ שידוך און האָבן געעפנט זייערע טירן פאַר שכנים.

---

ב.

## דער פלימעניק גרשון נונצער.

ומהיות און אַזוי ווי רייזל פינקעלס ברודער, ר׳ הללס זין, וואָס מיר האָבן פריער דערמאָנט בלויז פאַרבייגייענדיק, איז די רעכטע אַ״ס, וואָס אויף איר וועט זיך דרייען דער גאַנצער פלאָנטער פון דערדאָזיקער געשיכטע, מוזן מיר זיך קודם נעגטער באַקענען מיט דעמדאָזיקן יונגנמאַן, וואָס איז דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָר זיבן און צוואַנציק. געהייסן האָט ער גרשון נונצער. ער איז געווען איינער פון די שענסטע יונגעלייט אין זיין שטאָט.

ער איז געווען שיין געוואָקסן, שיין אין געזיכט, געזונט, און לעבעדיק, און אַן אויסגעצייכנטער סוחר. וועגן זיין פאַר־מעגן האָבן מיר שוין פריער דערמאָנט, דאָס הייסט, אַז פונם פאָטער איז אים געבליבן אַ גרויסע ירושה. בכלל איז אים געגאַנגען זייער גוט.

ביי אַלעם דעם אָבער איז ער ביי זיין פעטער שמעון געווען נישט זייער תקיף, אַזוי ווייט נישט תקיף, אַז ער, ר׳ שמעון, האָט אים פאַרבאָטן צו קומען צו אים.

געוואוינט האָט ער אַ מייל צוואַנציק פון פרעסבורג, וואוהין ער פלעגט קומען גאַנץ אָפט. פאַרפאָרן פלעגט ער נישט צו שמעונען, נאָר צו זיינעם אַ קרוב פון דער מוטערס צד — צו אהרון בראַכמאַן, וואָס האָט אים זייער ליב געהאַט. און דאָרט פלעגט ער זיך טאַקע טרעפן מיט זיין שוועסטער. עפטער פלעגט זי קומען אַהין מיט תרצהן.

גרשון מיט תרצהן זיינען געפעלן געוואָרן איינאַנדער און דער סוף איז געווען, אַז זיי האָבן זיך פאַרליבט. דידאָזיקע ליבע

איז דערווייל נאָך געווען אַ סוד פאַר תרצהס עלטערן און פאַר פרעמדע. דערפון האָט נאָר געוואוסט דאָס פאַרליבטע פאָרל.

ביידע האָבן אָבער גאָרנישט געהאָפט, אַז פון דערדאָזיקער ליבע זאָל זיך אַמאָל אויסלאָזן אַ חתונה... סיידן, אַז שמעון זאָל, חלילה שטאַרבן. און דאָס האָבן זיי בשום אופן נישט געוואָלט.

פאַרוואָס האָט שמעון פיינט געהאַט דעם פלימעניק? שווער צו ענטפערן דערויף. מאַנכע זאָגן, אַז די פיינטשאַפט האָט געשטאַמט דערפון, וואָס שמעון איז געווען צו־פרום און גרשון צו־לופטיק. דערדאָזיקער גרשון, אַ שטייגער, האָט ליב געהאַט דאָס טעאַטער, אַ פראָפעראַנס און דעסגלייכן. אַ שול אָבער, אַ שול, וואו מען דאַוונט און מען לערנט, האָט ער ליב געהאַט אויסצעווייכן...

עס קאָן זייער מעגלעך זיין, אַז דאָס זאָל זיין די סיבה פון ר׳ שמעונס פיינטשאַפט צו זיין פלימעניק. טרעפט דאָך, אַז אַ אייגן קינד ווערט אויך פאַרהאַסט פון די צערטלעכסטע עלטערן פאַר אַזעלכע זאַכן, אנדערע אָבער זאָגן, אַז די שנאה האָט געשטאַמט פון געלט־זאַכן. דער פעטער האָט אים געוואָלט אַריינגעמען צו זיך אין שטוב צוזאַמען מיט זיין פאַרמעגן, אָבער גרשון איז נישט איינגעגאַנגען דערויף. פאַראַן, ווידער, נאָך אַ השערה וועגן דערדאָזיקער פיינטשאַפט, וואָס דו, מיין ליבע לעזערין וועסט אפשר לאַכן דערפון, אָבער איך בין מיך מודה, אַז מיר לייגט זיך דאָס דוקא אויפן שכל און איך מיין, אַז דאָס איז די ריכטיקסטע השערה: זיי זיינען געווען צופיל ענלעך צו איינאַנדער, ווי צוויי טראָפּנס וואַסער.

די אַכט יאָר, מיט וועלכע שמעון איז געווען עלטער פאַר זיין פלימעניק, האָבן זייער ווייניק געענדערט די ענלעכקייט. ווען נישט די פאַרשיידענע קליידער, וואָס זיי האָבן געטראָגן, וואָלט אַפילו דאָס ווייב און די טאָכטער זיי נישט געקאָנט אונטערשיידן. אַפילו דער קול איז אויך געווען דערזעלבער ביי ביידן.

ר׳ שמעון נונצער

דער באַקאַנטער עולם האָט געהאַט נישט ווייניק צו ריידן און צו לאַכן פון דערדאָזיקער ענלעכקייט. אַזוי, אַז ר׳ שמעון האָט זיך געוואָלט כמה מאָל ממש באַגראָבן. אַזוי, למשל, האָבן כמה מענטשן געשוואָרן, אַז זיי האָבן געזען ווי ר׳ שמעון נונצער האָט געטאַנצט אויף אַ באַל מיט אַ שיין מיידל, הגם דאָס איז גאָר גרשון געווען. און אַז זיי האָבן געזען, ווי גרשון לאַכט פון אַ פרוש אָדער אַ גוטן יידן, האָבן זיי דערציילט, אַז ר׳ שמעון נונצער האָט חוזק געמאַכט פון אַ תלמיד־חכם.

ר׳ שמעון פלעגט אויך טייל־מאָל מוזן באַצאָלן, וואָס גרשון האָט אָנגענומען אין קראָם, אין אַ טראַקטיר און דעסגלייכן. ער פלעגט מוזן באַצאָלן מיט גרויס חרפה און בושה, דורך דער פּאָליציי, און גרשון פלעגט עס טייל־מאָל אומישנע טאָן אַזוי, ווייל ער האָט באמת פיינט געהאַט דעם פעטער און האָט אים געהאַלטן פאַר אַ צבוע.

דאָס אַלץ האָט דערפירט דערצו, אַז דער פעטער איז געוואָרן דעם פלימעניק אַ דם־שונא, און האָט זיך צוליב דעם אָנגעטאָן אין אַ פּאַרוק און גאַנץ יידישלעך געקליידט, כדי מען זאָל אים קאָנען אונטערשיידן פון פאַרהאַסטן פלימעניק.

צום פעטער האָט שוין גרשון, נאַטירלעך, נישט געקאָנט גיין, און אַפילו מיט זיין אייגענער שוועסטער האָט ער זיך געמוזט זען ביי זיין פריינט און קרוב אהרון בראַכמאַן.

דער שלים־מזל באַגייט זיך אָבער מיט אַלעמען אויף זיין שטייגער. ער טוט על־פי־רוב צו להכעיס און שיקט יעדערן צו אַן איידעם, וואָס איז גאָר דער הפוך פון דעם, וואָס מען ווינשט זיך. דעם פרומען שיקט ער צו אַן אויפגעקלערטן, דעם אויפגעקלערטן אַ טויגעניכטס, און דעם סוחר אַ באַנקקוועטשער. אַזוי איז ער זיך דאָ אויך באַגאַנגען. גראָד האָט זיך ר׳ שמעונס טאָכטער פאַרליבט אין זיין פאַרהאַסטן פלימעניק און דער פאַרהאַסטער פלימעניק אין זיין טאָכטער. דידאָזיקע געשיכטע איז אָבער אַזוי פאַרפלאָנטערט, אַזוי צעמישט און פאַרדרייט, אַז

א. מ. דיק.

איך ווייס נישט, צי וועל איך מיך קאָנען אַרויסדרייען פון דעמ־דאָזיקן פּלאָנטער, אָן אַ פאַרפּלאָנטערטן קאָפּ.

---

# ג.

## דער שידוך.

מבחר השידוכים, און אָט האָט זיך געמאַכט אַ שידוך, וואָס איז געווען דער בעסטער פון אַלע שידוכים און וואָס האָט שטאַרק אויסגענומען ביי ר׳ שמעון נונצער. דער חתן איז געווען איינער אַ געוויסער אברהם קעמרער, א זון פון דעם באַקאַנטן ר׳ דוד קעמרער. ער האָט געשטאַמט פון אַ יידיש הויז פון דער אַלטער וועלט, איז געווען זייער רייך און האָט געהאַט אַ קאַנטאָר אין ווין גופא.

דעמדאָזיקן שידוך האָט ר׳ שמעון שוין נישט געוואָלט איינלאָזן. ער האָט זיך געווענדט נאָך ידיעות צו זיינע באַקאַנטע, און אַלע האָבן דעם יונגנמאַן זייער געלויבט. עס איז דערגאַנגען אַזוי וויט, אַז ר׳ שמעון, וואָס האָט געהאַט געשעפטן אין ווין, איז צוגעפאָרן אין דערדאָזיקער שטאָט, צו זען מיט זיינע אייגענע אויגן דעם חתן, און קוים ער וועט אים געפעלן, וועט ער אים מיטנעמען אַהיים, צו ווייזן אים זיין טאָכטער.

דידאָזיקע נסיעה אַהין און צוריק האָט באַדאַרפט געדויערן אַ וואָכן פיר. פאַר זיין אָפּפאָר האָט ר׳ שמעון זיך באַדאַכט מיט זיין ווייב און טאָכטער. זיי האָבן נישט געהאַט מיט וואָס איינצעווענדן, אַז ער דאַרף נישט פאָרן, און די טאָכטער האָט געמוזט שווייגן פון איר ליבע. דאָס גאַנצע האַרץ האָט זי נאָר אויסגעגאָסן פאַר רייזלען.

## ר׳ שמעון נונצער

„דו ווייסט רייזעלע, — האָט זי אַ זאָג געטאָן, — וואוהין מיין פעטער איז געפאָרן? ער איז געפאָרן קיין ווין נאָך אַ חתן. ער וויל מיך חתונה מאַכן... אונזערע עלטערן פאַרהאַנדלען אונז ווי אַ שטיקל סחורה. מען פרעגט גאָרנישט ביי אונז און מען רעדט נישט מיט אונז. רייזעלע, זאָג וואָס טוט מען. איך האָב גאָר ליב דיין ברודער. דער חתן מעג קומען מיט מיליאָנען, געצירט מיט דער גרעסטער השלמה, וועל איך אים דאָך נישט אָננעמען. איך וועל בעסער בלייבן זיצן אַן אַלטע מויד..."

און ווי זי רעדט אַזוי און צעוויינט זיך שטיל, איז אַריינגעקומען דאָס דינסטמיידל פון דעם אהרן בראַכמאַנען און האָט זיך אָנגערופן צו רייזלען:

„דער באַלעבאָס שרייבט איצט אַ בריוו צו אייער ברודער גרשון, האָט ער מיך געשיקט אייך זאָגן, אַז אויב איר ווילט, קאָנט איר דאָרט עפּעס צושרייבן.

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט תרצה געבעטן רייזלען, אַז זי זאָל גיין אַהין און זאָל צושרייבן אין בריוו, אַז מען צווינגט זי צו ווערן אַ כלה, און עס קומט אַ סוף צו איר ליבע.

רייזעלע איז באַלד אַוועק צו איר קרוב, און אַז זי איז אַריין אין שטוב, האָט זי דאָרט געטראָפן איר ברודער, וואָס האָט געהאַט אַזאַ מינע, ווי ער וואָלט זיך אויסבאַהאַלטן...

רייזעלע האָט אים געפרעגט:

„וואָס איז מיט דיר געשען?"

ענטפערט איר גרשון:

„שרעק דיך נישט, איך וועל דיר דערציילן. אייערנעכטן האָבן מיר געשפּילט אין פּראָפּעראַנס. אין דער קאָמפּאַניע איז אויך געווען עפּעס אַ אָפיציר. האָב איך זיך מיט אים צעווערטלט און דערנאָך זיך צעשלאָגן. אַזוי ווי מען קאָן מיך אַרעסטירן, האָב איך מיך איבערגעפּעקלט אַהער. מסתמא וועל איך באַלד פאָרן צוריק. מיינע גוטע פריינט וועלן מיט אים שוין דורכקומען. ער איז אַ גרויסער קבצן, דער אָפיציר, און ברויכט זייער נויטיק געלט."

רייזעלע האָט זיך געכאַפּט פאַרן קאָפּ און גענומען מוסרן דעם ברודער:

„שוין צייט דו זאָלסט ווערן אַ ביסל סאָלידער, — האָט זי געזאָגט. — די פּראָפּעראַנסן ווען דיך מיט דער צייט אומברענגען. ווי אַזוי שטעלסטו זיך אונטער צו שלאָגן אַ מאַיאָר. מיין נישט, אַז עס וועט דיר אַזוי גלאַט איבערגיין. דו ווייסט דאָך, וואָס דער איציק שיפּרעס האָט געהאַט, ווען ער האָט נאָר איין פּאָליציאַנט אַראָפּגעריסן אַן עפּאָלעט.“

גרשון האָט זיך אָנגערופן:

„שרעק דיך נישט. מען וועט מיך דערפאַר אויף קאַטאָרגע נישט שיקן. דערדאָזיקער מאַיאָר איז שוין געצייכנט אין זיין פּאָלק פאַר אַ באַנדיט. און איך ווייס נאָך נישט, צי ער וועט מיך גאָר קאָנען אָנקלאָגן. אָבער עס איז דאָך גלייכער, איך זאָל מיך דערוויל אָפּטראָגן.“

שוועסטער און ברודער האָבן זיך געשמועסט אַזוי לאַנג ביז עס איז אַריינגעקומען אהרן בראַכמאַן און האָט געמאַכט פון דער גאַנצער זאַך אַ שאָס פּולווער. ער האָט געזאָגט:

„דאָס מעג זיין דיין לעצטע דאגה. און אויב דו ווילסט יאָ זאָרגן, האָב איך פאַר דיר אַ גרעסערע דאגה. אָט הער, איך בין ערשט געוואויר געוואָרן, אַז דיין פעטער איז געפאָרן קיין ווין, צו ברייגנען אַ חתן פאַר דיין תרצהן... זעסטו, רייזעלע, אז אין שטאָט ווייסט מען בעסער, ווי ביי אייך אין שטוב.“

האָט רייזעלע געזאָגט :

„און איך ווייס עס שוין מיט אַ שעה פריער. תרצה האָט שוין אָנגעקלאָגט פאַר מיר ציונס קלאָג. איך האָב עס אָבער דאָ נישט געוואָלט דערציילן, ווייל איך ווייס, אַז גרשון איז שוין אַזוי אויך גענוג געקריינקט.“

הבשורה הזאת, דידאָזיקע שלעכטע בשורה, האָט שטאַרק צעמישט דעם יונגנמאַן. ער איז שיעור נישט געפאַלן פון די פיס.

„אוי! וואָס טוט מען? — האָט ער אָנגעהויבן צו שרייען, — איך וועל עס נישט איבערלעבן! איך האָב נאָך אַלץ געהאָפט מיט דער צייט צו ווערן גוט מיטן פעטער. איך ווייס, אַז די מומע איז גוט צו מיר. זי וואָלט עס מיר קאָנען מיט איר קלוגן קאָפּ לייכט אויספירן. וואָס טוט מען פאָרט!

אהרן האָט אים אָבער אָנגעפאַטשט אין פלייצע און געזאָגט:

„זיי נאָר אַ מענטש און זיי פעסט. מיר וועלן שוין געפינען עפּעס אַן עצה פאַר דיר. מיר וועלן דיך נישט לאָזן אין קאַשע און תּרצה איז נאָך נישט פאַרלאָרן!..“

---

## ד.

## דער פּלאַן.

„התנאי הראשון, „דער ערשטער באַדינג איז, — האָט זיך דער אהרן בראַכמאַן אָנגערופן, — אַז קיינער זאָל דאָרט, ביים פעטער אין שטוב נישט זאָגן, אַז דו ביסט הי צווייטנס, זאָלסטו זיך אָנטאָן אין אַ פאַרוק און אין יידישע בגדים, פונקט ווי דיין פעטער גייט. און אַז דו וועסט שוין האָבן ווי געהעריק אָנגעטאָן דידאָזיקע מלבושים, וועלן מיר מאָרגן אין אוונט, אָדער בעסער, איבערמאָרגן אין אוונט אַרויספאָרן ביי אַ סטאַנציע ווייטער פון שטאָט, און דאָרט וועלן מיר כאַפּן אַ פור און אַריינפאָרן צו דיין פעטער אין שטוב אונטער זיין נאָמען. רייזעלע וועט זיין די ערשטע, וואָס וועט דיך איבערנעמען און דיך אָנרופן מיטן נאָמען „פעטער“ און ווייטער, וואָס דו וועסט שוין באַדאַרפן ריידן און טאָן, וועל איך דיר זאָגן מאָרגן; איך וועל מיר נאָר עטוואָס בעסער באַדאַכטן. אויב דו וועסט מיר פאָלגן און עס וועט זיך

נישט מאַכן קיין שטערעניש, באַקומסטו תּרצהלען פאַר אַ ווייב, ווי זי שטייט און גייט!"

גרשון האָט אַ שפּרונג געטאָן. „אוי, איך פאַרשטיי שוין, וואָס דו מיינסט, — האָט ער געשריען, — דו מיינסט אודאי, אַז איך וועל זאָגן, אַז דער שידוך פון ווין טויג נישט.

בראַכמאַן האָט אים אָפּגעשטעלט מיט דער האַנט.

„אייל דיך נישט. האָב געדולט. עס וועט שוין זיין גוט, און דו וועסט מיר שפּילן אַ ראָל, ווי אַן עכטער אַקטיאָר. אַ ווײַלע זאָלסטו דאָרט גילטן פאַר אַ פעטער און אַ וויילע — פאַר אַ פּלעמעניק... און דאָס מוזטו איינשטודירן גאַנצע צוויי טעג. עס מוז דאַבּיי אָבער אָפּגעהיט ווערן יעדע מינע, דו טאָרסט נישט לאַכן. וואָרום דאָ מוז געגאַרט ווערן דער פעטער און די מומע און תּרצה. אין פאַל, אויב דער חתן וועט קומען, מוז ער אויך גענאַרט ווערן. דאָס איז אַ גאַנצער למוד, זאָג איך דיר."

גרשון האָט שוין געלאַכט:

„איך ווער אַ לערן-יינגל אויף אַ פּאָר טעג. צו די לעקציעס מוזטו אָבער אויך קומען, — האָט ער געזאָגט צו זיין שוועסטער.

— אַ ברירה וועל איך האָבן, — האָט זי אים געענטפערט, — אַבי עס זאָל נאָר נישט זיין אומזיסט די מי.

— דו מוזט קומען אַהער, — האָט זיך בראַכמאַן אַריינגעמישט, — ווייל דו וועסט אויך שפּילן אין דעמדאָזיקן שפּיל. עס וועט שוין זיין אַ שיין שפּיל, קאָנסט זיך פאַרלאָזן אויף מיר..."

סוף דבר, קורץ דערפון, מ'האָט דאָרט אַזוי געפּלוידערט ביז אַ שטיק אין דער נאַכט אַריין. און מאָרגן און איבערמאָרגן האָט אהרן בראַכמאַן אַלץ מסדר געווען, ווי עס זאָל דאָרט צוגיין דער אָנשטעל. עס איז געווען אַזאַ קאָמיש שפּיל, אַז זיי האָבן זיך קוים איינגעהאַלטן פון צו לאַכן. דער עולם האָט געאַרבּעט אויף אַלע כּלים. אויף איבערמאָרגן אין אוונט האָבן די אַקטיאָרן אָנגעהויבן צו שפּילן זייער קאָמעדיע זייער טריי, און

האָבן זי ריכטיק אויסגעשפּילט, נישט קוקנדיק אויף די פּאַרשי־דענע מניעות און שטערענישן.

ביום השלישי לפנות ערב, אויפן דריטן טאָג פאַרנאַכט איז ער שוין אַרויפגעפאָרן צום פּעטער אויפן הויף, אָנגעטאָן אין אַ פּאַרוק און אין דיזעלביקע מלבושים, וואָס ר׳ שמעון נונצער האָט געטראָגן. ער האָט אויסגעזען ריכטיק, ווי ר׳ שמעון נונצער, ווי צוויי טראָפּן וואַסער. מיט אים איז געקומען אהרן בראַכמאַן. די ערשטע, וואָס האָט זיי באַגעגנט אין טיר, איז געווען רייזעלע.

באַלד איז זי אַריינגעלאָפן און האָט אָנגעזאָגט דער מומען מיט תרצהן, אַז דער פּעטער איז שוין דאָ צוריק.

„וואָס רעדסטו? — האָבן זיי זיך געחדושט,-הלואי זאָל ער קומען אין דריי וואָכן אַרום. ער איז דאָך געפאָרן קיין ווין און דאָרט וועט ער אויך מסתמא נישט זאָגן „גוט־מאָרגן" און באַלד זיך אומקערן.

פּלוצלונג האָבן זיך דערהערט שטימען:

— גוטן אוונט, מאַדאַם, — האָט באַלד דערויף אַריינקומענ־דיק אַ זאָג געטאָן אהרן בראַכמאַן. — וויפיל בין איך דאָס ווערט ביי אייך, וואָס איך האָב אייך געבראַכט אייער ציהערשטו (דעם מאַן). ווען נישט איך, וואָלט ער זיך נאָך געוואַלגערט דאָרט אין קליין אַראַדידיע. נישטאָ דאָרט קיין פערד אויף דער פּאָסט, און איך בין גראַדע פאַרבייגעפאָרן מיט מיין באַלעבאָס, דעם ליפּע־ראַנט, האָבן מיר אים אַרויפגענומען אויף אונזער פור. הויפישע פערד, פאַרשטייט איר, האָב איך אים אייך געבראַכט גאַנץ און געזונט... אַ גוטער גאַסט, דאַכט מיר, געגן אוונט!..

ר׳ שמעונס ווייב האָט זיך צעלאַכט.

„איר האָט נאָך אַלץ נישט אָוועקגעוואָרפן אייערע גלייכ־ווערטלעך, — האָט זי געזאָגט און זיך אַרויסגעכאַפּט אין פּאָדער־שטוב. דאָרט האָט זי געטראָפן דעם פאַרשטעלטן גרשונען, וואָס האָט בעת מעשה עפּעס געשיינקט דעם פּאָטשטאַליאָן.

„וואָס איז די מעשה מיט דיר, שמעון, וואָס דו האָסט זיך אַזוי גיך אומגעקערט? — האָט זי אים געפרעגט.

— אייל דיך נאָר נישט, מיין ווייב, — האָט ער איר געענטפערט, — דו וועסט עס באַלד אַלץ וויסן, לאָז מיך נאָר דעם ערל אָפּפּטרן.

ויהי און עס איז געווען, אַז דער פּאָטשטאַליאָן איז אַרויס פון שטוב, איז „ר׳ שמעון" אַריין צו זיך אין צימער, אַריינגערופן אַהין דאָס ווייב מיט דער טאָכטער און האָט זיי דערציילט פון זיין נסיעה מיט דערזעלביקער מינע און מיט דיזעלביקע פרומע ווערטלעך, ווי דער פעטער שמעון האָט גערעדט. מאַמע און טאָכטער האָבן גאָר אַנדערש נישט געמיינט, אַז דאָס איז ע ר, שמעון, און נישט קיין אַנדערער.

„איך וועל נאָך אונזער מזל נישט פאַרקויפן פאַר קיין זאַק ציבעלעס, — האָט ער אָנגעהויבן. — מיר איז נישט באַשערט געווען אָנצומאַכן זיך אַן אומזיסטע הוצאה, און דו, מיין טאָכ־טער, ביסט אָפּגעהיט געוואָרן פון אַ גרויס אומגליק אויפן גאַנצן לעבן. קוים בין איך איינגעלאָפן אַ מייל צוואַנציק און האָב זיך אָפּגעשטעלט אויף דער לעצטער סטאַנציע פאַר שטשעזעדין, צו נעכטיקן דאָרט, האָב איך דאָרט דערוויסט עטלעכע דורכפאָרער יונגעלייט, קריסטן, וואָס זיינען געזעסן ביים טיש און געגעסן. איינער פון זיי, אַ גאַנץ שיינער יונגער מאַן, האָט געמאַכט פריי־לעך די קאָמפּאַניע, און דער עולם איז שיעור צעזעצט געוואָרן פון געלעכטער. איך האָב מיך געזעצט נישט ווייט פון זיי און האָב מיר געגעסן אוונטברויט, וואָס איך האָב געהאַט מיטגענומען מיט זיך. עסנדיק, האָב איך מיך דערווייל צוגעהערט צו די פריי־לעכע ווערטלעך פונם יונגנמאַן. אָבער איך האָב באַלד איינגעזען, אַז ער מאַכט זיך לוסטיק איבער יידן. ער דערציילט די לעכער־לעכסטע אַנעקדאָטן וועגן יידן און דערביי וואַרפט ער צו, אַז די יידן זיינען שווינדלער, אָפּנאַרער, בייטלשניידער און אַזוי ווייטער. עס האָט מיך אַזוי ווייט געקריינקט די מעשה, אַז

ר׳ שמעון נונצער

איך האָב מיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און האָב אַ זאָג געטאָן צו אים:

„יונגערמאַן, מען רעדט נישט אַזוי העסלעך הענ״ן אַ גאַנצער אומה. איך וואָלט געוואָלט וויסן וואָס פאַר אַ שלעכטס האָבן אייך די יידן געטאָן?״

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט זיך דער יונגערמאַן צעקאָכט.

„ערשטנס, — זאָגט ער, — אויף וויפיל איך ווייס, האָבן די יידן אין זיך אפילו קיין גוט האָר נישט. צווייטנס, האָבן זיי מיר פערזענלעך טאַקע געטאָן שלעכטס, אַ סך שלעכטס. דידאָזיקע אויסוואורפן האָבן מיך באַשניטן... איר פאַרשטייט?

„נו, אויב אַזוי, — האָט איך מיך אָנגערופן, — זייט איר מסתמא אַ געשמדטער ייד?

„דערווייל נאָך נישט״, — האָט ער געזאָגט.

פרעג איך אים:

„פאַרוואָס נישט?״

ענטפערט ער:

„ווייל איך קאָן דורכדעם פאַרלירן אַ גרויסע ירושה... איך האָב אַ רייכן פאָטער, אַ מיליאָנער, איז ער זייער פרום, ווי עס פאַסט פאַר אַן אַלטמאָדישן יידן. אפשר קאָנט איר אים? און אפשר האָט איר געמאַכט מיט אים געשעפטלעך? ער איז דער באַקאַנטער קאַנטאָריסט ר׳ דוד קעמרער. ווען איך שמד מיך, חלילה, ביי זיין לעבן, וועט ער מיר זיכער נישט אָפּשרייבן קיין ירושה...״

ביי דידאָזיקע רייד האָט ער זיך צוגעפייפט, עפּעס צוגעטראָגן צו די ליפּן אַ גלאָז ווייַן, געקוקט אין שפּיגל, פאַרריכט זיך ווײַלעוויִיז די האָר, ווי די גוטע עכטע פּראַנטן.

מה אדבר, וואָס זאָל איך אייך ווייטער דערציילן? דאָס בלוט איז מיר פאַרקילט געוואָרן אין די גאָדערס, ווען איך האָב דערהערט פון זיין מויל דעמדאָזיקן נאָמען... איך האָב געדאַנקט און געלויבט גאָט, וואָס ער האָט מיך אַרויסגעפירט

אויף דעמדאָזיקן וועג און אַזויאַרום זאָל איך קאָנען דערגיין דעם גאַנצן אמת... איך האָב שוין פאַרשפּאָרט צו פאָרן קיין ווין. פון מיינע ווייטערדיקע וכוחים מיט אים, וועל איך אייך נישט דער־ציילן. איך קאָן אייך נאָר זאָגן, אַז ווען איך האָב אים געפרעגט, פאַרוואָס פאָרט ער אַרום, האָט ער מיר געענטפערט:

„מיין פאָטער וויל מיר פאַרדרייען דעם קאָפּ מיט אַ יידיש מיידל פון פּרעסבורג, עפּעס אַ טאָכטער פון אַן אַלטמאָדישן יידל, וואָס הייסט, דאַכט מיר, ר׳ שמעון גונצער. איך האָב מיך דער־וואוסט, אַז דאָסדאָזיקע יידל באַדאַרף קומען וועגן דעם ענין אין ווין, האָב איך געכאַפּט און געמאַכט פליטה...“

נו, ווי געפעלט עס אייך? — האָט „ר׳ שמעון“ געפרעגט.

ווי זאָל עס אונז געפעלן? — האָט זיך אָנגערופן דאָס ווייב. — געלויבט דער אויבערשטער, וואָס מיר זיינען דערפון באַצייטנס געוואויר געוואָרן. אָבער נעם זיך כאָטש אַריין אין קאָפּ, אַז מען טאָר נישט שליסן קיין שדוך פון דערווייטן. געדיינקסטו, וואָס מיין מוטער עליה השלום, פלעגט צו זאָגן — בעסער מיט אַ היגן בעדער איידער מיט אַ נישט־היגן רב..“

עודם מדברים, אין דעם, ווי זיי ריידן אַזוי, איז בראַכמאַן אַריינגעקומען צו זיי אין צימער, זיך צו געזעגענען. עס איז שוין געווען שפּעט. האָט אים „ר׳ שמעון“ פאַרהאַלטן צו דער וועטשערע און ביים טיש האָט מען ווייטער געמאַכט אַ ברייטן שמועס וועגן דעם. אַרום צוועלף ביינאַכט איז געקומען אַ שליח (אַ פאַלשער) צו „ר׳ שמעונען“ אַזש פון פּעטערבורג, אַז ר׳ שמעון זאָל אַרויספאָרן אַהין וואָס צום גיכסטן אָפּצונעמען זיין געלט ביי הערץ טעצל, ווייל יענער האַלט ביי אָנזעצן. דערדאָזיקער שליח האָט דער פרוי מיט דער טאָכטער גאָר צעמישט די הבנה, ווייל ביי דעמדאָזיקן טעצל אין די הענט איז געלעגן מער ווי אַ האַלב אייגנס.

און עס איז געבליבן, אַז דער פאַרשטעלטער גרשון זאָל אומגעזוימט אַרויספאָרן קיין פּעטערבורג. אַ גאַנצע נאַכט האָט

גרשון בלומרשט געזיפצט און האָט פאַרשאַפט אַ כך עגמת־נפש דער פרוי און דער טאָכטער.

„אוי, מיין געלט איז אודאי פאַרפאַלן ביי דעמדאָזיקן מעצלען! — האָט ער אַלץ געזיפצט. — גאָט ווייסט, צי וועלן מיר שוין קאָנען אונזער טאָכטער געבן עטלעכע טויזנט טאָלער נדן. אוי, מיר בלייבן אביונים!..״

הדברים האלה, דידאָזיקע ווערטער האָבן זייער שווער געווירקט אויף פרומען און אויף תרצהן. זיי האָבן באמת געמיינט, אַז דער הימל לאָזט זיך שוין אַראָפּ, און אַז מען דאַרף תרצהן אויסגעבן פאַר דעם ערשטן בעסטן בעטלער.

אויף מאָרגן האָט שוין אונזער פאַרשטעלטער גרשון אָנגעהויבן צו טראַכטן צו מאַכן הכנות אין וועג אַריין. ער איז אַרומגעגאַנגען פאַרזאָרגט און טרויעריק. קעגן אוונט איז אָנגעקומען אַ בריוו (אַ פאַלשער) פון גרשונען צו דער מומען, און אין דעמדאָזיקן בריוו איז אַזוי געשטאַנען:

„ליבע מומע! אַזוי ווי איך ווייס שוין פון לאַנג, אַז איר און אייער טאָכטער באַציט זיך שטענדיק גוט צו מיר, דעריבער ווענד איך מיך צו אייך מיט דעמדאָזיקן העכסט וויכטיקן ענין, איר זאָלט מיר געבן אייער שיינע תרצהן פאַר אַ ווייב. צו דעם פעטער קאָן איך מיך נישט ווענדן מיט אַזוינע זאַכן, ווייל איך ווייס, אַז ער האָט מיך נישט ליב. איך וויל אָבער, אַז איר זאָלט ווירקן אויפן פעטער, אַזוי, אַז ער זאָל מרוצה ווערן אויפן שדוך. פרוווט אייך, איך גלויב, אַז עס וועט אייך געלינגען. דער עולם זאָגט, אַז על־פי־רוב ווערט מען פון גרויסע שונאים די בעסטע מחותנים, און בפרט, אַז ער איז מיר גאָר אַן אומזיסטער שונא, ווייל באמת האָב איך אים קיין שום בייז נישט געטאָן, ער מיינט, אַז איך בין נישט פרום. אָבער דאָס קאָן זיך נאָר אַזוי אויסווייזן, ווייל איך האָב נישט קיין ווייב. ווען איך וועל האָבן מיין אייגן הויז, וועל איך מיך אויפפירן, אַזוי גוט און פרום, ווי אַלע יידן.

„ליבע מומעשי, איך האָב ליב אייער טאָכטער און ווי איך בין משער, קאָן זי מיך אויך ליבן, דערצו בין איך אומשטאַנד אייער טאָכטער גליקלעך צו מאַכן — איך בין רייך, איך בין אַ גוטער סוחר. איך בין פון דער גזע ישרה און האָב באמת אַ יידיש האַרץ. האָט מיטלייד מיט מיר, מיטלייד מיט אייער טאָכטער. גאָט ווייסט, ווענען איר וועט זי פאַרשאַכערן... ביי גאָט, היט אייך פאַר דעם צעלאָזענעם אברהם קעמרער. ווי איך האָב געהערט, ווילט איר אים פאַר אַן איידעם — ווייכט אים אויס ווי אַ מגפה! און ווייטער זאָל אייך גאָט פירן, ווי צום בעסטן. מיר פעלן נישט קיין כלות, אָבער איך וועל קיין שדוך נישט טאָן, וואו איך וועל נישט באַקומען פון אייך אַ פאָרמעלן אָפּזאָג. איך שרייב אייך גראָד איצט, ווייל, ערשטנס, וויל איך אייך וואָרענען פאַר דעמדאָזיקן אברהם קעמרער און, צווייטנס, ווייל מען שלאָגט מיר פאָר אַ גרויסן שידוך.

איך וואַרט מיט אומגעדולט אויף אייער תשובה. פון מיר, אייער פלימעניק, גרשון בונצער".

המכתב הזה היה כדבר בעיתו, דערדאָזיקער בריוו איז געווען אַקוראַט צו דער צייט. פרומע האָט אים צוויי מאָל איבערגעלייענט און האָט איינגעפונען, אַז דאָס איז דוקא אַ פאַסנדיקער שדוך פאַר איר טאָכטער.

זי האָט דעם בריוו געוויזן דער טאָכטער און יענע האָט אים פינף מאָל געלייענט און זיך בעת מעשה שטאַרק צעוויינט. זי האָט אים געוויזן רייזלען און יענע האָט זיך אויך געווישט די אויגן. און דאָך האָט זיך קיינער פון זיי נישט דערוועגט צו ווייזן דעם פאָטער (דעם פאַרשטעלטן גרשונען) דעמדאָזיקן בריוו. זיי האָבן גוט געוואוסט, וואָס פאַר אַ האַרטער מענטש ער איז, דער פאָטער, און אַז מיט אים איז שווער דורכצוקומען. סוף־כל־סוף האָט זיך רייזעלע איינגעשטעלט אין איז געגאַנגען ווייזן דעם פעטער דעם בריוו.

ביי דעם פאַרשטעלטן פעטער האָט זי פאַרבראַכט מער ווי אַ האַלבע שעה צייט און ביידע האָבן כסדר געלאַכט און געלצע-

וועט. דערנאָך איז זי אַרויס צו דער מומען און צו תרצהן מיט אַ גאַנץ ערנסטער מינע.

„נו, איך האָב געהאַט פאַר דאָס מייניקע, — האָט זי זיך אָנגערופן צו זיי. — ער איז אויף מיר געווען מלא רציחה, און האָט דעם בריוו צען מאָל געשליידערט אויף דער ערד. אָבער איך בין ביי זיך נישט אַראָפּגעפאַלן און בין דעם ערשטן שטורם אויסגעשטאַנען און אויסגעהאַלטן גאָר אָן שרעק, און דערנאָך האָב איך אים געגעבן צוריק אַ גאָב, אַז ער האָט זיך נישט געהאַט וואו אַהינצעטאָן און האָט געשוויגן און צולעצט האָט ער געבעטן, איך זאָל אייך אַריינרופן צו אים. נו, זאָלט איר וויסן, ווי צו ריידן מיט אים...״

ותבאנה שתיהן אליו החדרה, זיינען ביידע אַריין צו אים אין צימער און האָבן אים געטראָפן, ווי ער לייענט דעם בריוו.

„וואָס אַ שייגעץ נישט קאָן! — האָט ער זיך צעשריען. — איך וואָלט מיך גאָרנישט דערוועגט צו פאַרלאַנגען אַ טאָכטער פון אַזעלכן, וואָס וויל מיך אויף זיין שוועל נישט אַרויפלאָזן. עס איז זיין פינסטער מזל, וואָס ער האָט דעמדאָזיקן בריוו נישט געשיקט מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק. איך וואָלט מיט אים שוין אין דער ערשטער מינוט פאַרריכטעט איין לייוולקע. אָבער איצט, צווישן אונז גערעדט, האָט זיך אונזער מעמד אַזוי ווייט פאַרער־גערט, אַז מען מוז אויסהערן אַזעלכע פּראָיעקטן, וואָס מיט אַ פּאָר וואָכן פריער וואָלטן זיי מיין אויער באַליידיקט... נו, וואָס זאָגסטו, פרומע, דערצו? ווי געפעלט עס דיר?״

פרומע האָט אים אויסגעהערט און געזאָגט:

„איך ווייס נישט, פאַרוואָס זאָל עס מיר נישט געפעלן? פון מיינעטוועגן איז ביי מיר די זאַך שוין לאַנג רעכט געווען. מיר שיינט, אַז מיר באַדאַרפן גאָרנישט קיין בעסערס. ער איז אין גלייכן יחוס מיט אונז און איז אַן אויסגעצייכנטער יונגער־מאַן. און מיר געפעלט דוקא זיין מוט, וואָס ער הערט נישט די וועלט אין פאַרלאַנגט אונזער טאָכטער פאַר אַ ווייב. ווי דען

אַנדערש? מיר טאָרן נישט פאַרשטערן דאָס גליק פון אונזער קינד. דו זאָלסט מיר פאָלגן, דאַרפסטו אָנשרייבן צו אים אַ בריוו און פאַרבעטן אים אַהער..."

דעמאָלט האָט זיך „ר' שמעון" נונצער אָנגערופן צו זיין טאָכטער:

„און וואָס זאָגסטו צו דעם?"

און די טאָכטער האָט געזאָגט:

„ליבער פאָטער, ווען דו וואָלסט מיך פריער געפרעגט דעריבער, וואָלסטו שוין פאַרשפּאָרט אָנצוקוקן דעם שדכנס פּרצוף און צו פאָרן קיין ווין. איך זאָג דיר גאַנץ אָפנהערציק, אַז גרשון געפעלט מיר זייער. קיין בעסערן מאַן ווינטש איך מיר גאָרנישט..."

אויסגעהערט דאָס ווייב און די טאָכטער, האָט „ר' שמעון" ווידעראַמאָל זיך אָנגערופן:

„הערט־זשע, וואָס איך וועל אייך זאָגן, דער כּלל איז סוף־כּל־סוף אַזאַ, אַז מיר, עלטערן, האָבן אין שידוכים גאָר אַ קנאַפּע דעה, ווייל יעדער זיווג איז פריער באַשטימט פון גאָט, און בפרט נאָך ווי איך זע דאָ אַצינד ביי מיר, אַז עס העקלט זיך אַזוי עפּעס אַלץ איינס און דאָס אַנדערע, אַז איך מוז שוין נישט־ווילנדיק מודה זיין, אַז דאָס איז אַ באַשערטע זאַך פון גאָט. גראָד מאַכט זיך אַזוי, אַז איך באַקום אין דערזעלביקער נאַכט אַ שליח פון פעטערבורג, וואָס ברענגט מיר די בשורה, אַז מיר קאָנען, חלילה, אַ האַלב אייגנס פאַרלירן. און אָט האָט איר גרשונס בריוו, אין וועלכן ער בעט אונזער טאָכטער... דאָס אַלץ צוזאַמען איז נישט קיין פּשוטע זאַך. איך וועל אייך זאָגן דעם אמת, איך וויל די זאַך נישט שטערן, ווייל איך זע דאָ גאָטס האַנט. אַלזאָ, איך בין מסכּים דערויף. אָבער איך פאַרלאַנג פון אייך איין זאַך — איר זאָלט אָפּפּטרן די תּנאים מיט דער חתונה נאָך איידער איך וועל מיך אומקערן פון פעטערבורג, ווייל איך מיט גרשונען זיינען פייער מיט וואַסער. מיר וועלן אונז געוויס צערייסן, צעקריגן און מאַכן לייטיש געלעכטער.

אָבער אַז איך וועל שוין קומען נאָך אַלעמען, וועט זיך אפשר אָנהויבן ביי אונז אַ גוט לעבן...״

„אויב אַזוי, — האָט זיך דאָס ווייב צו אים אָפּגערופן, — מוזטו דאָך פריער שרייבן אַ בריוו צו אים, אַז דו ווילסט מיט אים טאָן אַ שדוך און בעטן אים, אַז ער זאָל קומען״.

„אָ ניין! דאָס וועל איך נישט טאָן פאַר קיין פאַל אין דער וועלט!.. — האָט „ר׳ שמעון״ אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

האָט זיך ווידער אָנגעהויבן אַ שפּאַרעריי צווישן זיי, ביז תּרצה האָט אַרייגערופן רייזעלען, און רייזעלע האָט געשיקט נאָך אהרון בראַכמאַן, און אַלע צוזאַמען האָבן אַזוי לאַנג געאַר־בעט מיט דעם פאַרשטעלטן שמעונען, ביז ער האָט אָנגעשריבן אַ קליין בריוועלע צו גרשונען, דאָס הייסט צו זיך אַליין.

אינם בריוועלע האָט ער געשריבן:

„כדי נאָכצוגעבן דעם רצון פון מיין פרוי און טאָכטער, דערלויב איך דיר צו קומען און שטעלן אַ חתונה מיט מיין תּרצהן, איידער איך וועל מיך אומקערן פון מיין נסיעה קיין פעטערבורג. וואָס איז נוגע צו די נתינות, לאָז איך עס איבער אויף דעם רצון פון מיין פרומען... פון מיר, דיין פעטער שמעון נונצער״.

אין שטוב איז באַלד געוואָרן שמחה וששון. תּרצה האָט אַזויאַרום אויסגעפירט, וואָס זי האָט געוואָלט, און די מוטער איז געווען גליקלעך און רייזעלע האָט געטאַנצט און גרשון — אודאי און אודאי... און אהרון בראַכמאַן האָט אין דער שטיל געלאַכט און געלאַכט.

דעם בריוו צו גרשונען האָט רייזעלע צוגענומען אַוועקצו־טראָגן אויף דער פּאָסט און האָט אים תּיכף ומיד באַהאַלטן ביי זיך. דער גאַנצער עסק האָט זייער שנעל געמוזט אָפּגע־שפּילט ווערן. וואָרום דער פאַרשטעלטער ר׳ שמעון האָט געדאַרפט שוין אפּפאָרן און קומען נאָכדעם צוריק אין זיין אמתער גע־שטאַלט, דאָס הייסט, אַלס גרשון דער חתן צו שרייבן תּנאים

און באַלד דערויף שטעלן אַ חתונה. און דאַן וועט עס, נאַטירלעך, זיין פאַרפאַלן לעולם ועד.

האט זיך אָבער געמאַכט דערביי אַ פאַרדרייעניש, ווי מיר וועלען עס טאַקע באַלד באַשרייבן.

---

## ה.

## דער שטריך אין חשבון.

ביום המחר האָט זיך שוין דער פאַרשטעלטער ר׳ שמעון אַרויסגעקליבן אין וועג קיין פעטערבורג, האָט זיך צעזעגנט מיט דער פאַמיליע, זיך אַ ביסל צעוויינט און זיי אָנגעזאָגט אַ מאָל צען, אַז זיי זאָלן אָפּשפּילן די חתונה אָן אים. נאָכדעם האָט ער זיך אָפּגערעכנט מיט אייניקע קרעדיטאָרן, האָט אָפּגענומען ביי זיי עטלעכע טויזנט טאָלער, האָט זיי אַרויסגעגעבן קוויטונגען און איז זיך אַוועקגעפאָרן.

און אין שטוב איז אַלץ געווען ששון ושמחה. תּרצה האָט זיך אויסגעפּוצט און אָפּגעוואַרט איר חתן. רייזעלע איז אַוועק צו בראַכמאַנען, וואו זי האָט געטראָפן איר ברודער און דאָרט האָט מען זיך באַראַטן וואָס ווייטער צו טאָן. גרשון האָט גע-דאַרפט אָפּוואַרטן עטלעכע טעג, דאָס הייסט ביז וואַנען ער וועט כלומרשט באַקומען דעם בריוו און וועט אַרויספאָרן קיין פּרעס-בורג. און די עטלעכע טעג האָבן זיך אים געצויגן, ווי אַן אייביקייט. . . נאָר אָט זיינען דאָך אַוועק די פאַרשאָלטענע עטלעכע טעג, גרשון האָט זיך אויסגעפּוצט, איז אַרויסגעפאָרן אויף דער נאָנטער סטאַנציע, געדונגען דאָרט אַ פור און איז פאַרנאַכט געקומען צו פאָרן צום פעטער אויפן הויף מלא שמחה. עס איז געוואָרן אַ קאָך, אַ געטומל — דער חתן איז געקומען!

## ר׳ שמעון גונצער

די ערשטע איז אים אַרויסגעלאָפּן אַנטקעגן זיין שוועסטער רייזעלע. מיט איר איז אויך אַרויס אהרן בראַכמאַן, וואָס האָט אָפּגעוואָרט דעם חתן ביים פעטער אין שטוב.

אַריינגעקומען אין שטוב, איז דער חתן אַרויפגעפאַלן דער מומען אויפן האַלז, און האָט זיך צעקושט מיט תּרצהן. דער עולם איז ממש געשפּרונגען פון שמחה. מען האָט באַלד געשטעלט דעם סאַמאָוואַר, און זיך אַנידערגעזעצט צום טיש. ביים טיש האָט דער עולם פריילעך געשמועסט, די שעהן זענען געלאָפן ווי רגהס, און יעדער באַזונדער האָט דערציילט, ווי ווייט ער האָט דערביי געווירקט.

אַ גאַנצע נאַכט האָט מען זיך געפרייט און פאַרטאָג איז מען געגאַנגען שלאָפן.

עלף אַ זייגער איינדערפרי איז מען ווידער געזעסן ביים טיש, נאָך האַלבן טאָג האָט מען שוין געמאַכט אַ קליינעם צעטל, וועמען מען זאָל פאַרבעטן אויף תּנאים. אויף איבערמאָרגן האָט מען שוין געמאַכט תּנאים ווי געהעריק, און ווען דער קליינער עולם איז זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען, האָט גרשון געגעבן דער כּלה טויזנט טאָלער פון יענע דריי טויזנט, וואָס ער האָט אָפּגענומען פון די קרעדיטאָרן.

תּרצה איז געווען איבערגליקלעך. זי האָט זיך געמאָלט אַ צוקונפט מיט די שענסטע פאַרבן און האָט נישט געוואוסט וואָס צו טאָן פון גרויס שמחה.

אויף מאָרגן איז מען אַרויסגעפאָרן אַ ביסל שפּאַצירן. מען האָט געמאַכט וויזיטן, מען האָט אויפגענומען געסט און מען האָט זיך געגומען גרייטן צו דער חתונה... די שטוב איז געווען פול מיט שניידער און מאָדיסטקעס. עס האָט זיך געקאָכט ווי אויף אַ יריד.

מיר וועלן אָבער איבערלאָזן אויף אַ ווייל די אַלע פריי־לעכע מענטשן מיט זייער טאַרעראַם און הכנות צו דער חתונה און וועלן בעסער אַ קוק טאָן אין דער וועלט, וואָס הערט זיך מיט אונזער אמתן ר׳ שמעון גונצער דאָרט, אין ווין. ער איז אַזוי ווי פאַרלאָרן געגאַנגען, ווייל די צוויי בריוו, וואָס ער האָט

פון דאָרט צוגעשיקט, האָט אהרן בראַכמאַן איבערגענומען. אין דידאָזיקע בריוו איז אויך קיין שום זייס נישט געווען, און דע־ריבער האָט בראַכמאַן גערעכנט, אַז ער וועט זיך מסתמא נאָך פאַרזוימען אין וועג אַ חודש צייט...

כבואו לווין, אַז ר׳ שמעון גונצער איז געקומען קיין ווין און האָט נאָכגעפרעגט אויף ר׳ דוד קעמרער, האָט ער באַקומען זייער גוטע ידיעות וועגן אים, און דעמאָלט איז ער אַליין אַריין צו אים אַלס סוחר, וואָס וויל מאַכן מיט אים געשעפט. אין קאַנטאָר האָט ער געטראָפן ר׳ דודס זון — אברהמען, וואָס איז געזעסן איבער די ביכער. ער האָט תיכף פאַרפירט מיט אים אַ שמועס איבער פאַרשיידענע זאַכן, און דער יונגערמאַן האָט ביי אים זייער אויסגענומען.

דעמאָלט האָט ער זיך פשוט אַנטפּלעקט פאַרן פאָטער און זון. ער האָט זיי געזאָגט, אַז ער איז גונצער און איז געקומען וועגן דעם שדוך. האָט מען אים זייער שיין אויפגענומען, און ער האָט ביי זיי פאַרבראַכט עטלעכע טעג. עס איז געבליבן, אַז אברהם קעמרער זאָל פאָרן מיט ר׳ שמעונען קיין פרעסבורג אָנקוקן דאָס מיידל, און אַז זיי וועלן זיך איינאַנדער געפעלן, זאָל געשלאָסן ווערן דער שידוך.

אינגיכן איז ר׳ שמעון אַרויסגעפאָרן קיין פרעסבורג צו־זאַמען מיטן יונגנמאַן, און די גאַנצע נסיעה האָט קיין צוויי וואָכן נישט געדויערט. מען איז געפאָרן זייער שנעל. אונטער־וועגנס איז דער יונגערמאַן נאָכמער געפעלן געוואָרן ר׳ שמעונען. געקומען ביי דער ראָגאַטקע פון פרעסבורג, האָבן אים די טראַזשניקעס אָפּגעגעבן מזל טוב.

„אַ טשעקאַווע זאַך, — האָט זיך ר׳ שמעון אָנגערופן, — ווי ביי אונז, יידן, זיינען קיין סודות נישטאָ. דאַכט זיך, ווער ווייסט אין דער גאַנצער שטאָט, כאָטש חוץ פרוי און מיין טאָכ־טער וועגן וואָס איך בין געפאָרן, און שוין פּלאַצט מען אַרויס מיט אַ מזל טוב״. —

„דאָס גוטע יאָר ווייס אייך, — האָט זיך אָפּגערופן איינער פון זיי. די גאַנצע שטאָט ווייסט פון אייער שדוך, עס איז דאָך נישט קיין סוד. איר בראַקירט מיט אונזער מזל טוב? זאָל דאָס זיין אונזער לעצטע דאַגה: גיט אונז בעסער דאָס בירגעלט און הוליעט אייך געזונטערהייט אויף אייער חתונה!..“

האָט ער זיי צוגעוואָרפן אַ גילדן און איז אַריינגעפאָרן אין שטאָט.

דאָס איז געווען דער זעקסטער טאָג, נאָכדעם, ווי גרשון, פאַרשטעלט פאַר ר׳ שמעונען, איז כלומרשט אַרויסגעפאָרן קיין פעטערבורג. גראָד אין דער צייט זיינען חתן־כלה אַוועק צו גאַסט, און פרומע, ר׳ שמעונס ווייב האָט געהאַט אַ סך צו טאָן אין שטוב מיט קרעמערקעס, מיט פוצנמאַכערקעס, מיט שניידער און האָט גאָר קיין צייט נישט געהאַט די נאָז אויסצעשנייצן.

רייזעלע האָט גראָד די ערשטע דערזען ר׳ שמעונען, האָט זי אים פריינטלעך באַגריסט און איז הענדום־פענדום אַוועקגעלאָפן צו בראַכמאַנען.

„עס איז שלעכט! — איז זי אריינגעפאַלן מיט קולות אין שטוב. — דער פעטער איז געקומען!..“

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט זיך בראַכמאַן אַ קראַץ געטאָן אין דער פאה.

„אוי־וואַ, אויף אַזאַ מין פאָרציע האָבן מיר זיך גאָרנישט גערעכט, —האָט ער אַ זאָג געטאָן. — מיר טאָרן אָבער נישט אַראָפּפאַלן ביי זיך. מיר מוזן ווייטער שפילן אונזער ראָלע, ווי ווייט מיר קאָנען, און גאָט וועט העלפן. מיר אַרבעטן דאָך באמת פאַר אַ גוטער ערלעכער זאַך. הער־זשע, לויף וואָס גיכער אַהיים און זע מיט אַלע מעגלעכקייטן צופאַרדרייען און פאַרהאַלטן דעם פעטער מיט נאַרישקייטן און קלייניקייטן. כאַפּ זיך אַריין צו אים אין צימער, שמועס דאָרט מיט אים, אַזוי אַז די מומע זאָל זיך מיט אים דערווייל נישט טרעפן, און אַז ער וועט דיך פרעגן, וואָס איז די מומע אַזוי באַשעפטיקט, זאָלסטו אים זאָגן:

„אָט, איר קענט זי נישט? זי וואָלט שוין וועלן די טאָכטער אויסקליידן, כאָטש אונטער דער חופה צו פירן. נו, רייסט זי זיך מיט די שניידער, די פוצנמאַכערקעס.“ קורץ דערפון — דו זאָלסט מיר נאָר דעם פעטער דאָרט פערטומלען, ביז וואַנען מיר וועלן דאַרפן, און דאָס איבעריקע לאָז אונז איבער. עס וועט שוין זיין גוט. אָבער דו זאָלסט נאָר גוט שפּילן...

תּעש הנערה, און דאָס מיידל האָט געטאָן, ווי בּראַכמאַן האָט איר געהייסן. זי איז באַלד געקומען אַהיים און האָט, צום גליק, דערוויסט דעם פעטער אין פאָרצימער צוזאַמען מיט דעם יונגנמאַן. זיי האָבן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די שווערע רעגנמאַנטלען, זיך אַרומגעריבן פון שטויב און זיך געהייסן דערלאַנגען וואַסער — זיך אַרומצעוואַשן. די מומע האָט שוין ׳ אַפילו געוואוסט, אַז דער מאַן איז געקומען פון וועג. זי האָט אָבער נאָך קיין צייט נישט געהאַט אַריינצוגיין צו אים, ווייל זי איז געווען שטאַרק פאַרטאַרעראַמט מיט די שניידער.

דערווייל איז אָנגעקומען תּרצה. זי האָט זיך גאָרנישט געקאָנט אָפּוואונדערן, וואָס ער האָט זיך אַזוי גיך אומגעקערט, און האָט שטיל געבעטן צו גאָט, אַז דער התן גרשון זאָל אַצינד נישט אַריינגיין. עס קאָן נאָך אודאי אויסבּרעכן ביי ביידן אַ קריג. איר געבעט איז אָנגענומען געוואָרן. גרשון איז שוין געווען ביי בּראַכמאַנען אין שטוב און האָט זיך דאָרט ווידער פאַרשטעלט פאַרן פעטער שמעון און נאָכדעם אַרומגעשפּאַצירט אינדערפינסטער אַרום דעם פעטערס שטוב, ווי אַן אַקטיאָר הינטער די קוליסן, אויפצעטרעטן אין דער רעכטער צייט אויף דער סצענע.

תּרצה האָט אַפילו געוואָלט באַגריסן דעם פאָטער, אָבער אַז זי האָט דערזען דעם יונגנמאַן, איז זי אַנטלאָפן געוואָרן. זי איז אַריינגעלאָפן צו דער מאַמען האַלב־צעמישט און האָט זי אָנגעהויבן אויסצופאָרשן, וואָס איז די מעשה, וואָס דער פאָטער האָט זיך אַזוי גיך אומגעקערט ? ווי עס ווייזט אויס, איז ער דאָך

גאָרנישט געווען אין פעטערבורג? און ווער איז דער יונגערמאַן, וואָס איז מיט אים געקומען?"

„איך ווייס אַזויפיל, וויפיל דו ווייסט, מיין טאָכטער, האָט יענע געזאָגט. — די שניידערקעס פאַרדרייען מיר דעם קאָפּ. איך וואָלט שוין אויך גערן וויסן, וואָס דאָ איז געשען. אפשר האָט ער באַקומען אַ גוטע ידיעה וועגן דעם געלט? איז ער פריי־לעך?"

תרצה האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ:

„יאָ, זייער פריילעך."

„נו, איז גוט, מיין טאָכטער, ווי דען? דער אויבערשטער מוז אויפריכטן דיין מזל, און דער יונגערמאַן איז מסתמא געפאָרן צוזאַמען מיט אים. נאָך קאָנסטו נישט דיין טאַטן. ער איז דאָך שטענדיק אַ פאַרשפאָרער, ער ברייינגט מיר אָפּט אַזעלכע געסט".

אַז רייזעלע איז געקומען אַהיים, איז זי תיכף ווי דעראַמאָל צוגעגאַנגען צום פעטער און האָט אים פון דאָסניי באַגריסט, זיך גאָכגעפרעגט אויף זיין געזונט, אויף זיין נסיעה און צי האָט ער געהאַט הצלחה אין דעם ענין, צוליב וועלכן ער איז געפאָרן.

און דער פעטער האָט איר געענטפערט:

„מיין ליב קינד, די לעצטע פראַגע איז פאַר אַזאַ קלוג מיידל, ווי דו ביזט, גאַנץ איבעריק, ווייל מיין ענטפער שטייט דאָך פאַר דיינע אויגן..."

און ער האָט איר אָנגעוויזן אויף דעם יונגנמאַן, וואָס איז דערביי געשטאַנען.

דער יונגערמאַן האָט געפרעגט:

„איז דאָס אייער תרצה? אויב אַזוי האָב איך גאָרנישט קיין חרטה אויף מיין לאַנגער נסיעה, און איך דאַנק די עלטערן, וואָס האָבן מיר אַזאַ שיינע כלה דערצויגן..."

„ניין, מיין ליבער אַברהם, — האָט שמעון געענטפערט, — דאָס איז מיינע פלעמיעניצע, אָבער מיין טאָכטער איז אויך אַזוי שיין, ווי זי. דו וועסט זי באַלד זען און דעמאָלט וועל איך קאָנען אָננעמען דיין דאַנק".

רייזעלע האָט זיך אָנגערופן:

„אָבער, אום גאָטעס ווילן, ליבער פעטער, וואָס איז עס פאַר אַן אָרט אין פּאָדערשטוב? קומט אַריין אין צימער, דאָרט קאָן מען זיך אָפּרוען און ריידן. אייער טאָכטער דאַרף זיך דאָך אַ ביסל צוגרייטן, אַז חתן־כלה זאָלן זיך צום ערשטן מאָל קאָנען זען“.

„דו האָסט רעכט, מיין קינד, — האָט ער איר געענטפערט.

זיי זיינען אַריין צום פעטער אין צימער און דאָרט האָט רייזעלע פאַרפירט מיט זיי אַ ברייטן שמועס, וואָס האָט אַוועקגענומען אַ סך צייט און, וואָס איז טאַקע אויסגענוצט געוואָרן פון גרשונען און בראַכמאַנען.

ויהי און עס איז געווען, אַז קוים איז די פּאָדערשטוב ליידיק געוואָרן פון ר׳ שמעונען מיט זיין גאַסט, איז גרשון אַריינגעקומען פאַרשטעלט פאַרן פעטער שמעון און האָט דאָרט געכאַפּט אַ שמועס מיט בראַכמאַנען. באַלד דערויף איז אַריין די פרוי און די טאָכטער.

„נו, זאָג אַליין, — האָט זיך אָפּגערופן דער פאַרשטעלטער גרשון, — ווי איז מען דאָס אַזוי פאַרטאַרעראַמט! סטייטש! דו ווייסט דאָך, אַז איך בין שוין דאָ מער ווי אַ שעה צייט און דו קומסט גאָרנישט אַריין, מאַכסט זיך גאָרנישט ווויסנדיק. וואָס ברענט דאָרט ביי דיר אַזוי?“

און פרומע האָט אים געענטפערט:

„איך האָב געהאַט צוטאָן מיט פּופּצן מענטשן, אַ קלייניקייט! ווי איך זע, האָסטו גאָר פאַרגעסן, אַז אונזער טאָכטער איז שוין אַ כלה, אָדער דו מאַכסטו זיך גאָרנישט ווויסנדיק, ווייל דו גיסט אונז גאָרנישט אָפּ קיין מזל טוב, און מיר ריכטן זיך אויף דער חתונה אַלע טאָג, דער חתן וויל כאָטש מאָרגן שטעלן אַ חופּה, עס פעלט מיר ממש פון די הענט!..“

„נאָר נישט געשריען! האָט „ר׳ שמעון“ אַ זאָג געטאָן. — מזל טוב אייך! וואו איז ער, דער יונג!“

— ער איז איצט אַרויסגעגאַנגען, — האָט פרומע שטיל געזאָגט. — איך בין צופרידן, וואָס ער איז אַרויסגעגאַנגען פון שטוב. איך קאָן דאָך דיך, דו קאָנסט אים נאָך באַפאַלן. איך וועל אים הייסן, ער זאָל דערווייל איבערנעכטיקן ביי אייך, ר׳ אהרן.

אָבער „ר׳ שמעון“ האָט זיך פלוצלונג אָנגערופן:

„ער מעג קומען, וואָרום ער איז דאָך שוין מיין קינד“.

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט זיך פרומע דערפרייט און אַ פרעג געטאָן:

„זאָג מיר, וואָס איז מיט דיר די מעשה, וואָס דו האָסט זיך אַזוי גיך אומגעקערט?“

„ר׳ שמעון“ האָט איר געענטפערט דערויף:

„אָט אַ ווילדע נאַרישקייט! איך בין געקומען און וועל באַלד אַוועקפאָרן צוריק, ווייל איך האָב פאַרגעסן מיטצונעמען די וועקסלען, דעם פּאַס און די רעקאָמענדאַציע, און ווען איך וואָלט אייך שרייבן וועגן דעם, וואָלט איר עס מיר אויך נישט געקאָנט צושיקן, ווייל, ערשטנס, האָב איך ביי מיר געהאַט די שליסעלעך פון די שופלאָדן און, צווייטנס, האָב איך מיך געברויכט צו זען מיט אַ פּאָר מענטשן. דערצו האָט זיך מיר געמאַכט אַ גוטער מיטפאָרער, אַ יונגערמאַן, וואָס איז געפאָרן לייידיק און לייז אין אַן אייגענער קאָטש מיט פּאָסט-פערד“.

„נו, גענוג אייך דערפון אַלץ צו ריידן, האָט זיך בראַכמאַן אָנגערופן. — פאָלגט מיך און קומט צו מיר אויף אַ פּאָר שעה. הייַנט איז מיין טאָכטערס געבורטסטאָג. קומט, וואָס אַרט עס אייך? איר וועט ביי מיר גוט צוברענגען, אייער תרצה וועט דאָרט שפּילן קלאַוויר, איר וועט האָבן וואָס אין מויל צונעמען, עס וועלן דאָרט זיין אַ פּאָר גוטע פריינט, און אויך צייזום, דער אַקטיאָר, דער יונגער, דער שפרינגער, וואָס תרצה גייט דאָך אויס גאָר פּאַר זאים! כלעבן, קומט און נישט אַנדערש!“

קורץ דערפון, ער האָט עס ביי זיי לייכט געפּוילט. תרצה האָט עס גריילעך געוואָלט, דער פאַרשטעלטער גרשון נאָכמער און פרומע, וואָס האָט זיך געלאָזט שטאַרק בעטן, האָט זיך אויך

געלאָזט איבעררײדן. דאָך האָט גרשון געמאַכט אַן אָנשטעל, ווי ער וואָלט געגאַנגען אַ געצוואונגענער.

אַלע דרײ זײַנען אַוועק צו בראַכמאַנען און האָבן דאָרט זײער גוט צוגעבראַכט די צײט.

לאָמיר אָבער לאָזען פרומען מיט תרצהן און מיט דעם פאַרשטעלטן גרשונען בײ בראַכמאַנען און מיר וועלן אָקאָרשט אַ קוק טאָן, וואָס דאָרטן טוט זיך אין צימער און וואָס רײזעלע רעדט מיט זײ.

ויהי און עס געווען, אַז אַלע זײַנען אַוועק צו בראַכמאַנען, איז באַלד אַרײַן אין שטוב אַ מאַיאָר מיט אײניקע אַנדערע אָפי־צירן, מיט זשאַנדאַרמען און אַ פּאָסט־פורמאַן און האָבן געפרעגט, וואו איז דאָ דער הער נונצער, מ׳האָט זײ אַרײַנגערופן אין צימער און דער מאַיאָר מיטן פורמאַן האָבן באַלד דערקאָנט, אַז דאָס איז דער פּאַטשער, וואָס האָט געפּאַטשט דעם מאַיאָר. דער פּאָסט־פורמאַן האָט געשוואָרן, אַז דעמדאָזיקן יידן האָט ער מיט אַ טאָג אַכט אָדער נײַן צוריק געבראַכט אַהער פון פעסטער שליאַך. האָט מען אים צוגענומען מיטן יונגנמאַן און מען האָט זײ אַרײַנ־געפּאַקט אין תפיסה. פון דער גאַנצער געשיכטע האָט אין שטוב מער נישט געוואוסט, ווי דער יונג, וועלכן מען האָט שוין אָפּגעקויפט און וואָס האָט אויך זײער גוט געשפּילט די ראָל, אַזוי, אַז ער האָט שוין געוואוסט פון וואָס צו שווײַגן און פון וואָס צו רײדן. נאָכדעם, ווי מ׳האָט זײ אַוועקגעפירט, האָט ער פאַרמאַכט דאָס מויל און געשוויגן, קײן וואָרט נישט גערעדט. און דער אַרעסט, ווידער, לאָזט זיך אַזוי דערקלערן: שוין צײַט עטלעכע טעג, ווי דער געפּאַטשטער מאַיאָר מיט אײניקע אָפיצירן זײַנען געקומען פון פעסט קײן פּרעסבורג זיך אָפּצערעכענען מיט גרשונען, ווײַל ער איז געוואָר געוואָרן, אַז ער איז אין פּרעס־בורג. אָבער בראַכמאַן האָט זיך דערוואוסט דערפון און האָט אָנגעהויבן אונטערצוהאַנדלען מיטן מאַיאָר וועגן אַ געלט־באַ־פרידיקונג. אָבער אין דער נאַכט, ווען מען האָט ר׳ שמעון נונ־צער נישט באַדאַרפט האָבן אין שטוב, האָט בראַכמאַן אַ וואונק

געטאָן דעם מאַיאָר, ער זאָל אים אויף אַ פּאָר טעג אַריינישבען און דערפאַר וועט ער באַקומען אין יד אַריין אַ פיינע מטבע. ער האָט אים, אַלזאָ, אַריינגעשפּילט אין האַנט אַריין דעם פעטער אָנשטאָט דעם פלימעניק, ווייל פונוואַנען האָט דער מאַיאָר געקאָנט וויסן, אַז דידאָזיקע צוויי יידן זיינען ענלעך צו אייגאַנדער, ווי איין טראָפּן וואַסער ? אַזויאַרום האָט מען אַריינגעישבעט דעם אַלטן מיטן יונגן און ביי בראַכמאַגען איז געווען ששון ושמחה: מען האָט געגעסן, געטרונקען, געשפּילט, געטאַנצט, און מ׳האָט געשיקט נאָך רייזעלען. דער פאַרשטעלטער גרשון האָט שוין איצט געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער וואָלט זיך געוואָלט זען מיט זיין פלימעניק, און ווערן מיט אים גוטע פריינט, האָט מען אויסגעאַקערט די שטאָט און מ׳האָט אים נישט געפונען.

„זעסטו, מיין מאַן, — האָט זיך פרומע אָנגערופן צו אים, — ער איז בודאי געוואָר געוואָרן, אַז דו ביזט דאָ, האָט ער זיך ערגעץ וואו פאַרבאָרגן. נו, לאָזט זיך אויס דער אַלטער שפּריכוואָרט : דו זאָלסט קיינמאָל נישט זיין אין דעם אַנדערן אַזוי פאַרטרויט און אַזוי ווייט מיט אים אַ גוטער פריינט, אַז די זאָלסט קיינמאָל נישט קאָנען ווערן אים אַ שונא, און ווידער זאָלסטו דעם אַנדערן קיינמאָל נישט זיין אַזאַ שונא און אַרויסווייזן אים אַזויפיל פיינטשאַפט, אַז דו זאָלסט קיינמאָל נישט קאָנען ווערן מיט אים אַ גוטער פריינט״.

קורץ דערפון, מ׳האָט דעם אָוונט דאָרט זייער שיין צוגעבראַכט. פאַרטאָג האָט זיך דער פאַרשטעלטער ווידער אַוועקגעלאָזט אין וועג אַריין און האָט געבעטן, מ׳זאָל זיין פלימעניק, דעם חתן, לאָזן גריסן אין זיין נאָמען און מאַכן אומגעזוימט די חתונה. אַרום צען דעם זייגער איז גרשון געקומען צום פעטער אין שטוב, ווי דער אמתער גרשון, אַן אויסגעפוצטער, און האָט געפרעגט, צי איז שוין דער פעטער אַוועקגעפאָרן.

„דו ביזט אויך זייער אַ גוטער ! — האָט זיך די מומע צו אים אָנגערופן, — סטייטש, דער פעטער, דיין מחותן, איז געקו־

מען און דו האָסט זיך גאָר באַהאַלטן פון אים. זאָל זיין אַפילו, אַז ער איז מיט דיר נישט גוט, אָבער דו האָסט דאָך ווייניקסטנס געדאַרפט יוצא זיין און אַריינקומען צו אים ער וואָלט דיך דאָך נישט אויפגעגעסן אין קאַשע".

„און מיר שיינט, — האָט איר גרשון געענטפערט, — אַז איך האָב געטאָן, ווי א חכם, וואָס איך האָב מיך צו אים נישט געוויזן, ווייל ס'וואָלט בודאי געקומען צו אַ קריג, און דאָס וואָלט שאָדן, חלילה, צו אונזער שדוך".

דאָ האָט זיך תרצה אַריינגעמישט.

„וואָלסטו אָבער וויסן, — האָט זי געזאָגט — ווי דער פאָטער האָט זיך שוין יאָ געוואָלט מיט דיר זען! מ'האָט דיך אויסגעאַקערט, ווי די שטאָט איז גרויס, און מען האָט דיך נישט געקאָנט געפינען. וואו ביזטו דאָס געווען?"

„וואו זאָל איך זיין? האָט ער געזאָגט. — איך האָב אייך די נאַכט נישט געשלאָפן... איך האָב מיך געפונען נישט ווייט פון אייך טאַקע ביי דעם אייגענעם בראַכמאַנען אין אַלקערל און איך קען אייך אַפילו זאָגן אַלץ, וואָס יעדערער פון אייך האָט גערעדט, געטאָן, געגעסן, געטרונקען..."

און ער האָט זיי טאַקע געזאָגט.

קורץ דערפון, מען האָט זיך גוט דורגערעדט און מען האָט אָנגעהויבן צו טראַכטן פון דער חתונה. כדי צו מאַכן וואָס שנעלער די חתונה, האָט גרשון געזאָגט, אַז ער האָט באַקומען בריוו נאָך בריוו פון זיינע מענטשן, ער זאָל קומען וואָס צום גיכסטן אַהיים, ווייל מען דאַרף שוין פאָרן אויף דער לייפציקער מעסע.

קיין אַנדער ברירה איז נישט געווען, און מען האָט געמוזט שטעלן די חתונה.

דעמזעלביקן שבת האָט מען דעם חתן אויפגערופן, און זונטאָג האָט געדאַרפט זיין די חופה.

לאָמיר זיי אָבער לאָזן ביי די איילִיקע הכנות צו דער חתונה און וועלן בעסער אַ קוק טאָן אויף אַ ווײַלע דאָרט אין

תפיסה, וואו עס זיינען געזעסן ר׳ שמעון נונצער מ׳יט זיין חתן אברהם קעמרער.

שלשה ימים, דריי טעג זיינען זיי געזעסן, ווי פאַרשמירטע, ווייל בראַכמאַן האָט דעם מאַיאָר זייער גוט פאַרשמירט — מ׳האָט צו זיי קיין מענטשן נישט צוגעלאָזן און מ׳האָט זיי נישט געגו־מען אויף דער אויספאָרשונג. ערשט, שפּעטער, אַז די אויספאָר־שונג האָט זיך אָנגעהויבן, און ר׳ שמעון האָט לחלוטין געלייקנט, ער ווייס נישט פון וואָס צו זאָגן, און דער מאַיאָר און די איבע־ריקע אָפיצירן האָבן אַלס עדות געשוואָרן, אַז ער און נאָר ער איז עס דער שולדיקער אין די פּעטש, האָט מען אים אַריינגע־וואָרפן אין קאַרצער. אברהם קעמרער, צו וועלכן מ׳האָט באמת גאָרנישט געהאַט, האָט מען גלאַט נישט אַרויסגעלאָזן, ווייל מען האָט געוואָלט, ווי זיי האָבן געזאָגט, ער זאָל פריער שווערן, צי ער האָט פון אים נישט געהערט, אָדער צי איז אים נישט באַ־קענט, אַז נונצער איז אַנטלאָפן פון פּעסט. צום גליק אָבער איז דאָרט געווען אַ ראַטמאַן פון ווין, וואָס האָט זייער גוט גע־קאָנט אברהם קעמרערן פאַר אַן ערלעכן מאַן, האָט ער זיך פאַר אים איינגעשטעלט און מען האָט אים לייז געלאָזן.

זונטאָג, אַקוראַט אַ שעה פאַר דער חופה, איז ער געקומען צו ר׳ שמעון נונצער אין שטוב. צום גליק, האָט אים רייזעלע ווידעראַמאָל די ערשטע דערזען.

„וואָס מאַכט איר?״ — האָט זי אים באַגריסט.

„ברוך מתיר אסורים! און וואו איז דער פּעטער? פאַרוואָס האָט מען אייך ביידן גענומען? און פאַרוואָס האָט מען אייך אַליין באַפרייט?״

אין אַ קליינער ווילע האָט זי אים פאַרשאָטן מיט טויזנט פראַגן און האָט אים אַריינגעשלעפּט צו זיך אין צימער. פון דאָרט האָט זי געשיקט דעם יונג, ער זאָל אָנזאָגן בראַכמאַנען, אַז קעמ־רער איז לייז געוואָרן, און, אַלזאָ, זאָל מען זען צו מאַכן די חופה וואָס צום גיכסטן, און זי וועט דערווייל פאַרציען מיט אים אַ לאַנגן שמועס.

און אַזוי איז טאַקע געשען. מער ווי צוויי שעה האָט זי זיך מיט אים גערעדט, פונקט ווי זי וואָלט זיך באמת שטאַרק אינטערעסירט צו וויסן, וואָס מיט אים איז געשען אין תּפיסה, ווי אַזוי מען האָט אים דאָרט באַהאַנדלט און דעסגלייכן.

פּלוצלונג האָט ער דערהערט, ווי מען שפּילט אין שטוב, און ס'איז אַ גרויסער טומל.

„ווער האָט עס ביי אייך חתונה אין שטוב?" — האָט ער אַ פרעג געטאָן.

„אָט, אַן אָרימע קרובה אונזערע", — האָט זי אים געענט־פערט.

און זיי האָבן אַזוי ווייטער געשמועסט, ביז עס איז אַריינ־געקומען אהרן בראַכמאַן מיט גרשונען, פאַרשטעלט פאַרן פעטער. רייזעלע האָט זיך באַלד א ריס געטאָן צו אים.

„אָ, גאָט צו דאַנקען, וואָס איר זייט אויך שוין לייז גע־וואָרן, פעטערל, — האָט זי אויסגעשריען און איז אים אַרויפגע־פאַלן אויפן האַלז. אייך איז פאָרט באַשערט, אַז איר זאָלט אויך זיין אויף דער חתונה. דערציילט אונז כאָטש, פאַרוואָס האָט מען אייך גענומען און וויאַזוי זייט איר לייז געוואָרן?"

„וואָס זאָל עס זיין?—האָט ער איר געענטפערט,—דאָס האָב איך צו דאַנקען דיין ליבן ברודערל — ער האָט זיך צעשלאָגן מיט אַ מאַיאָר, האָט מען מיך גענומען פאַר אים. שוין נישט דאָס ערשטע מאָל ווי איך לייד פאַר אים. ער איז אַ גוטער סוחר בּישקשה. געלויבט איז זיין נאָמען, וואָס איך בין שוין אינדער־היים. איך האָב אָבער דערפאַר צו דאַנקען פריער גאָט און דערנאָך אונזער גוטן פריינט, בראַכמאַנען. ווען נישט ער, וואָלט איך נאָך געפוילט אין תּפיסה, אָבער געננוג דערמיט. איצט מיין ליבער אברהם, — האָט ער זיך אָנגערופן צום חתן, — איצט וועלן מיר זען אונזערע ליידן אַ ביסל צו פאַרזיסן. ערשטנס, וועל איך אייך דאָ פאָרשטעלן מיין טאָכטער. איר האָט דאָך זי געוויס נאָך נישט געזען, און דערנאָך וועלן מיר אונז לוסטיק מאַכן אויף דער חופּה־וועטשערע פון אונזערע אַ קרובה, וואָס מיין

ווייב מאַכט זי חתונה, און אויף מאָרגן וועלן מיר ווידער פריי=
לעך זיין און הוליען אויף אייערע תנאים. נו, מיין פריינט, זעט
איר שוין ווי מיר לעבן דאָ אין הפקרות אַזוי, אַז קיינער איז
נישט זיכער מיט זיין פרייהייט. גלאַט מען נעמט מענטשען, איי=
דער מען זעט זיך נאָך אַרום, צי זיי זיינען עס אָדער נישט, און
מען האַקט זיי אַריין אין תפיסה. איר מעגט מיר גלויבן, אַז אייער
עגמת=נפש קרייַנקט מיך מער ווי מיינע. ביי מיר איז נאָך דאָ
אַ קליינע סיבה דערביי: מען האָט מיך גענומען אָנשטאָט מיין
פלימעניק, וואָס טראָגט מיין פאַמיליע=נאָמען און זעט אויס אַזוי=
ווי איך. נו, האָבן זיי אַ טעות געהאַט. וואָס האָבן זיי אָבער, די
רשעים, צו אייך געהאַט? ניין, דאָס וועט זיי נישט געשוויגן
ווערן! נו, רייזעלע, פיר אַריין מיין טאָכטער און שטעל איר
פאָר דעם באַשערטן. זי מוז שוין זיין צוגעגרייט דערצו. גיי פיר
זי אַריין..."

און אַזוי איז רייזעלע אַרויס צוזאַמען מיט בראַכמאַנען,
און קעמרער איז געבליבן זיצן מיט גרשונען, וואָס האָט זיך
אַלץ צעריסן לויבנדיק זיין טאָכטער; ער האָט אים כסדר אויפ=
געוויזן, וואָס פאַר אַ גליק ער וועט דאָ כאַפּן, וואָס פאַר אַ שיין
מיידל דאָס איז און אַז. וו.

ביי דידאָזיקע ווערטער האָט זיך געעפנט די טיר און רייזעלע
האָט אריינגעפירט עפּעס אַ גראָבע און אַ קורצע מויד, עטוואָס
קאַסאָקע און רעכט שוואַרץ, אַז דאָס וואַסער, מיט וועלכן זי האָט
זיך אָפּגעוואַשן, איז געווען אַזוי שוואַרץ, אַז מען האָט עס גע=
קאָנט פאַרקויפן פאַר טינט. אויסערדעם, האָט זי געטראָגן זייער
טייערע קליידער, וואָס זיינען אָבער נישט גענייט געוואָרן אויף
איר מאָס, און אויפן האַלז האָט זי געהאַט זשמוטן פערל און
עטלעכע פאָר אויערינגלעך און אַזויפיל פינגערלעך, צו צוויי,
צו דריי אויף יעדן פינגער, אַזוי אַז עס האָט אויסגעזען, אַז זי
טראָגט עס בלויז צום פאַרקויפן, און נישט צום פוץ. דאָסדאָזיקע
מיידל איז געווען דער חתונה=פייקלער, דעם בדחנס אַ באַהעלפער.
„נו, מיין ליבע תרצהלע, האָט „ר' שמעון" אַ זאָג געטאָן

צום פייקלער.—דאָס איז דיין באַשערטער, ווען ער וועט דיר געפּ
פעלן און דו אים.״

נאָכדעם האָט ער זיך געווענדט צום חתן מיט דידאַקטישע
ווערטער:

„נו, מיין ליבער חתן, דאָס איז מיין טאָכטער, תּרצהלע,
וואָס די גאַנצע שטאָט האַלט זי אין איין לויבן... האַלט אייך
דאָ אונטער מיט אײנאַנדער און ווען איר וועט זיך געפעלן, ווען
מיר מאָרגן מיט גאָטס הילף שרייבן תּנאים. איך גלויב, אַז
איר זייט ביידע נישט פון דער פּאַרצייטיקער וועלט, וואָס מען
פלעגט זיך שעמען צו רופן מיט די אייגענע נעמען ביז כּמה
יאָרן נאָך דער חתונה, נאָר ציהערסט. און אַצינד — הער
בראַכמאַן, רייזעלע, אַרויס פונדאַנען, לאָמיר זיי נישט שטערן.
חתן־כּלה האָבן פיל וואָס צעריידן, וואָס אַ דריטער דאַרף עס
נישט הערן. גייט בעסער משמח זיין די אָרעמע חתן־כּלה.״

ויצאו שלשתם, זיינען זיי אַלע דריי אַרויס פון דאָרט —
דער פאַרשטעלטער גרשון, בראַכמאַן און רייזעלע און האָבן זיך
קוים געקאָנט איינהאַלטן פון צו לאַכן.

קעמרער איז דאָרט געבליבן מיט דעם פאַרשטעלטן פייקלער,
וואָס האָט געשפּילט זיין ראָלע זייער געשייט. „זי״ האָט גערעדט
פּאָלאָווינע־דייטש און פּאָלאָווינע־רייסיש און, ריידנדיק, פלעגט
„זי״ זיך אונטערהוסטן און קוים אָפּציען דעם אָטעם.

„אוי! איך בין אַמאָל געווען אַ מויד — אַ דעמב! — האָט
זי אָנגעהויבן, — געזונט, ווי אַ ריב, אַז מען פלעגט זיך וואַנ־
דערן אויף מיין גרעב. אַ בייזער עין־הרע האָט מיך אָבער
אויפגעגעסן!... אָ, דאַכט זיך, ביי אייך אין ווין זיינען דאָך
דאָ גוטע דאָקטוירים. איך מיין טאַקע באַלד נאָך דער חתונה פון
דאָסניי זיך אָנהויבן צו קורירן. מחשבותן! עס זיינען דאָך דאָ
וואַרמבעדער נישט ווייט פון אייך. אוי, איך וואָלט שוין וועלן,
עס זאָל שוין זיין אַ שעה נאָך דעם! זיי וועלן מיך מסתּמא
באַגלייטן אַהין. ווייל זיי ווייסן גאָרנישט. ווי איך לייד אויף דער
ברוסט... מען זאָגט דאָך, אַז איר פאַרשטייט אייך אויף אַזעלכע

זאַכן, איך וואָלט וועלן, אַז איר זאָלט מיך... נאָר דאָס וועלן מיר שוין אויף שפּעטער לאָזן...״

עס פֿאַרשטייט זיך, אַז קעמרער האָט זיך צוגעהערט צו די־דאָזיקע רייד מיט גרויס עקל און זי האָט אים אַזוי ווייט אָנגע־עקלט, אַז ער האָט דאָס געזיכט אָפּגעקערט און האָט צולעצט אַרויסגעזאָגט:

„ליבע תּרצה, זיי מעגן זיין גאַנץ זיכער, אַז איך וועל זיי צו די בעדער נישט באַגלייטן, ווייל איך וועל מסתמא חתונה האָבן מיט אַן אַנדערער און נישט מיט אייך. אייער פֿאָטער איז זיך באַגאַנגען מיט מיר זייער נישט ערלעך. ערשטנס, ווי אַזוי דערוועגט ער זיך אייך חתונה צו מאַכן, בשעת איר זייט גע־פּערלעך קראַנק, און, צווייטנס, ווי פֿאַרשטייט ער נישט, אַז מיר פּאַסטן גאָרנישט פֿאַר אייגאַנדער!..״

„אַזוי גאָר! — האָט זיך די פֿאַרשטעלטע מויד אַרויסגע־באַפּט מיט אַ קוויטש. — אַזוי זיינען דאָס אייערע ווינער געבילֿ־דעטע לייט, אַז מען זאָל אַזעלכע ווערטער קאָנען זאָגן אַ כּלה אין די אויגן! נו, וואָס פֿאַר אַ גוטס קאָן מען שוין דערוואַרטן פֿון אַזעלכן נאָך דער חתונה! אָט דערין איז מיין פֿאָטער אומ־גערעכט, וואָס ער יאָגט זיך תּמיד נאָך ווייטע שדוכים, בשעת ער האָט דאָ די בעסטע אונטער דער האַנט.״

„אָבער אַז איך וויל נישט חתונה האָבן מיט אייך אפילו פֿאַר מיליאָנען! — איז ער שוין אַריינגעפֿאַלן אין גרויס גרימ־צאָרן. — וואָס ווילט איר פֿון מיר? וואָס האָט איר זיך צוגע־טשעפּעט צו מיר?״

„נו, איך האַלט שוין ווייט, — האָט זיך די ווילדע „מויד״ אָפּגערופֿן און זיך אַוועקגעשטעלט פֿאַרן שפּיגל, צו פֿאַרריכטן זיך די לאָקן. — אַזוי ווייט איז עס מיט דיר, שיינע תּרצה, גע־קומען, אַז אַ ווינער דייטשל, אַ האָקוס־פּאָקוסניק באַקירט אויך מיט דיר!.. — האָט זי צו זיך אַליין גערעדט. זי האָט זיך שטאַרק צעוויינט און איז אַרויסגעלאָפֿן פֿון צימער.

אַברהם קעמרער איז געבליבן זיצן אין געהאַקטע וואונדן און האָט גאָרנישט געוואוסט וואָס צו טאָן, דאָס הייסט, ווי אַזוי צו אַנטלויפן פונדאַנען, ביז רייזעלע איז אַריינגעקומען א בייזע און האָט זיך אָנגערופן צו אים:

„פוי, דאָס האָבן מיר זיך גאָרנישט געריכט פון אַ ווינער געבילדעטן יונגנמאַן! צו באַליידיקן אַ גבירישע טאָכטער ביי אירע עלטערן אין שטוב,ביים ערשטן מאָמענט, ווען מען האָט זיך דערזען!"

אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט – און קעמרער האָט זיך שטאַרק איבערגערעדט מיט רייזעלען. רייזעלע האָט אים פאַרגעוואָרפן און ער האָט זיך גאָרנישט פאַרענטפערט... און דער סוף איז געווען, אַז מען איז גאָר געפעלן געוואָרן איינאַנדער...

אברהם קעמרער האָט זיך פלוצלונג אָנגערופן:

„פריילן, מיר געפעלט איר פון דער ערשטער מינוט, וואָס איך האָב אייך דערזען. איך האָב עס פאַרשוויגן, ווייל איך בין געפאָרן אַלס חתן צו שמעון נונצערס טאָכטער... אָבער איצט, אַז איך האָב שוין געזען דידאָזיקע טאָכטער זיינע, וואָס קאָן גאָרנישט חתונה האָבן און טאָר גאָרנישט חתונה האָבן, מעג איך שוין ריידן. לאָמיר חתונה האָבן..."

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט זיך רייזעלע פאַרשעמט, אָבער זי האָט געענטפערט:

„איר האָט געפועלט... ווייל איר געפעלט מיר אויך."

און אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי צוגעגעבן:

„עס זיינען אָבער דאָ מאַנכע מניעות. ערשטנס, מוזט איר באַלד אַוועק פונדאַנען, ווייל דער פעטער איז אויף אייך זייער אויפגעבראַכט, צווייטנס, מוזט איר פריער ריידן מיט מיין ברו־דער, וואָס איז אָקאָרשט געקומען, ווייל איך בין דאָך אַ יתומה און, דריטנס, מוז מען אָפוואַרטן, ביז תרצה וועט פאָרט קריגן עפעס אַ חתן. וואָרום אַנישט וועט עס הייסן, אַז איך האָב איר אויס־געכאַפּט דעם חתן... דערווייל אָבער רעדט איבער מיט מיין ברודער."

„איך וועל טאָן וואָס איר וועט מיר הייסן!״ — האָט קעמ־רער געזאָגט.

רייזעלע איז תיכף אַרויס פון צימער און האָט עס דער־ציילט איר ברודער. איז יענער באַלד אַריין צו קעמרערן אין זיינע חתונה־קליידער, און קעמרער האָט פשוט געגאַפט און זיך אָנגערופן:

„ווען איך וואָלט אייך ביידן, דאָס הייסט, אייער פעטער און אייך, נישט געזען אין דערזעלביקער שעה, וואָלט איך געקאָנט מיינען, אַז איר ביידע זייט איין מענטש. אָבער אַצינד זע איך שוין אויך דעם קליינעם אונטערשיד: איר זייט עטוואָס יינגער און גייט אַנדערש געקליידט. זייט איר דאָס, הייסט עס, דער פלימעניק, איבער וועלכן אייער פעטער איז געזעסן און איך אויך...״

ער האָט זיך אויפגעהויבן, אַדורכגעשפּרייזט דאָס צימער אַ פּאָר מאָל און זיך אָנגערופן:

מיינע מינוטן זיינען, ווי איר ווייסט, געציילטע. איך האָב דאָ צו פאַרבלייבן גאַנץ ווייניק צייט. אייער שוועסטער האָט אייך מסתמא דערציילט, וואָס פאַר אַ שמועס מיר האָבן דאָ ביידע גע־האַט... וועל איך עס אייך אין קורצן איבערחזרן: איך וויל אייער שוועסטער פאַר אַ ווייב... אויב איר קאָנט מיר געבן אייער הסכמה, קאָנען מיר היינט פאַרקנסנט ווערן און איך וועל איבערלאָזן אייער שוועסטער צוויי טויזנט טאָלער לקיום. איר דאַרפט וויסן, אַז זי געפעלט מיר זייער און איך האָף צו לעבן מיט איר אַ גליקלעך לעבן.״

דערויף האָט אים גרשון געענטפערט:

„איך גיב אייך מיין הסכמה מיט דעם גרעסטן תענוג און מיר וועלן טאַקע באַלד דורכפירן דעם קנס־מאָל. וועגן תרצהן ווידער זאָלט איר זיך נישט זאָרגן. זי האָט שוין לאַנג אַ חתן, און דער פעטער האָט איר ערשט, ווען ער איז געוואר געוואָרן, וואָס דאָ איז געשען צווישן אייך, געגעבן זיין הסכמה. מאָרגן וועלן שוין זיין תנאים ביי איר מיט יענעם. דער פעטער וועט אַזויאַרום

אויך גאָרנישט האָבן געגן איך, אָבער די זאַך מוז נאָך דערווייל בלייבן אַ סוד...״

אברהם קעמרער איז איצט געווען זייער צופרידן.

מען האָט באַלד אַריינגערופן רייזעלען מיט בראַכמאַנען, חתן-כלה האָבן זיך געגעבן די הענט, נאָכדעם זיך געביטן מיט די רינגען, און קעמרער האָט איבערגעלאָזן דער כלה אַ זילבערשטיין אויף צוויי טויזנט טאָלער און האָט זיך געמאַכט פאַרטיק צו דער נסיעה.

שטיל און שנעל האָט מען אָנגעשריבן אַ פּאַפּיר, אין וועלכן מען האָט באַשטימט די נתינות און דעם זמן החתונה, און אין שטילן האָט מען געלאָזט רופן אַ שמש, וואָס זאָל זיך אונטערשרייבן אויף דידאָזיקע תנאים.

אַלזאָ, אונזער רייזעלע איז שוין אויך געוואָרן אַ כלה, און קיינער האָט דערפון נישט געוואוסט. ביידע צדדים זיינען געווען העכסט צופרידן.

ויהי, און עס איז געווען, ווען דערדאָזיקער קעמרער האָט געדאַרפט אַוועקפאָרן, האָט ער אַ זאָג געטאָן צו גרשונען:

„עס פּאַסט דאָך נישט, איך זאָל אַוועקפאָרן נישט-געזעגנטערהייט מיט אייער פעטער, איך וואָלט וועלן, אַז מיר ביידע זאָלן אריין צו אים און איך זאָל מיך קאָנען געזעגענען מיט אים.״

„איר האָט רעכט, — האָט אים גרשון געענטפערט. — אַזוי האָט עס אייגנטלעך באַדאַרפט זיין. אָבער אַזוי ווי איך לעב נישט איבעריקס גוט מיט מיין פעטער, איז גלייכער, איר זאָלט אַליין אַריינגיין צו אים און זיך געזעגענען מיט אים. דערנאָך וועל איך און בראַכמאַן אייך באַגלייטן ביז צו דער ראָגאַטקע.״

קעמרער איז איינגעגאַנגען דערויף, און גרשון האָט אַריינגעשיקט רייזעלען צום „פעטער״, זי זאָל אים פרעגן, צי ער קאָן אויפנעמען קעמרערן.

אחר רגעים אחדים, אין עטלעכע מינוטן אַרום איז זי געקומען צוריק מיט אַן ענטפער:

„איר וואָלט וויסן, ווי ביטער עס איז אייך זיך צו געזע־געגען מיט אים, איז אים נאָך טויזנט מאָל ביטערער, ווי אייך, און דאָך האָט ער עס אייך דערלויבט.״

אין די עטלעכע מינוט, וואָס רייזעלע איז געלאָפן נאָכן ענטפער, האָט זיך גרשון איבערגעטאָן פאַרן פעטער און האָט קעמערערן אויפגענומען זייער קאַלט.

„מיר האָבן געגוג טעמים, — האָט ער זיך אָנגערופן צו קעמערערן, — צו זיין שטאַרק אומצופרידן מיט אייגאַנדער. איר האָט געזאָגט אויף מיר פאַר מיין טאָכטער אין די אויגן, אַז איך האָב אייך געוואָלט אָפּנאַרן. אויסערדעם, האָט איר אויך באַ־ליידיקט מיין קינד. נאָר איך האָב נישט אויף קיינעם צו זיין אין כעס, נאָר אויף זיך אַליין. עס איז געווען אַ משוגעת צו זוכן אין דער פרעמד אַ שדוך פאַר מיין טאָכטער, בשעת זי האָט שוין געהאַט אַ חתן. מיר וועלן אָבער בלייבן גוטע פריינט און אויב איר ווילט, בלייבט ביז מאָרגן אויף תנאים.״

אברהם קעמערער האָט געזאָגט:

„איך וואָלט עס גערן געוואָלט. איך האָב אָבער קיין צייט נישט״.ביידע האָבן זיך צעזעגנט, און קעמערער איז אַרויס פון שטוב.

באַלד דערויף האָט זיך גרשון באַוויזן אין זיין אייגענער קליידונג און צוזאַמען מיט בראַכמאַנען האָט ער דעם ווינער בחור באַגלייט ביז דער ראָגאַטקע. דאָרט האָבן זיי זיך הייס צע־זעגנט, ווי די בעסטע פריינט און האָבן זיך אומגעקערט אַהיים.

אָבער מיין ליבע לעזערין, עס איז שוין צייט, מיר זאָלן אונז דערמאַנען אין אונזער תפוס, ר׳ שמעון נונצער, וועלכער ווייס דערווייל גאָרנישט, וואָס דאָ טוט זיך ביי אים. ער ווייס נישט, אַז זיין טאָכטער האָט חתונה געהאַט מיט גרשונען, און אַז רייזעלע איז געוואָרן אַ כלה מיט ז י י ן חתן, וואָס ער האָט גע־בראַכט פון ווין.

ויהי, און עס איז געווען אויף מאָרגן נאָך דער חתונה,

בשעת גרשון איז געווען זיכער, אַז תרצה איז שוין זיין ווייב, האָט ער זיך אָנגעהויבן מישב צו זיין מיט בראַכמאַנען, וואָס זאָל מען איצט טאָן.

„איצט, – האָט זיך בראַכמאַן אָנגערופן, — מוז מען נאָך דעם פעטער צוהאַלטן דאָרט אין תפיסה אויף עטלעכע טעג, ביז דו וועסט אַוועקפאָרן מיט דיין תרצהן צו זיך אַהיים, און וואָס דאָ וועט געשען אונטער די אויגן, דאַרף דיר אַזויפיל קימערן, ווי דאָס אַלץ, וואָס עס וועט זיך טאָן ביי דיר אין שטוב נאָך דיין טויט. . .״

גרשון האָט אים געפאָלגט, און אויפן דריטן טאָג האָט ער גענומען זיין פרוי און רייזעלען און איז אַוועק געפאָרן מיט זיי צו זיך אַהיים.

באַלד נאָכדעם האָט אהרן בראַכמאַן געזען ליידיק צו מאַכן ר׳ שמעונען, און דערויף איז ער דורכגעקומען מיטן מאַיאָר.

שבעים שנה, זיבציק יאָר האָט חוני המעגל געשלאָפן און נאָכדעם האָט ער דערזען אַזויפיל שנויים אין דער גאַנצער וועלט, דאָס אייגענע איז איצט אויך געשען מיט אונזער ר׳ שמעונען.

באַלד ווי ער איז אַריין אין שטוב אַ דערשלאָגענער און אַ צעבראָכענער, האָט אים דאָס ווייב אַ פרעג געטאָן:

„וואָס איז די מעשה מיט דיר, וואָס דו ביזט אזוי גיך געקומען פון פעטערבורג און וואָס הערט זיך מיטן געלט״?

האָט ער אָבער ביידע שאַלות נישט פאַרשטאַנען און איז אַריינגעפאַלן אין גרויס גרימצאָרן, למאי מען האָט אים נישט געשיקט עסן פון דער היים.

דאָס ווייב, ווידער, וואָס האָט נאַטירלעך, גאָרנישט געוואוסט פון דעם גאַנצן פלאָנטער, האָט אים אונגעקוקט ווי משוגע.

ווי קאָן מען שיקן עסן פון פרעסבורג קיין פעטערבורג! אַזוי האָט עס געדויערט אַ גאַנצע שעה צייט: ער האָט געקוקט אויף איר און זי אויף אים, נאָכדעם האָבן זיך איינער דעם אַנדערן אויפגעקלערט אין פראַגן און תשובות.

ווען מיר באַשרייבן, אַ שטייגער, דידאָזיקע פראַגן מיט די תשובות, וואָלטן מיר זיכער געשטאָרבן פון געלעכטער.

יעדער פון זיי ביידן איז איצט געוואָר געוואָרן אַזעלכע זאַכן, אַז זיי האָבן זיך ממש אָנגעקוקט ווי משוגע אויף טויט.

זי האָט אַלץ געשוואַרן, אַז נאָר ער מיט זיין ווייל האָט עס אַלץ געמאַכט, און ער, ווידער, האָט געשריען און געלייקנט שטיין און ביין, אַז ער האָט זי די גאַנצע צייט אין די אויגן נישט געזען. און פון דער גאַנצער געשיכטע האָט ער מער נישט געקאָנט פאַרשטיין ווי דאָס, אַז גרשון האָט גענומען זיין טאָכטער, און ווייטער נישט. וואָס איז געוואָרן מיט אברהם קעמדער, — וועגן דעם האָט זי אים אויך גאָרנישט געקאָנט זאָגן, ווייל זי האָט געהאַלטן אין איין טענהן, אַז זי האָט מיט אים קיין וואָרט נישט אויסגערעדט.

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, איז ר׳ שמעון נונצער באמת שיער נישט משוגע געוואָרן פון קלעמעניש און צער. אַ גאַנצע שטוב און אַ גאַנץ לעבן האָט זיך איבערגעדרייט פאַר זיינע אויגן און ער האָט עס בשום אופן נישט געקאָנט משיג זיין.

עשרה ימים, צען טאָג איז ער אַלץ אומגעגאַנגען איבער דער שטוב אַהין און צוריק, ווי אַ פאַררוקטער מענטש. אַ ווייל האָט ער געקרעכצט און אַ ווייל האָט ער געשריען און אַ ווייל געלאַכט. ער האָט שוין אָנגעהויבן זיך אָנצעשטויסן, וואָס פאַר אַ מין שפיל דאָ איז געשפילט געוואָרן, און ער האָט אַלץ געפרעסן זיך און זיין ווייב, געוואָרטשעט און געכעסט און געשריען, ביז זיין ווייב האָט נישט געקאָנט מער אויסהאַלטן און האָט געמאַכט פליטה צו דער טאָכטער.

דערווייל איז מען פון דער גאַנצער געשיכטע געוואָר געוואָרן אין שטאָט און דער עולם האָט זיך לוסטיק געמאַכט איבער אים אין אַלע ווינקעלעך. צום אומגליק, האָט זיך אונטערגערוקט דער פורים-טאָג, און אָנשטאָט דאָס פורים-שפיל האָט מען אין אַלע הייזער געשפילט דאָס שפיצל מיט ר׳ שמעונען...

ר׳ שמעונען איז אַזוי איינגג געוואָרן, אַז ער האָט סוף-כל-סוף

געמוזט פֿאָלגן בּראַכמאַנס עצה, ער זאָל ווערן שלום מיט גרשונען, מיט דער טאָכטער, מיט דער ווייב און זאָל אַרויספֿאָרן צו זיי. אויב ער וועט אַזוי טאָן, וועלן זיך אַלע וואונדן פֿאַר־היילן, און דער וועלט וועלן פֿאַרשטאָפּט ווערן די מיילער.

פֿאַר זיין אַרויספֿאָרן צו דער טאָכטער האָט ער נאָך גע־מוזט אַראָפּשלינגען נאָך אַ פּאָר בּיטערע פּילן: ער איז געוואָר געוואָרן, אַז זיין איידעם האָט אָפּגענומען עטלעכע טויזנט טאָלער ביי זיינע קרעדיטאָרן... דאָך האָט ער זיך געמאַכט האַרץ און איז צוזאַמען מיט בּראַכמאַנען אַרויסגעפֿאָרן צום איידעם.

געקומען איז ער אַהין אַקוראַט צו אַ גרויסער שמחה: רייזעלע איז געשטאַנען מיט קעמרערן אונטער דער חופּה... און מיט פֿאַרביסענע ליפּן האָט ר' שמעון נאָך געמוזט מסדר קדושין זיין...

בּלילה ההוא, אין דערדאָזיקער נאַכט האָט ער זיך צעזעגנט מיט זיי אַלעמען און האָט זיי אויך געשיינקט זיין ברכה.

קעמרער האָט ערשט איינגעזען, אַז עס איז דאָ אַן אמתע תּרצה — אַ שיינע, אַ ליבּע און אַ גוטע, און אַז יענע איז גע־ווען אַ פֿאַלשע תּרצה. אָבער ער האָט קיין חרטה נישט געהאַט, ווייל רייזעלע האָט אים אויסגעוויזן שענער און בעסער פֿון אַלץ אין דער וועלט...

אַזוי־אַרום האָט זיך דער גאַנצער פּלאָנטער געענדיקט מיט גרויס געלעכטער, שמחה און גליק!

---

# ר׳ ישעיה זשוכאוויצער

דאָס זיינען קליינע געשיכטן, וואָס נאָר די וואָרהייט באַריכטן. זיינען ריין פון ליגן און מאַכן גרויס פאַרגעניגן. זיי דערציילן פון פרומע לייט, וואס זיינען געווען ניט ווייט פון אונזער צייט. זיי באַווייזן די השגחה פון גאָט איבער די־יעניקע, וואָס היטן זיין געבאָט. און ווידער ווי מען מוז זיך היטן ניט עובר צו זיין דעריוף, וואָם די עלטערן האָבן פאַרן טויט געבעטן.

באמערקונג: צום ערשטן מאל געדרוקט אין יאר 1875.

# אמאָליקע מעשהלאַך.

## I.

## ר׳ ישעיה זשוכאָוויצער.

ס׳וועט שוין זיין אַן ערך פון אַ יאָר אַכציק, ווי אין דעם דאָרף זשוכאָוויץ, נישט ווייט פון לופץ, אין דער מדינה פון ליטע, האָט געוואוינט אַ גרויסער צדיק ר׳ ישעיה ז״ל. ער איז געווען אַ גרויסער למדן, אָבער צוליב זיין גרויסער צדקות האָט מען נישט געהערט אַזוי שטאַרק פון זיין גרויסער למדות. אויסערדעם, איז ער אויך געווען אַ גרויסער עניו און האָט זיך מיט זיין למדות גאַנץ ווייניק אַרויסגעוויזן.

ער איז געווען כל ימיו אַ ישובניק און האָט פאַרלעבט זיינע יאָרן אין דאָרף. און דאָך איז ער געווען אַן איש-חכם, אַז הן יידן הן קריסטן פלעגן קומען צו אים פון כמה־מקומות פרעגן עצות. און זיין עצה איז געווען אַלעמאָל ריכטיק, גוט און קלוג.

ר׳ ישעיה איז אַפילו געווען אַן אַרענדאַר, אַ פאַרנומענער מענטש, און דאָך האָט ער תמיד געהאַט צייט צו דאַווגען אַלע־טאָג בצבור און עוסק צו־זיין גאַנצע נעכט אין תורה אין זיין חדר מיוחד, וואָס ער האָט געהאַט. אודאי איז ער אויך געווען אַ גרויסער מכניס־אורח און אַ גרויסער בעל־גומל־חסד הן בגופו און הן בממונו. גאָטס ברכה איז געפאַלן אויף זיין הויז און פעלד, ער האָט געהאַלטן אַ סך קרקע, וואָס איז געווען אַ שפע

פון פרנסה. דער עולם האָט אים געהאַלטן פאַר אַ גאָט־גע־בענטשטן מזלדיקן מענטשן און יעדער האָט נאָר געוואָלט קויפן עפּיס פון זיינע הענט אָדער, פאַרקערט — פאַרהאַנדלען אים עפּיס אַ סחורה, צו פאַרקויפן אים עפּיס. ווייל מען האָט געשפּירט, אַז דאָס, וואָס איז געווען נאָר זיינס — הן אַ מטבע הן אַ בהמה, האָט אין זיך געהאַט גרויס הצלחה. דעריבער פלעגן די עובדי־אדמה מהדר זיין איינצווייען זייערע פעלדער נור מיט די תבואות, וואָס זיי האָבן ביי אים געקויפט און גרויסע שררות פלעגן אים פירן איבער זייערע גיטער, ווייל זיי האָבן געגלויבט און אויך געזען בחוש, אַז די ערד ווערט פרוכטבאַר אונטער זיינע טריט. ס'איז שוין געוואָרן אַ שפּריכ־וואָרט אין יענער געגנט: „גדיע שעיה כאָדיט — טאַם זשיטאָ ראָדיט".

## II.

# דאָס געוועט.

דער שׂררה, אונטער וועלכן ר׳ ישעיה האָט געוואוינט, האָט זיך מיט אים זייער שטאַרק מתפאר געוועזן פאַר אַלע אַנדערע שׂרים. און ער פלעגט אים אָנטאָן גרויס כבוד און האָט אין אים און אין זיינע רייד מאמין געוועזן, ווי אַ פרומער חסיד אין זיין רבין. ער האָט אים שוין אויסגעפּרובט פון כמה יאָרן אין קליינע און גרויסע זאַכן און האָט אַלעמאָל איינגעפונען, אַז ר׳ ישעיה האַנדלט ריכטיק און ערלאַך הן צו יידן הן צו קריסטן. ער איז געוועזן אַ גוטער מדריך צו זיינע פויערים. ער פלעגט זיי שטראָפן און זיי פלעגן אים פאָלגן טויזנט מאָל מער ווי זייער ציוואָן מיט זיין קנוט. און זייט ער איז דאָרט געוואָרן אַן אַרענדאַר, זיינען זיי געוואָרן מיושבדיקע באַלעבאַטים און האָבן אויפגעהערט צו שכורן. עס פאַרשטייט זיך, אַז דורכדעם אַליין איז ער שוין געוואָרן ביים שׂררה אַ גרויסער תקיף. אָבער נאָך טייערער און געאַכטער איז ער ביי אים געוואָרן דורך אַ געוויסן געוועט, וואָס יענער האָט זיך איבער אים געוועט מיט אַ גרויסן שׂררה אין אַ גרויסן גוט, און ער האָט געוואונען.

פּעם אחת, ווען דער שׂררה איז אַמאָל געוועזן אויף אַ גרויסן באַל ביי אַ גראַף, וואו ס׳זיינען געוועזן אַ סך שׂרים און גרויסוועלטיקע דאַמען, האָט דער שׂררה געטרונקען דעם ערשטן כוס לכבוד ר׳ ישעיהן, זיין אַרענדאַר, און ערשט דערנאָך

לכבוד די געסט. האָט עס זיי שטאַרק פאַרדראָסן, פאַרוואָס מען זאָל אָפּגעבן אַזויפיל כבוד עפּיס אַ יידל, אַן אַרענדאַר, און דערצו נאָך אונטער די אויגן און די גאַנצע באַל-גע-זעלשאַפט האָט זיך איראָניש צולאַכט.

איז אויפגעשטאַנען דער שׂרה און האָט זיך אָנגערופן צום גראַף:

„מיין ליבער גראַף, ווען דו זאָלסט וויסן, וואָס פאַר אַ געטלאַכער און הייליקער מאַן איז דערדאָזיקער ישעיה, וואָלסטו נישט בלויז געטרונקען דעם ערשטן בעכער ווייַן לכבוד אים, נאָר דו וואָלסט אויך דעם ווייַן געטרונקען פון זייַן שמוציקן שוך".

און ער האָט אָנגעהויבן פאַרן גראַף צו לויבן און צו רימען זייַן אַרענדאַר.

„און אויב דו ווילסט, — האָט דער שׂרה זיך אָנגערופן, — קען איך זיך מיט דיר געוועטן, אין וואָס דו ווילסט, אַז דו וועסט מיט קיין שום זאַך שבעולם נישט שטערן דעם מאַן אין זייַן פרומקייט און אין זייַן ערלאַכקייט. ס'איז אַמאָל אַרונטער-געלאָפן הייס זודיק וואַסער אונטער זיינע פיס, בשעת ער האָט געדאַוונט און ער האָט נישט אָפּגעטרעטן פון אָרט און האָט אויך קיין קרעכץ נישט געטאָן, אַזוי ווייט איז דער מענטש געווען פאַרטיפט אין זייַן תפלה.

דערויף האָט דער גראַף באַמערקט:

„גוט, איך געוועט מיך מיט דיר אין אַ גרויס גוט, אַז ער וועט נישט ביישטיין מיין פּראָבע..."

אין דער שׂרה האָט געזאָגט:

„גוט, מיר געוועטן זיך. אָבער איך בעט דיך איין זאַך: דו זאָלסט אים קיין שלעכטס נישט טאָן.

„ניין, — האָט זיך אָפּגערופן דער גראַף, — ס'וועט אים קיין האָר נישט געקרימט ווערן ביי מיין שווערער פּראָבע".

און אַזוי האָבן זיי זיך געוועט פאַר אַלע געסט, נאָר באופן, אַז דער ישעיה זאָל וועגן דעם געוועט נישט וויסן,

אין די פּראָבע קען געמאַכט ווערן אַפילו אין אַ יאָר אַרום.

ויהי און ס׳איז געווען אין אַפּאָר חדשים אַרום איז זיך דער גראַף אָוונטצייט פאַרפאָרן צו ר׳ ישעיהן אין קרעטשמע מיט נאָך אַ פּאָר שררות, וואָס האָבן בייגעווינט דאָס געוועט. און ווען ר׳ ישעיה האָט זיך געשטעלט דאַווענען מנחה, האָבן זיי זאַלבענאַנד אויסגעשאָסן פאַרביי זיינע ביידע אויערן. ר׳ ישעיה האָט זיך בעת־מעשה נישט גערירט פון אָרט און האָט אַפילו דעם קאָפּ נישט אַ בויג געטאָן אָן אַן זייט און האָט זיך זיין מנחה רואיק געדאַוונט.

האָט זיך דער גראַף זייער געחדושט און געזאָגט:

„איך האָב געזען דאָס, וואָס איך וואָלט נישט געגלויבט. איך וואָלט מיר געוואונטשן, אַז אַלע מיינע אַרענדאַרן זאָלן זיין אַזוי ווי ער“.

ויהי און עס איז געווען, ווען ר׳ ישעיה איז אויסגעגאַנגען שמונה־עשרה און האָט דערזען דעם גראַף, האָט ער אים זייער שיין אויפגענומען און האָט אים געפרעגט, וואוהין ער פאָרט, און האָט אים איבערגעבעטן, ער זאָל קיין פאַריבל נישט האָבן, וואָס ס׳איז דוקא היינט עפּיס רויכיק אין שטוב און עס שמעקט מיט פולווער און שוועבל. מסתמא האָט מען שלעכט געהייצט דעם אויוון.

ר׳ ישעיה האָט עס נישט גערעדט מיט עפּיס אַ מיין, נאָר גאַנץ פשוט, ווייל ער האָט באמת גאָרנישט געהערט די שיסעריי. אַזוי ווייט איז ער געווען פאַרזונקען אין זיין מנחה.

„אָ, — האָט דער גראַף געזאָגט, — הלואי זאָל נאָך אַ צווייטער, ווי דו, נישט געבאָרן ווערן, ווייל איך האָב צוליב דיר פאַרשפּילט אַ גרויס גוט“.

און ער האָט אים דערציילט די גאַנצע געשיכטע. דער סוף איז געווען, אַז דער גראַף איז נישט אָפּגעטרעטן פון דער קרעטשמע ביז ר׳ ישעיה האָט אים געבענטשט און יענער האָט אים דערפאַר זייער רייך באַשאָנקען.

III.

# דער דרשה-געשאַנק.

ביי ר׳ ישעיהן האָבן געדינט אַ יונג מיט אַ מויד. ביידע גאַנץ אָרענטלאַכע און פרומע קינדער און טרייע דינער. ר׳ ישעיה מיט זיין פרוי האָבן זיך פאַרהאַלטן צו זיי, ווי פאָטער און מוטער, און אַז זיינען פוליעריק געוואָרן, האָט מען זיי חתונה געמאַכט. ר׳ ישעיה האָט זיי געגעבן נדן, זיי אויסגעקליידט און אויסגעבייט און האָט געמאַכט אַ שיינע חתונה, ווי זיי אייגענע קינדער א׳ האָט זיך שטאַרק משמח געווען מיט זיי. צו דער חתונה האָט מען פאַרבעטן זייער פיל ישובים און מאַנכע פאַרוואַלטערס פון די גיטער. נאָכן בענטשן האָט ר׳ ישעיה אַ ביסל איינגעדרעמלט ביים טיש און דערווייל האָט דער בדחן אויסגערופן דרשה-געשאַנק. די ישובניקעס, על-פי-רוב גראָבע מענטשן, וואָס זיינען געקומען אויף דער חתונה נישט אַזוי צוליב דער מצוה, ווי צוליב דעם פאַרגעניגן, האָבן אָנגעהויבן פון חוזק וועגן צוצוואַרפן הילצערנע לעפל, הילצערנע קאָכלעפל, הילצערנע טעלער און הילצערנע שיסלען. זיי האָבן אָנגעוואָרפן אַ גאַנצן טיש מיט דעמדאָזיקן געהילץ, אַזוי אַז חתן-כלה האָבן זיך פאַרשעמט און זיך פאַנאַנדערגעוויינט. אין דעם האָט זיך ר׳ ישעיה אויפגעכאַפט און האָט דערזען, ווי חתן-כלה וויינען. האָט ער זיי געפרעגט:

„וואָס וויינט איר, מיינע ליבע קינדער".

און זיי האָבן געענטפערט:

„פאַרוואָס זאָלן מיר נישט וויינען? איר זעט דאָך ווי מען מאַכט חוזק איבער אונז? לא־די וואָס זיי שיינקן אונז גאָר־נישט, זיינען זיי נאָך אונז מבזה און וואַרפן אונז דרשה־געשאַנק הילצערנע כּלים".

האָט ר׳ ישעיה זיך צעלאַכט און געזאָגט:

„נו, מיינע ליבע קינדער, נעמט עס אַלץ צוזאַמען און באַהאַלט עס ביי אייך לזכּרון, אַז איר זייט אַמאָל אַזוי שפּל געווען, אַז אייערע חתונה־לייט האָבן אייך אַזעלכע כּלים געגעבן פאַר דרשה־געשאַנק. איר וועט דאָך מסתּמא נאָך זיין רייך אַמאָל".

האָבן חתן־כּלה געטאָן אַזוי ווי דער באַלעבאָס האָט געהייסן. זיי האָבן עס צוזאַמענגענומען. די ישובניקעס האָבן זיי באַלד איבערגעבעטן, און האָבן שטאַרק חרטה געהאַט אויף דעם זינדיקן שפּאַס. דאָס פאָרפאָלק האָבן זיך געדונגען אַ קליינע אַרענדע און גאָט האָט זיי זייער מצליח געווען, אַזוי אַז אין אַ יאָר צען אַרום האָבן זיי זיך געמאַכט זילבערנע כּלים און זיינען געווען גרויסע גבירים כּל ימיהם. די הילצערנע כּלים האָבן זיי אויסגעשטעלט אין די צימערן, לזכר עולם, אַזוי ווי ר׳ ישעיה האָט געהייסן און אַזוי האָבן אויך געטאָן זייערע קינדער און זייערע קינדס־קינדער, וואס זייגען געווען גרויסע גבירים.

## VI.

# אַן אורח הגון.

פעם אחת איז דערדאָזיקער ר׳ ישעיה געווען זייער באַזאָרגט, וואָס ער האָט נישט קיין אורחים צייט עטלאַכע טעג, און דעריבער האָט ער זיך פרייטיק אינדערפרי אַליין געשטעלט אויפן גרויסן שליאַך, אָפּצוהיטן עפּיס אַ פאַרבייגייער אָדער אַ פאַרבייפאָרער. יענער מעג זיך זיין ווער ער איז, אָרים צי רייך. ס׳איז שוין געווען אַרום צוועלף אַ זייגער, האָט ער פּלוצלונג דערזען, ווי ס׳פאָרט עפּיס אַ רייכער מאַן אין אַ טייערער בריטשקע מיט דריי גוטע פערד און מיט אַ יונג. האָט אים ר׳ ישעיה תיכף־ומיד פאַרהאַלטן און האָט אים נישט געלאָזט ווייטער פאָרן.

„נישט אַנדערש, איר מוזט ביי מיר האַלטן שבת, — האָט ר׳ ישעיה געטענהט, — איר וועט זיך ביי מיר גוט אויסרוען מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן״.

דער אורח האָט אָבער נישט געוואָלט הערן און זען און האָט געענטפערט:

„איך קען נאָך אַ פּאָר מייל אָנציען, און דאָס איז ביי מיר טייערער ווי אַלע באַקוועמלעכקייטן אין דער וועלט״.

דעמאָלט האָט זיך ר׳ ישעיה אָנגערופן:

„ניין, מיין ליבער פריינט, איר האָט ווייטער נישט צו־פאָרן הייבטיקן טאָג, ווייל נעכטן ביינאַכט האָט דער גרויסער רעגן אַראָפּגעטראָגן דאָס בריקל, וואָס ליגט איבערן טייך און

דאָס וועט ערשט מאָרגן פאַרר׳כט ווערן. נו, קענט איר קוים אַ האַלבן מייל אָנציען און דאָרטן וואוינט אַ יידל אַן אביון. דעריבער פאָלגט מיך און האַלט ביי מיר שבת״.

און, אַזוי ריידנדיק, האָט ער אַרויסגענומען פון אונטער דער פּאָלע אַ פלאַש בראָנפן מיט אַ גרויסן לעקאַך און האָט שוין געמאַכט מיט אים אַ לחיים און באַלד דערויף פאַרקערוועט די פערד צו זיך. קיין פּאָטער קען זיך בעסער נישט פרייען מיט זיין בן־יחיד, וועלכן ער האָט נישט געזען פון כמה יאָרן, ווי דער ר׳ ישעיה האָט זיך געפרייט מיט דעם אורח. ער האָט צוליב אים געמאַכט אַ וואַזשנעם שבת און האָט זיך געהאַלטן ביים טיש זייער פריילאַך און לוסטיק. פאַרן שלאָף האָט מען געטרונקען אַלטן מעד. נאָכדעם האָט דער אורח זיך געלייגט שלאָפן און איז זייער האַרט איינגעשלאָפן און ר׳ ישעיה איז נאָך געבליבן זיצן ביים טיש און געלערנט זיינע זאַכן, ווי זיין שטייגער איז געווען אַלע שבת נאָכן טשאָלנט.

ויהי טרם כבוּ הנרות און ס׳איז געווען ווען די ליכט האָבן אָנגעהויבן אויסצוגיין, האָט דער אורח גענומען זייער שטאַרק כראָפּן און דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן צו ריידן פון שלאָף אויף רוסיש. ער האָט אָבער נישט גערעדט קיין נבול־פה, חלילה, און נישט פון געשעפט־זאַכן, נאָר ווי ער וואָלט גע־שטאַנען פאַרן שררה פון ר׳ ישעיהס אַרענדע און דינגט זי אויס און גיט דערביי אַ הוספה פון טויזנט גילדן. אַז ר׳ ישעיה האָט עס דערהערט, איז ער ביי זיך שטאַרק אַראָפּגעפאַלן, ווייל צייט אַ יאָר איז דאָס גוט אַריינגעפאַלן אין די הענט פון איינעם אַ שררה, וואָס האָט עס ביים פריערדיקן שררה אָפּ־גענומען פאַר אַ חוב. און דערדאָזיקער נייער שררה האָט זיך נאָך נאַנץ ווייניק געקענט מיטן ר׳ ישעיה. עס קען דאָך גריי־לעך געמאָלט זיין, אַז דערדאָזיקער אורח, וואָס האָט בדעה צו־געבן אַ הוספה, וועט אים אויסדינגען. דאָך אָבער האָט זיך ר׳ ישעיה באַרואיקט און האָט זיך געמאַכט נישט וויסנדיק פון דעם אורחס רייד אין שלאָף און אויף צומאָרגנס האָט ער אים

אויך זייער אָרנטלעך באַהאַנדלט, און האָט אים אָנגעטאָן כל־הכבוד ווי נעכטן. שבת-צו-נאַכטס האָט שוין דער אורח געוואָלט אַוועקפאָרן און האָט שוין באַדאַנקט ר׳ ישעיהן פאַר זיין הכנסת-אורחים. ער האָט באמת באַדאַרפט אין חצר פונם שׂררה, ביי וועלכן ער האָט געוואָלט אויסדינגען ר׳ ישעיהס אַרענדע. ר׳ ישעיה אָבער האָט אים פון דאָסניי אָפּגעהאַלטן ביי זיך אויף דער נאַכט און אַלץ מיט דערזעלבער טענה, ווי אַזוי וועט ער פאָרן, בשעת די בריק וועט נאָך אַוודאי פאַרטיק ווערן ערשט פאַרטאָג. דעם אורח האָט עס אַפילו נישט געשמעקט, ער האָט אים אָבער, געמוזט נאָכגעבן און איז געבליבן דאָרט אויף דער נאַכט. און דערווייל איז זיך ר׳ ישעיה אַוועק אין הויף און האָט דאָרט אַרויסגענומען ביי דעם שׂררה אַ קאָנטראַקט אויף צען יאָר. זונטיק אינדערפרי איז זיך דער אורח געקומען צום שׂררה פון דעם חצר און האָט אָנגעהויבן איינצעטענהן מיט אים וועגן דער אַרענדע און האָט אים אָנגעבאָטן אַ הוספה פון טויזנט גילדן. עס איז שוין אָבער געווען נאָך אַלעמען. און ער האָט דעריבער נאָך געהאַט גרויסע בזיונות פון דעם שׂררה, פאַרוואָס ער קריכט אויף אַזאַ גוטן מענטשן, וואָס איז באַליבט אַפילו ביי קריסטן.

---

V.

## די בריסקער רביצין.

די בריסקער רביצן, וואָס איז געווען ר׳ לייבעלעס ווייב, איז געווען אַ גרויסע צדקנית. נו, וועלן מיר דאָ ווייזן בלויז איין ביישפּיל פון איר צדקות, וועט מען שוין דאָס איבעריקע אַליין פאַרשטיין. ס׳איז געווען אַמאָל ביי איר אַ גרויסע שמחה, אַזאַ שמחה, וואָס נישט אַלע זיינען עס זוכה צו מאַכן און צו זען. איר מאַן האָט צום ניינטן מאָל אויסגעהערט דעם ש״ס. זיינען פאַרבעטן געוואָרן אַלע גרויסע לומדים און אַלע גרויסע נכבדים. און דאָך איז ביי איר צוגעגנבעט געוואָרן אַ טייערע בינדע. דער שאָדן איז געווען גרויס. דאָך אָבער האָט מען מער נישט געזוכט, ווי אין שטוב, און ווייטער האָט מען קיין שום טומל נישט געמאַכט און קיינעם נישט חושד געווען און מען האָט אויפגעהערט צו ריידן דערפון.

לא ארכו הימים, און עס האָט נישט לאַנג געדויערט און אַ נייע נגידה האָט געבראַכט צו איר ווייזן אַ טייערע בינדע, וואָס זי וויל ערשט קויפן און בעט איר, זי זאָל איר שאַצן, ווייל די רביצן איז געווען אַ גרויסע מבינטע אויף אַזוינע זאַכן. די רביצן האָט אָבער באַלד דערקאָנט, אַז דאָס איז איר בינדע, דאָך האָט זי זיך געמאַכט נישט וויסנדיק און אָפּגעשאַצט ריכטיק וויפיל זי איז ווערט.

„פאַר אַזאַ ווייטע מבינטע האָב איך אייך נישט געהאַלטן, — האָט זיך די נייע נגידה אָפּגערופן, — דען איר זאָלט אַזוי גע-

**א. מ. דיק.**

זונט זיין און איך אויך, ווי אַזויפיל בעט מען ביי מיר. נישט מער און נישט ווייניקער. נישט אַנדערש, איר האָט געמוזט דערביי שטיין".

דערויף האָט די רביצן געענטפערט:

„דאָס האָב איך אַמאָל אַליין באַצאָלט פאַר איר".

און מיט דידאָזיקע ווערטער האָט זי איר אָוועקגעגעבן די בינדע צוריק און האָט זי אַפילו נישט געוואָלט פרעגן, ווער עס פאַרקויפט זי איר, ווייל זי האָט גוט געוואוסט, אַז קיין גנב האָט עס ביי איר נישט געגנבעט. מסתמא האָט עס פאַרקויפט אַ בכבודער מאַן פון נויט, און דעריבער דאַרף מען אים נישט מאַכן צו שאַנד.

VI.

# דער דין־תורה.

הגאון הגדול, דער גרויסער גאון ר׳ יעקב ווילנער, וואָס איז געווען דער פֿאָטער פֿון דעם חכם צבי, דער זיידע פֿון גאון ר׳ יעקב למדן זכרונו לברכה, איז געווען כמעט דער גרעסטער למדן פֿון זיין דור, און נאָך דערצו אַ גרויסער בעל־לשון. אָבער ווי גרויס ס׳איז געווען זיין למדות, נאָך גרעסער איז געווען זיין צדקות. דערדאָזיקער גרויסער מאַן איז געווען אַ רב אין פּאַריז, וואו ער איז זייער געשעצט געוואָרן ביי יידן און ביי קריסטן. אין יענע צייטן האָט אַ רב געהאַט זייער אַ גרויסע דעה ביים כלל, בפרט נאָך אַזאַ רב ווי ער איז געווען. זיינע פּסקים האָבן געהאַט אַ געוויכט, ווי אַ דעקרעט פֿון סענאַט, ווייל מען האָט גוט געוואוסט, אַז זיין יעדעס וואָרט איז לויטער אמת.

ויהי היום, האָט זיך אַמאָל געמאַכט, אַז צוויי גרויסע גבירים האָבן געהאַט צווישן זיך אַ גרויסן סכסוך, וואָס האָט באַטראָפֿן מער ווי דרייהונדערט־טויזנט טאָלער, און זיי זיינען געווען געצוואונגען צו האָבן אַ דין־תורה פֿאַרן רב. איינער פֿון די ביידע סוחרים איז געווען אַ גרויסער תקיף ביים מלך און איז געווען בטבע אַ שלעכטער מענטש און דערצו נאָך אַ קנאַפּער ייד. ביידע האָבן געטענהט פֿאַרן רב און יעדער פֿון זיי האָט געוואָלט געווינען דעם דין־תורה. אויסגעהערט די צדדים, האָט דער רב פֿאַרלאַנגט, מען זאָל אים געבן דריי טאָג צייט ביז

ער וועט אַרויסגעבן דעם פּסק. דערווייל האָט ער געלאָזט איינפּאַקן אַלע זיינע זאַכן מיטן גאַנצן האָב און גוטס אויף דריי פערדלאַך, און אַז ער איז שוין פאַרטיק געוואָרן מיט אַלעם, האָט ער אָנגעשריבן דעם פּסק, אַז דער גרויסער תּקיף האָט פאַרשפּילט און איז באַלד מיט זיין פאַמיליע אַנטלאָפן פון פּאַריז, ווייל ער האָט מורא געהאַט פאַר גרויסע רדיפות פון דעם תּקיפס צד.

געוועזן איז ער אַ גרויסער בעל-מטופל און איז געקומען אָרעם און בחוסר כל צו זיין מחותן דעם גבור, וואָס איז געוועזן דער שווער פון דעם חכם צבי. ער איז געזעסן ביי אים, ביז ער האָט געקראָגן אַן אַנדערע שטעלע אויף רבנות. אמת, ער האָט איינגעשטעלט דאָס לעבן אין סכנות, אָבער ער האָט געפּסקנט ערלאַך און ריכטיק.

VII.

# דער בקור-חולים.

זה כארבעים שנה, ס׳וועט שוין זיין אַן ערך פון אַ פערציק יאָר, ווי איינער פון די ווילנער גרויסע גבאים, אַן איש-חכם עדיב, וואָס איז געווען מער ווי צוואַנציק יאָר דער משגיח איבער דעם יידישן שפּיטאָל און האָט עוסק געווען אין דער-דאָזיקער שווערער און הייליקער אַרבעט באמונה גדולה, האָט אין דעם ערשטן טאָג, וואָס ער האָט אויף זיך גענומען די-דאָזיקע מצוה, געהייסן אַרויסטראָגן ערב יום-כפור אינדערפרי דריי טישן אויפן הויף: צוויי גרויסע און איינעם אַ קליינעם. די צוויי גרויסע זיינען געווען באַדעקט מיט טישטעכער און אויף זיי האָט מען אַוועקגעשטעלט בראָנפן, לעקאַך און פירעשקעס, און אויף דעם קליינעם טישל האָט ער זיך אַליין אַוועקגעשטעלט און האָט צוזאַמענגערופן אַלע משרתים און משרתטעס און אַלע אַרבעטער און האָט זיי דערציילט אַ קליינע מעשה. און גע-זאָגט האָט ער אַזוי:

„שמעו נא אחי ואחותי — הערט נאָר, מיינע ליבע ברידער און מיינע ליבע שוועסטער, ס׳איז היינט ערב יום-כפור, אַ טאָג, וואָס יעדער ייד איז זיך אין אים מכין מיט תשובה און מיט מעשים טובים. אַ טאָג, וואָס ווערט געפייערט און געהייליקט אומעטום, וואו אַ ייד געפינט זיך נאָר. און וואו זיינען יידן נישטאָ? הייסט עס, אַז דער טאָג ווערט געהייליקט אויף דער גאַנצער וועלט. און דאָך הערט נאָר, מיינע ברידער און שוועס-

טער, אין אַזאַ טאָג האָט איינער פון די גרעסטע רבנים, ר׳ רפאל האַמבורגער, געמאַכט אַן אויסנאַם. דערדאָזיקער גרויסער צדיק איז דאָס ערשטע יאָר, וואָס ער איז געוואָרן רב אין האַמבורג, נישט געקומען אין שול צו כל־נדרי. מען האָט אויף אים געוואַרט אַ לאַנגע צייט. צולעצט האָט מען אים געשיקט רופן, האָט מען אים אָבער אינדערהיים נישט געטראָפן. סוף־כל־סוף האָט מען געמוזט זאָגן כל־נדרי אָן אים. און דער עולם איז געווען זייער באַאומרואיקט, ווייל מען האָט נישט געוואוסט וואָס צו טראַכטן. און אומרואיק איז מען געווען, ביז ער איז געקומען צו די וידוים. נאַטירלאַך, האָט ער געדאַווענט אַזוי ווי אַזאַ צדיק קאָן דאַווענען. דער עולם איז אָבער דאָך געווען זייער נייגעריק, פאַרוואָס דער רב האָט געפעלט צו כל־נדרי. יעדערער האָט געוואָלט וויסן די סיבה פון דעמדאָזיקן רעטעניש.

האָט מען קוים דערלעבט, עס זאָל זיך ענדיקן דער שיר היחוד, און דעמאָלט האָט אים דער גרעסטער פרנס געפרעגט מיט גרויס דרך־ארץ:

„רבי, וואָס איז די מעשה מיט אייך, אַז איר זאָלט נישט קומען צו כל־נדרי?״

און דער רבי האָט געענטפערט:

„די מעשה, ליבער ייד, איז אַזאַ: איך בין נישט געקומען צו כל־נדרי, ווייל כ׳האָב מקיים געווען אַ וויכטיקע מצוה: דאָס איז בקור־חולים. נעבן מיר וואוינט אַ ייד, אַ ירא אלהים, וואָס איז זייער קראַנק, בין איך אים מבקר חולה דריי מאָל אין טאָג. פאַר כל־נדרי בין איך אַריין צו אים. איך האָב מיך דערוואוסט, אַז ער ליגט אַליין און איז זייער שוואַך און זיין ווייב איז אַוועק אין שול. בין איך ביי אים געזעסן, ביז זיין ווייב איז צוריק געקומען״.

נו, מיינע ליבע ברידער און שוועסטער, דערדאָזיקער הייליקער גרויסער מאַן, מעג אייך דינען פאַר אַ גוטן ביישפּיל אַף דעם מאָרגעדיקן טאָג. ווער עס האָט פון אייך אַ שווערן חולה, זאָל פון אים נישט אָפּטרעטן און אים נישט פאַרלאָזן,

ר׳ ישעיה זשוכאַוויצער.

ווייל דאָס איז אפשר אַ גרעסערע מצוה פון כל־נדרי, לאָמיר היטן אַפילו אום יום־כפור אונזערע קראַנקע און שוואַכע.

אויסגעהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט דער עולם ווילִיק אויסגערופן:

„אמן!“

VIII.

# די גערעכטע שטראָף, גערעכט פון גאָט.

בעיר קטנה אחת, אין אַ קליינער שטאָט פון ליטע, איז געווען אַמאָל אַ גרויסער למדן און אַ גאַנץ בראַווער מענטש. נו, וואָלט אים געווען גאַנץ גוט און ס'האָט אים טאַקי געדאַרפט זיין גאַנץ גוט, ווייל ער איז געווען אַ גוטער מענטש. האָט אים אָבער גאָט געשטראָפט, אַז ער האָט דערלעבט צו האָבן זיבן קינדער און אַלע זיינען געווען שטום. איז ער און זיין ווייב און אַלע זיינע גוטע פריינט געווען זייער נישט צופרידן מיט דער השגחה, ווייל אַלע האָבן אים געקאָנט פון קינדווייזאָן, און יעדער האָט געוואוסט, אַז ער האָט קיינעם קיין שום שלעכטס נישט געטאָן. טאָ פאַר וואָס קומט עס אים? סיידן דאָס איז נישט גאָטס שטראָף, נאָר אַ בלויזער צופאַל.

ויהי היום, און ס'איז אַמאָל געווען, איז צו אים געקומען צופאָרן זיינער אַן אַלטער באַקאַנטער, דאָס הייסט אַ פריינט פון די יונגע יאָרן, וואָס האָט מיט אים געלערנט אין איין חדר און צוגעבראַכט צוזאַמען זייער למוד-צייט. האָט ער אים זייער פריינטלעך אויפגענומען און האָט אים פאַרבעטן צום טיש. און ס'איז געווען, ווי זיי זיינען אַזוי געזעסןביים טיש מיט דער גאַנצער פאַמיליע און מיט די זיבן שטומע קינדער, האָט זיך דערדאָזיקער נגיד פאַנאַנדערגעווייגט און האָט דעם גאַסט דערציילט פון זיין גרויס אומגליק:

„זעסטו, מיין פריינט, — האָט ער זיך אָנגערופן, — זעסטו

די זיבן קינדער, וואָס זיינען אַזוי שיין פון געשטאַלט? זיי זיינען אַלע שטום... אַך, מיין אַלטער גוטער פריינט, איך האַלט דיך פאַר אַן אמתן ירא אלהים און דו ביזט אַ מאמין אין השגחה פרטית, פאַרהיט גאָטס כבוד און דערקלער מיר, פאַרוואָס קומט עס מיר אַזאַ פסק? איך בין, דאַכט זיך, גוט מיט גאָט און מיט לייטן".

האָט דער פריינט אויסגעהערט דידאָזיקע דבורים און האָט אַ ווײַלע געשוויגן. באַלד דערויף אָבער האָט ער זיך אָנגערופן:

„ניין, מיין ליבער פריינט, זאָג עס נישט. גאָט איז גע־רעכט און זיין משפט איז גערעכט. זיין חשבון איז זייער ריכטיק און פאַר מיינע אויגן זייער ליכטיק. איך געדיינק, מיין גוטער פריינט, אַז ווען מיר זיינען שוין געווען דרייצנ־יעריקע יינגלעך, האָסטו געכאַפּט כמה מאָל פייגעלעך, האָסט זיי אויסגעריסן די צינגעלעך און האָסט זיי געלאָזט פליען איב־דערהויך. איך פלעג עס נישט קענען זען און פלעג אַוועקקערן די אויגן. און ביי דיר איז עס געווען בלויז אַ שפּילכל. די־דאָזיקע שטומע פייגעלעך האָבן דעמאָלט זיכער אָנגעקלאַפּט אין גאָטס טיר. נו, האָסטו באַקומען דיין שטראָף"

האָט דער נגיד באַמערקט דערויף:

„נו, גלויבסטו דען, אַז גאָט זאָל שטראָפן אַ מענטשן דערפאַר, וואָס ער האָט ווי געטאָן קליינע פייגעלעך?".

„פאַרוואָס זאָל איך נישט גלויבן? — האָט יענער געענט־פערט. — אונזער גמרא זאָגט, אַז רבי הקדוש האָט געליטן כמה וכמה יאָרן ציין־שמערצן בלויז דערפאַר, ווייל ער האָט מצער געווען אַ קאַלב און אַז דער אייגענער רבי איז נאָכדעם גע־היילט געוואָרן, ווייל ער האָט זיך מרחם געווען איבער קליינע ־יזאים. גאָט האָט נישט ליב, אַז מען מוטשעט זיינע באַשע־־בישן. אָט אַזוי, מיין טייערער, מען טאָר קיינמאָל קיינעם ־ין יסורים נישט פאַרשאַפן, וואָרום עס איז פאַראַן אַ האַנט, ־אָס באַשטראָפט".

IX.

# דער מייזנטורם.

געווען אַמאָל אַ בישוף, האָט מען אים גערופן אָטאָ פון בולד, און ער האָט געוועלטיקט איבער דער שטאָט מייַנץ. ער איז אָבער געווען אַ שלעכטער מענטש און האָט שטאַרק געפייניקט דאָס פאָלק. און יענע צייטן און אין יענער געגנט איז גראַדע דעמאָלט געווען אַ גרויסער יקרות און מענטשן זיינען געפאַלן אין די גאַסן פון הונגער. דער בישוף אָבער האָט געהאַט גרויסע שפייכלערס מיט תבואות און האָט בשום אופן נישט געוואָלט פאַרקויפן אַ הונגעריקן מענטשן אַ מעסטעלע קאָרן און אַ פשיטה שוין געבן בחנם. דער בישוף האָט געהיט זיינע שפייכלערס ווי דאָס אויג פון קאָפ און אַ קערנדל האָט אים אויסגעזען, ווי אַ שטיקעלע גאָלד. מייז אָבער מאַכן נישט קיין אונטערשייד צווישן אַ בישוף און אַ געוויינלאַכן מענטשן, האָבן זיי זיך פאַרקליבן אין די שפייכלערס און אויפגעפרעסן די תבואות. און אַז זיי האָבן אויפגעפרעסן די תבואות, האָבן זיי זיך גענומען צו דעם בישופס צימערן: צו זיין מעבל און נאָכדעם צו זיינע קליידער. האָט ער זיך איבערגעצויגן אין אַן אַנדער וואוינונג, זיינען זיי געקומען צו אים אַהין און האָבן צופרעסן זיינע שיך, וואָס ער פלעגט אויסטאָן ביינאַכט און זיין הלבשה. דערזעען, אַז ער קאָן פון זיי נישט פטור ווערן, האָט ער אויסגעבויט אַ טורם אינמיטן פון אַ גרויסן טייך און האָט זיך דאַרטן באַזעצט. אָבער די מייז גייען מיליאָנענווייז

אַריינגעקראָכן אין וואַסער און מיליאָנעןווייז אַריינגעקראָכן אין טורם... אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען געפונען דעם בישוף אַ טויטן: די מייז האָבן אים צעפרעסן.

דערדאָזיקער טורם שטייט נאָך עד היום און מען רופט אים מייזנטורם. ער שטייט דאָרט אַלס צייכן, וואָס דאַרף דער־מאָנען די שפּעטערע דורות, אַז אַ מענטש טאָר ניט זיין שלעכט און קאַרג.

X.

# דאָם מעל.

בשנת, אין דעם יאָר ש"ג פון דעם אלף הששי, איז געוועזן אַ גרויסער הונגער אין ביהם־לאַנד. פינף מייל פון פראָג האָט אין אַ קליין דערפל געוואוינט אַן אָרעמער ייד, וואָס איז ממש אויסגעגאַנגען פון הונגער מיט זיין ווייב און קינדער. און איינמאָל, בשעת דער הונגער איז אים אַריין אין די ביינער און האָט אים זייער אָפּגעשוואַכט, האָט ער גענומען זיין אייזל און איז אַוועק מיט אים אין פעלד, וואו ער האָט גערעכנט אָנצוגראָבן ליים און אַוועקפירן עס אין שטאָט אַריין: טאָמער וועט אים גאָט העלפן און ער וועט עפּיס פאַרדינען דערפון.

אָבער ווי ער שטייט אַזוי און גראָבט דעם ליים, דער־זעט ער פּלוצלונג, אַז דאָס איז עפּיס נישט קיין ליים נאָר אַ שיינער ווייסער שטויב. ווייסט ער נישט, וואָס דאָס איז אַזוינס, ברייננגט ער דעמדאָזיקן שטויב אין שטוב אַריין, און אַליין גייט ער ווידער אַמאָל אַרויס אין פעלד.

האָט זיין ווייב דערזעען דעם שטויב, מיינט זי, אַז דאָס איז מעל, נעמט זי און פאַרקנעט דערפון פאַרפעלאַך, און פאַרקאָכט זיי אין טעפל און דערלאַנגט עס נאָכדעם צום טיש. האָבן עס אַלע געגעסן און אַלע זיינען זאַט געוואָרן און אַלע האָבן זיך מיטאַמאָל דערשפירט פריילעך און לוסטיק. און באַלד האָט זיך פאַרשפרייט אַ קלאַנג איבער דער גאַנצער סביבה,

## ר׳ ישעיה זשוכאַוויצער.

אַז אויף דעם און דעם פעלד קריגט מען מעל. גוט מעל, זיי־נען מענטשן געגאַנגען און געגראָבן דאָס מעל און געשטילט דעם הונגער און אַלע זייַנען געווען־ גליקלעך און פרייַלעך. און דער גרויסער גאון, ר׳ דוד גאַנז ז״ל, האָט געשריבן, אַז ער אַליין האָט דעם שטייב געזען און האָט אים גענומען צו זיך אין שטוב אַריין לזכרון עולם.

XI.

# די צואה פון אַ קלוגן פאָטער.

איש עשיר, אַ געוויסער רייכער מאַן, וואָס איז געווען אַ גרויסער חכם און דערצו זייער פרום, האָט געהאַט אַ צו־לאָזענעם בן־יחיד. דער פאָטער האָט אָנגעווענדט אַלע מיטלען אין דער וועלט צו מאַכן דעם זון פאַר אַ לייט. אַמאָל מיט גוטן, אַמאָל מיט בייזן, אָבער ס'האָט גאָרנישט געהאָלפן. דאָך אָבער האָט אים דער פאָטער ליב געהאַט און געוואוסט האָט ער, אַז ער וועט זיך מיט דער צייט אויסבעסערן, דאָס הייסט נאָך דעם, ווי ער וועט זיך גוט אָנליידן אויף דער וועלט, אָבער דאָס קען נאָר געשען לאחר מותו. דער פאָטער האָט דאָך מורא געהאַט, אַז אויב מען וועט אָננעמען צו האַרבע מיטלען, וועט אים דאָס זונדל טאָן צו להכעיס, און ער וועט אים מוזן לסוף נאָכגעבן. האָט דער פאָטער געליטן פון אים זיין גאַנץ לעבן און אַמאָל געשוויגן און אַמאָל געמוסרט.

ויהי, און ס'איז געווען, ווען דער פאָטער האָט שוין גע־דאַרפט שטאַרבן, האָט ער אים געמאַכט פאַר זיין אייביקן יורש, און האָט אים געלאָזן דערצו אַ פאַרחתמטע צואה מיטן תנאי, אַז דער זון זאָל זי עפענען אין צען יאָר אַרום. און ווייל ער האָט זי אים אין האַנט נישט געטרויט, טאָמער וועט ער זי פריער עפענען, האָט ער זי איינגעלייגט ביים רב מיט דעם אָפמאַך, אַז אין צען יאָר אַרום זאָל ער די צואה אַרויסגעבן דעם זון אַזוי פאַרחתמעט, ווי זי איז יעצט, און לייענען זאָל זי דער

זון אַליין אינם צימער, וואו ער שטאַרבט יעצט. קיין ילוד-אשה טאָר נישט וויסן, וואָס ס'איז אין איר געשריבן, ביז וואַנען דער זון וועט אַליין נישט וועלן אויסזאָגן. און אַזוי איז זיך דער פּאָטער געשטאָרבן. איצט איז דער זון געבליבן דער גאַנצער בעל-דעה איבער אַ גרויסן פאַרמעגן און האָט עס אָנ-געהויבן צו וואַרפן אויף רעכטס און אויף לינקס. אין קורצן איז זיין הויז געוואָרן אַ קלוב פון פרעסער, זויפער און קאָרטן. דאָרט האָט מען נאָר געלעבט בייגאַכט און בייטאָג האָט מען געשלאָפן. אַ גוטער ברודער האָט צוגעשלעפּט נאָך אַ גוטן ברו-דער, און אַזוי איז עס געגאַנגען, אין אַ משך פון אַ פּאָר יאָר צייט האָט אונזער יורש איבערגעפירט דאָס גאַנצע געלט ביז איין גראָשן. האָט ער אָנגעהויבן צו פאַרקויפן כלי-בית, קליינ-קייטן און דאָסגלייכן. האָט דאָס אויך נישט לאַנג געדויערט און ער איז געבליבן ביי די פיר הוילע ווענט פון זיין פאָטערס הויז, און ווען נישט די צואה, וואָלט ער שוין דאָס אויך לאַנג פאַרקויפט. איצט האָבן אים אַלע חברהלייט אויסגעמיטן ווי אַ ליידיקע זאַך, פון וועלכן מען האָט אַלץ אַרויסגענומען און ער נוצט שוין נישט מער. קיינער איז צו אים נישט געקומען און קיינער האָט אים צו זיך נישט פאַרבעטן. ער איז אינגאַנצן פאַרגעסן געוואָרן ווי פאַראַיאָריקער שניי.

אונזער יורש האָט אָנגעהויבן צו פילן הונגער און קעלט, דחקות און נויט. און עס איז נישט געווען קיין טאַטע, וואָס זאָל אים שטאָפּן מיט געלט און שווייגן. און ביסלעכווייז האָט ער אָנגעהויבן חרטה צו האָבן אויף זיין גאַנץ שלעכט און נאַריש לעבן. אָבער וואָס האָט עס געקאָנט העלפן: חרטה נאָך דער צייט, פירט נישט ווייט. ער איז אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן אַ נאַקעטער, אַ באָרוויסער און אַ הונגעריקער. און אַמאָל, אַז עס פלעגט אים אָנכעמען אַ בושה פאַר זיך אַליין, פלעגט ער זיך אַנידערלייגן אויף אַ זאַק מיט שטרוי און אָפּליגן די טעג און וואָכן.

די נויט האָט זיך אָבער אַלץ מער און מער געשטאַרקט.

ווינטער האָט ער זיך פון קעלט נישט געהאַט וואו אַהינצוטאָן און ער האָט זיך געמוזט וואַלגערן אין קלייזל, וואָס ער האָט פון קינדווייז־אָן אויסגעווייכט, ווי אַ גנב ווייכט אויס אַ תפיסה. אין דעמדאָזיקן קלייזל האָט דער בן־יחיד, דער רעכטער יורש, געמוזט זיך וואַלגערן אונטער דעם אויוון, און דאָרט פלעגט ער זיך נערן מיט שטיקלעך ברויט, וואָס אָרימע בחורים האָבן אים פון צייט צו צייט צוגעוואָרפן. אַזוי־אַרום איז אים שוין זיין לעבן נמאס און מאוס געוואָרן.

בין כה וכה, דערווייל זיינען זיך די צען יאָר, וועלכע דער פאָטער האָט באַשטימט צו עפענען די צוואה, אַריבערגע־לאָפן. צען יאָר, אין וועלכע ער האָט זיך פאַרעלטערט, ווי אין צוואָנציק יאָר. ער האָט אָן דער צוואה שוין גאָר פאַרגעסן. און זי איז אים שוין אויך נישט אָנגעגאַנגען, ווייל ער האָט שוין לאַנג גערעכנט, אַז מער ווי אַ ביסל מוסר וועט ער אין איר נישט געפינען.

נאָר אָט האָט אים דער רב געלאָזט בעטן צו זיך. אָבער דער יורש האָט שטאַרק געקווייקלט, צי זאָל ער גיין, צי נישט. ער האָט מורא געהאַט, אַז דער רב וועט אים נעמען שיטן זאַלץ אויף די וואונדן. פון דער צוואה האָט ער נישט געטראַכט. דאָך האָט ער געליען אַ שטיקל בגד ביים שמש פון קלייזל און האָט זיך אַריינגערוקט ווי אַ בזוי צום רב אין שטוב אַריין. דאָרט האָט אים דער רב תיכף איבערגעגעבן די פאַרחתמעטע צוואה פאַר עטלעכע עדות. און דער יורש איז אַוועק אין דעם קאַלטן חדר, וואו דער פאָטער איז געשטאָרבן. די שטוב איז שוין דעמאָלט קיין שטוב נישט געווען, נאָר אַ חורבה, אָן טירן און אָן פענסטער, פאַרוויסט און פאַרשנייט. האָט דער יורש אָנגעצונדן אַ ליכטל, געעפענט די צוואה און גלייכגילטיק אַריינ־געקוקט דערין. אָבער וואָס איז געשטאַנען אין דער צוואה? דער יורש האָט זיך כמעט פאַרלאָרן פון שרעק. אָט וואָס ער האָט דאָרט אַרויסגעלייענט: „מחמת איך בין געווען אַזוי גוט צו דיר אַז איך האָב דיר פאַר מיין טויט אַוועקגעגעבן מיין

גאַנץ פאַרמעגן, תּנם איך האָב געוואוסט, אַז דו ביזט פאַרדאָרבן פון דער הויט ביזן קנאָכן, פונם גוף ביז דער נשמה. זאָלסטו אַצינד, צום סוף פון די צען יאָר נאָך מיין טויט, אויך אַזוי גוט זיין און אָננעמען מיין עצה, וואָס וועט דיר אַ סך בעסער דינען ווי דאָס געלט און ירושה־פאַרמעגן. איך ראָט דיר, מיין קינד, אַז דו זאָלסט מאַכן אַ סוף צו דיין לעבן, ווייל אַנדערש, וועט דיר נאָך ערגער גיין. דו וועסט שטאַרבן ווי אַ גרויסער רשע אונטער די הענט פון אַ תּלין. איז גלייכער, דו זאָלסט זיך אַליין מאַכן אַ טויט, נישט דורך וואַסער און נישט דורך סם און נישט דורך אַ מעסער, נאָר דורך אַ שטריק. דו הייבּ זיך אויפן טשוואָק, וואָס איז דאָ אַריינגעשלאָגן אין באַלקן איבער מיין בעט און אַ שטריק וועסטו שוין אַליין ערגעץ אויס־געפינען. דערציייל עס קיינעם און זיי זיך נישט לאַנג מיישב, ווייל דיין פאָטער איז דיר נאָך געבּוּג טריי און קלוג און ער ווייסט זייער וואויל, וואָס ער עצהט דיר. לייג עס אָבער נישט אָפּ און טו עס גלייך אין דערזעלבער נאַכט פון מיין יאָרצייט. און כּדי מען זאָל וויסן פון דיין טויט און קיינער זאָל דורכדעם נישט ליידן, זאָלסטו די צוואה אַריינלייגן אין דיין בגד, איידער דו וועסט זיך אויפהייגען".

איבערגעלייענט דאָס פּאַפּיר, האָבּן דעם יורש געגומען ציטערן הענט און פיס און ער איז אַנידערגעפאַלן. נאָר אַז ער איז געקומען עטוואָס צו זיך, האָט ער צוריסן אויף זיך זיין פאַרפוילטע העמד און זיך שטאַרק צעוויינט אויף זיין מאוס, נאַריש און שלעכט לעבן.

„אַזוי באַדאַרף עס זיין, — האָט ער זיך געזאָגט, — אויב איך האָב נישט זוכה געווען צו פאָלגן מיין פאָטער ווי צו לעבן, מוז איך אים פאָלגן ווי צו שטאַרבן, בפרט, אַז איך האָב נישט וואָס צו לעבן. לאָמיר שטאַרבן. קיין שטריק וועט מיר אויך נישט פעלן. איך בין אַרומגעגאַרטלט מיט אַ שטריק"...

וּככלותו לדבּר, און ווי ער האָט עס אַרויסגעזאָגט, האָט ער אָנגעקלעפּט דאָס ליכטל אויף דער וואַנט, אַראָפּגענומען פון

זיך דאָס שטריקל, געמאַכט אַ שלייף, זיך אַרויפגעשטעלט אויף אַ קלעצל און אָנגעבונדן דעם שטריק צו דעם טשוואָק. דערנאָך האָט ער דאָס קלעצל אַ שטויס געטאָן מיט די פיס און איז געבליבן הייגען אין דער לופטן. קוים אָבער האָט זיך דער שלייף עטוואָס פאַרצויגן אַרום זיין האַלדז, האָט זיך דער טשוואָק מיטן ברעטל, און וועלכן ער איז געווען אַריינגעשלאָגן, אַרויסגעריסן און דער יורש איז אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד, און ווי ער איז אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד, האָבן באַלד זיך גענומען שיטן טויזנטער רענדלעך און פאַפּירן, טייערע זאַכן און זעלטענע חפצים. ער האָט געעפנט די אויגן און איז געבליבן ליגן אַזוי ווי אַ צעמישטער: ער האָט זיינע אייגענע אויגן נישט געגלויבט. ערשט אין אַ פּאָר שעה אַרום איז ער געקומען צו זיך און דעמאָלט האָט ער זיך אַזוי געזאָגט:

„ניין, דאָס איז געוויס נישט קיין בלויזער צופאַל, נאָר דער רצון פון מיין פאָטער. דאָס איז בודאי דער אמתער זין פון זיין צואה. הינטער דעם ברעט, וואו דער טשוואָק איז געזעסן, האָט ער באַהאַלטן פאַר מיר אַ ניי פאַרמעגן, אָבער איך האָב עס באַדאַרפט באַקומען נאָכדעם, ווי איך וועל מיך גוט אָנליידן און אָנמוטשען און חרטה האָבן אויף מיין פאַלש, מאוס און זינדיק לעבן... דעמאָלט ווען איך וועל מיך מוזן אויפהייגען פון גרויס נויט. איצט בין איך אַ געראַטעוועטער, און איך וועל קאָנען אָנהויבן אַ ניי לעבן"...

ער האָט באַלד צוזאַמענגענומען דאָס געלט — העכער צוואָנציק טויזנט דוקאַטן, אַ חוץ פּערל און בריליאַנטן. צווישן די פאַפּירן האָט ער אויך געפונען אַ בריוו פון דעם פאָטער, אין וועלכן דער פאָטער האָט באַשריבן די זאַך אַזוי, ווי דער זון האָט פאַרשטאַנען. קיין מוסר האָט, נאַטירלעך, אויך נישט געפעלט אינם בריוו. דער זון האָט דריי מאָל געלייענט דעמדאָזיקן בריוו און האָט זיך באַגאָסן מיט הייסע טרערן. די גאַנצע נאַכט האָט ער פאַרבראַכט אינם קאַלטן וויסטן חדר, אין געוויין און אין שמחה. אויף מאָרגן האָט ער אַלעמען דערציילט

פון דער צוואה און פון דעם פּאָטערס בריוו, כּדי אַז מען זאָל אים נישט חושד זיין, חלילה, אַז זיין נייע עשירות שטאַמט פון אַ שלעכטן מקור, ווייל ער האָט געהאַט זייער אַ שלעכטן נאָמען אין שטאָט.

מהיום ההוא והלאה, פון דער צייט אָן און ווייטער, האָט זיך דער יורש אָנגעהויבן צופירן זייער לייטיש, איז גע-וואָרן אַ גרויסער ערלאַכער ייד, האָט גענומען אַ לייטישע ווייב, איז געוואָרן אַ סוחר און עס האָט אים אָנגעהויבן זייער גוט צו גיין. און מיט דער צייט איז ער געוואָרן גאָר אַ נכבד אין שטאָט. דער צעלאָזענער יונג האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ שטילן בעל-תשובה, און האָט זיינע קינדער מגדל געווען לתורה ולחופה ולמעשים טובים.

XII.

# דער סיום התורה.

פעם אחת, אַמאָל איז געווען דער גרויסער דרשן ר׳ לייב טאַרלער אין דייטשלאַנד אויף אַ סיום התורה ביי אַ גרויסן קאַנטאָריסט, וואָס איז בעצם געווען אַ גאַנץ זעלטענער גאַסט אין דער יידישער שול. דער סיום התורה איז זייער פייערלעך צוגעגאַנגען. ערשטנס, איז די תורה געווען אָנגעטאָן אין גאָלד און געצירט מיט בריליאַנטן. צווייטנס, האָט די מוזיק זייער שיין געשפילט און, דריטנס, איז געווען אַ טיש כיד־המלך. די געסט, זיינען באַשטאַנען פון די סאַמע פני העיר.

ביים טיש האָט זיך דער קאַנטאָריסט פאַנאַנדערגעשמועסט מיט ר׳ לייב טאַרלער איבער די פוילישע אין ליטווישע יידן און האָט זיי שטאַרק אויסגעלאַכט.

„יאָ, — האָט ער געזאָגט, — איך בין אַמאָל געווען אין ליטע און האָב געהאַט די געלעגנהייט צו זען ווי דאָרטן גייט צו מיט אַ סיום התורה. ערשטנס, ווערט דאָרט דער סופר זייער שלעכט געצאָלט, און אויסער דעם מוז ער נאָך שרייבן פאַרן באַלעבאָס אַ מגילה, אַ פּאָר תפילין און מזוזות. די מענטעלע ווערט געמאַכט פון שטיקלעך רעשטקעס, וואָס די ווייב קלייבט צוזאַמען פון אַלע קליידער, וועלכע זי האָט נאָך געמאַכט צו איר חתונה. און די סעודה זעט אויס ווי אַן אָרימער חסידישער שלש סעודות״.

אויסגעהערט דעם גביר, האָט זיך אָנגערופן דער דרשן:

„אַ גרויסן דאַנק אייך, מיין האַר. מיט אייערע ווערטער גיט איר מיר דערווייל אַ גוטע געלעגנהייט, איך זאָל מיך קאָנען אַרויסזאָגן וועגן אייער סיום-התורה".

„אדרבה, זאָגט, וואָס איר ווילט, — האָט זיך אָנגערופן דער קאַנטאָריסט".

האָט דער דרשן געזאָגט:

„ווייל איך בין אַ דרשן, וועל איך אייך זאָגן אַ משל, אַזוי אַ משל פון לעבן, וואָס איז אייגנטלעך פּאַרלאָפן אין גרויספּוילן".

און באַלד דערויף האָט ער אָנגעהויבן:

„זה שנים, עס איז שוין אַ לאַנגע צייט מיט יאָרן, ווי עס האָט זיך אַ שיינער יונגערמאַן אַוועקגעלאָזן פון אונזער שטאָט קיין פריינקרייך. ביי זיין שווער און שוויגער האָט ער איבער-געלאָזט אַ קליין מיידל פון צען יאָר, ווייל זיין ווייב איז גע-שטאָרבן. דער יונגערמאַן האָט געקאָנט זייער גוט לערנען און שרייבן, און רעכנען און אַ ביסל פראַנצויזיש אויך. האָט ער זיך דאָרט זייער לייכט צוגעשלאָגן צו אַ רייכן קאַנטאָריסט. תחילת האָט ער ווייניק פאַרדינט, נאָכדעם אָבער האָט ער אָנ-געהויבן זייער שטאַרק צו וואַקסן און איז געוואָרן אַ בוכהאַלטער ביים קאַנטאָריסט און נאָכדעם אַ קליינער שותף צום געשעפט. דער יונגערמאַן איז אָבער געווען אַזוי פעאיק און איז אַזוי ווייט גע-שטיגן, אַז דער קאַנטאָריסט האָט אים אַוועקגעגעבן זיין איינ-ציקע טאָכטער פאַר אַ ווייב. מיט דער צייט איז ער אַפילו זיין יורש געוואָרן און האָט געפירט גרויסע געשעפטן. פון יאָר צו יאָר איז ער רייכער געוואָרן און זיין נאָמען האָט אָנגעהויבן צו קלינגען ווייט און ברייט איבער דער וועלט. אָבער ווי ער איז געווען גליקלעך אין זיינע געשעפטן, אַזוי איז ער אויך געווען גליקלעך מיט זיין זיווג, ווייל ער האָט זייער ליב גע-האָט זיין פרוי און זי אים. זיי האָבן אָבער דערלעבט מער נישט ווי איין טאָכטער, אַ שיין מיידל, און נישט מער. נאַטיר-לעך, האָבן זיי זי דערצויגן זייער פרום און גוט, און האָבן

זי אויך געבילדעט, ווי דער שטייגער איז אין פאַריז און האָבן זי נאָכדעם חתונה געמאַכט מיט אַ גבירישן יונגנמאַן, וואָס איז געווען אויך אַ יודע-ספר און אַ געלערנטער, אָבער אַ ביסל לופטיק און ווינטיק און נישט גאָר קיין גוטער מאַן צו זיין ווייב. דאָך אָבער, כל זמן די עלטערן האָבן געלעבט, האָט דער יונגערמאַן געהאַט אָפּשיי פאַר זיי, אָבער דער אַלטער האָט פאַרשטאַנען, אַז זיין איידעם וועט נישט זיין קיין גוטער מאַן, האָט ער באַשלאָסן צו מאַכן בלויז די טאָכטער פאַרן גאַנצן יורש, אַזוי, אַז דער מאַן זאָל נישט האָבן קיין שליטה צו איר פאַרמעגן.

ויהי טרם מותו, און עס איז געווען פאַר זיין טויט, האָט ער אַריינגערופן זיין טאָכטער צו זיך און האָט איר אַזוי געזאָגט: „דו זאָלסט וויסן, מיין קינד, אַז איך פעקל מיך שוין איבער אויף יענער וועלט, וויל איך נישט מיטנעמען אין קבר אַריין אַ סוד, וואָס דו באַדאַרפסט אים יאָ וויסן. זאָלסט וויסן, מיין קינד, אַז איך האָב געהאַט אַ ווייב פאַר דיין מוטער, דאָרטן, אין פוילן, פון וואַנען איך שטאַם און אַז מיט דער־דאָזיקער ווייב האָב איך אויך געהאַט אַ קינד, אַ מיידל, וואָס איז אַלט געווען צען יאָר, בשעת איך בין אַוועק פון דאָרט. איך האָב זי פאַרלייקנט פאַר דיידן און אַפּשיטא שוין פאַר דיין מוטער, און האָב ביז אַהער פון איר נישט געהערט. אָבער מיין טייער קינד, איך באַשווער דיך, דו זאָלסט נאָך מיין טויט באַלד שרייבן צו איר, אַז זי זאָל קומען אַהער און דו זאָלסט איר געבן אַ צענטל פון דער ירושה, ווייל זי איז דאָך אויך מיין קינד און דיינע אַ שוועסטער. מען רופט זי דבורה און איר מוטער האָט געהייסן דבשה. געוויס איז זי אַן ערלעך קינד, ווייל איך האָב זי איבערגעלאָזט אין אַ כשרע שטוב, ביי פרומע לייט, ביי מיין ערשטן שווער. נו, זאָלסטו זי מקרב זיין מיט שוועסטערלעכער ליבע. איך האָב עס נישט געטאָן אַליין, ווייל מיר איז געווען זייער טייער די מנוחה פון אונזער הויז. דיין מוטער, עליה השלום, (זי איז נאָך פריער

געשטאָרבן פאַרן מאַן) וואָלט מיך געהאַלטן פאַר אַן אָפּנאַרער. און זי וואָלט מסתמא שלעכט אויפגענומען מיין יענע טאָכטער. דיין מוטער איז אָבער שוין טויט, באַדאַרף איך זי איצט נישט מרחיק זיין. דו וואָלסט דאָך געקאָנט האָבן נאָך ברידער און שוועסטער, און אַזוי ווערסטו האָבן איין־איינציקע שוועסטער, זאָלסט זי אויפנעמען ערלעך, שיין און טריי.

הבת שמעה, האָט אים די טאָכטער אויסגעהערט און איז זייער גערירט געוואָרן פון זיינע ווערטער. האָט זי גע־שוואוירן דעם פאָטער, אַז זי וועט זייער גוט באַהאַנדלען די שוועסטער און וועט דערפילן זיין וואונטש אויף דעם העכסטן אופן.

זי האָט געזאָגט:

„איך וויל גערן זען מיין שוועסטער און איך וועל זי אויפנעמען, ווי אַ מאַמע".

אחר הדברים האלה, נאָך דעם טרויעריקן שמועס, איז זיך דער פאָטער אַוועקגעשטאָרבן און איז מקובר געוואָרן בכבוד גדול, און די טאָכטער האָט באַלד מקיים געווען דעם פאָטערס צוואה און האָט אָנגעשריבן אַ בריוו צו איר שוועסטער, אַז זי זאָל קומען קיין פראַנקרייך. דער בריוו האָט זי אָבער נישט געטראָפן, ווייל זי האָט שוין לאַנג חתונה געהאַט מיט אַ בעל־מלאכה פון אַן אַנדער שטאָט, אַזוי אַז מען האָט זי שוין כמעט אינגאַנצן פאַרגעסן. זי אָבער, וואו זי איז געווען, האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז זי האָט אַ פאָטער אַ גביר אין פאַריז, ווייל מענטשן, וואָס זיינען געקומען פון דאָרטן, האָבן עס איר פאַר־ציילט. אַמאָל פלעגט זי אַפילו באַקומען פון אים אַ דרייסיק, פערציק דוקאַטן, אָבער בתנאי, אַז זי זאָל צו אים נישט שרייבן און אַ פשיטה שוין נישט קומען. אָבער אַז זי האָט געהערט, אַז דער פאָטער איז אַליין דער גאַנצער יורש פון זיין שווער און שוויגער, וואָס זיינען געשטאָרבן און אַז זיין ווייב איז אים שוין אויך טויט, איז ביי איר געבליבן, זי זאָל זיך אַוועק־לאָזן צום פאָטער צוזאַמען מיטן מאַן, אָבער נישט אַזוי גיך

טוט זיך, ווי עס רעדט זיך. אַ פּאָר יאָר האָט געדויערט ביז מען האָט זיך צוגעקליבן אין וועג אַריין. האָט מען פאַרקויפט אַלע איבעריקע זאַכן, פאַרדונגען די כאַטע אויף אַ יאָר, צוזאַמענגעשלאָגן אַ פופציק טאָלער אויף הוצאות, געקויפט אַן אייגן פערדל און מען האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין וועג אַריין — זי מיט איר מאַן און צוויי קינדערלעך. געשלעפט האָט מען זיך אַ פינף, זעקס חדשים צייט. אַ ביסל האָט מען פאַרדינט אויפן וועג, ווייל ער איז געווען אַ יובעלירער, און אַ ביסל האָט מען אונטערגעבעטלט.

קורץ דערפון, מען איז געקומען קיין פּאַריז, און מען איז זיך פאַרפאָרן אין אַן אָרימער אכסניה, און ערשט אַז מען האָט זיך אַ ביסל אויסגערוט און נאָכגעפרעגט, איז מען געוואָר געוואָרן, אַז דער פאָטער איז שוין אויך טויט און אַז היינט איז גראָד דער יאָרצייט נאָך אים.

„שלעכט, — האָבן זיי ביי זיך געטראַכט — עס איז אַודאי גאָר אומזיסט געווען אונזער פאָרן אַהער. די טאָכטער וועט אונז גאָרנישט וועלן גלויבן, אַז מיר זיינען איר שוועסטער און שוואָגער, און ווען אַפילו מיר וועלן ווייזן די בריוו, וואָס מיר האָבן פון אונזער רב צום היגן רב, וועט זי אונז אויך נישט וועלן קענען". האָבן זיי אָנגעהויבן צו באַרעכענען, ווי אַזוי זיי זאָלן דורכמאַכן צוריק דידאָזיקע שווערע נסיעה. ליידיקע קעשענעס האָבן זיי געהאַט, קיין גראָשן ביי דער נשמה נישט געווען.

פלוצלונג האָט זיך די טאָכטער אָנגערופן:

"וואָס ס'וועט זיין, וועט זיין, דערווייל אָבער ווייס איך, אַז מיין פאָטער איז טויט און היינט איז ביי אים יאָרצייט. און כאָטש ער האָט מיך דערווייטערט פון זיך, דאָך בין איך זיינע אַ טאָכטער און וועל גיין היינט אויף זיין קבר. איך מיין, אַז ער וועט מיך פון זיין קבר נישט אַראָפּטרייבן, ווייל אַציינד איז ער אַזוי אָרעם, ווי איך".

תתעטף בסדינה, האָט זי זיך איינגעוויקלט אין איר

פּאַטשיילע און איז אַוועק אויפן בית-עולם, האָט זיך דאָרטן נאָכגעפרעגט ביי דעם קברות-מאַן, וואו ליגט דאָ דער-און-דער, און ער האָט איר באַלד אָנגעוויזן דעם קבר. אָבער מיט שרעק און אימה איז זי צוגעגאַנגען צו דעם קבר, ווייל אויף אים איז געשטאַנען אַ גאַנץ הויז פון מאַרמאָר, מיט אַ טייערן שטיין אינדערמיט און גאָלדענע אותיות דערויף. אַזוינס האָט זי נאָך קיינמאָל אין לעבן נישט געזען. און דעמאָלט איז איר איינגעפאַלן, אַז אין פּאַריז זיינען די מענטשן מסתמא רייך אויך נאָכן טויט. דאָך אָבער, אַז זי האָט איבערגעלייענט די מצבה מיט זיין נאָמען, איז איר האַרץ אַזוי דערוואַרעמט געוואָרן, אַז פון אירע אויגן האָבן אָנגעהויבן צו פאַלן הייסע טרערן.

זי האָט אָנגערירט מיט דער האַנט דעם קאַלטן שטיין און געשעפּטשעט:

„ליבער פאָטער, אויב ס׳איז מיר נישט באַשערט געווען צו זען דיין כבוד פאַר דיין לעבן, בין איך וויינגסטנס זוכה געווען צו זען דיין כבוד נאָך דיין טויט. טייערער פאָטער, אויב דו האָסט דיין פאָטערלעכע ליבשאַפט אָפּגעטאָן פון מיר, בשעת דו האָסט געלעבט, טו עס כאָטש נישט-אָפּ פון מיר נאָך דיין טויט. זיי דאָרט פאַר מיר און פאַר מיין מאַן אַ מליץ טוב פאַר דעם כסא הכבוד, ווייל איך האָב געהערט פון לייטן און ווי ס׳שטייט אויף דיין מצבה, ביזטו אויך געווען אַן איש צדיק וישר״.

ויהי בעודנה מתנפלת ובוכה, און ס׳איז געווען, ווי זי שטייט אַזוי פאַרן שטיין און וויינט, איז אָנגעפאָרן אַ טייערע קאָטש מיט צוויי פערד, און אַ דאַמע, אָנגעטאָן אין טרויער, איז אַרויס מיט אַ שיינגעבונדענעם מענה-לשון אין דער האַנט. אַ דינער, וואָס איז איר בעת מעשה נאָכגעגאַנגען, איז געבליבן שטיין פון דער וויטנס, און זי איז צוגעגאַנגען צו דעמזעלבן קבר, וואו די אָרעמע פוילישע פרוי האָט געוויינט.

האָט די דאַמע אַ פרעג געטאָן:

„ווער זייט איר? וואָס האָט איר דאָ צו טאָן אויפן

הייליקן קבר? ער געהערט נאָר צו מיר, ווייל דאָ ליגט מיין פאָטער".

האַלב צושראָקן און האַלב צומישט, האָט זיך די אָרעמע פרוי אָפּגעקערט און האָט איר געענטפערט זייער פאַרשעמט:

„דאָס איז דער קבר פון אייער פאָטער, אָבער דאָס איז דער קבר אויך פון מיין פאָטער. אָבער אויב אייך איז שווער, וואָס איך שטיי דאָ, קאָן איך אַוועקגיין".

ויהי אך כלה דבריה, קוים אָבער האָט די פּוילישע פרוי געענדיקט אירע רייד, האָט זי די דאַמע אַ פרעג געטאָן ווי מען רופט זי און ווי מען האָט איר מוטער גערופן.

און די פּוילישע פרוי האָט געזאָגט:

„מיך רופט מען דבורה און מיין מוטער האָט געהייסן דבשה".

האָט יענע באַלד אויסגערופן:

„נו, זייט איר דאָך מיין שוועסטער!"

און זי איז איר אַרויפגעפאַלן אויפן האַלז און זיי האָבן אָנגעהויבן זיך צו קושן און צו וויינען. אַ שעה צייט האָבן ביידע געוויינט אויפן קבר און נאָכדעם האָט די דאַמע אַריינגענומען איר שוועסטער אין איר קאָטש און האָט זי אָפּגעפירט אין דער אכסניא, וואו זי האָט איר געלאָזן געלט, זי זאָל זיך אויסקליידן און אויסנייען, ווי געהעריק, און דאָס אייגענע אויך איר מאַן און די קינדער. דערנאָך האָט זי זיי אָפּגעגעבן אַ שיינע וואוינונג אין איינעם פון אירע הייזער און אַז די פּוילישע משפחה האָט זיך אַ ביסל איינגעלעבט אין פאַריז, האָט זי דבורהן דערציילט פון דעם פאָטערס צוואה, און האָט זיך מיט איר געפרייט פון גאַנצן האַרץ. די גאַנצע צייט איז איר מאַן געווען אין וועג, האָט זי דעריבער לייכטער געקאָנט אַכטונג געבן אויף אירע אָרעמע געסט, אַז זיי זאָלן אויסזען פאַר איר מאַן, ווי לייטישע מענטשן.

פון די הכנות האָט די שוועסטער פאַרשטאַנען, אַז זי לעבט מיט איר מאַן נישט אַזוי שוה-בשוה. עפּטער האָט זי

מורא געהאַט, אַז דאָס וועט אים נישט געפעלן און יענץ וועט ער נישט וועלן ליידן און דאָסגלייכן. און דעריבער, ווען דיביידע שוועסטער זיינען שוין געווען פאַרטרויט אייננאַנדער, האָבן זיך אָנגעהויבן אויסצוגיסן זייערע הערצער צווישן זיך. זיי האָבן זיך דערציילט זייערע מערכות, וואָס זיי האָבן פאַר זייערע מאַנען און דעמאָלט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די רייכע איז מקנא די אָרעמע. און איינמאָל האָט זי זיך צו איר אָנגערופן:

„דו ביזט גליקלאַכער פאַר מיר, ווייל דו לעבסט מיט דיין מאַן אין שלום און אין ליבע. דיין מאַן איז אַפילו אַ בעל-מלאכה, אָבער אַן ערלאַכער, און אַ שטילער מענטש, וואָס שוינט דיך, האַלט דיך טייער און פאָלגט דיך. דו לעבסט פאַר אים און ער לעבט פאַר דיר. אָבער נישט אַזוי לעב איך, מיין ליבע שוועסטער. איך ווייס נישט פון אַזאַ גליק. מיין מאַן פאַרטראָגט מיך, אָבער ער ליבט מיך נישט. ער האָט שיינע צימערן און איז קיינמאָל נישטאָ אין שטוב. ער האָט שיינע ביכער און לייענט קיינמאָל נישט. ער איז אַ למדן, אַ געבילדעטער מענטש און פירט זיך אויף זייער גראָב. ער האָט מיר צו פאַרדאַנקען זיין גאַנץ גליק און איז מיר נישט מכיר טובה. מיינע געטראַנקען זיינען געמישט מיט טרערן. מיין עסן איז מיר פאַרביטערט און איז געקנאָטן מיט זיפצן און טרערן, ווייל ער ברייגנט אַלעמאָל צום טיש אַ זעלכע געסט, וואָס זיינען נישט ווערט איבערצוטרעטן די שוועל פון מיין הויז. נו, לאָזט זיך אויס, מיין שוועסטער, אַז דו ביזט די נגידה, וואָרום געלט און נחת זיינען גאָר צוויי באַזונדערע זאַכן. רייך איז נאָר יענער, וואָס געפינט אַ ביסל גליק אין לעבן, און ווען איך וואָלט מיך נישט שעמען פאַר לייטן, וואָלט איך מיין גרויס פאַרמעגן אויסגעביטן אויף דיין גליק. איך וואָלט אַלץ אַוועקגעגעבן פאַר אַ שטיקעלע האַרץ. און מיין מאַן איז אָן אַ האַרץ.

אָט דאָס איז די געשיכטע, מיין ליבער ייד, און דאָס איז דער משל. און איך וויל אייך נאָר געבן צו פאַרשטיין, אַז

גאָט ברוך הוא, ווײל אויך דעם מענטשנס האַרץ און ליבע, און הגם דער פוילישער ייד האָט אײנגעוויקלט די תורה אין אַן אָרעם מענטעלע, און מאַכט אַן אָרעם מאָלצײַט צום סיום־התורה, איז אים אָבער דאָס האַרץ פול מיט גליק און שמחה, אַודאי מיט מער גליק און שמחה פון דעם רײכן, וואָס מאַכט אַ סיום־תורה, מיט גרויס פּאַראַד, טוט אָן די תורה אין גאָלד און ברילאַנטן, אָבער ער איז נישט פאַרליבט אין איר...

אויסגעהערט דעמדאָזיקן משל, האָט זיך דער גביר ערנסט פאַרטראַכט.

# געקליבענע ווערק

מיט א הקדמה פון ד. ק — על.

צווייטער באנד.

פארלאג ש. שרעבערק, ווילנע

פארקויף: געזעלשאפט „צענטראל" ווארשע.

DRUK. SIKORA i MYLNER WARSZAWA, NOWOLIPKI 6.

# אינהאלט פון צווייטן באנד


| | | |
|---|---|---|
| 1) | יהודית די צווייטע | 1=34 |
| 2) | שמאיע גוט=יום=טוב בעטער | 35=66 |
| 3) | יודעל שלאַבאַנער אָדער די שיינע מינקע | 67=126 |
| 4) | דאָס געפונענע קינד | 1=42 |

# יהודית די צווייטע

דאָס איִז אַן אמתע געשיִכטע פון אַ יידיִשער מיידל, וואָס האָט געהייסן יהודית. זיִ האָט אַרויס־געוויִזן אַזויפיִל מוט קעגן איינעם אַ הויפטמאַן פון אַ רויבערבאַנדע ווי אַמאָל יהודית, וואָס האָט דער־הרגעט דעם גרויסען אלפורנע, דער שר־הצבא פון נבוכדנצר, איִן אנהויב פון בית־שני. דאָס איִז אָבער אויך אַ הערליִכע רויבער־געשיִכטע און דערביי גרויס קריִטיק.

פאַמערקונג: צום ערשטן מאָל געדרוקט איִן יאָר 1875.

## I.

# מיט הונדערט און פֿופֿציק יאָר צוריק.

מיט אַ יאָר הונדערט און פֿופֿציק צוריק האָט אונזער ליטע גאַנץ אַנדערש אויסגעזען, ווי איצט, ווי אין מאַטעריעלישן, אַזוי אויך אין מאָראַלישן זין.

עס זיינען דעמאָלט געווען גרויסע שטרעקעס מיט געדיכטע וועלדער, באַוואוינט פֿון אַ סך ווילדע חיות, ווי בערן, וועלף, באַרסוקעס און ווילדע חזירים. דערצו נאָך האָבן נישט געפֿעלט קיין גזלנים־באַנדעס, אַזוי, אַז קיין שום רייזנדער איז נישט געווען זיכער נישט מיט זיין געלט און נישט מיט זיין לעבן.

די שליאַכן און וועגן זיינען דאַמאָלט אויך געווען זייער שלעכטע: קרומע, זומפּיקע, אָן בריקן, מיט זייער אַ קליינער צאָל קרעטשמעס.

יעדער מאַגנאַט איז געווען אַ גאַנצער שררה, א מלך איבער דעם שטיקל לאַנד אָדער נחלה, וואָס האָט געהערט צו אים, און ביי יעדער גרענעץ פֿון יעדן שטיקל נחלה האָט זיך געפֿונען אַ ראָגאַטקע, וואו די וועגלייט האָבן באַדאַרפֿט איינצאָלן אַ שטייער פֿאַרן דורכפֿאָרן דאָס שטיקל נחלה.

אַ געוויסער איינגלישער דאָקטאָר, וואָס איז דעמאָלט, אויף זיין וועג קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, דורכגעפֿאָרן ליטאָ און פּוילן מיט אַן איינגלישער געזאַנדשאַפֿט, האָט באריכות באַשריבן זיין דאָזיקע נסיעה.

מיר גיבן אַ קליינעם חלק פֿון דערדאָזיקער באַשרייבונג, כּדי דער לייענער זאָל האָבן אַ שטיקעלע באַגריף פֿון יענער

צייט, און דעמאָלט וועלן מיר איינזען, אַז הגם דאָס לאַנד איז געוועזן זייער ווילד, אַ סך ווילדער, ווי איצט, דאָך האָבן מיר יידן, זיך אויסגעצייכנט מיט אַ סך גוטע מדות.

„אונזער נסיעה דורך ליטע — שרייבט דער איינגלישער רייזנדער — איז געווען אַן אומדערטרעגלאַך־שווערע, אַ סך שווערער ווי דורך אַ מדבר. דאָרט קריגט מען נישט צו זען קיין פרייען מענטשן, נאָר באַדריקער (די פריצים) און באַדריקטע (די פויערים). די ערשטע האַלטן אין איין פירן מלחמה צווישן איינאַנדער אָדער זיי פאַרלעבן זייערע טעג בלויז אין יאַגד, אין ראָמאַנען און בעלער און נאָכמער אין פראָצעסן. זיי זיינען גרויסע בעלי־גאוהניקעס און מוראָדיקע עם־הארצים, און טיראַניזירן די פויערים אָן שום רחמנות.

דעריבער זיינען די פויערים גאָרנישט ענלאַך צו מענטשן, נאָר ממש ווילדע חיות. זייערע וואוינונגען זיינען ענלאַך צו בערישע נאָרעס און די קינדער זיינען ענלאַך צו קליינע מאַלפּעס און זיי ווערן באַהאַנדלט אַ סך ערגער פון בהמות. אָבער די סאַמע נוציקסטע מענטשן זיינען דאָרט די יידן. ווען זיי וואָלטן דאָרט נישט געווען, וואָלט גאָר אוממעגלאַך געווען פאַר אַ רייזנדן אַדורכצוקריגן זיך דורך דעמדאָזיקן וויסטן און עלנטן לאַנד. אין דער קרעטשמע, וואו עס וואוינט נאָר אַ ייד, איז שוין צו האָפן, אַז מען וועט קאָנען באַקומען אַ ריינעם וואַרימן צימער, אַ גוט עסן און אַ פריינטלאַך אויפנעמען. מען קען זיך אויך פאַרשטענדיקן מיט אַ יידן אין דייטש און באַראָטן זיך מיט אים איבער אַלעם, אַפילו איבער פּאָליטיק. די יידן באַשעפטיקן זיך איבערהויפּט מיט ערדאַרבעט און מלאָכה. זיי זיינען אָבער אויך גוטע סוחרים און באַרייכערן דאָס לאַנד מיט זייערע געשעפטן. פון נאַטור זיינען זיי גאַנץ גוטמוטיק, באַגייען זיך זייער פיין און אַלץ קריגט מען ביי זיי ביליק צו קויפן.

זיי מאַכן אויס דעם בירגער־קלאַס אין לאַנד, ווייל בלויז זיי אַליין זיינען פרייע מענטשן. ווייטער זיינען אַלע קנעכט;

אויסערדעם, זיינען זיי די איינציקע ניכֿטערע מענטשן, ווייל אַלע זיינען שטענדיק שיכּור. זיי בּאַלעבֿן די שטעט און די שטעטלאַך. זינט איך לעבֿ, האָבֿ איך נאָך נישט געזען אַזאַ שיינע ראַסע, ווי די דאָרטיקע יידן. די מאַנסלייט זיינען זייער שיין געבֿויט, מיט שיינע בּערד, מיט געקרייזלטע פּאותן און זעען אויס זייער מאַיעסטעטיש, ווי די פֿיגורן, וואָס די אַלטע קינסטלער האָבֿן אויסגעהאַקט פֿון שטיין און פֿון גיפּס. נאָך שענער זעען אויס די פֿרויען. איך האָבֿ מיך נישט געקאָנט זאַט אָנקוקן אויף זיי, ווען זיי פֿלעגן זיצן אַלע פֿרייטאָג, נאָך האַלבֿן טאָג, אויף די גאַנקעס פֿאַר זייערע הייזער, אָנגעטאָן אין זייערע שבתקליידער, בּאַפּוצט מיט בּענדער. זיי האָבֿן מיר דערמאָנט אָן די עגיפּטישע ספֿינקסן. מער פֿון אַלץ האָט מיך בּאַצויבּערט די אומשולד און די שעמעדיקייט, וואָס עס ליגט אויף זייערע פּנימער, און נאָכֿמער דאָס אומבּאַוואוסטזיין, אַז זיי זיינען שיין.

אויך זיינען ווערט געריהמט צו ווערן זייערע ראַבֿינער. אונזער גייסטלאַכֿער פֿון דער געזאַנדשאַפֿט, הער גווידאַן וויגהאַם, אַ טיף געלערנטער מענטש און אַ גרויסער בּיבּליאָגראַף, האָט אין אונזער נסיעה דורך ליטע עפּטער געהאַט אַ געלעגנהייט צו שמועסן מיט זיי, ווייל אין יעדער שטאָט, וואו מיר האָבֿן נאָר געהאַט אַ מאַנגל אין פֿערד, אָדער עס האָט אונז געשטערט אַ שלעכֿט וועטער און מיר האָבֿן זיך געמוזט פֿאַרזאַמען דאָרט אַ פּאָר טעג, האָט ער בּאַנוצט די צייט צו בּאַזוכֿן דעם דאָרטיקן ראַבֿינער און האָט זיך נישט געקאָנט גענוג אָפּלויבּן פֿון אים. דען אויסערדעם, וואָס ער האָט זיך דערוואוסט, אַז דער ראַבֿינער האָט בּאמת פֿאַרדינט צו זיין דאָס, וואָס ער איז, איז ער נאָך געווען אַ מאַן פֿון אַ שטאַרקן כֿאַראַקטער, וואָס פֿירט על־פּי־רוב אַ העכֿסט בּאַשיידן לעבּן, מאַנכֿע פֿון זיי זיינען אויך בּאַזעסן ווערטלאַכֿע קענטנישן: איינער איז אַ גרויסער גראַמאַטיקער, דער צווייטער אַן אָסטראָנאָמיקער, דער דריטער, ווידער, האָט געהאַט אַ גרויסע השׂגה אין

מעדיצין. זעלטן האָט עמיץ פֿון זיי נישט געקאָנט די לאַנדשפּראַך, און דעריבער זיינען זיי זייער חשוב ביי די אָרטיקע פּריצים. די לעצטע באַראָטן זיך מיט זיי אין מאַנכע פּאָליטישע אַנגעלעגנהייטן און נעמען זיי אויך פֿאַר שיידסריכטער אין זייערע שווערע פּראָצעסן.

אין אַלגעמיין זיינען די ליטווישע יידן אַ שטיל, רוהיק, פֿרום און העכסט באַשעפֿטיקט פֿאָלקל, וואָס באַאומרוהיקט זייער וויניק די אָרטיקע רעגירונג. זיי ברייגנען אויך גרויסע נוצן דעם אַדל און דעם פֿויער און איבערהויפּט דעם דורכפֿאָרער, און אין פּאָליטישע פֿאַלן ברייגנען זיי אויך גרויסע נוצן דער רעגירונג. זיי טראָגן אַריין אַ סך הכנסה אין לאַנד, ווייל נאָר זיי באַלעבן די געשעפֿטן און שטייען אין אַ גרויסן פֿאַרקער מיט אויסלאַנד".

אַזוי ווייט, מיינע לעזערינס, שרייבט אַ נישט-ייד, אַ קריסט, נאָר פֿון אונזערע עלטערן אין ליטע. איך שרייב דיר נישט זיין נאָמען, ווייל איך האָב זיין נאָמען פֿארגעסן. דאָס בוך, אין וועלכן איך האָב עס געלייענט, האָב איך אַמאָל געבאָרגט אין אַ ביבליאָטעק, און ס'איז שוין אַ צייט מיט יאָרן, ווי זיין נאָמען איז מיר אַנטרונען געוואָרן פֿון זכרון. אויך מיין געבורטסשטאָט ווילנע האָט דאַן אַנדערש אויסגעזען. זי איז געווען אַ סך קלענער ווי אַצינד און האָט געהאַט אַ הויכן וואַל אַרום, מיט פֿיר אייזערנע בראָמען, וואָס פֿלעגן אַלע אָוונט, ביין אַ זייגער, צו געשלאָסען ווערן. גרויסע וועלדער האָבן אַרומגערינגלט די שטאָט, און די יידן, וואָס האָבן געוואוינט חוץ-לעיר, האָט מען גערופֿן אַחורי-השער. נישט אַבי וועמען איז געווען דערלויבט צו וואוינען אין שטאָט, און ביי דעם אַלעם איז אויך דעמאָלט געווען אַ גרויסע יידישע שטאָטישע באַפֿעלקערונג, וואָס האָט געוואוינט אין אַ באַזונדער קוואַרטל, ווייל עס זיינען געווען אַ סך גאַסען, וואו יידן האָבן נישט געטאָרט וואוינען. מאַנכע האָבן געהאַט אייגענע הייזער, דער גרעסטער טייל אָבער חזקות *).

*) דער ענין חזקות באַטייט, אַז קיין ייד האָט נישט געטאָרט

און ווייל דעמאָלט איז געווען נישט אַזוי לייכט ווי איצט אַ נישט־היגן צו ווערן אַ ווילנער איינוואוינער, זיינען זיך אונזערע ווילנער איינוואוינער געבליבן די גאַנצע צייט ביי זייער כאַראַקטער: אומשולדיק־פרידלאַכע מענטשן. מען האָט זיך נישט אַרומגעקריגט און מען האָט געלעבט בשלום. זיי זיינען אַפילו נישט געווען קיין גרויסע סוחרים, אָבער זיי האָבן זייער גוט געלעבט. נישט קיין גרויסע עשירים, אָבער גרויסע נגידים און נדיבים. ס'זיינען אויך נישט געווען קיין תקיפים. עס איז נאָר געווען אַ שתדלן, וואָס האָט פאַרמיטלט צווישן דעם פאָלק און דער רעגירונג. ער האָט, ווי צו זאָגן, מוציא געווען דעם גאַנצן עולם מיט פוילייש. דאָך זיינען אָבער צווישן זיי געווען גרויסע מיוחסים, וואָס האָבן געהאַט אַ גרויסע דעה אין שטאָט. ווייניק ספרים זיינען געווען אין שטאָט און דאָך זיינען געווען גרויסע לומדים. ס'האָבן זיך קוים געפונען אַ דריי־פיר אתרוגים און דאָסגלייכן בלויז אַ פאָר סוכות אויף סוכות און נאָך זעלטענער ספר־תורות־איינגעבער, און דאָך איז מען דעמאָלט געווען אַ סך פרימער, ווי היינט. קיין שום מניגים און קלייזלאַך, און דאָך האָט מען אַ סך מער געדאַווענט, ווי היינט. גאַנץ זעלטן האָט פּאַסירט, אַז אַ פרוי אָדער אַ מיידל זאָל קאָנען דאַווענען אָדער לייענען דעם טייטשחומש **), און דאָך איז אַ יידישע טאָכטער געווען אַ גרויסע צנועה און אַ גוטע פרוי.

אויך האָט יענער דור געהאַט זיך צו פרייען מיט

---

אויסדינגען דעם אַנדערן, וואָס האָט געוואוינט אין אַ פריצישן הויף. ווי איז געווען צו דעם, וואָס האָט זיך דערוועגט אַזוינס צו טאָן. ער איז באַלד באַלייגט געוואָרן מיט אַ חרם, און דער פריץ האָט אויך געוואוסט, אַז אַ ייִד טאָר נישט אויסדינגען דאָס הויז און די פרנסה פון אַ צווייטן ייִד.

**) אין יענע צייטן, אום ראש־השנה און אום יום־כפור פלעגט שטיין אין די ווייבערשע שולן אַן עלטערער ייִד און פלעגט פאָרלייענען פאַר די ווייבער די תפלות און זאָגן מיט זיי די קדושה. איך געדיינק עס נאָך ווי היינט און האָב דערפון מערער געשריבן אין דעם ווייבערשן סוד.

**א. מ. דיק.**

אַ בעסערן געזונט און מיט אַ סך אַ ליינגערן לעבן, און מיט אַ פעסטערן מוט און מיט אַ גרעסערן כוח. דעמאָלט האָבן זיך געפונען צווישן זיי מענטשן, וואָס האָבן געקאָנט האַלטן אַ ביקס און אַ שווערד, ווי דאָס האָט פּאַסירט אין די צייטן פון גזרת ת"ח קעגן די טאָטערן און שפעטער קעגן די עסטרייכער אונטער דער אָנפירונג פונם יידישן פּאָלקאָווניק בערקע. אויך זיינען געווען מענטשן, וואָס האָבן זיך נישט געשראָקן פאַר אַ בייזער חיה, פאַר אַ בער, אַ שטייגער, און האָבן געשטעלט אַ דרייסטן ווידערשטאַנד מאַנכע באַנדעס גזלנים. צווישן פרויען האָבן זיך אין יענער צייט געפונען אמתע העלדינס. מיט אַזאַ העלדיש מיידל האָט זיך דעמאָלט אויסגעצייכנט אויך אונזער ווילנע.

אָט דער מיידל איז באַשערט צו זיין די העלדין פון אונזער געשיכטע, וואָס מיר וועלן אייך פאַרציילן.

## II.

# טראָצקים לאַדאָווניע.

דאָס ערשטע הויז, וואָס איז געשטאַנען אין שטאָט נעבן דעם טראָקער בראָם, האָט געהערט צו אַ פּוילישן מאַגנאַט האַנאָוועצקי, וואָס אַ געוויסער ייד, ר׳ מרדכי טראָצקיס, האָט עס געהאַלטן אין אַרענדע אַלס חזקה פֿון זיינע עלטערן. די פֿאַמיליע האָט געהייסן טראָצקי נאָר צוליב דעם נאָמען פֿון בראָם. דאָס איז געווען די איינציקע יידישע פֿאַמיליע, וואָס האָט געוואוינט אין דעמדאָזיקן הויז. פֿון די איבעריקע חדרים האָט ער געמאַכט אַ פּריצישע אַכסניא, אַ מין איינפֿאָרהויז און זיי זיינען קיינמאָל נישט געשטאַנען ליידיק, דען וועלכער פּריץ אָדער שלאַכציץ האָט עס נישט געדאַרפֿט אָנקומען קיין ווילנע, און ווער רעדט שוין אין אַ צייט פֿון קאָנטראַקטן אָדער אין אַ באַלאָטראַציע-צייט פֿון אַ סיים. אין דאָסגלייכן. טראָצקי האָט שוין דאָרט געהאַט פּרנסה אַריבער און אַריבער. און ביי דעם אַלעם האָט מען דאָסדאָזיקע הויז נישט אָנגערופֿן מיט דעם נאָמען האָטעל אָדער איינפֿאָרהויז. מען האָט עס גערופֿן פּראָסט-פּשוט טראָצקיס-לאַדאָווניע, ווייל ער איז דעמאָלט געווען דער גרעסטער בירשיינקער. בלויז ער האָט געהאַט דעם בעסטן מאַרעץ, דערצו נאָך אַ שיינע לאַדאָווניע מיט אַ סעדל. ביי אים איז שטענדיק געווען געפּאַקט, פֿול פֿון יידן און פֿון קריסטן, דען די ווילנער זיינען פֿון שטענדיק אָן געווען גרויסע מאַרעץ-טרינקער מיט פּאַלעטרום, און אַפֿילו די גרעסטע און פֿרומסטע לומדים, און די פֿאַרנעמסטע לייט פֿלעגן

זיך נישט שעמען צו באַזוכן אַ בירסעדל, אַ לאַדאָווניע. דער למדן פלעגט זאָגן תורה ביי דער מאַרצאָווקע, דער סוחר פלעגט דאָרט פאַרענדיקן זיינע געשעפטן און נישט זעלטן פלעגט מען דאָרט אויך דאַווענען מנחה און מעריב בצבור. פאַר מלמדים און שדכנים איז אַזאַ הויז געווען אַן אמתער קלוב, פאַר סוחרים — אַ בערזע, פאַר חברות — אַ זאַמלפונקט. איבערהויפט איז דאָרט געווען איינג אין אַ ראש־חודש טאָג, אין אַ שלשה ימי הגבלה, אין אַ חמשה־עשר באָב און אין אַ פרייטאָג פאַרנאַכט נאָכן מרחץ. און ווער איז עס נישט געווען פרייטאָג פאַרנאַכט אין מרחץ? מיט איין וואָרט, דאָרט איז געווען פאַק און פול און ס'איז געווען אַ וואונדער, ווי אַזוי ר' מרדכי האָט אַלעמען געקאָנט צופרידנשטעלן.

באַזונדערס פלעגט זיין איינג אין אַ טאָג פון עפּיס אַן עקזעקוציע אָדער אַ דעקרעט פון אַ טויט־שטראָף, ווען מען האָט, אַ שטייגער, איינעם אויפגעהאָנגען אָדער געקעפּט, וואָס אַזוינס פלעגט אין יענע צייטן זייער אָפט פאַסירן, כמעט יעדן חודש, ווייל עס זענען געווען אַ סך רוצחים, גזלנים און גנבים, אויסער די־יעניקע, וואָס זיינען האַרב באַשולדיקט געוואָרן אין פאָליטישע חטאים.

געדיכט פון מענטשן פלעגט זיין אין די צייטן פון וואַלן. דעמאָלט פלעגן זיך די פוילישע מאַגנאַטן צוזאַמענטרייבן קיין ווילנע זייער לאַנדאַדל, אַז זיי זאָלן וואַרפן פאַר זיי ווייסע גאַלקעס. דאָס איז געווען אַ פיינע חברה און דער עולם פלעגט זיך וויצלען איבער זיי: „יעדנאָ באָטע, יעדנאָ לאַפּצע". זיי פלעגן אַריינפאָרן מיט זייער פור און וואָגן קיין ווילנע אויף די קאָסטן פון זייערע מאַגנאַטן און פלעגן אויף זייער רעכנונג פרעסן און זויפן און זיך אַרומשלעפּן מיט זייערע לאַנגע שאַבלעס איבערן ברוק, גוט אנגעשכורט, און פלעגן דרייען די וואָנסעס און שרייען: "סיימיקאָווּאַ ספּראַוואַ — וויוואַט!" מען איז אַרויס פון איין שיינק און אַריין אין דעם אַנדערן און יעדן טריט האָט מען באַצייכנט מיט עפּיס אַ נאַרישער טאַט אָדער מיט

אַ שאָדן, אָדער אַ רציחה, אָדער אַ דועל. דידאָזיקע חברה־לייט, וואָס זיינען ממש באַשטאַנען פון פאַרברעכער און אויס־וואורפן, פלעגן שטענדיק איבערלאָזן אַ פּאָר צענדליק מאַן אין די תּפיסות און אויף דער תּליה.

מיר, מאַנסלייט, לאַכן פון פרויען, אַז זיי לויפן צו אַ לויה, ווי צו אַ חתונה און שעמען זיך נישט צוקומען מיט פאַרוויינטע אויגן פון אַ מת — אויף אַ חתונה. און דאָך זיינען מיר, מאַנסלייט, נישט בעסער פון זיי אין דער הינזיכט, ווייל מיט דעמזעלבן חשק, וואָס מיר גייען זען אַן עפנטלאַכע לוסט־שפּיל־פייערווערק, אַ שטייגער, גייען מיר אויך זען די טרויעריקע סצענע, ווי אַ מענטש ליידט דערפאַר, וואָס ער איז געווען אומגליקלאַך צו באַגיין אַ חטא. עס ליידט אַפילו דאָס האַרץ דערביי געוויס און דאָך ווילט זיך עס זען. אַזוי ווייט איז דאָס מענטשלאַכע געמיט זיך סותר.

און אַזוי איז טאַקי דעמאָלט אויך געווען. יעדעס מאָל, ווען מען האָט עמיצן אויפגעהאָנגען, האָבן אַלע, ווער עס האָט נאָר געהאַט אויגן און צייט, געגאַנגען זען. דער תּליה־פּלאַץ האָט זיך געפונען ביי אַ וויאָרסט אָדער עפּיס מער אונטערן שטאָט, אויפן טראָקער וועג, אין וואַלד פון זאַקרעטעס, כּדי איינצושרעקן דורכדעם די באַנדיטן, וואָס פלעגן דאָרט זייער אָפט מאַכען זייערע אָנפאַלן. מען האָט דאָרט אויפגעבויט עטלאַכע תּליות. און ווייל דער וועג אַהין און צוריק האָט זיך געצויגען דורכן טראָקער בראָם, פלעגט דער עולם, גייענדיק צוריק פון אַזאַ בלוטיקער חתונה, איינקערן ביי דעם ר׳ מרדכי טראָצקין אין דער לאַדאָווניע און מען האָט דאָרטן געטרונקען און געהוליעט, דערציילט און גערעדט, גערויכערט און גע־שמועסט. און דעריבער איז דאָרט געווען זייער איינג ביז צום דערשטיקן ווערן, און דערביי זיינען אַלע געווען צופרידן, ווייל מען האָט בעקומען אַלץ, וואָס מען האָט נאָר פאַרלאַנגט, אַגב, איז דאָרט געווען זייער ציכטיק און ריין און שיין. די

א. מ. דיק.

איינציקע, וואָס האָט אַלעמען אַזוי צופֿרידנגעשטעלט, איז געווען יהודית, אַ דינסטמיידל, און מיר וועלן זי טאַקי באַשרייבן אין דעם באַלדיקן קאַפּיטל.

# III.

# דאָס דינסטמיידל יהודית.

דאָסדאָזיקע מיידל איז נישט געקומען קיין ווילנע אויף אַ וואָגן אייער, וואָס ווערט טראַנספּאָרטירט פֿון אײשישאָק אַהער. זי איז געווען אַ געבוירענע פֿון ווילנע און האָט געשטאַמט פֿון ערלאַכֿע עלטערן, וואָס האָבן זיך דערנערט פֿון יגיע כּפּים. זיי זיינען געווען ברויטבעקערס און האָבן אַליין געקנאָטן די דייזעס, און די טאָכֿטער פֿלעגט דאָס ברויט פֿאַנאַנדערטראָגן אין די קרעמלאַך. זי איז געווען זייער אַ געזונט און שטאַרק מיידל, דערצו נאָך האָט זי גאָרנישט געוואוסט, אַז זי איז זייער שיין, ווייל אין יענע צייטן אַ שפּיגל איז געווען אַ סך זעלטענער, ווי טינט און פֿעדער אין אַ באַלעבאַטישער שטוב, און טינט און פֿעדער איז נאָך זעלטענער געווען, ווי אַן אתרוג אום סוכּות *). זי האָט, אַלזאָ, גאָרנישט געוואוסט ווי זי זעט אויס, און האָט קיינמאָל נישט געטראַכֿט דערפֿון.

---

*) איך געדיינק, ווען איך בין נאָך געווען אַ קינד, פֿלעגן אַלע יונגע ווייבלאַך און מיידלאַך, כּלות פֿון אונזער גאַס, קומען צו מיינע עלטערן אין שטוב אַלע שבת אינדערפֿרי, איינצוקוקן זיך אין שפּיגל, וואָס איז דאָרט געווען, צו פֿאַרריכטן דעם פּוץ פֿאַרן גיין אין שול אַריין. אויך פֿלעגט מען קומען באָרגן טינט און פֿעדער ביי אונז, צו שרייבן אַ רעצעפּט, אָדער אַ רשימה, אָדער אַ צעטל אויף אַ שמחה. די פֿעדער איז געווען פֿון אַן אינדיק, געלאָזט איינמאָל מאַכן ביי דעם קהלשן שרייבער.

זי האָט שטענדיק געפֿאָלגט אירע עלטערן אין פֿייער און אין וואַסער, און איז אַלעמאָל געווען לוסטיק, ווייל די אומשולד ווייס נישט פֿון דאגות. זי האָט זייער געליבט אירע עלטערן, נאָכמער ווי די עלטערן האָבן זי ליב געהאַט. זי איז געווען ביי זיי אַ בת־יחידה און צו אַכצען יאָר האָט מען שוין געקלערט זי חתונה צומאַכן. מען האָט איר געוואָלט חתונה מאַכן מיט אַן ערלאַכן בעל־מלאָכה אָבער נישט אַלץ, וואָס מען קלערט, געלינגט, און אַזוי איז אויך דאָ געווען דער פֿאַל, ווייל איידער מען האָט נאָך דערלעבט צו זען דעם ערשטן שדכן ביי זיך אין שטוב, איז די מוטער קראַנק געוואָרן און אַוועקגעשטאָרבן, און דער פֿאָטער האָט באַלד דערנאָך גענומען אַן אַנדער ווייב, נאָך דעמאָלט האָט אַ ייד מורא געהאַט צו נעכטיקן איין נאַכט אָן אַ ווייב, ווי נאָר מען איז לא לנו אַן אַלמן געוואָרן. מען האָט געמעגט האָבן צען קינדער, ווי עס טרעפֿט נאָך איצט אויך, האָט מען באַלד, אָן אַ ישוב־הדעת, גענומען אַ צווייטע ווייב. אַ פּויער האָט אַ סך מער איבערלייגונג ביים קויפֿן אַ פֿערד, ווי אַ ייד ביים נעמען אַ צווייטע ווייב, וואָס דערמיט פֿאַראומגליקט ער די קינדער פֿון דער ערשטער. זאָל עס ליגן אין אונזער רעליגיע, לאָזט זיך מיר נישט גלויבן, וואָרום אירע דרכים זיינען חסד און רחמים, אַפֿילו איבער אַ נעסט פֿון פֿייגלאַך, היינט ווי לייגט זיך עס אויפֿן זינען, אַז זי זאָל הייסן, מען זאָל די יתומים באַלד אָפּגעבן צו אַ שטיפֿמוטער, וואָס איז אַלעמאָל שלעכט צו זיי? זאָל עס זיין, ווידער, תאוה, לאָזט זיך דאָס אויך נישט גלויבן, ווייל אונזערע יידן זיינען נישט אַזוי שטאַרק להוט נאָך דעם. דעריבער גלויב איך, אַז די סיבה דערפֿון זיינען נאָר די ליידיקגייער, די שדכנים, וואָס האָבן דערביי זייער אינטערעס און פֿירן עס זייער לייכט אויס, ווייל וואָס איז נאָך אַזוי גרינג אויפֿצורעגן, ווי אַן איינגעשלאָפֿענע ליידנשאַפֿט? „יאָ, נעצעפּיי ליכע, קאַלי שפּי“, מען לאָזט זיך לייכט איינריידן, דער טעות איז קורץ, אָבער

די חרטה איז לאַנג, און, באַהיט גאָט, בײַ דעם אַלעם ווערט מען נישט קליגער, צו זיין אָפּגעהיטער בײַ אַ צווייטן פאַל. מען שעמט זיך נישט חתונה צו האָבן מיט אַ מיידל, אַזוי אַז מען האָט שוין בײַ זיך קינדער אין שטוב פון צוויי אָדער פון דריי ווייבער פריער. מען ווערט שוין אַזוי געוויינט צו דעם געפּערלאַכן שריט, אַז מען ברויכט שוין גאָר קיין שדכן נישט, וואָס זאָל צוריידן *). ווען מען באַגייט דריי מאָל אַ חטא, ווערט ער שוין אַ היתר — זאָגן אונזערע חכמים. און דאָס אייגענע איז מיט אַ נאַרישקייט: אַז מען בעגייט זי, ווערט זי שוין אַריינגערעכנט אין דער לעבנסאָרדענונג. דעריבער איז קיין וואונדער נישט, אַז מיר, יידן, זיינען אָרים און אונזערע קינדער זיינען נישט דערצויגן, און שלעפּן זיך נאָך אַרום איבער אַלע שטעט און לענדער, ווייל אַזויארום ווערט יעדן צו-איינג אין זיין שטוב און צו-איינג אין זיין שטאָט. אָבער גענוג דערמיט, מיר זיינען שוין צו ווייט פאַרקראָכן, קערן מיר זיך שוין אום צוריק צו אונזער געשיכטע.

האָט דער פאָטער טאַקי גענומען אַ צווייטע ווייב און טאַקי אַ מיידל, און דער טאָכטער איז געוואָרן אַזוי איינג בײַ איר. פאָטער, אַז זי איז פון אים אָפּגעטרעטן און האָט זיך

*) אַ געוויסער אַלמן, וואָס האָט, נישט פאַר אונז גערעכט, פאַרלאָרן שוין דאָס דריטע ווייב און וואָס האָט פון די אַלע דריי ווייבער געהאַט קליינע קינדער, האָט געוואָלט נעמען אַ פערטע ווייב, אָבער ער האָט זיך דאָך געשעמט פאַר די עלטערע קינדער און פאַר די שדכנים. ער איז שוין נישט געווען יונג און האָט נאָך קוים געדיינקט זיין ערשטע התונה, וואָס איז געווען מיט פערציק יאָר צוריק. האָט ער אָנגעהויבן גנבענען פון שטוב זילבערנע לעפל, לייכטער, פאַנען, פאַרשאַפן אַלץ קליינע הזיקות און דערבײַ פלעגט ער אַליין איבאיינעם שרייען: „געוואַלד, איך ווער בדלות, איך וועל דאָך בלייבן אָן אַ העמד, איך האָב נישט קיין באַלעבאָסטע אין שטוב. וואָס אַ טאָג, אַלץ אַ נייער שאָדן!”. האָט ער אַזוי לאַנג געשריען און געליאַרמט, ביז די קינדער אַליין האָבן אָנגעהויבן צו שרייען: „געוואַלד, נעם אַ ווייב”, האָט ער טאַקי באַלד געפאָלגט און גענומען אַ ווייב, אָבער פאַר לייטן פלעגט ער טענהן, אַז די קינדער האָבן אים געצוואונגען דערצו.

געשטעלט זיינען ביי ר׳ מרדכי טראָצקי. דאָרט האָט זי זיך געפילט אַ סך גליקלאַכער ווי ביי אירע עלטערן, ווייל אין דעמדאָזיקן הויז האָט זי געהאַט גוט צו עסן, גוט צו טרינקען, נישט שלעכט געקליידט; פאָרט עפּיס אַ פריצישער איינפאָר, אַ לאַדאָוויע, האָט מען שוין, נישט-ווילענדיק, געמוזט קליידן אַ דינסט אָנשטענדיק. איצט האָט זי שוין נישט געדאַרפט טראָגן מולטערס מיט ברויט אין די קרעמלאַך און דערצו האָט זי דאָרטן געהאַט אַ גוטע געלעגנהייט זיך אויסצואיידלען, זיך אויסצולערנען ריידן פוילישׁ און צו זיין אַ גוטע באַלע-באָסטע. און אירע באַלעבאַטים זיינען געווען זייער צופרידן פון איר, דען זי איז געווען זייער אַ זויבערע און אַ גרויסע בריה און די אַרבייט האָט ממש געברענט אונטער אירע הענט. זי איז געווען פול אין קעלער, און אין לאַדאָוויע, און אין די צימערן און אין קיך. אומעטום איז געווען איר האַנט און איר אויג. דערצו נאָך איז זי געווען זייער אַ דרייסטע און אַ געזונטע און האָט נישט מורא געהאַט פאַר דעם טייוול אַליין. זי פלעגט מאַנכע שכורים, וואָס האָבן זיך געהאַלטן נישט אַרטיק, אַרויסשליידערן פון שיינק, אַן אַרבעט פאַר אַ פאָר זשאַנדאַרמען, און אויב עס איז נויטיק געווען, פלעגט זי גיין אינמיטן נאַכט אַ גאַנג אויך. איבערהויפּט אָבער האָבן זי די באַלעבאַטים געשעצט און געאַכפערט פאַר איר ערלאַכקייט און גוטע מדות. זי איז אויך נישט געווען קיין נאַשערין און קיין שטיפערין. אין ווילנע איז אַפילו געווען דאָסזעלבע, ווי אַצינד, אין די קליינע שטעטלאַך: אַ מיידל איז נאָר באַליידיקט געוואָרן, ווען זי האָט אַ שטיף געטאָן מיט אַ יידישן בחור אָדער מיט אַ יידישן יונגנמאַן, אָבער נישט מיט אַ קריסט, ווייל די פרנסה ברייגגט עס מיט. האָבן זי טאַקי די באַלעבאַטים זייער געשעצט און געליבט, ווי עלטערן אַן אייגן קינד און זי, ווידער, האָט זיי געדינט מיט לייב און לעבן.

IV.

# דער געוואָנטער גאַנג.

אין יענער צייט האָט אַ גרויסע באַנדע גזלנים זיך אַרומיגעטריבן אין די געדיכטע וועלדער, אַרום ווילנע, אונטער דער אָנפֿירונג פֿון אַ געשיקטן יונג, וואָס האָט געהייסן לאַצינסקי. זיי האָבן אַזוי ווייט אומבאַזיכערט די גאַנצע געגנט, אַז מען האָט געמוזט מיט זיי פֿירן אַ פֿאָרמעלע מלחמה. די באַנדיטן האָבן געוועלטיקט העכער אַ יאָר צייט, דען די אַרומיקע דערפער זיינען געווען פֿאַרבונדן מיט זיי. לסוף איז געלונגען צו פֿאַקן דעם אָנפֿירער און מען האָט אים פֿאַרמשפט צום טויט דורך הייגנען.

האָבן זיך פֿאַרזאַמעלט מאַסן מענטשן פֿון די אַרומיקע שטעטלאַך, דערפֿער און הויפֿן, צו זען, ווי ער ועט געהאָנגען ווערן: אַ טייל, ווייל זיי האָבן זייער שטאַרק געליטן פֿון אים, און אַ טייל פֿון בלויזער נייגעריקייט, דען דערדאָזיקער לאַצינסקי האָט אַליין געשטאַמט פֿון גרויס יחוס, פֿונם אַדל און ער איז באַגאַנגען מאַנכע רציחות נאָך דעמאָלט, ווען ער איז געווען אין דינסט. מיט דריי טעג פֿריער, איידער מען האָט אים געהאָנגען, זייען שוין אַלע גאַסטהייזער געווען פֿאַרנומען פֿון אָנגעפֿאָרענע פּריצים, און ר׳ מרדכי טראָצקיס איינפֿאָרהויז איז ממש געווען פֿול און פּאַק, בפֿרט נאָך אַז פֿאַרביי זיין הויז האָט מען באַדאַרפֿט דורכפֿירן דעם רוצח.

אין שטאָט האָט מען דעמאָלט שטאַרק געלייזט. אין די שיינקען, נאַטירלאַך, באַכמער, ווי אין די קראָמען. דאָס איז

אַפילו געגן דעם יסוד פֿון אונזער אמונה. די חכמים האָבן געזאָגט: כשהאדם שרוי בצער כו׳ מה אומר קלני מראשי קלני מזרועי — דאָס הייסט, אַז גאָט אַליין באַדויערט שטאַרק דעם פֿאַרברעכער, בשעת יענער ווערט באַשטראָפֿט, און דער בורא־עולם האָט אַפֿילו פֿאַרווערט די מלאכים צו זינגען שירה, בשעת די מצרים האָבן זיך געטרונקן אין ים.

די תּליה־צערעמאָניעס זיינען צוגעגאַנגען מיט גרויס פּאָמפּע און פּאַראַד. אַ סך מיליטער און אַ סך גלחים, עס האָבן געקלונגען אַלע גלאָקן, גרויסע דרשות האָט מען געהאַלטן אויפֿן תּליהפּלאַץ און די זאַך האָט זיך געצויגן פֿון צען אינדערפֿרי ביז פֿיר נאָך האַלבן טאָג.

עס איז שוין געווען שפּעט אין הערבסט, און פֿיר אַ זייגער איז שוין געווען רעכט נאַכט. אַ קאַלט און נעבלדיק וועטער איז געלעגן אויף דער שטאָט. עס האָט זיך געדאַכט, אַז באַלד וועט אַרויספֿאַלן אַ נאַסער שניי, וואָס וועט אַדורכנעמען אַלע גלידער. דעריבער איז קיין וואונדער נישט, וואָס גייענדיק פֿון דעם בלוטיקן פּלאַץ, האָט זיך יעדערע געאַיילט אַריינצוכאַפּן אין דעם ערשטן בעסטן שיינקל און זיך דערוואַרימען און דערקוויקן מיט אַ שנעפּסל און פֿאַרבייסונג, אָדער מיט אָנגעוואַרימטן ביר און מעד. און אַזוי ווי ר׳ מרדכי טראָצקיס שיינק איז געווען דער ערשטער נאָכן בראָם, איז דאָרט ממש געווען אַ געדרייניגעניש פֿון מענטשן — הערן און דאַמען, יידן און קריסטן. יהודית האָט געאַרבעט איבער די כוחות, געלאָפֿן אָן אַן אויפֿהער פֿון קיך צו די געסט און פֿון די געסט אין קיך, און דער געדריינג פֿון מענטשן האָט געדויערט ביז גאַנץ שפּעט אין דער נאַכט אַריין. יעדער פֿון די געסט האָט געהאַט וואָס צו דערציילן פֿון דעם געהאָנגענעם אָנפֿירער פֿון די גזלנים. איינער האָט דערציילט, אַז ער איז געפֿאָרן אַ מאָל צוזאַמען מיט אים אין אַ ברישקע, און האָט גאָרנישט געוואוסט, אַז דאָס איז דער רעכטער קאָפּ פֿון די גזלנים. אַן אַנדערער האָט דערציילט, אַז ער האָט געהאַט

דאָס אומגליק באַפאַלן צו ווערן פון זיין באַנדע, אונטערוועגנס, בשעת ער איז געפאָרן מיט זיין פרוי און טאָכטער, אַ מיידל פון אַ יאָר אַכצען, וואָס איז שוין געווען אַ כלה, אויף אַ חתונה. ער האָט זייער בריטשקע פאַרהאַלטן און האָט נאָר אַרויסגענומען די טאָכטער און ווייטער אַ פאָדים נישט גערירט. די טאָכטער האָט דער פאָטער אַרויסבאַקומען ערשט אין אַ האַלב יאָר אַרום פאַר אַ שווער לייזגעלט. יעדער האָט דערציילט עפּיס אַנדערש. דידאָזיקע מעשיות האָט מען אויסגעהערט מיט גרויס אינטערעס און מען האָט געוואַרט מיט גרויס שפּאַנונג, טאָמער וועט עמיצער פאַרציילן עפּיס אַ נייע מעשה פון דעם געהאָנגענעם גזלן.

ערשט אַרום עלף אַ זייגער ביינאַכט, האָט דער עולם גענומען פאַרלאָזן דאָס איינפאָרהויז. אין אַ האַלבע שעה אַרום זיינען דאָרט פאַרבליבן דריי אורחים — פּריצים, וואָס זיינען געווען אַ סך מעהר פאַראינטערעסירט אין לאַצינסקיס טויט, ווי אַלע אַנדערע, ווייל זיי זיינען אַ מאָל געווען זיינע קאָלעגן, ווען ער איז געווען אין דינסט. דידאָזיקע פּריצים האָבן אים שטאַרק בעדויערט, ווייל ער איז געווען אַ יינגערמאַן מיט גרויסע פעהיקייטן, און איז בטבע געווען זייער אַ גוטער מענטש. אַן אומגליקלאַכע ליבע האָט אים פאַרוואַנדלט אין אַ גזלן.

די פּריצים האָבן זיך נאָך לאַנג געוויילט מיט פלעשער קאָוונער ליפּעץ. איינער פון די דריי פאַרשפּעטיקטע געסט האָט עפּטער לאַזשירט ביי ר׳ מרדכין אין גאַסטהויז און איז געווען גוט באַפריינדעט מיט זיינע הויזמענטשן, באַזונדערס מיט יהודיתן, וואָס זי האָט אים זייער גוט באַדינט. ער איז דעריבער געבליבן דער לעצטער אין גאַסטהויז.

אַז זיינע צוויי חברים זיינען אַוועק, האָט ער זיך געכאַפּט, אַז עס פעלט איהם אַ פּאַלאַריס מיט טייערע דאָקומנטן און וועקסלען. ער האָט זיך אַפילו גלייך דערמאָנט, אַז בשעת ער איז געשטאַנען אויפן תליהפּלאַץ, איז אים דער פּאַלאַריס אַרויס-

געפאַלן פון קעשענע און אַריינגעפאַלן אין אַ גריבל, אין עק פון וואַלד. אָבער ער איז געווען אַזוי צומישט, אַז ער האָט פאַרגעסן עס אויפצוהויבן.

איצט, אַז ער האָט באַדאַרפט באַצאָלן פאַר דער משקה, האָט ער זיך געכאַפּט אין זיין שאָדן און האָט גענומען שרייען: „אָ, איך בין אומגליקלאַך, איך בין פאַרלאָרן". אויף זיין געשריי איז אַריינגעלאָפן ר' מרדכי מיט יהודיתן און האָבן אים געפרעגט, וואָס איז אים געשען? האָט ער זיי דערציילט פון זיין אומגליק, און דערביי האָט ער אָנגעבאָטן פופציק גילדן דעמיעניקן, וואָס וועט זיך איינשטעלן און גיין אין וואַלד עס אויפזוכן. עס מוז אָבער גיין אַן אָרנטלאַכער מענטש, ווייל אַן אַנדערער קאָן עס באַהאַלטן ביי זיך און נאָכדעם אָפלייקענען, אַז ער האָט עס געפונען. אין דעם פאַלאַריס ליגן צוויי טויז דוקאַטן, אויסער העכסט וויכטיקע פאַפּירן. מען מוז אָבער גיין וואָס פריער, אַ נישט וועט עס עמיץ געפינען, ווערט עס פאַרפאַלן אויף אייביק.

ר' מרדכי האָט אַפילו גרויס מיטלייד געהאַט מיט דעם אומגליקלאַכן פריץ. אָבער וואו נעמט מען איצט אַזאַ איינעם, וואָס זאָל איינשטעלן זיין לעבן אינמיטן נאַכט, בשעת די שדים האָבן אַזאַ שליטה, און גיין אהין, וואו מען האָט אויפגעהאָנגען אַ מענטשן און וואָס דערדאָזיקער געהאָנגענער הייגט נאָך דאָרט און וואו עס ליגן אַזויפיל קברים פון געהאָנגענע, וואָס אַרום זיי דרייען זיך שטענדיק אַלע נישט-גוטע און בייזע רוחות?

מעשיות פון שדים זיינען דאַן געגאַנגען האַנט ביי האַנט מיט פערשידענע געשיכטעס פון גזלנים און האָבן נאָך זיך נאָכגעשלעפט ספורים פון מכשפים, פון בעלי-שמות, פון בעלי-מופתים, פון גלגולים, אַזוי, אַז דער עולם האָט זיך געוויצלט: „ס'איז נישטאָ אין ליטע קיין שטעטל אָן אַ גלגול, אָן אַ בלבול".

ר' מרדכי איז אָפּהענטיק געוואָרן: ער האָט נישט געהאַט קיין מענטשן, וועלכער זאָל וועלן איינשטעלן זיין לעבן און

גיין אין וואַלד נאָכן פּאַלאַריס. נאָר אָט האָט זיך אָנגערופן די מוטיקע יהודית: „ווען איר גיט מיר דערפאַר פופציק גילדן, גיי איך אַהין און וועל אייך, מיט גאָטס הילף, ברענגען דעם פּאַלאַריס".

ר׳ מרדכין איז קאַלט געוואָרן אין אַלע אברים און ער האָט זי אָנגעקוקט מיט שרעק אין די אויגען, ווי איינער זאָגט: „וואָס רעדסטו? ס'איז דאָך אַן אימה צו הערן וואָס דו רעדסט?...

רופט זי זיך אָן ווידעראַמאָל:

„ליבער באַלעבאָס, איך שרעק מיך נאָר פאַר גאָט. איך בין שוין נישט קיין יונג מיידעלע און פופציק גילדן איז ביי מיר אַ האַלבער נדן".

קורץ דערפון, ר׳ מרדכי און זיין פרוי האָבן איר אָפּ־געשלאָגן, ווי ווייט זיי האָבן נאָר געקאָנט. זי האָט זיי אָבער גאָרנישט געהערט און אַלץ געטענהט דאָס איריקע. דער קריסט איז זייער צופרידן געווען מיט איר אונטערנעמונג. קיין בעסערן שליח, ווי זי, האָט ער גאָר נישט געדאַרפט. ער האָט איר נאָך מוסיף געווען צען גילדן, צוזאַמען מיט אַ ברכה, אַז גאָט זאָל זי שיצן אין וועג.

יהודית האָט אָנגעצונדן אַ לאַמטערנע און זיך געלאָזט אין וועג אַריין. אין דרויסן איז דאַן געווען שטאָקפינסטער. אַ קאַלטער ווינט האָט דורכגעשניטן די לופט. ערגעץ ווייט האָבן הינט געוואָיעט, אַז עס האָט אָנגעכאַפּט ביי דער נשמה. אָבער אונזער יהודית האָט זיך נישט אָפּגעשראָקן און איז מוטיק געגאַנגען איר וועג. דער שטאָטוירער איז אַפילו געווען צוגעמאַכט, אָבער יהודיתן האָט מען אַדורכגעלאָזט, ווייל די טויערוועכטער זיינען געווען אָפטע געסט אין ר׳ מרדכיס שיינקהויז. זיי האָבן איר געעפנט דאָס קליינע פּאָרטקעלע, וואָס דאָס פלעגט מען טאָן בלויז אין אַ דרינגענדיקן פאַל, און די וועכטער האָבן איר אַגב פאַרזיכערט, אַז זיי וועלן זי תיכף אָן שום שוועריקייטן אַריינלאָזן צוריק אין שטאָט אַריין.

איצט איז יהודית געגאַנגען איבערן שליאַך, וואָס האָט געפירט צום תליהפלאַץ, דורך אַ שוואַרצן וואַלד, אָבער גע־גאַנגען אַזוי פעסט און זיכער, ווי מען גייט, אַ שטייגער, אויף אַ חתונה. אַזוי איז זי פאַרבייגעגאַנגען דעם געהאָנגענעם, וואָס דער בייזער ווינט האָט אים אַרומגעוויגט, ווי אַן אומרו פון אַ זייגער, געקאַטשעט אים אַהין און אַהער, ווי ער וואָלט זיך געשפילט און געווילט מיט אים.

נאָר אָט איז יהודית געקומען אין טאָל, ביים עק וואַלד און האָט געפינען דעם פאַלאַריס, וואָס איז געלעגן אויף דעם אייגענעם אָרט, וואו ער איז פאַרלאָרן געגאַנגען. אַ צופרידענע אין אַ פריילאַכע, האָט זי אים אויפגעהויבן, אַריינגעלייגט אים אין איר לעדערנער קעשענע און איז אַוועק צוריק אין שטאָט.

דאָס גיין צוריק אָבער איז שוין געווען אַ סך שווערער, ווי דער וועג אַהער. באַלד ווי זי האָט נאָר געמאַכט עטלאַכע טריט פאָרויס, האָט אַ רויע ווילדע שטימע אַ דונער געטאָן פון אונטער דער תליה:

„ווער איז דאָ? שטיי!”

יהודית האָט זיך, נאַטירלאַך, שטאַרק איבערגעשראָקן, דאָך אָבער האָט זי זיך באַהערשט, האָט אויסגעלאָשן די לאַמטערנע, אַריין טיפער אין וואַלד און זיך דאָרט אַוועק־געלאָזט מיט אַ זייטיק וועגעלע.

דער שרייער איז אייגנטלאַך געווען איינער פון דער באַנדע גזלנים, וואָס איז אינמיטן נאַכט געקומען אויפן תליה־פלאַץ, אַראָפצונעמען דעם באַנדע־אָנפירער פון דער תליה. דערזען דאָס מיידל מיט דער לאַמטערנע אין דער האַנט, האָט ער זי געוואָלט פאַרהאַלטן. אָבער אַז זי איז אַריין טיפער אין וואַלד, איז ער איר נאָכגעלאָפן אינדערפינסטער. דאָס מיידל האָט אָבער געמאַכט שנעלערע טריט, איז געלאָפן פאָרויס מיט איין אָטעם און האָט פלוצלונג באַמערקט אַן אָנגעזאָטלט פערד, וואָס האָט טאַקי געהערט צו איר פאַרפאָלגער. עס איז געווען

פינסטער, אָבער זי האָט זיך געשיקט אַרויסגעכאַפּט אויפן פערד און מיט אַלע כוחות זיך אַ לאָז געטאָן פאָרויס. די צווייגן האָבן איר געשמיסן אין פנים אַריין, אָבער זי האָט זיך גאַנץ ווייניק געקימערט דערפון. באַלד איז זי שוין געווען אין פרייען פעלד, אויפן וועג צו דער שטאָט. דאָס פערד איז געפלויגן ווי אַן אָדלער צווישן הימל און ערד, און אונזער העלדין איז געזעסן אויף אים פעסט, ווי אַ געאיבטער רייטער. דער גזלן איז איר אָבער אַלץ נאָכגעלאָפן מיט אַ ווילד שרייען. ער וואָלט צו איר געוויס געשאָסן, אָבער ער האָט עס נישט געטאָן צוליב צוויי טעמים: ערשטנס, ווייל ער האָט נישט געוואָלט באַאומרוהיקן דערמיט די געגנט, און, צווייטנס, איז געווען זייער פינסטער, אַזוי אַז מען האָט נישט געקאָנט טרעפן אין ציל. יהודית איז אָבער געפלויגן אויף איר פערד ווייטער און ווייטער. מען האָט אָבער נישט געקאָנט אַריינקומען דורכן טויער אין שטאָט אַריין, ווייל עס איז שוין געווען צו-שפּעט: מען וואָלט זי נישט אַריינגעלאָזט מיטן פערד. און דעריבער האָט זי געמאַכט אַ גרויסן אומוועג. זי האָט בעסער געוואָלט אַריינפאָרן אין דער קליינער פאָרשטאָט לוקישאָק.

אין לוקישאָק איז זי צוגעפאָרן צו אַ באַקאַנטן ייד, וואָס האָט זי אויפגענומען זייער פריינטלאַך. ערשט איצט האָט זי זיך אַרומגעזען און האָט געפונען אויפן פערד, הינטערן זאָטל, אַ לייגלאַכן טשעמאָדאַנדל פאַק און פול. זי האָט זיך אָבער נישט דערוועגט עס צו עפענען, איידער זי וועט זיך נישט מעלדן אין דער פאָליציי. זי האָט דאָך קלאָר נישט געוואוסט, ווער עס איז דער אייגנטימער פונם פערד, און אויב ער זאָל זיין אַן ערלאַכער מאַן, קאָן זי נאָך צוגעצויגן ווערן צום געריכט, אַז זי האָט געגנבעט אַ פערד. דאָס האָט זי עטוואָס באַאומרוהיקט.

ביי ר' מרדכין אין שטוב איז מען אויך זייער אומרוהיק געווען. אַפילו דער קריסט האָט שוין חרטה געהאַט אויפן גאַנצן עיסק: טאָמער איז, חלילה, געשען אַ גרויס אומגליק

מיט דעם מיידל. דער הויז-עולם איז אַרומגעגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. דאָך איז די מרה-שחורה צורונען צוזאַמען מיט דער נאַכט, וואָרום באַלד, ווי עס האָט נאָר אָנגעהויבן צו טאָגן און די טויערן זיינען געעפֿנט געוואָרן, איז יהודית אַריין אין שטאָט, און בעת-מעשה געפֿירט דאָס פֿערד פֿאַר אַ לייץ. דאָס פּנים איז איר געווען צוראַצט, דאָס קליידל צופּליקט און באַשפּריצט מיט בלאָטע. זי איז אַריין אין שטאָט צוזאַמען אין דער באַגלייטונג פֿון אַ פּאָר סאָטניקעס, ווייל זי האָט זיך נאָך אַלץ געשראָקן פֿאַרן נאָכיאָגער. זי איז אַריין אין שטוב, און האָט אָפּגעגעבן דעם קריסט זיין פּאַלאַריס און נאָכדעם פֿאַרציילט די שטובמענטשן אַלץ, וואָס מיט איר האָט פּאַסירט. דער עולם האָט ממש געגאַפֿט פֿון איר איינשטעלעניש און העלדישקייט, און דער קריסט אַליין איז אַוועק מיט איר אין דער פּאָליציי אַלס עדות, אַז ער קאָן זי פֿאַר זייער אַן ערלאַך מיידל. אין דער פּאָליציי האָט מען געעפֿנט דעם טשעמאָדאַן, און דעמאָלט האָט מען אַרויסגעפֿונען גענוג ראיות, אַז דער אייגנטיטער פֿון אים איז טאַקי אַ גזלן: מען האָט געפֿונען עטלאַכע, קענטיק, נישט לאַנג אָפּגעהאַקטע דאַמענפֿינגער מיט טייערע רינגען, דאָסגלייכן פֿריש-אָפּגעשוירענע אויערן מיט טייערע אוירענגלאַך, אַ דאַמען-מאַנטל מיט אַ דאַמען-זייגער און דערצו נאָך פֿיל אַנדערע טייערע זאַכן צוזאַמען מיט אַ סומע דוקאַטן. אַמוויכטיקסטן איז אָבער געווען די רשימה, וואָס מען האָט געפֿונען אין טשעמאָדאַן. פֿון דערדאָזיקער רשימה האָט מען געקאָנט זען, אַז די באַנדע גזלנים האָט אַרויסגעטיילט געלט מאַנכע פּויערים און שלאַכטעס, וואָס זיינען געווען אין בונד מיט זיי, האָבן זיי איינגעקויפֿט בליי און פּולווער און האָבן זיי אָנגעוויזן די ערטער, וועלכע מען זאָל איבערפֿאַלן און דעסגלייכן. פֿאַר דערדאָזיקער רשימה, וואָס האט געהאַט אַזאַ וויכטיקע באַדייטונג פֿאַר דער פּאָליציי, האָט די לעצטע אַוועקגעגעבן יהודיתן דאָס פֿערד און דאָס געלט, און מאַנכע טייערע זאַכן, וואָס מען האָט געפֿונען אין טשעמאָדאַן. אויסערדעם, האָט

זי אויך באַקומען אַ לויבפּאַפּיר פֿון גובערנאַטאָר. אַזויאַרום איז איר נאָמען באַרימט געוואָרן אין שטאָט און אין דער גאַנצער סביבה. איז עמיץ אַ נישט-היגער געקומען קיין ווילנע, איז ער קודם פֿאַרפֿאָרן אין ר׳ מרדכ̃יס איינפֿאָרהויז: ער האָט געוואָלט זען דאָס דרייסטע העלדישע מיידל...

יהודית האָט שוין איצט געהאַט אַ פֿיין פֿאַרמעגן, דאָך איז זי פֿאַרבליבן אין ר׳ מרדכיס הויז סאַמע ביז איר חתונה. יעדן נייעם גאַסט האָט זי געמוזט באַריכ̃ות, פֿון אָנהויב ביזן סוף, פֿאַרציילן, וואָס מיט איר איז געשען, און ר׳ מרדכ̃י האָט געמאַכ̃ט גאָלדענע געשעפֿטן.

# V.

## דער גאַסט.

אין אַ פּאָר וואָכֿן אַרום, נאָך דערדאָזיקער מעשה, איז פֿאַרפֿאָרען צו ר׳ מרדכֿין אַ פּוילישער פּריץ. אַלע נומערן זיינען אָבער געווען פֿאַרנומען, האָט ער דעם גאַסט אויפֿגענומען ביי זיך, ווייל עס איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכֿט און דער גאַסט האָט נישט געקאָנט גיין זוכֿן עפּיס אַן אַנדער איינפֿאָרהויז. דער פּריץ איז געווען אַ מענטש פֿון מיטעלע יאָרן, מיט אַ שיינעם אויסזען, אַ הויכֿן וואוקס, מיט זייער אַ פֿריינטלאַכֿער באַנעמונג און פֿיינע מאַנירן. ער איז געקומען אַליין, אָן אַ דינער, מיט אַ יידישן בעל־עגלה, און געזאָגט האָט ער, אַז ער מוז פֿאַרברייננגן אין שטאָט אַ פּאָר וואָכֿן. באַלד ווי ער האָט זיך דאָרט עטוואָס צורעכֿט געמאַכֿט און אַראָפּגעצויגן פֿון זיך זיין אויבערמאַנטל, האָט ער אָנגעשטאָפּט זיין לולקע מיט טאַבאַק, פֿאַררויכֿערט און זיך אַנידערגעזעצט ביים שיינק-טיש, וואו עס זיינען געזעסן נאָך עטלאַכֿע פּריצים. ער האָט זיך געהייסן געבן אַ קוואָרט אָנגעוואַרימטע מעד און האָט זיך אריינגעלאָזט אין אַ שמועס מיט די איבעריקע געסט, וואָס זיינען אויך געווען דורכֿפֿאָרער, ווי ער, אָבער איינגעשטאַנען זיינען זיי ערגעץ אַנדערש און זיינען נאָר געקומען אַהער טרינקען און אַגב כֿאַפּן אַ קוק אויף יהודיתן, מיט וועלכֿער עס האָט געקלונגען כּמעט אין גאַנץ ליטע. פֿון אַנהויב האָט מען, נאַטירלאַך, געשמועסט פֿון וועטער, שפּעטער אָבער האָט מען אָנגעהויבן ריידן פֿון פּאָליטיק. צום סוף איז מען אַרויפֿגעקומען אויף דער אויסטערלישער געשיכֿטע מיט יהודיתן, וואָס האָט זיי דעמאָלט סערווירט דעם טיש.

„אַט דאָס מיידל, — האָט זיך אָפּגערופֿען איינער פֿון די געסט, — איז באַרימט און אונזער געגנט".

און דערדאָזיקער האָט פֿאַרציילט פֿאַר דעם נייעם גאַסט די גאַנצע געשיכטע, ווי אַזוי זי האָט זיך איינגעשטעלט צו גיין אַליין צוועלף בייגאַכט אויפֿן תּליהפּלאַץ און ווי אַזוי זי איז געקומען צוריק רייטנדיק אויף אַ פֿערד און אַזוי ווייטער. דידאָזיקע געשיכטע האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם אויף דעם נייעם גאַסט. ער האָט זיך נישט געקאָנט באַרוהיקן און האָט זיך אָנגערופֿן צו יהודיתן:

„ווען די יידן וואָלטן זיך געפֿינען אין בעסערע אומ-שטענדן (דאָס הייסט, ווען זיי וואָלטן געהאַט אַן אייגן לאַנד), וואָלט אַזאַ מיידל געקאָנט זיין אַ צווייטע יהודית, וואָס וואָלט, אַזוי ווי יענע, געקאָנט מציל זיין איר פֿאָלק פֿון דער האַנט פֿון אַ באַדריקער. ווען איך זאָל זיין אַ מזרח-אינדיער — האָט ער זיך צעלאַכט — וואָס גלויבט אין נשמה-וואַנדערונגען, וואָלט איך געגלויבט, אַז דו ביזט אַ גלגול פֿון יענער יהודית..."

דער געשפּרעך, וואָס יהודית האָט אים בלויז אויבער-פֿלעכלאַך אויסגעהערט, האָט געדויערט ביז האַלבע נאַכט. די געסט זיינען אַוועקגעגאַנגען און ביים טיש איז פֿאַרליבן בלויז דער אומבאַקאַנטער גאַסט מיט דער לולקע אין מויל. ער האָט צו-גערופֿן יהודיתן צו זיך, האָט זי געבעטן זיצן, און איר געזאָגט, אַז זי איז זייער שיין, אויפֿריכטיק און ליב, און, אַז זי פֿאַרדינט צו באַקומען אַן אָרענטלאַכן חתן. קורץ דערפֿון, אַזעלכע ווערטער, וואָס גליטשן זיך זאַנפֿט אַריין אין דער טיפֿעניש פֿון אַ האַרץ, וואָס געהערט אַפֿילו צו דער קלוגסטער מיידל, „איך בין, — האָט ער זיך אָנגערופֿן צו איר, — אַ ראָ-מאַנען-שרייבער, אַ שריפֿטשטעלער. איך וויל דיין געשיכטע באַשרייבן און דיין נאָמען פֿאַראייביקן און דאָס וועט דיר זייער נוצן אין דיין לעבן".

האָט אים יהודית ווידעראַמאָל אַלץ פֿון אָנהויב פֿאַרציילט, גאַנץ בתמימות און דערביי געזאָגט, אַז זי באַזיצט איצט

אַ גרויסע עשירות און האָפּט אײנגיכן חתונה צו האָבן.

„און איך װינטש דיר גליק, — האָט זיך אָפּגערופֿן דער גאַסט, — װײל דו פֿאַרדינסט עס אין דער פֿולער מאָס. אויב איך װעל דאָ זײן ביז דײן חתונה, װעל איך דיר שײנקען חתונה־מתנות און װעל טאַנצן אַ קראַקאָװיאַק“.

האָט אים יהודית געענטפֿערט דערויף: „און איך דאַנק אײך שוין פֿאָרויס דערפֿאַר און װעל אײך אויפֿנעמען פֿאַר אַ גוטן גאַסט“.

און דער גאַסט מאַכט װײטער צו איר:

„איך בין מקנא יענעם יונגנמאַן, װאָס װעט דיך באַקומען פֿאַר אַ פֿרוי. איך װאָלט אמװײניקסטן געװאָלט האָבן דאָס גליק צו זען דעם גליקלאַכן און צו זאָגן אים, אַז ער זאָל װיסן װי דיך צו שעצן, װײל דו פֿאַרדינסט עס. דו ביזט רײך און דאָך אַרבעטסטו נאָך אויף דײן פֿריערדיקן אָרט. דאָס געפֿעלט מיר זײער. איך האָב, אַ שטײגער, געזען אַן אָרימען בלעכער, װאָס האָט געװאוינען אויף דער לאָטעריע פֿערציקטויזנט גילדן, האָט ער תּיכף־ומיד אַרויסגעװאָרפֿן זײנע געצײג דורך דעם פֿענסטער און האָט געמאַכט אַן אַנשטעל פֿון אַן עושר. ער האָט אָבער אַזוי שלעכט אויסגעשפּילט זײן ראָל, אַז ער האָט צופּטרט זײן געלט און האָט נאָכדעם נישט געהאַט מיט װאָס צו קויפֿן געצײג, צו װערן װידער אַ בלעכער...“

בײ די לעצטע װערטער האָט ער אַרויסגענומען דעם זײגער, אַ קוק געטאָן דערויף און געזאָגט:

„יאָ, ס'איז שוין באַלד האַלב אײנס, שוין צײט צו גײן שלאָפֿן, איך װאָלט אָבער געװאָלט טרינקען אַ ביסל אַלטן ליפּעץ. נאָר װי אַזוי װעסטו איצט גײן אין קעלער? אפֿשר האָסטו װעמען צו שיקן?“

יהודית האָט אים ערנסט געענטפֿערט דערויף:

„נישט לאַנג האָט איר מיך געלויבט פֿאַר מײן מוט, און איצט טראַכט איר גאָר אַנדערש װעגן מיר. איך באַדאַרף מיך, הײסט עס, שרעקן צו גײן קעלער? נײן, מײן הער, איך

וועל אייך באַלד ברייגנען ליפעץ... איך קאָן אַליין גיין אין קעלער...״

יהודית האָט גענומען אַ ליכֿט און איז אַרויס דורכֿן הויף אין קעלער. באַלד אָבֿער ווי זי איז צוגעגאַנגען צו אַ פֿאַס און גענומען צאַפּן דאָס מעד אין קוואָרט, האָט זי דערהערט שווערע טריט אויף די קעלער־טרעפּ. יענער איז, קענטיק, נישט באַקאַנט געווען מיט די געדרייטע טרעפּ און האָט ווײַלעווייז זיך צוגעשטעלט. דאָך האָט ער זיך שטאַרק דערנענט, און אָט האָט יהודית דערזען אַ קרעפּטיקן מאַן מיט אַ בלאַנקן מעסער אין האַנט.

דאָס איז געווען דער אייגענער גאַסט, וואָס איז געווען אַזוי ליבֿ צו איר און וואָס האָט זיך אָנגעגעבֿן פֿאַר אַ ראָמאַנען־שרייבֿער. באַלד האָט זי דערהערט זיין רויע שטימע:

„איך האָבֿ דיך פֿאָרט געפּאַקט! דו האָסט מיר יצוגענומען מיין פֿערד מיט אַ גרויסן פֿאַרמעגן, דו האָסט אַלע מיינע חברים איבערגעגעבֿן אין די הענט פֿון דער פּאָליציי. איצט וועסטו זיך, נאַטירלאַך, באַצאָלן פֿאַר אַלץ״...

נו, מיין טייערע לעזערין, איך ווייס ווי באַנג און איינגעסטלאַך עס וועט דיר זיין צו מוט און ווי געשפּאַנט ס׳וועט זיין דיין דערוואַרטונג, ווען איך וועל מיט דיר אין דערדאָזיקער קריטישער מינוט אָנהויבֿן ריידן עפּיס אַנדערש און כֿ׳וועל לאָזן אונזער ליבֿע יהודית שוועבֿן דערווייל אין אַ גרויסער סכּנה. דאָך מוז איך עס נויטווענדיק טאָן, צוליבֿ מיין דערציילונג. איך מוז דיך פֿריער באַקאַנט מאַכֿן מיטן קעלער, וואָס איז איצט געוואָרן דער פּלאַץ פֿון דערדאָזיקער בלוטיקע סצענע.

דער קעלער איז געווען זייער אַ גרויסער און אַ הויכֿער, אָבֿער גענוג טיף אין דער ערד. זיין באַלקן האָט זיך געשטיצט אויף אַ פּאָר פֿירקאַנטיקע זיילן, און דער קעלער איז, אַלזאָ, באַשטאַנען פֿון עטלאַכֿע אָפּטיילונגען, וואָס האָבֿן זיך פֿאַרלאָרן אין איינאַנדער. ער האָט געהאַט קליינינקע פֿענסטערלאַך,

באַלייגט מיט שטאַרקע אייזערנע קראַטעס. אומעטום זיינען געלעגן פֿעסער, קאַסטנס פֿון משקה, פֿרוכֿטן און טונען אוגערקעס, כּלים מיט קרויט, בוראַקעס, קאַרטאָפֿל, קרוטשקע, צובראָכֿענע ליאַקעס, פֿלעשלאַך אַלטע, אָפּגעשפּרונגענע רייפֿן און צושאָטענע פֿעסלאַך; אַלץ איז דאָרט געלעגן אין דער גרעסטער אומאָרדנונג, צעוואָרפֿן און צעשליידערט. אַן אמתער לאַבירינט פֿון ווינקעלאַך און שטעגעלאַך, אַזוי אַז אַן אומבאַקאַנטער האָט זיך דאָרט געקענט לייכֿט פֿאַרלירן אינדערפֿינסטער און ברעכֿן האַלז און אַקן. יהודית אָבער איז שוין קלאָר געווען אין אַלע ביי־גונגען און שטעגעלאַך, ווי אַ גוטער געאָגראַף אין דער מאַפּע.

נו, מיין טייערע לעזערין, איצט, אַז מיר האָבן דיר שוין באַשריבן דעם קעלער, קאָנען מיר זיך אומקערען צו אונזער דערציילונג.

קוים האָט דער באַנדיט געענדיגט זיין לעצט וואָרט און האָט אָנגעהויבן צוטרעטן צו איר מיטן מעסער אין דער האַנט, האָט יהודית, וואָס האָט נישט פֿאַרלוירן איר שכל און מוט, אַליין אין דער קריטישער מינוט אויסגעלאָשן דאָס ליכֿט און האָט זיך פֿאַרשטעקט הינטער אַ גרויסן פֿאַס. דער באַנדיט האָט איר נאָכֿגעוואָרפֿן דאָס מעסער, וואָס איז געבליבן שטעקן אין אַ פֿאַס. דעמאָלט האָט ער אָנגעהויבן אומצוקערן די פֿעסער און טאַפּן אין אַלע זייטן. זי אָבער, וואָס איז געווען זייער געניט אין קעלער, איז איבערגעלאָפֿן אין אַ צווייטן ווינקל. ער, ווידער — נאָך איר, אָבער ווייל־עווייז פֿאַלט ער אַריין אין אַ גרוב פֿון דער פֿייכֿטער קעלערערד און ביז ער הויבט זיך אויף אויף די פֿיס, האָט זי שוין גענוג צייט צו מאַכֿן אַ שפּרונג אין אַן אַנדער ווינקל. דאָ האָט ער אָנגעטראָפֿן אויפֿן עק פֿון אַ אָפּגעשפּרונגענעם רייף, וואָס דער אַנדערער עק האָט זיך אים אַריינגעהאַקט אין פּנים אַריין. דאָ איז ער אַריינגעפֿאַלן אין אַ קאַסטן, און דאָ האָט ער אָנגעטראָפֿן אויף אַ קופּע צובראָכֿענע פֿלעשער און האָט זיך גוט צוקאַלענדטשעט. ער האָט געפֿלוכֿט און געשאָלטן און געקריצט מיט די ציין און געשרימט,

ווי אַ צורייצטע ווילדע חיה, און האָט איר אַלץ געסטראַשעט, אַז ער וועט זי צורייסן ווי אַ הערינג, און זי האָט אים צוגעשיקט אַ פֿריילאַך געלעכֿטערל, ווייל זי האָט זיך שוין אַרויפֿגעכֿאַפּט אויף די טרעפּ פֿון קעלער. אַרויף אויפֿן לעצטן טרעפּל אינדערהויך, סאַמע ביי דער טיר, האָט זי זיך נאָך לוסטיק געמאַכֿט איבער אים און האָט אים פֿון ווייטן צוגעוואָרפֿען:

„אַ גוטע נאַכֿט, פֿאַניע באַנדיט, איך וועל אייך באַלד ברייננגען פֿייער, איר זאָלט וויסן, וואו איר זייט אין דער וועלט... און נאָכֿדעם וועט מען אייך שוין אַרויספֿירן פֿונדאַנען...”

מיט דידאָזיקע ווערטער איז זי אַרויס פֿון קעלער אויפֿן הויף און פֿאַרשלאָסן די טיר הינטער זיך. אַריין אין שטוב, האָט זי געמאַכֿט אַ לאַרם. אַלע הויזמענטשן און אַלע געסט האָבן זיך אויפֿגעכֿאַפּט נישט-טויט, נישט-לעבעדיק. אַ טייל האָבן זיך באַוואָפֿנט, אַ טייל איז געלאָפֿן נאָך דער פּאָליציי. באַלד זיינען געקומען דרייסיק זעלנער מיט געלאָדענעם געווער, מיט אַ פּויק און מיט אַן אָפֿיציר. מען האָט אַטאַקירט דעם קעלער, רעווידירט אַלע שפּייכלערס און בוידעמער, אפֿשר ליגן דאָרטן פֿאַרשטעקט אַנדערע באַנדיטן. מען האָט אויך אַרומגעזוכֿט זיין קליין פּעקל, וואו מען האָט בלויז געפֿונען פֿייכֿט מאָך. אין זיין אַלטן אויבערמאַנטל האָט מען געפֿונען אַ רייך טאַבאַק-בייטעלע, אויף וועלכֿן עס איז געווען אויסגעהאַפֿט דער נאָמען פֿון אַ גוטבעזיצער, וואָס איז זייט עטלאַכֿע טעג פֿאַרפֿאַלן געוואָרן.

יהודיתן האָט מען זייער געגנוי אויסגעפֿרעגט און זי האָט דערציילט אַלץ, וואָס מיט איר האָט פּאַסירט, און אַז מען איז שוין געווען זיכֿער, אַז דער כֿלומרשטער גאַסט איז באמת אַ באַנדיט און ליגט איצט איינגעשלאָסן אין קעלער, האָט מען נישט געוואוסט וויאַזוי מען זאָל צוטרעטן צו אים. וועט מען זיך לאָזן גלייך צו אים אין קעלער, קאָן עס אַמאָל קאָסטן

אַ מענטשנס לעבן. זאָל מען איהם דאָרטן לאָזן הונגערן ביז ער וועט בלייבן אָן קרעפטן, איז עס אויך געווען אַ שווערע זאַך, ווייל ער האָט דאָרט געהאַט גענוג וואָס צו עסן און צו טרינקען. אין קעלער האָט זיך שטענדיק געפונען פון אַלעם גוטן.

לאַנג האָט מען געקלערט, ביז עס איז געבליבן, אַז מען זאָל אין דעם קעלער אָנלאָזן אַ גרויסן רויך ביז צום דער־שטיקט ווערן און דאַן עפענען די טיר. אָט דאָס מיטל איז ווירקלאַך געלונגען. מען האָט געוואַרט ביז טאָג און דאַן האָט מען זייער גוט אָנגעווענדט דאָסדאָזיקע מיטל. דער קעלער האָט אים אויסגעשפייט פון זיך, ווי ער גייט און שטייט, און מען האָט אים אויפגענומען פאַר אַ העכסט גוטן גאַסט. ער האָט זיך נישט געוועהרט ווייל, ערשטנס, ער איז שוין געווען האַלב טויט פון רויך און, צווייטנס, ווייל ער האָט געזען, אַז עס צילן צום אים דרייסיק ביקסן. ער האָט זיך אונטערגעגעבן און ביי דער אויספאָרשונג האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיין כונה איז געווען נאָר צו דערהרגענען יהודיתן און צו מאַכן דערביי מאַנכע נויטיקע איינקויפן אין שטאָט. מען האָט אים אויך אויסגעפרעגט וועגן די איבעריקע באַנדיטן, וואו זיי געפינען זיך און אַז. וו.

דער שטאָטראַט, וואָס האָט געוואָלט דאָס שיינע געזינטל אויסראָטן פון גרונט, נישט פאַרלירנדיק דערביי קיין איינעם פון אירע שטאָט־זעלנער איז איינגעפאַלן אויף אַ המצאה: ער האָט פאַרשפּראָכן דעם רוצח, צו שיינקען אים דאָס לעבן, אויב ער וועט טאָן, וואָס מען וועט פון אים פאַרלאַנגען. און דער פאַרלאַנג איז געווען, ער זאָל שרייבן אַ בריוו צו זיין באַנדע, וואָס ער איז דערווייל געווען איר אָנפירער, אָנשטאָט דעם געהאָנגענעם באַנדיט, אַז ער האָט זיך דערוואוסט, אַז ביי ר' מרדכין אין איינפאָרהויז געפינען זיך איינזיקע געסט, וואָס האָבן ביי זיך גרויסע קאַפּיטאַלן, און אַז אויך דער מרדכי אַליין איז אַ מענטש מיט אַ גרויסן פאַרמעגן. אַלזאָ, זאָלן זיי

אַלע קומען צו אים פֿאַרקלײדט פֿאַר פּריצים־דורכפֿאָרער און מען וועט אַלץ צורייבן און צושלעפּן אויף דעם בעסטן אופן.
דער באַנדיט האָט זיך געלאָזט איינריידן און האָט אָנגעשריבן אַ בריוו, און דער שטאַטראַט האָט עס אָפּגעשיקט צו די רוצחים דורך אַ גאַנץ קלוגן שפּיאָן, וואָס איז געווען פֿאַרקלײדט פֿאַר אַ יונגער פויער, ווי איינער פֿון יענע פויערמ־לאַך, מיט וועלכע די באַנדיטן פֿלעגן זיך עפּטער באַדינען פֿאַר אַ גוטער באַלוינונג.
דערהאַלטן דעם בריוו, איז די באַנדע, וואָס איז באַשטאַנען פֿון אַ צוואַנציק פֿאַרשוין, געקומען אויפֿן באַפֿעל פֿון דעם אָנפֿירער. זיי זיינען געווען אָנגעטאָן, ווי פּריצים־דורכפֿאָרער און אין אָוונט האָבן זיי איבערגעטראָטן די שוועל פֿון ר׳ מרדכיס איינפֿאָרהויז און דאָרט האָט מען זיי פֿערהאַלטן ביז איינעם. אויף די אויספֿאָרשונגען האָט מען אַרויסגעקריגן ביי זיי, וואו עס געפֿינט זיך זייער נעסט, און דאָרט, אין דעמדאָזיקן נעסט, האָט מען געפֿונען קאָסטבאַרע זאַכן, גרויסע געלט־סומעס, זייער פֿיל טייערע קליידער, טייערע פֿערד, טייער געווער. אַ גרויסן טייל דערפֿון האָט מען אָפּגעגעבן יהודיתן, וואָס האָט אויך באַקומען דאָס רעכט צו וואוינען אין די קריסטלאַכע גאַסן.
צולעצט האָט זי חתונה געהאַט מיט אַ פֿיינעם בחור, וואָס האָט געקענט לערנען און איז געווען אַ זון פֿון אַ גרויסן בעל־הבית. זי האָט זיך באַלד דערויף באַזעצט אַראָפּ ברייטער גאַס און האָט געעפֿנט אַ גרויס געשעפֿט. ביי איר אין געשעפֿט פֿלעגן פֿאַרקערן די גרעסטע האַרן און שררות. אין דער קריסטלאַכער וועלט האָט מען זי גערופֿן די „באָהאַטירקע“, די העלדין.
זי האָט געלעבט זייער גליקלאַך מיט איר מאַן און האָט דערלעבט מיט אים זייער לייטעשע קינדער. זי האָט געטיילט אַ סך צדקה און איז זיך לייטזעליק באַגאַנגען מיט מענטשן. און ווייל זי איז געווען זייער געאַכפּערט און געשעצט ביי

די גרעסטע מאַגנאַטן, איז זי זייער אָפֿט געווען אַ גוטע בעטערין פֿאַר כלל-זאַכֿן און פֿאַר יחידישע זאַכֿן. אַמפֿיינסטן האָט זי זיך אויסגעצייכֿנט אין באַהאַנדלען אירע דינסטן, ווייל זי האָט קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן, אַז זי אַליין האָט אַ מאָל געדינט, און דעריבער האָט זי געוואוסט, ווי אַזוי עס לעבט זיך אַ יידישער דינסט.

זי האָט זייער שטאַרק מאריך ימים געווען און האָט פֿאַרלעבט אירע יאָרן אין נחת און אין עושר און האָט געזען נחמה אויף אירע קינדער, און האָט זייער פֿול גוטס געטאָן די קינדער פֿון ר׳ מרדכי, ווייל זיי זיינען אָרים געוואָרן.

זי האָט זיך קיינמאָל נישט געשעמט צו זאָגען, אַז זי האָט אַמאָל ביי זיי געדינט, ווייל זי איז געבליבן אַ באַשיידענער מענטש ביזן לעצטן טאָג. זי קאָן דינען אַלס ביישפיל פֿאַר יעדן אויפֿגעקומענעם מענטשן, ער זאָל זיך נישט פֿאַרגעסן, וואָס ער איז אַמאָל געווען.

נו, לעב וואויל, מיין טייערע לעזערין, איך האָב שוין געענדיקט מיין דערציילונג. אפֿשר (ווען גאָט וועט וועלן) וועלן מיר זיך ווידער זען ביי אַן אַנדערער דערציילונג. אַדיע!

# ר' שמאַ'ע גוט־יום־טוב־בעטער

I.

# ר׳ שמאַיע גוט-יום-טוב-בעטערס אָנקומען קיין ווילנע.

ווילנע איז אַן איידעלע, ערלאַכע שטאָט פון אייביק אָן. אירע מענטשן זיינען פון דער נאַטור גוטהאַרציק, שטיל און פרידלאַך. זיינען אויך זייער שיין געוואַקסן און געניגט צו בילדונג. און ווען ס׳וואָלטן נישט געקומען עפּטער צו איר פאַרשיידענע שלעפּערס און בעטלער און טונקעלע פאַרשווינען פון אַנדערע שטעט, וואָלט זי שוין געקענט זיין באמת גליקלאַכער, ווי איצט. אירע צדקות אָבער און איר גוטמוטיקייט ציט-צו זיך צו טויזנטער שנאָרערס און לײדיקגייערס, וואָס פאַרשטייען זייער גוט, ווי אַזוי צו מאַכן געשעפטן פון זייער פרומקייט. עס פאַרשטייט זיך, אַז יעדערער פון זיי ברייגגט מיט זיך זיינע נאַרישקייטן און פאַלשקייטן און פאַרדאַרבט אַזויאַרום אונזער ווילנע גאָר אָן אַ שיעור. איינער פון די אומגערופענע געסט, וואָס האָט זיך געמאַכט אַשם אין ווילנע, איז געווען פריער יעקעלע גאָלדשלעגער און דערנאָך ר׳ שמאַיע אַליטער, דער גוט-יום-טוב-בעטער.

איינמאָל האָט מען געזען ווי אַ וואַסילעשקער פור, פול געפּאַקט מיט אייער, האָט אַריינגעפירט קיין ווילנע אַ בעל-תפילה מיט אַ זינגערל. אָט דאָס זינגערל איז טאַקי געווען אונזער ר׳ שמאַיע גוט-יום-טוב-בעטער. און אַזעלכע טראַנספּאָרטן געשעען גאַנץ אָפט אין ווילנע. אויף יעדער וואַסילעשקער

אָדער איישישאָקער פֿור אייער, וואָס קומט אָן אין אונזער שטאָט, זיצט אַ בעל-תּפילה, אַ זינגערל, אַ דינסטמיידל און דער וואָגן אייער מיט די מענטשן, וואָס זיצן אויף אים, האָבן דעמ־זעלבן סוף, וואָס די וועגנס טיטון, וואָס עס ברייגגען די פֿורלייט אָדער די פּינטשוקעס פֿון פּאַלעסיע קיין ווילנע. דעם טיטון קויפֿן אָפּ די טאַבאַקקרעמער. די אָקסן, וואָס זיינען איינגעשפּאַנט אין די וועגנס, קויפֿן-אָפּ די קצבים און די וועגנס אַליין קויפֿן אָפּ די רעדערניקעס. עס קערט זיך מער נישט אום ווי דער פֿורמאַן אַליין. אַזוי איז אויך דער סוף מיטן וואָגן אייער. די אייער קויפֿן אָפּ די מאַרק-ווייבער, דער בעל-תּפילה דאַוונט-אָפּ ימים-נוראים, בלייבט ער אין ווילנע אַ מלמד, זיין זינגערל בלייבט אַן אָרים-בחור, די דינסמיידל ווערט אַן אַם און דער־נאָך אַ בעל-אַכסניאַטע. עס קערט זיך מער נישט אום ווי דער פֿורמאַן אַליין. און אַזוי איז שמאַיקע אויך געבליבן ביי אונז נאָך ימים-טובים אַן אָרים-בחור אין דעמזעלבן קלויז, וואו ער האָט באַקומען חן ביי דעם שמש, וואָס אים האָט אַמאָל אויך פֿאַרשלעפּט אַהער אַ וואָגן אייער. ער איז געוואָרן אַ שטיקל מתמיד און אַ שטיקל פֿרומאַק. ער פֿלעגט אָפּהיטן אי מקוה, אי חצות. אויך פֿלעגט ער אָפּט בלעטערן דעם זוהר און האָט אָנגעהויבן צו גילטן ביסלאַכווייז פֿאַר אַ הייליקן און מען האָט אים אָנגעהויבן צו רופֿן ר' שמאַיע. און ער וואָלט געשטיגן ווער ווייס ווי ווייט, ווען עס וואָלט אים נישט געטראָפֿן דאָס אומגליק מיט דעם פּריצייטיקן גוט-יום-טוב-בעטן.

## II.

# דאָס אומגליקלאַכע גוט-יום-טוב-בעטן.

ס'איז די שולד פון די אָרימע בחורים, אַז זיי זאָלן ביי זייערע באַלעבאַטים, וואו זיי עסן טעג און בפרט שבתים און ימים-טובים, צודעקן די סוכה פאַר סוכות, איינפלעכטן דעם הדס, אָפּהיטן צו ברייגען דעם אתרוג אין שול צו הקפות. ערשטנס, ווייל אַזעלכע זאַכן זיינען גלאַט שייך צו אַ קלויזניק, אַזוי ווי ביי די פוילישע מאַגנאַטן איז געווען אַ מנהג, אַז נאָר אַ טערק זאָל אים דערלאַנגען די לולקע מיט טאַבאַק, און, צווייטנס, גלאַט ווייל זיי זיינען שטענדיק אין קלויז און לערנען, פלעגן זיי שוין דורכקוקן אַ פּאָר טעג פאַר סוכות די הלכות סוכה און פלעגן עס וויסן צו מאַכן, ווי געהעריג. נו, פאַרשטייט זיך, אַז אונזער ר' שמאַיע האָט אויך צוגעדעקט די סוכה ביי דעמדאָזיקן, וואו ער האָט געגעסן ימים-טובים. דער בעל-הבית איז געווען אַ בעל-חצר, דאָס הייסט, ער האָט געהאַט אייגענע הייזער און פלעגט מאַכן אַ סוכה פון זיין דריטער שטוב.

אַזוי ווייט איז געווען אונזער ר' שמאַיעס אַרבעט. איז ער אַרויפגעקראָכן אויפן בוידעם, האָט ער דאָרט דערשפּירט, אַז אויפן צווייטן בוידעם ליגן עפּל וואָס געהערן צו אַן עפּל-טרעגער. האָט ער זיך נישט געפוילט און טועם-געווען פון זיי. און געשמאַקע עפּל, גאָר אומזיסט, און בפרט נאָך פרעמדע, האָבן עפּיס צו זאָגן. אַפילו אָדם הראשון האָט זיך געלאָזט

פֿאַרפֿירן דורך דעם עץ־הדעת, אַ פּשיטא שוין אונזער שמאַיע

פֿון דעמאָלט־אָן האָט אונזער שמאַיע אָנגעהויבן שטאַרק באַזוכן דעם בוידעם פֿון דער סוכּה אַלעמאָל מיט אַן אַנדער אויסרייד. דאָ וויל ער פֿאַריכטן דעם סכך, דאָ וויל ער אַרומזען די דעכלאַך. דאַן פֿלעגט ער אַריינשפּאַצירן אין דעם אַנדערן בוידעם, וואו ער פֿלעגט אָנשטאָפּן די קעשענעס מיט עפּל און פֿלעגט זיך שטילערהייט אַראָפּגיין און די בעלי־בתּים פֿלעגן אים נאָך באַדאַנקען דערפֿאַר, וואָס ער זאָרגט אַזוי פֿאַר דער סוכּה. באַזונדערס האָט עס אים געלונגען עטלאַכע מאָל אין די דריי־פֿיר טעג צווישן יום־כּפּור און סוכּות.

צו דעמדאָזיקן גליק אָבער האָט גענומען אַ סוף אין דעם ערשטן טאָג יום־טוב. ער האָט אין דעם טאָג געדאַוונט האַלב וותיקין, כּדי ער זאָל נישט פֿאַרשפּעטיקן מיט די אתרוגים ביי זיינע באַלעבאַטים. און ווייל ער האָט שוין די אתרוגים געהאַט ביי זיך אין האַנט, האָט ער זיי שוין געגעבן די דינסטמוידן צום בענטשן, און יעדע באַזונדער האָט אים דערפֿאַר טראַקטירט מיט אַ שנאַפּס, מיט אַ שטיקל פֿיש און דאָסגלייכן, ביז אונזער ר' שמאַיע איז געוואָרן גוט פֿאַרשמאַיעט, דאָס הייסט נישקשה שכּורלאַך אַזוי, אַז ער איז קוים געשטאַנען אויף די פֿיס. די־דאָזיקע משקה האָט ער געוויינלאַך קיינמאָל אין מויל נישט גענומען.

און אז ער איז, ווי דער שטייגער איז, אַרויף אויפֿן בוידעם, נאָכן דאַווענען, אָנצופּאַקן די קעשענעס מיט עפּל, האָט ער, צוריקגייענדיק איבער דעם סכך, פֿאַרפֿעלט אַ באַלקן און אַרויפֿגעפֿאַלן דורכן סכך אין סוכּה אויפֿן טיש, וואו ס'זיינען געזעסן די אָנגעזעענע לייט פֿון שטאָט, וואָס זיינען געקומען צו דעם נגיד גוט־יום־טוב־בעטן. דער פֿאַל איז אָבער נישט געשען אַזוי שנעל, ווי עס רעדט זיך: אַ היבשע צייט איז ער געבליבן הייגנען אין דערלופֿטן, ווייל זיין זשופּעצע האָט זיך פֿאַרטשעפּעט אָן די דריינגלאַך, אָן די קרוקעס, וואָס האָבן געשטעקט אין די באַלקנס און דער עולם האָט אונטן גענוג

צייט געהאַט צו באַטראַכטן ווי עס זעען אויס זיינע צוריסענע אונטערוועש... מען איז אים גישט באַלד געקומען צוהילף, ווייל אין אָנהויב איז דער עולם געווען זייער צושראָקן און נאָכדעם איז אַוועק אַ געלעכטער, און געלאַכט האָט מען אַזוי לאַנג, ביז ער איז אַרויפגעפאַלן אויפן טיש, אויף וועלכן ס׳זיינען געשטאַנען פלעשער וויין, טאַצן מיט קאָנפיטורן און דעסגלייכן, און האָט אַ געשריי געטאָן „גוט־יום־טוב!״ האָט מען אים אַראָפּגענומען פון טיש, שטאַרק צושעדיקט. אַ לאַנגע צייט האָט ער נאָכדעם געקרייגקט און האָט באַקומען אַ הויקערדיקע נאָז און אַ צונעמעניש — „גוט־יום־טוב־בעטער״ ביז דעם לעצטן טאָג פון זיין לעבן.

און דאָך איז ער געבליבן אַ תקיף ביי זיינע באַלעבאַטים, ווייל זיי האָבן געמיינט, אַז ער איז געגאַנגען זען, צי די דעכלאַך זיינען גוט געפּנט, כדי די סוכה זאָל זיין כשר לברכה, און די מעשה מיט די עפל האָט נאָר געוואוסט דער באַדינער פון הקדש, וואָס האָט אים אויסגעטאָן אין שפיטאָל.

## III.

# זיין ווייב העניע די הויכשפּרעכערקע, וואָס מען האָט זי גערופֿן פֿאַר דער חתונה ארץ־ישראל־מיידל.

אַז שמאַיע איז אַלט געווען אַ יאָר אַכצען, האָט מען אים חתונה געמאַכט מיט אַ מיידל, וואָס מען האָט זי דעמאָלט גערופֿן העניע די ארץ־ישראל־מיידל און נאָך דער חתונה האָט מען זי גערופֿן העניע די הויכשפּרעכערין. מען האָט זי גערופֿן ארץ־ישראל־מיידל, ווייל איר פֿאָטער איז מיט איר אַמאָל געפֿאָרן קיין ארץ־ישראל. קוים איז ער אָפּגעפֿאָרן מיט איר אַ מייל זיבן פֿון ווילנע, איז ער אין אַ קליין שטעטל קראַנק געוואָרן און אוועקגעשטאָרבן. דאָס מיידל האָט זיך באַלד אומגעקערט צוריק קיין ווילנע מיט אַ זעקל ארץ־ישראל־ערד. מען האָט עס אונזער שמאַיען איינגעשאַצט אין נדן און ער האָט זי גענומען פֿאַר אַ ווייב און די ברכה האָט שורה געווען אין דעם זעקל ערד, אַז ער איז קיינמאָל נישט אויסגעגאַנגען. און ביידע האָבן טאַקי געפּאַסט פֿאַר איינאַנדער. ער איז געווען אַ הויכער, אַ קרומער רוקן, געבויגן אויף רעכטס און זי איז געווען אַ הויכע און אַ קרומע און געבויגען אויף לינקס. ער פֿלעגט ריידן אַ ביסל הייזעריקלאַך, און זי אויך דעסגלייכן. זי האָט געהאַט אַ בעלם אויף דעם רעכטן אויג און ער אויף דעם לינקן אויג. ער, ווען ער פֿלעגט שטיין, האָט ער אויסגעזען ווי אַ לעבעדיקער פֿראַגעצייכן און זי ווי אַ קאָצערע.

אַז זיי פֿלעגן גיין באַזונדער, האָבן זיי אויסגעזען, ווי אויס־געשפּאַנטע פֿערד. און אַז זיי פֿלעגן גיין צוזאַמען, האָבן זיי אויסגעזען, ווי אַן אָדלער מיט צוויי קעפּ. מען האָט זי נאָך גערופֿן הויכשפּרעכערקע, ווייל זי האָט געקאָנט זייער פיל ריידן און האָט אַלעמאָל גערעדט פֿון זיך און פֿון איר מאַן זייער הויך. זי האָט געוואוסט, וואָס עס טוט זיך ביי יעדן אין שטוב, ווי יעדערער לעבט מיט איר מאַן. זי איז געווען אַ לעבעדיקער קאַלענדאַר. זי האָט געדיינקט, ווען יעדער מיידל האָט חתונה־געהאַט און וויפֿיל מאָל זי האָט געלעבט נישט גוט מיט איר מאַן און וויפֿיל מאָל זי האָט זיך געגט און אין וויפֿילטן חודש זי איז, און ווענעמס פערל ס׳איז פֿאַרזעצט... קורץ דערפֿון, זי האָט געוואוסט פֿון אַלע טויטע און פֿון אַלע לעבעדיקע, פֿון יעדער גרויסער זאַך און פֿון יעדער קליינער זאַך. זי האָט געוואוסט, וואו יעדערער וואוינט און ווי אַזוי ער לעבט. די ליבע פֿון איר מאַן צו איר קענען מיר פֿאַר־שטיין פֿון אַ פּאָר ווערטער, וואָס ער האָט אַמאָל צו איר געזאָגט, ווען ביידע זיינען צוריקגעקומען פֿון אַ שטראָמענדיקן טייך, וואָס איבער אים איז געלעגן אַ שמאָלע און שוואַכע קלאַטקע. ביידע האָבן זיך דאָרט אָפּגעשטעלט, האָט ער אַ זאָג געטאָן צו איר: „גיי דו פֿריער אַריבער, און אַז איך וועל זען, אַז די קלאַטקע איז גענוג שטאַרק, וועל איך נאָכדעם אַריבערגיין”. און זי ווידער האָט געזאָגט: „ניין, דו ביזט אַ מאַנספּאַרשוין, גיי דו פֿריער אַריבער!” האָט ער זיך אָבער איבערגעשפּאַרט מיט דידאָזיקע ווערטער: „פֿאַרשטייסטו מיך — אַז איך וועל גיין און וועל אַריינפֿאַלן, בלייבסטו אַן עגונה צייט דו וועסט לעבן, אַז דו אָבער וועסט זיך דערטרינקען, האָט דאָך דאָס נישט צו מיר”. ניין, מיין טרייע לעזערין, איך האָב דיר נאָך אַ סך צו דערציילן פֿון אונזער העניען, אָבער נישט דאָ.

# IV.

## די פֿרנסות פֿון אונזער גוט־יום־טוב־בעטער.

די פֿילאָזאָפֿן זאָגן, אַז פֿון גאָרנישט קומט־אַרויס גאָר־נישט. נו, פֿאַרשטייט זיך, ווען צוויי קבצנים — טויגעניכטסן האָבן חתונה, בלייבן זיי קבצנים. סיידן זיי ווערן אָפּנאַרער, רמאים אָדער גאָר מערדער, גאָט זאָל אויסהיטן. קיין שום באַשעפֿעניש אין דער וועלט פֿאָרט זיך נישט, ביז וואַנען זיין שפּייז איז נישט פֿאַרטיק אין פֿעלד אָדער אין וואַלד. פֿאַראַן אַ געוויסער פֿייגל, קרייצשנאָבל הייסט ער, פֿאָרט ער זיך ערשט אין אָנהויב שבט, ווייל דעמאָלט ווערן פֿאַרטיק די זוימען אויף די יעגלביימער. מיט דידאָזיקע זוימען נערט ער זיך.

ביי אונז, יידן, איז גראָד פֿאַרקערט. מיר האָבן פֿריער חתונה און מיר האָבן קינדער און דערנאָך ערשט זוכן מיר, פֿונוואַנען צו לעבן און דערווייל לעבט מען זיך עטלאַכע יאָר נאָר אויף דעם חשבון פֿון אַן אַנדערן. איינער פֿון דידאָזיקע לייט איז געווען אויך אונזער ר׳ שמאַיע גוט־יום־טוב־בעטער. פֿאַר דער חתונה האָט ער געגעסן טעג און נאָך דער חתונה האָט ער אָנגעהויבן צו עסן חדשים, האַלבע יאָרן און גאַנצע יאָרן, דען ער האָט אָנגעהויבן צו קנעלן און האָט אויסגערעדט מיט יעדן באַלעבאָס, ער זאָל האָבן ביי אים צו עסן אַ חודש קעסט און דערנאָך, אַז ער האָט באַקומען אַ שם פֿאַר אַ בעל־פֿועל, דאָס הייסט, אַז ער שלאָגט די קינדער און מאַכט זיי פֿאַר טויגעניכטסן און האַלבע משוגעים, האָט ער שוין באַקומען אַ האַלב יאָר קעסט און פֿלעגט גיין אַ היים נעכטיקן. נו,

פֿאַרשטייט זיך, אַז ער איז נישט געווען קיין בעל־הוצאה.

די ווייב האָט געזויגן נגידישע קינדער און זיינע קינדער האָבן געזויגן אַמען פֿון צדקה־גדולה. אַז אַ ייִנגל האָט אויפֿגעהערט צו זויגן, פֿלעגט ער אים אַריינצוגיסן אין מויל אַ לעפֿל קלויזנער גריץ. האָט דאָס קינד קיינמאָל נישט נהנה געווען פֿון אַן אייגענעם ביסן עד יום־מותו. ער איז געווען דער אמתער קבצן. איך מיין מיט דעמדאָזיקן וואָרט צו באַצייכענען אַ מענטשן, וואָס איז געוואוינט פֿון קינדווייז־אָן נאָר צו נעמען, אָבער נישט צו געבן. דאָס איז אַזאַ־איינער, וואָס וואַלגערט זיך פֿון קינדווייז־אָן אויף פֿרעמדע טישן און איז נישט געוואוינט צו זען, ווי עלטערן וויינען ערב יום־כפּור פֿאַרנאַכט אין בענטשן, בשעת זיי זאָגן די ווערטער „ונא אַל תצריכנו, ה׳ אלוהינו, לא לידי מתנת בשר ודם וכו׳“. דאָס הייסט מיר בעטן דיך, גאָט, אַז מיר זאָלן נישט אָנקומען צו דעם מענטשנס נדבות און נישט צו זייערע הלוואות. דו זאָלסט אונז נור דערנערן מיט דיין הייליקער און ברייטער האַנט, אַז מיר זאָלן נישט ווערן צו שאַנד. אָבער אַזאַ איינער, וואָס האָט נאָר געלעקט פֿון פֿרעמדע שיסלען, איז שוין אַ פֿאַר־פֿאַלענער מענטש. ער בלייבט שוין אַלעמאָל אַ קבצן. ס׳וועט אים בעסער שמעקן אַ פֿרעמדער ביסן ברויט, איידער זיין אייגן געבראָטנס.

ער וועט בעסער זען אויסצובעטלען אַ גראָשן מיט גרויס שוועריקייטן, איידער צו פֿאַרדינען אים לייכט און מיט כּבוד. ער מעג ווערן אַ מיליאָנער, אָבער זיין אָרימקייט וועט זיך שטענדיק אַרויסווייזן. ס׳איז געווען אַמאָל אַ גרויסער דאָקטאָר, וועלכער פֿלעגט זייער גוט קורירן און פֿלעגט זייער ריכטיק פֿאַרשטיין די נאַטור און כאַראַקטער פֿון יעדן מענטשן. אַ מאָל האָט דערדאָזיקער מאַן אויסגעקורירט איינעם אַ גרויסן הער. האָט אים יענער זייער רייך באַלוינט דערפֿאַר, אָבער ער האָט אים געהייסן אָפּפֿירן אַ היים אויף אַ פֿויערשער פֿור. דאָס האָט דעם דאָקטאָר פֿאַרדראָסן און ער האָט אַ זאָג געטאָן צו דעמ־

דאָזיקן מאַן: „איר זאָלט וויסן, מיין הער, אייער פאָטער איז אַודאי נישט געווען קיין שׂררה, נאָר אַן עקאָנאָם און דאָס דערקען איך פון דער פור, אויף וועלכער איר שיקט מיך אָפּ אַהיים". דער מענטש קען זיינע געבוירענע גראָבקייטן נישט פאַרלייקענען און, אַ פשיטא, אַזאַ מענטש, ווי אונזער ר' שמאַיע, וואָס ער אַליין איז געווען אַ קבצן, און זיינע אבות אבותיו זיינען געווען קבצנים. ער האָט אַפילו געמאַכט אַ היבש פאַר־מעגן, אָבער געלעבט האָט ער ווי אַ קבצן.

נו, מיין טייערע לעזערין, איצט וועסטו שוין פאַרשטיין, אַז רייך ווערט אָנגערופן דער, וואָס האָט אַן איידל האַרץ, און אָרים ווערט אָנגערופן יענער, ווער עס האָט אַ פאַרשלאָסן האַרץ און אַ געמיינעם כאַראַקטער, הגם ער באַזיצט אַ גרויס פאַרמעגן.

אונזער שמאַיע האָט זיך מיט דער צייט שטאַרק פאַר־בעסערט אין מעמד. ער האָט אָנגענומען אַלע קבצנישע פרנסות, וואָס טראָגן איין אַ גראָבן גראָשן. קודם איז ער געווען אַ מלמד. ער פלעגט צו האָבן פופצען תלמידים, וואָס יעדער פון זיי האָט אים געצאָלט דריי דוקאַטן. ער פלעגט אַפילו אויסריידן, אַז מער ווי צען תלמידים זאָל ער נישט אָננעמען, אָבער ער האָט קיינמאָל נישט געהאַלטן וואָרט. ער האָט שוין געהאַט פינפאונפערציק דוקאַטן אַ זמן. דאָך פלעגט ער עסן קעסט ביי אַלע באַלעבאַטים. דערצו פלעגט זיך אים צומאַכן אַלע טאָג אַן אַנדער געלעגנהייט וואו צו עסן, און נאָך די אַלע פרנסות פלעגט ער נאָך זיין אַ שדכן אויך און דערפון האָט ער אויך געכאַפּט אַמאָל אַ קערבל, אַ טרונק בראָנפן, אַמאָל אַ תנאים, אַמאָל אַ חתונה. ער איז אָבער אויך געווען אַ בעל־תפילה. ער פלעגט מתפלל זיין אויף אַ חולה, און פלעגט זיצן אַ נאַכט ביי דעם חולהס בעט. דערצו איז ער אויך געווען אַ מוהל און אַ שוחט. פאַר יו"ט פלעגט מען אים צודינגען אין שחיטה־שטיבל און פאַר פסח פלעגט ער איבערזען דעם ווייץ. ערב יום־כפור פלעגט ער שלאָגן מלקות. ער האָט דערפון

אויך געהאַט אַ גראָשן מיט אַ שנאַפּס און אַ פּירעשקע דערצו. אויסערדעם, פלעגט ער שרייבן רשימות פאַר מחותנים, יידישע בריוולאַך פאַר אַמען, פאַר דינסטן, אַ מאָל ווידער פלעגט ער זיין אַ טוען. ער איז אויך זייער געניט געווען אין יידישע דין־תורות און משפטים, ווייל ער פלעגט זיך שטענדיק האַלטן אין איין משפטן מיט זיינע שכנים און מיט זיינע איידימס. געהאַט האָט ער נאָר איין טאָכטער, אָבער איידימס אַ סך: דאָ פלעגט ער אָפּגטן דעם איידים און דאָ פלעגט דער איידים צוגטן זיין טאָכטער. ער איז קלאָר געווען אין די דינים פון בעל־מצרה, פון מזונות, פון שכר מינקת און פון שם רע און נאָך אַזעלכע גוטע זאַכן. אין דעם טאָג, וואָס ער איז נאָר געווען אַ טוען איז ער שוין נישט געווען פאַרשמאַכט, ווייל צו ווען גאַר געהער די ביר און די משקה, אַז נישט צו די טוענים? הוצדעם, פלעגט ער שטיין אַלע פרייטאָג ביים שול־הויף מיט אַ פּאַטשיילע, צו קלייבן נדבות.

און פלעגט ער זיין ביי הטבת חלום, ביי התרת נדרים, אַ משגיח ביי מצה־שמורה, אַן עדות ביי אַ גט און ווי די מאָדע איז — פריער אַ שנאַפּס און נאָכדעם אַ שנאַפּס און אַ מטבע אינמיטן. קורץ די קבצנישע פּרנסות האָבן אים געטראָגן אַ שיינעם גראָשן און ער האָט נאָך דערביי געהאַט קעסט און שנעפּלסעלאַך...

.V

## די פּרנסות פון זיין ווייב.

זיין ווייב האָט זיך אויך אַזוי געפירט. זי האָט נישט געשפּונען קיין פלאַקס און קיין וואָל און האָט נישט געדרייט קיין רעדל. זי האָט נאָר געדרייט מיט דער צונג. זי האָט מיט דער צונג מיד געמאַכט די זעקס שכנים, וואָס האָבן געוואוינט ביי איר אין שטוב. זי פלעגט פאַרגרעסערן דעם מאַנס קנעלונג און פלעגט פירן כּלות אין וואַסער און פאָרן מיט זיי אויפן בית-עולם, און פלעגט פאַנאַנדערטראָגן חלקים פון אַ קימפּעטאָרן, ווען זי איז אויפגעשטאַנען פון קימפּעט. זי פלעגט ברענגען שאלת נשים צו די מורה הוראות, פלעגט מעסטן פעלד און מאַכן יום-כּפּור-ליכט. אויך פלעגט זי פאַרשאַפן אַ זייגהינטל אָפּצוזייגן די וואָרצלען פון אַן ערשטלינג און פלעגט צוריכטן די ארץ-ישראל-ערד, וואָס זי האָט געבראַכט פון ארץ-ישראל, דאָס הייסט זעקס מייל פון ווילנע. שמיני-עצרת און שמחת-תּורה פלעגט זי גיין מיט איר מאַן גוט-יום-טוב-בעטן. אַלעמאָל האָט זי גערעדט פון די אבות און אמהות און פון סמבטיון און פון דער וואַך, וואָס שטייט אויף דער מערת המכפּלה. און ווייטער פלעגט זי קלויבן נדבות און פלעגט גיסן וואַקס אויף בליי און פאַרלייגן אַ קאָלטן. זי האָט זיך פאַרשטאַנען אויף ווייבערשע זאַכן. דורכדעם האָט זי שטענדיק געהאַט אַ געלעגנהייט צו כאַפּן עפּיס אין מויל אַריין...

## VI.

# די פֿינף הימלען און די צוויי קאַפּעלושן.

שוין העכער פֿונפֿצען יאָר, ווי מיר, יידן, האָבן געענדערט די קליידונג. מיט פֿונפֿצען יאָר צוריק האָט דיין מוטער געטראָגן אַ לייבל מיט קישקעס, און פּאַנטאָפֿל מיט באַשמידטע קאָרקעס. דער קאָפּ איז געווען גלאַט אויסגעגאָלט, ווי היינט ביי דער נייער וועלט דער קינבאַק. דער קאָפּ איז איר געווען אַרומגעוויקלט מיט אַ וואָלענער טוך, ווי דער קאָפּ פֿון אַ טערק. אויפֿן האַלז איז איר געהאָנגען אַ קראַנץ פּערל אָדער אַ האַלזבאַנד פֿון פּערל. גאָר פֿון אויבן האָט זי געטראָגן אַ ווייס לייכאַך.

ווען דו וואָלסט עס איצט געזען, וואָלטסטו זיך געשעמט, און אַז מען וואָלט דיך געצוואונגען דאָס אָנצוטאָן, וואָלסטו געוויינט, אַזוי ווי דיין מוטער האָט געוויינט, בשעת זי האָט עס געדאַרפֿט אויסטאָן. דו פֿרייסט זיך, מיין פֿריינטין, וואָס דו ביזט איצט אייראָפּייאיש געקליידט. און איך פֿריי מיך אויך, ווייל מיר, מיינסלייט, האָבן אויך געטראָגן אויסטערלישע מלבושים: ווייסע זאָקן, שמוציקע שיך און אַ לאַנגע זשופּיצע, וואָס איז נאָר געווען אַ שפּילכל פֿאַרן ווינט. זי האָט נישט געשיצט פֿון היץ און נישט געשיצט פֿאַרן ווינט. די לאַנגע אַרבל זיינען געווען נישט צום אָנטאָן און די פּאָלעס — נישט אַרומצעוויקלען זיך. אָבער דאָס סאַמע לעכערלאַכסטע זיינען געווען אונזערע פֿינף הימלען.

דאָס שטריימל איז געווען פֿון אויבן באַצויגן מיט סאַמעט

און פון אונטן באַלייגט מיט שייבלנע עקלאַך, איינע איבער די אַנדערע, וואָס האָבן אויסגעזען ווי אַ שטראָם וואַסער. און דערפאַר טאַקי האָט מען עס גערופן שטריימל...

דאָס ערשטע היטעלע איז געווען קודש קדשים. מען האָט עס נאָר געטראָגן שבת און יום־טוב. אַ חתן האָט עס געטראָגן אונטער דער חופה און פורים צו דער סעודה. דאָס צווייטע היטעלע איז געווען אַ קיילאַכדיקס, פון אַ סויבל. פלעגט מען עס טראָגן חול־המועד און ראש־חודש און ל״ג־בעומר און אויף אַ שמחה. אַ בעל־דרשן פלעגט זי טראָגן אין דער וואָכן. דאָס דריטע היטל איז געווען אַ קיילאַכדיקס, אָבער פיל שמעלער, הינטן אויסגעשניטן. מ'האָט עס גערופן האַלבע לבנה, חבדניצע, ווייל דאָס פלעגן טראָגן חסידים, קלויזלייט און בטלנים.

דאָס פערטע היטעלע האָט געהאַט דריי קלאַפּעס אָדער דריי לאַצן. איינער אַ ברייטער און אַ לאַנגער פון פאָרנט און צווי קלענערע ביי די זייטן. זיי זיינען געווען באַלייגט מיט סויבל, אָדער מיט פיקס. דאָס היטל האָבן געטראָגן על־פי־רוב בעלי־עגלות, וועגלייט, בעלי־בתים, בשעת זיי פלעגן גיין אין מרחץ. דאָס פינפטע היטל איז געווען אַ מין אויערהיטל, פון פאָרנט האָט עס אויסגעזען ווי אַ שטריימל. פון הינטן ווי אַ לאַצנהיטל. פון פאָרנט האָט עס געהאַט עקלאַך און הינטן צווי קלאַפּעס אָדער אויערן. די וואָלינער פלעגן עס רופן חצי־שבתל, און דער חצי רב, וואָס איז געווען דער גרעסטער גלייכווערטל־זאָגער, האָט עס אָנגערופן משותלחס היטעלע.

פון דעמדאָזיקן היטעלע האָט ער פאַרציילט אַ גאַנצע מעשה: משותלח האָט געלעבט לייגער פון אַלע מענטשן, וואָס זיינען געווען אויף דער וועלט. ער האָט געלעבט טויזנט יאָר. עס פאַרשטייט זיך, אַז דערדאָזיקער הייליקער פאָטער האָט דערלעבט צו זען זייער פיל דורות: זין, אייניקלאַך, אור־אייניקלאַך, אוראוראייניקלאַך זיינען געווען אין כמה אלפים. פלעגט מען אים איינלאַדן אויף יעדן ברית, אויף יעדער חתונה. און פאַרקערט, חלילה, ווען עמיץ פלעגט שטאַרבן, פלעגט ער

גיין נאָך דער לויה און פֿלעגט קומען מנחם־אָבל־זיין.

ווען ער איז שוין אַלט געוואָרן און האָט קיין כּוח נישט געהאַט צו גיין, פֿלעגט ער זיך שוין לאָזן באַגנוגענען דערמיט, וואָס ער פֿלעגט אויסבייטן ביי יעדן מאָל די היטעלאַך. האָט מען אים, אַ שטייגער, אָנגעזאָגט, אַז ער האָט אַ ברית, פֿלעגט ער אָנטאָן דאָס שטריימל. האָט מען אים אָבער, חלילה, אָנגעזאָגט, אַז עמיץ איז אים געשטאָרבן, האָט ער אָנגעטאָן דאָס לאַצנהיטל. תּחילת האָט ער זיי געביטן צוואַנציק מאָל אין טאָג, אָבער אַזוי ווי זיין דור האָט זיך אַלץ פֿאַרמערט און פֿאַרמערט, האָט ער געמוזט טוישן נאָכאַנאַנד די היטלען, ביז עס איז אים קורץ געוואָרן דער טאָג און ער פֿלעגט נישט געקאָנט באַוויזן צו טוישן די היטעלאַך. אַגב האָט ער שוין נישט געהאַט אַזויפֿיל כּוח אין די הענט, אַז ער זאָל צען מאָל אין אַ מינוט אויסטאָן און אָנטאָן דאָס היטל. איז אים איינגעפֿאַלן, ער זאָל מאַכן אַ געטאָפּלט היטל, וואָס זאָל זיין פֿון איין זייט אַ שבתדיקע און פֿון דער צווייטער זייט — אַ וואָכעדיקע. דאָס איז אייגנטלאַך דאָס אויערהיטעלע, וואָס ער האָט געטראָגן ביז זיין טויט. ער פֿלעגט זיך אַזוי נוהג זיין: האָט מען אים אָנגעזאָגט אַ מזל־טוב, פֿלעגט ער אַ דריי טאָן דאָס היטעלע מיט די עקלאַך צום פּאָרנט. האָט מען אים ווידער, חלילה, אָנגעזאָגט, אַז עפּיס אַ קינד איז געשטאָרבן, האָט ער דאָס היטל אַ דריי געטאָן מיט די עקלאַך אויף הינטן און מיט די לאַצן פֿון פֿאָרנט.

אין אַזאַ היטל פֿלעגן גיין בעלי־בתּים, גבאים, סוחרים, און פּאָדראַטשיקעס. דאָס איז געווען אַ סייבלהיטעלע. געקאָסט האָט עס אַ סך געלט. די קירזשנער פֿלעגן אין אַלע אַזעלכע היטעלאַך איינשפּינען כּלערליי האָר פֿון פֿאַרשידענע חיות. נישט איינע פֿון זיי האָט געטויגט אין אַ רעגן, אין א שניי אָדער אין אַ פֿראָסט. אַ פּשיטאַ שוין אין אַזאַ טאָג, ווען עס האָט געשיינט די זון!

די היטלען האָבן מער נישט געטויגט, נאָר צו גיין אין

שול אַריין, אין בית-המדרש, אַרויסצוכאַפּן זיך מחדש זיין די לבנה אָדער אויף אַ תּנאים, אָדער אָנקוקן אַ חתן, אָדער גיין גוט-יום-טוב-בעטן. זומער האָט מען עס געמוזט פֿאַרדעקן מיט אַ טיכל, עס זאָל אים נישט שאַטן די זון און ווינטער — דער שניי זאָל אים נישט שאַטן.

אונזער ר׳ שמאַיע האָט, נאַטירלאַך, געהאַט אַלע פֿינף היטלען. קיין איין היטעלע האָט נישט געהאַט קיין גוטע האָר, ווייל אַלע זיינען געווען אַלט און אויסגעקראָכן. און ווייל זיי זיינען געווען געפּלאָגט מיט דער דריטער מכה פֿון די צען מכּות, מיט וועלכע גאָט האָט מזכה געווען דאָס לאַנד מצרים, האָט מען געגלויבט, אַז זיי זיינען שוין אַלט דרייטויזנט יאָר, דאָס הייסט, אַז מען האָט זיי נאָך געניצט אין מצרים. דער גוט-יום-בעטער פֿלעגט יעדעס מאָל אָנטאָן דאָס היטעלע אין זיין צייט.

אַ גאַנצן זומער זיינען זיי אַלע געהאָנגען אויף דער וואַנט, צוגעדעקט מיט שפּינוועבס, ווייל זומער האָט ער גע-טראָגן אַ קאַפּעלוש. קאַפּעלושן זיינען דעמאָלט געווען צוויי-ערליי: איין סאָרט קאַפּעלושן האָבן געטראָגן יונגעלייט. דאָס זיינען געווען קאַפּעלושן מיט אַ הויך קעפּל און אַ ברייטן ראַנד. דער צווייטער סאָרט האָט געהאַט אַ נידעריק קעפּל, ווי אַ יאַרמאָלקע, און דער ראַנד איז געווען ברייט ווי אַ שירם. שוואַרצע שנירלאַך זיינען געווען דורכגערוקט דורכן קעפּל און דורכן ראַנד, כּדי דער ראַנד זאָל נישט הייגען איבער די אויגן. ערב תּשעה-באָב האָט מען די שנירלאַך אַרויסגעצויגן און דער קאַפּעלוש איז אַראָפּגעהאָנגען ביז די אַקסלען.

אונזער גוט-יום-בעטער האָט, נאַטירלאַך, געהאַט אַ קאַפּע-לוש פֿון צווייטן סאָרט. געווען איז ער זייער אַן אָפּגעלאָזענער מענטש. ער האָט אויף זיך נישט געקוקט. און אַז אַ שנירל פֿון קאַפּעלוש אָדער פֿון די הויזן פֿלעגט זיך צורייסן, האָט אויך נישט אויסגעמאַכט.

נו, מיין טייערע לייענערין, געדיינק, אַז אונזער ר׳ שמאַיע

## ר׳ שמאַיע גוט־יום־טוב־בעטער

האָט געהאַט פינף היטלען און געדיינק אויך צו וואָס יעדעס היטל פלעגט באַנוצט ווערן, ווייל מיר וועלן עס מוזן דערמאָנען שפּעטער, אין דער באַשרייבונג פון דער נאַכט פון הושענא רבה. איצט וועל איך דיר באַשרייבן זיין יום־טובדיקע זופּיצע, ווייל מיין צוועק איז אייגנטלאַך צו דערציילן פון זיין גוט־יום־טוב־בעטן.

## VII.

# די יום־טובדיקע זופּעצע.

דערדאָזיקער גוט־יום־טוב־בעטער האָט געהאַט אַ מאָרענע זופּעצע אין קווייטן, וואָס ער פֿלעגט זי בלויז נוצן אום יום־טוב. זי איז געווען זייער אַלט, אָבער דאָך גאַנץ. דער בוזים און די אַרבל זיינען געווען באַלייגט מיט זילבערנע האָקן. די קעשענעס זיינען ארומגעניית געווען מיט רימענס, כדי זיי זאָלן זיך נישט רייסן פֿון די פֿלעשער בראָנפֿן, וואָס ער פֿלעגט אַריינשטעקן אין זיי, בשעת ער פֿלעגט גיין גוט־יום־בעטן.

די זופּעצע איז געווען אונטערגעשלאָגן מיט געלע סאַמעטענע פּאַסן. ווער עס האָט אים געזען אין דער זופּעצע, האָט גלייך פֿאַרשטאַנען, אַז זי איז נישט גענייט געוואָרן פֿאַר זיין סטאַן. דאָס ווייב פֿלעגט אַמאָל זאָגן, אַז איר מאַן האָט די זופּעצע באַקומען בירושה פֿון איר פֿאָטער. אַמאָל, ווידער, האָט זי געזאָגט, אַז אַן עקר האָט עס אים אָפּגעזאָגט, ער זאָל זאָגן קדיש נאָך אים.

איצט, מיין טייערע לייענערין, קען איך דיר נאָך פֿאַרציילן פֿון זיינע שיך און זיין דעליע. איך וועל עס דיר אומזיסט באַשרייבן, הגם איך האָב עס דיר גאָרנישט צוגעזאָגט. זיין דעליע איז געווען, ווי מען זאָגט, אַ מעסער אָן אַ הענטל, ווייל זי איז געווען צוריסן און צופּליקט פֿון אויבן און פֿון אונטן. זי איז באַשטאַנען פֿון כלערליי שטיקלאַך, ווי אַ חלה־טישטאַכל, געלאַטעט מיט שטיקלאַך גראַדיטער, אַטלעס,

הויזנשטאָף, לאַסטיק, דובעט, קוטייג און מאָרע, מיט שמוציקע באַוולנע טאַשמעס.

זיינע שיך זיינען געווען זייער גרויסע, אַלט און געלאַ־טעט און נישט געריייניקט פֿון פּראַנצויז־אָן. ווען ער וואָלט זיי נישט געוואָרפֿן עפּטער דער ווייב אין קאָפּ אַריין, וואָס דורכ־דעם פֿלעגט עטוואָס אָפּפֿאַלן די בלאָטע פֿון זיי, וואָלטן זיי געווען אַזוי דיק און גראָב ווי קאַזוניס פּאַנטאָפֿל. דאָס פֿלעגט געשען כמעט אַלע פֿרייטיק פֿאַרנאַכט, ווייל דעמאָלט איז די סאַמע ערגסטע שעה ביי אונזערע ווילנער יידן. דעמאָלט ברענגט די וועשין די גרעט און די בעקערס קומען נאָך געלט און מען באַדאַרף באַזאָרגן דעם טשאָלנט און איינקויפֿן פֿאַר מזומן ליכט אויף שבת. אַמאָל ברענגט נאָך דער שניידער אַ בגד און דער באַלעבאָס שרייט, מען זאָל אים געבן וואַסער, דעם קאָפּ אויסצוואַשן. די באַלעבאָסטע וויל בענטשן ליכט, ווייל זי דאַרף זיך אַריבערכאַפּן אַהין, וואו איר מוטער האָט זיך אַריבערגעכאַפּט, איידער זי איז מעוברת געוואָרן... קורץ דערפֿון, פֿרייטיק פֿאַרנאַכט איז געווען אַ געפֿערלאַכע שעה ביי די ווילנער יידן. נישט איינער צוקריגט זיך און צושלאָגט זיך אין דערדאָזיקער צייט, בפֿרט נאָך אונזער שמאַיע און זיין ווייב העניע דו הויכשפּרעכערקע, וואָס זיינען דעמאָלט ממש געגאַנגען אויף מעסערס.

פֿרייטיק פֿאַרנאַכט האָט מען זיך ביי אים געשאָלטן און געוואָגלט. ער פֿלעגט אַלעמאָל טענהן, אַז זיין ווייב האָט עס נישט אין קאָפּ, וואָס ער אין די פּיס, און פֿלעגט איר וואַרפֿן דעם שוך אין קאָפּ אַריין, איינמאָל נאָכן אַנדערן, ביז זי פֿלעגט ווערן קליגער, ווייל דעמאָלט פֿלעגט זי שוין גוט דערפֿילן, אַז זי האָט אַ קאָפּ...

VIII.

## דאָס גוט־יום־טוב־בעטן.

יום־טוב אינדערפֿרי, באַלד נאָכן "דאַווענען, פֿלעגט מען זען, ווי ער גייט אין זיין לאַנגער זופּעצע, שטריימל, דעליע איבער די גאַסן און מאַכט גרויסע שפּרייזן, און צוויי פֿלעשער שטעקן אין די קעשענעס; אין דידאָזיקע פֿלעשער פֿלעגט ער אַריינגיסן די שנאַפּסן, וואָס ער האָט שוין נישט געקאָנט אויס־טרינקען. מיט אים פֿלעגט אַלעמאָל מיטגיין זיין איידים, וועלכן ער פֿלעגט אויסצובייטן פֿאַר יעדן רגל אויף אַן אַנדערן.

דעם ערשטן הונגער זיינעם און דעם איידימס פֿלעגן מוזן זעטיקן די באַלעבאַטים, וואָס זייערע קינדער האָבן ביי אים געלערנט. דאָרט פֿלעגן, נעבאַך, בלייבן ליידיקע פֿלעשלאַך און ליידיקע טעלער. פֿון דאָרט האָט ער זיך געווענדט צו זיינע מי שהיה־באַלעבאַטים און צו די אַלע, וואָס ער איז געווען אַ מוהל ביי זייערע קינדער, אָדער אַ שדכן. און ווער רעדט שוין אַ קרוב, אַ צענטער גליד אין דער משפּחה איז דורך אים נישט פֿאַרגעסן געוואָרן, ווייל ער איז געווען אַ הייסער פֿריינט.

אַמאָל האָב איך, דעם ערשטן טאָג פּסח, אים געזען שטייענדיק אין גאַס. ער האָט געדרייט די טאַשמע פֿון זיין זופּעצע און האָט געזאָגט צו זיין איידים:

„הער־נאָר, נחמן, מיר קענען אַריינגיין צו יאָסלען דעם שמוקלער. זיין ערשט ווייב פֿלעגט זיך האַלטן מיט מיין ווייב קרובים".

גערעט און געטאָן. באַלד האָבן זיך ביידע אַריינגעכאַפּט צום שמוקלער.

אין אַ רעגנדיקן טאָג פלעגט ער פערקאַטשען די פאָלעס פון דער זופּעצע, דו דעליע פלעגט אומגעקערט און פאַרדרייט ווערן אונטערן אָרעם, און די געטאָפּלטע, לאַנגע, רעמאָנישע פאַטשיילע, וואָס איז געווען דורכגערוקט דורך זיין גאַרטל, און האָט געגרייכט ביז דער ערד, איז געווען פאַרשלומפּערט ביז די קני. דאַן איז ער שוין נישט געגאַנגען, נאָר געלאָפן און קיין שום שטוב איז נישט געווען פאַר אים זעכער און קיין שום טיר איז נישט געווען פאַר אים פאַרשלאָסן.

ער פלעגט זיך אָפּט אַריינכאַפּן אין יעדער באַלעבאַטישער שטוב מיטן אויסרייד, אַז ער וויל דאָ איבערוואַרטן דעם רעגן. פלעגט אים דער באַלעבאָס פון שטוב מכבד זיין און ער פלעגט מאַכן אַ ברכה און פלעגט זיך באַלד אָפּטראָגן. אַ נישט, פלעגט ער זיך פונאַנדעררעדן מיטן יינגל, וואָס ער האָט געטראָפן אין שטוב. ער פלעגט אים פרעגן, וואָס ער לערנט און ביי וועמען ער לערנט. און פלעגט אים שטעלן אַ קשיה און אים געלאָזט טרעפן אַ תירוץ און נאָכדעם פלעגט ער זיך אָנרופן צו דער מוטער:

„איר האָט דאָך אַ צאַצקע אַ יינגל... ער זאָל נאָר זיין אין ריכטיקע הענט״.

דערהערט דידאָזיקע ווערטער פלעגט אים שוין די מוטער נישט אַוועקלאָזן טרוקן. אַזוי האָט ער געמאַכט זיין נסיעה איבערן שטאָט און קיין איין הויז האָט ער נישט אויסגעמיטן. אום פסח פלעגט ער פרעגן יעדן באַלעבאָס וואוהין וועט ער אַ שטייגער זיך איבערציען יוריע-צייט, כדי ער זאָל טרעפן וואוהין צו קומען שבועות. צוויי דריי מאָל פלעגט ער טראַנס-פּאָרטירן די פלעשלאַך אַ היים, און צום סוף פלעגט ער אַליין אויך ברייגנען אַ פיין ביסל פלעשלאַך.

אום שבועות אָבער פלעגט ער זיך אַנדערש נוהג-זיין. שבועות פלעגט ער אָפּדאַוונען ותיקון און פלעגט אָנהייבן גיין

גוט־יום־טוב־בעטן באַלד נאָך דעם ערשטן מנין. און ווייל שבועות איז אַ מנהג מכבד צו זיין מיט פוטערקוכן, מיט בלינצעס, טאָרט און דאָסגלייכן, האָט ער באַשטעלט ערב יום־טוב אין יעדער גאַס אַ שטוב, און דאָרטן פלעגט ער מאַכן זיין מאַגאַזין, וואו ער פלעגט אָפלייגן דאָס געבעקטס וואָס ער פלעגט צוזאַמענ־קלויבן אין די הייזער.

אָבער אַלע ימים־טובים זיינען געווען גאָרנישט אַ קעגן שמיני־עצרת און שמחת־תורה. אין דידאָזיקע צוויי טעג איז ער געווען גאָר אַן אַנדער מענטש. אינדערפרי, באַלד נאָכן דאַוונען, פלעגט ער מאַכן אַ גוטן שנאַפּס פון זיין אייגענעם בראָנפן און פלעגט פון זיך אַראָפּוואַרפן דאָס שטריימעלע, די דעליע, דעם גאַרטל און פלעגט גיין איבער דער שטאָדט גוט־יום־טוב־בעטן און זיין ווייב העניעלע פלעגט אים אַלץ נאָכטראָגן.

פלעגט ער אַריינפאַלן פריער צו דעם גרעסטן באַלעבאָס, וואָס זיינע קינדער לערנען ביי אים, און מיט גרויס ליאַרם און הייזעריקלאַך פלעגט ער אויסשרייען: „גוט־יום־טוב!!” אַז עס פלעגן ציטערן די פיר ווענט. נאָכדעם פלעגט ער אָנהייבן טאַנצן אַרום די ווענט, מיט אויסגעשטרעקטע הענט און בעת־מעשה געזונגען און געשריען:

— „גוט־יום־טוב ר׳ הערשעלען און זיינע קינדער די גאונים און עילוים! גוט־יום־טוב צערטעלן, דעם געבענטשן בויך!”

די פיס הויבן זיך אים, ער טאַנצט און שרייט און זיין ווייב שטייט דערוויילן און רעדט מיט צערטעלן און זאָגט איר, אַז זי איז אַ גרויסע באַלעבאָסטע און אַז זי האָט טייערע קינדער.

פלעגט צערטל זיך שמעלצן פון הנאה און פלעגט אַרויפ־צושטעלן אויפן טיש פון כל־טוב: שנאַפּסן, טייגעכצן, צימעס...

דעמאָלט פלעגט העניע שרייען צום מאַן:

„שמאַיע, געגוג! מאַך שוין נישט קיין שיעות, דערמאַן זיך, אַז דו דאַרפסט נאָך אַריינגיין אַודאי אין צען ערטער. או, שמאַיע, דו וועסט זיך אָנמאַכן אַ שנאָה היינטיקן יום־טוב, דו הולעסט צופיל”.

פלעגט זיך אונזער ר׳ שמאַיע אַ לאָז טאָן צום טיש, וואָס פלעגט בלייבן ליידיק און לער אונטער זיינע הענט... נאָכדעם פלעגט ער ווידער כאַפּן אַ טענצל.

און הענע האָט דערווייל אַלץ גערעט מיט צערטעלן און האָט איר דערציילט די מעלות פון איר חיימקען און פון איר הערצקען און פלעגט איר אַלץ זאָגן, אַז זי זאָל זיי נישט פאַרנאַרן, און מען זאָל זיי נישט חתונה־מאַכן אַבי פאַר וועמען. און דערווייל פלעגט זי איר פאַרלייגן פאַר זיי שדוכים מיט מיידלאַך — בריהטשקעס, וואָס קענען מפרנס זיין אַ מאַן און גרויסע יחסנטעס. און די מוטער פלעגט וואַקסן פון תענוג און פלעגט זאָגן:

„וואָס דען מיינט איר, מירעט מיר שוין נישט עפּיס שאַרפּערע שדוכים, אָבער מיין הערשל איז דאָך אַ משוגענער. ביי אים קומט אויס, אַז ס׳איז נאָך צופרי פאַר אַ שידוך... ער פאַרגעסט, אַז ער אַליין איז קוים אַלט געווען עלף יאָר, בשעת ער האָט מיט מיר חתונה געהאַט, און פונדעסטוועגן — אַי, הענטע, כלעבן, איר עסט גאָרנישט. זיצט, דער טאָג איז נאָך גרויס...״

מען האָט דערלאַנגט צום טיש פיש און קניידלאַך און פסחדיקן טאָרט. און הענטע האָט ווידער אָנגעהויבן צו שרייען צום מאַן:

„גענוג שוין שמאַיע, פּטר שוין אָפּ. מען מוז דאָך אַריינגיין נאָך צו אליקום שפּעקולאַנט און צו שואל גאָספּאָדאַר און נאָך צו אַנדערע באַלעבאַטים, דו וועסט זיי דיינע אויגן נישט קענען ווייזן נאָך יום־טוב״.

דעמאָלט האָט אונזער גוט־יום־טוב־בעטער זיך ווידער אַ שוף געטאָן צום טיש און האָט אויסגעראָמט אַלץ, וואָס דאָרט איז געלעגן און האָט זיך באַלד איבערגעקולעט און זיך צוקושט, און די ווייב האָט ווידער אַמאָל אָנגעזאָגט צערטלען, זי זאָל נישט פאַרנאַרן אירע עופעלאַך און איז מיט שמאַיען אַוועק מיט גרויס טומל און געזאַנג. פאָרויס איז ער געגאַנגען און זי הינטער אים.

א. מ. דיק.

דו דעליע מיט דעם היטעלע, מיטן גאַרטל האָט ער געהאַט אויף איין האַנט, און צוויי פּלעשלאַך און דער צווייטער האַנט. זי פּלעגט עס אים אָבער באַלד צונעמען, ווייל אין די טעג פּלעגט ער פּשוט פאַלן פון די פּיס. האָט זי אים געפירט איבער די גאַסן, ווי אַ בערנטרייבער אַ בער, און האָט אים אַריינגעפירט אין אַלע הייזער און האָט דאָרטן געמאַכט דו אייגענע זאַך נאָך מיט מער פרישקייט נאָכדעם האָט מען זיך ווייטער געלאָזט: ער פאָרויס, הינטער אים זיין ווייב מיט קולות:

„שמאַיע, זיי נישט משוגע און מאַך נישט קיין שהיותן".

און דערפון איז געבליבן ביי אונז אין ווילנע אַ גלייכווערטל, אַז עמיץ איז צופיל באַשעפּטיקט זאָגט מען: „ער איז פאַרשמאַיעט".

## XI.

# די נאַכט פון הושענא-רבה.

אונטער די פיל נאַרישקייטן וואָס די אַלטע וועלט האָט געגלויבט אין זיי, איז אויך געווען די נאַרישקייט, וואָס הייסט טאָפּלמענטש. מען האָט געגלויבט אין אַזעלכע מענטשן, וואָס ווייזן זיך אַרויס פאַרטאָפּל. דאָס הייסט, ער ווייזט זיך אין צוויי באַזונדערע ערטער מיטאַמאָל. דאָס אייגענע פלעגט מען דערציילן אין ווילנע פון אונזער גוט-יום-טוב-בעטער אין דער נאַכט פון הושענא-רבה, ווייל מען האָט אים געזען אין כמה ערטער מיטאַמאָל, און אין יעדער אָרט אין אַן אַנדער היטל. אַזוי, אַ שטייגער, האָט איינער דערציילט, אַז ער האָט אים געזען צען מינוט נאָך צען גייענדיק אין מרחץ, אָנגעטאָן אינם לאַצנהיטל. אַ צווייטער, ווידער, האָט דערציילט, אַז ער האָט אים גאָר געזען און דער צייט אָנגעטאָן אינם חצי-שבתל ביי זאָבקען אין שענק. איינע אַ יידענע האָט אים געזען אין דער-זעלבער צייט שטיין און דער קברנישער שול ביי דער קלפּה אָנגעטאָן גאָר אין אַ קיילאַכיקן היטל. און אַן אַנדערע האָט געשוואוירן, אַז באיזו הרגע האָט ער אים געזען אָנגעטאָן אין אַ שטריימל אויף דעם סיום ביי דער חברה ש"ס. און זאָ זיינען געקומען לייט און האָבן געזאָגט, אַז ער זאָגט גאָר תהלים אין שבעה קרואים.

קינדער פלעגן זיך פאַר אים שרעקן די נאַכט. מעוברתע ווייבער פלעגן זיך היטן אַ קוק צוטאָן אויף אים די נאַכט, ווייל ער האָט דעמאָלט אויסגעזען זייער שרעקלאַך. ער האָט

געהאַט אַ פּנים, ווי ר׳ משה גרונים. אַרום צוועלף אַ זייגער פֿלעגט ער שטיין אינמיטן גאַס, אַרומגערינגלט פֿון אַ רעדל מענטשן און ער פֿלעגט זאָגן יעדערן, צי יענער וועט אויסלעבן דאָס יאָר אָדער נישט, ווייל ער פֿלעגט זיך פֿאַרשטיין אויפֿן שטן. ער פֿלעגט דערפֿאַר אפילו קיין געלט נישט נעמען, אָבער אַ קוואָרטל ביר האָט ער שוין בעקומען דערפֿאַר.

אויך פֿלעגט מען אים זען אין דער נאַכט אויפֿ׳ן בית-עולם, אין רבנים-שטיבל מיט אַ יום-כפּור-ליכט אין דער האַנט. ער פֿלעגט זיך טובל זיין נאָכדעם און פֿאַרדעם אין דעם גרויסן וואַסער, וואָס איז געשטאַנען נעבן דעם בית-עולם. אויך פֿלעגט ער לופֿטערן אין דער שרעקלאַכער נאַכט זיינע תכריכים, וואָס ער האָט געקראָגן פֿאַר קדיש-זאָגן נאָך אַן אַלטן עקר, וואָס איז דערטרונקן געוואָרן אין דער ווילִיע און מען האָט אים נישט געפֿונען. זיינען איבערגעבליבן זיינע תכריכים, וואָס ער האָט אָנגעגרייט פֿאַר זיך. ער פֿלעגט זיי עפּטער באָרגן דעם קברן אויף דער גרויסער סעודה, וואו דער קברן פֿלעגט זיך פֿאָרשטעלן פֿאַר אַ טויטן. דערפֿאַר פֿלעגט שמאַיע קיין ניץ געלט נישט נעמען. ער האָט מער נישט פֿאַרלאַנגט ווי אַ סעודה.

אין דעמדאָזיקן אָוונט פֿלעגט ער מאַכן פֿאַפּירענע פעקע-לאַך פֿאַר זיין ארץ-ישראל-ערד און האָט אויבן געשריבן די מקחים. אויף זיין זעקל ארץ-ישראל-ערד איז מקוים געוואָרן דער פּסוק, וואָס אלישע האָט געזאָגט צו אַ פֿרוי פֿון די נביאים, אַז זי זאָל מיט איר קליינעם קריגל אייל אָנגיסן זייער פֿיל כלים.

און אַזוי איז אויך געווען מיט דער ערד פֿון אונזער גוט-יום-טוב-בעטער: עס האָט זיך קיינמאָל נישט אויסגענומען. קורץ דערפֿון, קיין מענטש איז נישט געווען אימשטאַנד צו באַשרייבן די אַרבייט, וואָס דער מענטש האָט אָפּגעטאָן אין דער נאַכט. קודם איז ער געווען אין כמה קלויזן. דאָרט האָט ער זיך אָפּגעזאָגט משנה-תורה און דאָרט האָט ער אויסגעזאָגט

גאַנץ תהלים און דערנאָך איז ער געווען אין דער גרויסער שול צו סליחות. נאָכדעם איז ער געווען אין דער קבֿרנישער שול צו דער גרויסער קלפּה. נאָכדעם איז ער געווען ביי דער חברה ש״ס אויפֿן סיום. און נאָכדעם איז ער געווען אין באָד, אויפֿן פֿישמאַרק, אויפֿן בית־עולם, אין סוכּה, געמאַכט הושענות, צורעכט געמאַכט די ארץ־ישׂראל־ערד פֿאַר די, וואָס ער האָט זיי אָפּגעזאָגט דאָס לעבן און דער נאַכט, ווייל ער האָט געזען זייער שטן אָן אַ קאָפּ. ער פֿלעגט זיי שוין אפילו געבן אָנצו־הערעניש, אַז ער האָט ארץ־ישׂראל־ערד פֿון גוטן סאָרט. היינט פֿלעגט מען אים זען אין צען מאַרצאָווע שיינקען. מיט איין וואָרט, וואו עס האָט נאָר געקענט זיין אַ שנאַפּס, דאָרט איז שוין געווען אונזער גוט־יום־טוב־בעטער.

און אַזוי ווי ער, איז אויך זיין ווייב די נאַכט געווען באַשעפֿטיקט, זי האָט אויך געהאַט אַרבעט נישט־ווייניקער פֿון אים. אַריין אין אַ שטוב, פֿלעגט זי געמיטלאַך אַ זאָג טאָן:

„גוט־יום־טוב אייך, קריינע איך האָב געטראָפֿן צו דער רעכטער צייט, צו די קרעפּלאַך מאַכן. הלוואי איבער אַ יאָר מיט מער געזונט און מיט ווייניקער זינד... פֿאָרט אַלטע בעקאַנ־טע. איך פֿלעג דאָך צו אייך יענע יאָרן עפּטער אריינגיין, אַ צינד איז שוין, ברוך השם, דער קאָפּ פֿאַרדרייט. מען איז גאַנצע טעג פֿאַרנומען און פֿרעגט וואָס? אָט, ווי איר זעט, ווי עס ווערט טאָג ביז האַלבע נאַכט, לאָזט מען אונז נישט אָטעמען. דער אַריין, דער אַרויס. דער פֿרעגט אַן עצה, יענער פֿרעגט אַ שידוך און דער אַן עין־הרע אָפּשפּרעכן, און דאָ טרעט מען נישט אָפּ, אַז מען זאָל גיין אויף אַ שׂמחה. און, כּלעבן, מיר זיינען אַזעלכע מענטשן, אַז מיר קענען קיינעם נישט אָפּזאָגן. ס׳ווילט זיך נישט מאַכן אַ שׂנאה מיט לייטן. אמת, אין דער צייט ווען מיין מאַן לעבט מיט די קינדער, איז ער דעמאָלט אַ תּליון. ער לאָזט צו זיך קיין מענטש נישט צו, ער שיקט־אָפּ צו מיר און נור בשעת די יינגלאַך ווייבען, זאָג איך אים, וואָס יעדערער האָט געדאַרפֿט. זיין האָרעוואַניע

האָט גאָר קיין שיעור נישט. אמת, ער איז אָן עין-הרע אַ גרויסער בעל-פועל. זיינע תלמידים האָבן, ברוך-השם, אַ נאָמען אין שטאָט, נאָר וואָס העלפט עס, אַז מיין מאַן וואָלט געוועזן אַ מענטש נישט קיין שלימזלניק וואָלטן מיר נישט געדאַרפט וויסן פון דעם ביטערן ברויט. מיר האָבן געקענט לעבן פון דער הושענא-רבה-נאַכט אַליין... וויפיל איז דאָס פאָרט מיין מאַן ווערט ביי יעדערן באַלעבאָס, אַז ער שיקט אים אַריין זיין גמר-חתימה אין שטוב אַריין?"...

און אין אַ ווײַלע אַרום:

נו, דאָס בין איך טאַקי געקומען זאָגן אייך מזל-טוב, איר האָט ברוך-השם אַ געווינס. מיין מאַן האָט אייך געשיקט אָנזאָגן, אַז איר און אייער מאַן ווען אויסלעבן דעם יאָר אין נחת. ער האָט געזען זיין שטן און אייער שטן און האָט זיך זייער געפרייט, ווייל ער האָט אייך געזען מיט קעפ. האָט ער מיך אַרויסגעטריבן, איך זאָל אייך באַלד אַריין טראָגן דעם גוטן צעטל אין שטוב".

דעהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט זיך קריינע זייער דערפרייט און האָט איר געוואָלט שענקען אַ האַלב קערבל און געבעטן זי זיצן און באַדאַנקט פאַר די גוטע ווערטער און מכבד געווען איר מיט שנאַפס און טייגלאַך. העניע אָבער האָט קיין געלט נישט גענומען, זי האָט געזאָגט:

„חס-ושלום. מיין מאַן האָט מיר פאַרזאָגט איך זאָל דערפאַר אַ גראָשן נישט נעמען. איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז ווען מיין מאַן וואָלט געוואָלט נעמען פאַר אַזעלכע זאַכן געלט, וואָלט ער נישט געדאַרפט קנעלן. ער זאָגט אָבער, אַז מען האָט אים מגלה געווען, אַז ער איז נאָר מסוגל צו קנעלן, און ער נעמט בלויז אַזעלכע קינדער, וואָס ער ווייסט, אַז זיי און זייערע עלטערן, וועלן בשלום אויסלעבן זייערע יאָרן. נישט פאַר אייך געדאַכט, ער לאָזט דאָך אַרויס דריי פון זיינע אַלטע תלמידים. גאָט זאָל נישט שטראָפן פאַר די רייד, נאָר היינטיקס יאָר האַלט ער עפּיס נישט פון זיי... ער וויל גאָרנישט איינפירן

די מאָדע ביי זיך, אַז ביי אים זאָל שטאַרבן איינער פון די, וואָס לערנען ביי אים. ווילט איר, קריינע, זיין פעווגע מיט אייערע קינדער, זאָלט איר גאָר קיין שיהות נישט מאַכן און אַ שמועס טאָן מיט מיין מאַן, וועט ער זיי נעמען פאַר תלמידים, כלעבן אַ יאָר איז דאָך נישט איין טאָג, און צוועלף חדשים מאַכט זיך אַלץ. ס׳גיט זיך אַ קינד אַ קלאַפּ, עס פאַרקילט זיך, קען דאָך דערווייל טאַטע-מאַמע די נשמה אַרויס. מיין מאַן האָט געוואָלט אַפילו אַליין היינט צו אייך אַריינגיין, האָב איך אים אָפּגעשלאָגן און געזאָגט, הער אויף, משוגענער, די ביזט דאָך עפּיס היינטיקע נאַכט נישט ווי אַלע נאַכט, ראַנגלסט זיך דאָך עפּיס מיט דעם נישט-גוטן און קריינע איז דאָך מעוברת״...

„חס-ושלום, — האָט זיך קריינע אָפּגערופן, — היינט ביי-נאַכט וויל איך גאָרנישט, איך בין פאַרנומען, און עס וועלן זיך דערשרעקן די קינדער״.

פלעגט דערהערן די ווערטער אַ שכנה, פלעגט איר אויך אָנעמען אַ חשק, פלעגט זי שוין בעטן קריינען, אַז זי זאָל בעטן העניען, אַז יענע זאָל בעטן ר׳ שמאַיען, אַז ער זאָל אויף איר רחמנות האָבן און אָננעמען אירע יינגלאַך.

אַזוי-אַרום פלעגט העניע אַוועק פון דער שטוב מיט דריי תלמידים, מיט אַ גוטן שנאַפּס, מיט פאַרבייסן און מיט אַ פערטל גאַנז אין דער קעשענע און דערצו נאָך מיט אַ גרויסן דאַנק, און אַרויס פון איין שטוב היידאַ אין אַן אַנדערע שטוב, וואו זי פלעגט באַלד אַרויספאָרן מיט דיזעלבע דבורים און שפּיצלאַך...

X.

## ר׳ שמאַיע גוט-יום-טוב-בעטער אויף אַ שמחה.

ווער עס האָט ר׳ שמאַיען גוט-יום-טוב-בעטער נישט געזען אויף אַ שמחה, דער האָט קיין פּרעסער נישט געזען. האָט ער נאָר דערשפּירט אַ שמחה, האָט ער יענעם טאָג שוין קיין ביסן אין מויל נישט גענומען, כּדי ער זאָל קומען רעכט הונגעריק, און זאָל קאָנען עסן מיט דעם אמתן אַפּעטיט. ווען דער בעטער פּלעגט זיך פאַרזאָמען, פלעגט מען ווערן זייער אומרויק, ווייל דאָס פּלעגט הייסן, אַז ער קנעלט נאָך מיט די קינדער. און געקנעלט האָט ער מיט זיינע שפּיציקע נעגל, ווייל ער איז געווען אַ מוהל. מיט דידאָזיקע נעגל פּלעגט ער שטענדיק צובלוטיקן זיינע תּלמידים, מען האָט שוין געוואוסט אין שטאָט, אַז אַ יינגל מיט אַ צוקניפּענער באַק און מיט אַ צוריסענער נאָז געהערט צו ר׳ שמאַיעס חדר און דאָס איז געווען אַ סימן פון אַ בעל-פּועל. האָט אָבער ר׳ שמאַיע דערהערט, אַז מען פאַרבעט אים אויף אַ שמחה פּלעגט ער ווערן גוט מיט-אַמאָל. די קללה, מיט וועלכער ער פּלעגט אָנהייבן צו שעלטן דעם יינגל, פּלעגט ער שוין נישט ענדיקן. ער האָט שוין נישט אַראָפּגעלאָזט דעם רימען, וואָס ער האָט אויפגעהויבן צו שלאָגן. ער פּלעגט שוין בלייבן אין די לופטן הענגען און אַראָפּגעפאַלן זייער שווער ערשט אויף מאָרגן, אויף דעם קינדס רוקן.

ער האָט זיך באַלד אָנגעטאָן דעם קאַמלטענעם גאַרטל, דאָס קיילעכיקע היטל, וואָס האָט אויסגעזען אויף דער לינקער זייט, ווי אַן אַלטער אויסגעריבענער פעלץ, און האָט מיט-

גענומען אַ גאָפּל־מעסער מיט אַ לעפֿל, ווייל דעמאָלט זיינען געווען אַנדערע צייטן און אַנדערע זייטן. היינט אַ שטייגער, זיינען דאָ אַלע מכשירים אויף אַ שמחה. גענוג טעלער, גענוג גלעזער, גענוג לעפֿל, גאָפּל, מעסער, עס איז נאָר ווייניקלאַך שפּייז און משקה גאָרנישט. דעמאָלט אָבער איז אַלץ געווען פֿאַרקערט, שפּייזן און משקה זיינען געווען איבער און איבער, אָבער גאָפּל־מעסער ווייניק. מען פֿלעגט זיך באַדינען מיט אַ האַלבן טוץ גאָפּל, מעסער, אויף צען מנינים מענטשן, דעריבער האָט עס אונזער גוט־יום־טוב־בעטער מיט גענומען און האָט עס אַרונטערגעשטעקט אונטערן גאַרטל, און איז חענדום־פענדום אַוועקגעלאָפֿן אויף דער שמחה. קיין זאַך אין דער וועלט וואָלט אים בשום־אופֿן נישט געקאָנט אָפּהאַלטן פֿון אַזאַ מין שמחה.

האָט ער בעת־מעשה באַגעגנט אַ באַקאַנטן, האָט ער אים נישט באַגריסט, האָט אים איינער געזאָגט גוטנאָוונט, האָט ער אים נישט געענטפֿערט גוט יאָר. און אַז ער פֿלעגט אַפֿילו באַגעגענען אַזאַ איינעם, ביי וועלכן ער וואָלט געקאָנט באַקומען אַ תּלמיד, האָט ער זיך אויך נישט אָפּגעשטעלט.

געקומען אויף דער שמחה, פֿלעגט ער באַלד מאַכן אַ ליאַרם, אַז מען זאָל דאַווענען מנחה. דערווייל פֿלעגט ער זיך אַריינכאַפּן אין קיך און פֿלעגט נעמען שלעפּן דעם סאַרוועך צום מנין. ער פֿלעגט אים שוין נישט אָפּלאָזן, ביז יענער פֿלעגט זיך באַפֿרייען דורך אַ שנאַפּס און אַ געפֿילטן לאַקס.

קיינמאָל פֿלעגט ער זיך נישט אַנידערזעצן ביים טיש פֿון אויבן־אָן, אָדער אינמיטן, נאָר אַלעמאָל ביים ראָג טיש, כּדי ער זאָל זיך קענען עפּטער איבערזעצן און פֿאַרטומלען דעם סאַרוועך אַזוי, אַז יענער זאָל אַרויסגעבן צוויי חלקים, אַנשטאַט איינעם... אַגב האָט ער ליב געהאַט אַריינצוקריכן אין אַ איינגשאַפּט, כּדי צו גענישן עפּיס פֿון די צוטומלטע שכנים. ער פֿלעגט זיי העלפֿן רייניקן די טעלער און וואָס ער פֿלעגט נישט קאָנען אַריינפּאַקן אין מאָגן, פֿלעגט ער אַריינטראַנספּאָרטירן

אין זיינע קעשענעס. אַמאָל איז ער זיך טועה געווען, און האָט פֿון גרויס איינגשאַפּט אַריינגעפּאַקט זיינע פּרעס-אוצרות אין אַ פֿרעמדע קעשענע... אַלץ איז געווען אַ סחורה: פּיש, קניידלאַך, געבראָטנס.

אַמאָל פֿלעגט ער מאָרגן ווערן אַ פּאַרציטערטער: אין זיין זופּעצע האָבן געפֿעלט אַ סך מאכלים... ער האָט אָבער באַלד פֿאַרשטאַנען זיין טעות, אַז ער האָט עס געוויס אַריינגעפּאַקט אין די קעשענעס פֿון זיין שכן, וועלכער איז געזעסן רעכטס. איז ער הענדום-פּענדום אַוועקגעלאָפֿן צו זיין שכן און האָט אים דערציילט זיין טעות. האָט אָבער יענער צום אומגליק געהאַט אַ געליענע זופּעצע, וועלכע ער האָט באַלד אינדערפֿרי אָפּגעטראָגן. לויפֿט אונזער גוט-יום-טוב-בעטער צו יענעם, וואָס האָט געבאָרגט די זופּעצע, האָט אָבער יענער שוין אַוועקגע-שיקט די זופּעצע צום שניידער אַרויסצונעמען מיט אַ הייסן פּרעס דו פֿלעקן, וואָס האָבן זיך באַזעצט אויף דער זופּעצע פֿאַר דער צייט פֿון דער שמחה.

לויפֿט שוין שמאַיע צום שניידער. מען מוז דאָך ראַטעווען די אַלע גוטע זאַכן, מיט וועלכע ער האָט אָנגעפּאַקט די קעשענעס פֿון אַ פֿרעמדער זופּעצע. אָבער ביים שניידער איז ער שיעור אומגעפֿאַלן אין חלשות פֿון שרעק און פֿאַרדראָס. די אַלע גוטע זאַכן זיינען געלעגן אויפֿן טיש און דאָס שניידערל האָט זיך געלאָזט וואוילגיין. האָט שמאַיע דערציילט דעם שניידער, אַז דער פֿעטער ביסן געהערט צו אים, און אַז ער האָט זיך פּשוט טועה געווען מיט אַ פֿרעמדע קעשענע. אָבער דאָס שניידערל האָט גאָרנישט געוואָלט הערן, וואָס מען רעדט צו אים.

האָט מען זיך גענומען קריגן, אָבער שמאַיע האָט, נעבאַך, געמוזט אַוועקגיין מיט אַ נאָז.

# XI.

## זיין לעצטער גוט-יום-טוב-בעטן.

אין יענער צייט האָט אין ווילנע געלעבט אַ געוויסער אָרטשיק די קלוגע יאַרמעלקע. דערדאָזיקער אָרטשיק האָט געוואונען אַ גרויסן געווינס, האָט ער זיך געקויפט אַ גרויסן הויף און האָט געמאַכט דעם ערשטן טאָג שבועות אַ וואַזשנעם חנוכת-הבית.

אין דעם גרעסטן זאַל האָט ער אויסגעשטעלט טישן מיט די שענסטע שפייזן און טייערסטע געטראַנקען, וואָס מען קען זיך נאָר פאָרשטעלן. די חשובסטע מענטשן פון ווילנע האָט מען פאַרבעטן אויפן מאָלצייט. דריי טעג פאַר שבועות האָט שוין די גאַנצע שטאָט געפויקט מיט דערדאָזיקער שמחה.

אונזער ר׳ שמאַיען דעם גוט-יום-טוב-בעטער האָט דער מאָלצייט שטאַרק פאַרשמעקט און ער האָט באַשלאָסן צו זיין ביי דעם אָרטשיקן אויף חנוכת-הבית. אייגנטלאַך האָט ער געהאַט גענוג רע-ט דערצו. ערשטנס, פלעגט ער אַזוי אויך אַרייקומען צו אים יום-טוב-צייט, ווייל דאָס ערשטע ווייב, וואָס אָרטשיק האָט זי אָפּגעגט, איז געווען מיט שמאַיען אַ שטיקל שייכות. צווייטנס, פלעגט אָרטשיק דאַוונען אין דעם אייגענעם קלויז, וואו ער האָט געדאַוונט. דאָך האָט ער ביי זיך נישט געקענט פאַרטיק ווערן, צי עס פּאַסט אים צו גיין נישט קיין געבעטענער אויפן מאָלצייט.

אָבער דער מאָלצייט האָט שטאַרק געצויגן... און ער האָט באַשלאָסן צו גיין אינאיינעם מיט די כלי-קודש פון דעם קלויז,

דאָס הייסט, ער וועט גיין צוזאַמען מיטן חזן, מיטן זאָגער, מיטן בעל־קורא און מיטן שמש. דעריבער האָט ער היינטיקן שבועות שוין נישט געדאַוונט ותיקין, ווייל דער חזן דאַוונט געוויינלאַך צום צווייטן מנין. אַגב אַז מען דאַוונט ותיקין, ־אַפּט מען זיך ערגעץ אַריין גוט־יום־טוב־בעטן, מאַ־ט מען דערווייל אַ שנאַפּס, פאַרבייסט מען עפּיס, איז שוין דער אַפּעטיט נישט יענער, וואָס ער פלעגט שטענדיק האָבן אויף אַ שמחה, בשעת ער פלעגט פריער צו הונגערן אַ גאַנצן טאָג.

האָט ער, אַלזאָ, געדאַוונט מיטן צווייטן מנין צוזאַמען מיטן חזן.

אָרטשיק האָט ווידער געדאַוונט מיטן ערשטן מנין און די שטאָט האָט זיך אָנגעהויבן פאַרקערן צו אים באַלד נאָך ותיקין.

דאָס דאַוונען האָט אויסגעזען ביי אונזער שמאַיען ווי אַן אייביקייט. נאָ־ן דאַוונען האָט ער זיך שטאַרק געבייזערט אויפן חזן, וואָס ער איז מאַריך געווען, און האָט אים געזאָגט, אַז ער וויל מיט אים גיין צו אָרטשיקן גוט־יום־טוב־בעטן. דער חזן איז אָבער געווען אַ מענטש מיט אַמביציע, האָט ער זיך אָנגערופן:

„ביי מיר קומט אויס, אַז מיר באַדאַרפן נישט גיין, וואָרום מען האָט אונז נישט געבעטן”...

האָט זיך ר׳ שמאַיע אָנגעצונדן:

„קאָנט איר מיר דעם יחסן! — האָט ער זיך צעשריען, — ווער בעט עס אַ חזן, אַ שמש און אַ בעל־קורא! נישקשה, אויף מיין אחריות, קומט, לאָמיר גיין”.

האָט דער חזן נאָכגעגעבן. ר׳ שמאַיע האָט אים איינגערעדט און האָט נאָך צוגעגעבן, אַז דערפון קאָן נאָך אַמאָל אַרויס אַ גרויסע שנאָה.

דעמאָלט איז מען אַוועק:

דער חזן, דער שמש, דאָס זאָגערל, דער בעל־קורא. ר׳ שמאַיע איז געגאַנגען פאָראויס. מען איז געגאַנגען צו ר׳ אָרטשיקן,

וואָס האָט זיי פיינט געהאַט, נישט געקאָנט זיי ליידן ומכל-שכן דעם גוט-יום-טוב-בעטער.

די קאָמפּאַניע שטאָפּערס איז דערווייל בשלום געקומען צו ר׳ אָרטשיקן אין שטוב אין קיין שום מענטש איז נישט אומשטאַנד צו באַשרייבן דעם גרויסן תענוג פונם יום-טוב-בעטער, ווען ער האָט דערזען די שיינע שפייזן און געטראַנקען, וואָס זיינען געשטאַנען אויפן טיש.

דערזען דידאָזיקע ,,אַליאַסטרע", האָט זיי ר׳ אָרטשיק באַגעגנט מיט דידאָזיקע ווערטער:

,,אָט דאָס זיינען גוטע פריינט, געקומען נישט געבעטענערהייט... איר האָט טאַקי געטאָן ווי חכמים, אַ נישט וואָלט איר אייך אָנגעמאַכט אַ שנאה. געוויס, מיר זיינען דאָך עפּיס אַלטע באַקאַנטע און די אַלע זיינען בלויז נאָדל-נייע באַקאַנטע. וואָלט איך געוואָלט, אַז איר זאָלט דאָ אין פּאָדער-שטוב זיך צוזעצן אַ ווײַלע און איבערוואַרטן אַ ביסל, ביז עס וועלן זיך איבערדרייען די פּאַמפּעס און דערנאָך וועל איך מיט אייך סאַם-נאַ-סאַם זיך אַ ביסל פרייען".

שענער קען שוין נישט זיין אויסגעלייטערט דער טאָג אין תמוז, ווי ס׳איז אויסגעלייטערט געווען דאָס פּנים פון אונזער גוט-יום-טוב-בעטער, ווען ער האָט דערהערט אַזעלכע ווערטער פון אָרטשיקן. זיינע אויגן האָבן כסדר געקוקט אַהין און צאַל. פלעגט איין גאַסט אַוועקגיין, פלעגט אים ווערן גרינגער אויפן האַרצן. האָט ער אָבער געזען, אַז עמיץ, אַ נייער, איז אַריינגעקומען, האָט ער געגומען ברענען פון רציחה און פּאַרדראָס. די צייט האָט זיך אַלץ געצויגן און די כאַליאַסטרע איז דערווייל געזעסן אין גרויסע צרות פון עלף ביז האַלב איינס ניכטערערהייט.

איינס אַ זייגער איז אַרויס אונזער אָרטשיק און האָט געזאָגט, אַז ער איז שוין זייערער.

,,הערט-נאַר, — האָט ער זיך אָנגערופן, — איך מוז אייך פריער באַווייזן, מיט וואָס דער בורא האָט מיך באַגליקט. איך וועל אייך ווייזן מיין הויף, מיינע חדרים. מהכי-תיתי, זאָלן גוטע פריינט אויך נחת האָבן".

און ער האָט זיי אַרויסגעפירט אין הויף. אונזער גוט־יום־טוב־בעטער איז אַראָפּ אַ געשטאָרבענער, אַטויטער, וואָס מען לייגט אַריין אין דער ערד.

נאָר אָרטשיק האָט זיי געוויזן אַלע שפּייכלערס און שטאַלן און פאַראייַנוועגס דערציילט, וויפיל הכנסה ער האָט פון זיין הויז. נאָכדעם האָט ער זיי געפירט אין די אויבערשטע חדרים.

„מיינע הייזער, — האָט ער געזאָגט, — האָט איר שוין געזען, איצט וועל איך אייך ווייזן מיינע בוידעמער. איר וועט אַ ביסל זען, ווי זיי זיינען געדעקט מיט בלעך”...

און ער האָט זיי אַרויפגעשלעפּט אויף די בוידעמס.

אונזער אָרטשיק איז געווען אַ קליינער יידל, איז ער געגאַנגען גלייך. אָבער דער גוט־יום־טוב־בעטער מיט זיין כאַלאַסטרע האָבן זיך, נעבאַך, געמוזט ברעכן אין פינפן, נאָכשלעפּן נאָך אָרטשיקן, וואָס האָט זיי דאָרט אָפּגעהאַלטן אַ גוטע שעה און האָט זיי געגעבן צו פאַרשטיין, מיט וואָס פאַר אַ שכל און מיט וואָס פאַר אַן איינפאַל ער וועט דאָ מאַכן אַ סוכה... נאָכדעם האָט ער זיי פּאַוואָליע דערציילט, מיט וואָסערע הכמות ער האָט געקויפט דעם הויז און די בידנע כאַליאַסטרע האָט אים אויסגעהערט פאַרשמאַכט און געבויגן.

איצט האָבן זיי שוין אויפגעהערט צו זען און צו הערן. ענדלאַך, האָט זיך אונזער שמאַיע נישט געקענט מער איינהאַלטן און האָט זיך אָפּגערופן:

„כלעבן, ר' אָרטשיק, איר ווייסט דאָך, אַז עס איז שוין נישט פרי, אונזערע וואַרמעסן וועלן קאַליע ווערן...

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, האָט אָרטשיק אַרויסגעכאַפּט דאָס זייגערל און אַ געשריי געטאָן:

ס'איז שוין האַלב דריי!.. זאָל עס אַריינפאַלן אין טיפן ים, וואָס אַייערע וייבער וועלן מיר אָנווינטשן. גענוג, איך וועל אייך פאַרשפּאָרן וועג און איר וועט טאַקי דאָ אַראָפּגיין”.

און ער האָט זיי געעפנט אַ טירל אין גאַס אַריין...

די כלי־קודש האָבן אויסגעזען שוואַרץ, ווי די ערד. זיי

זיינען אַרויס אין גאַס און האָבן נישט דערקאָנט דעם ליכטיקן טאָג. דאָס ערשטע מאָל אין לעבן האָט אים איצט, שמאַיע דעם גוט-יום-טוב-בעטער, געטראָפן, אַז יום-טוב זאָל ער זיין פאַר-שמט כּ׳ בּיז דריי אַ זייגער. דאָס בּלוט האָט אין אים געקאָכט. די הויט האָט אויף אים געבּרענט. ער האָט עס נישט אויסגע-האַלטן און איז קראַנק געוואָרן, אַ פּאָפּלעקסיע געקראָגן, קוים אויף די פּיס זיך געהאַלטן, און געלעבט בּלויז עטלאַכע יאָר.

איצט פלעגט ער זיצן אויפן שולהויף מיט אַ פּאַטשיילע און בּעטלען. ער איז שוין געווען דער אמתער בּעטלער.

אונזערע חכמים זאָגן: דער, וואָס איז מקבּל צדקה, ווען ער נוטיקט זיך נישט, וועט ער נישט אַוועק פון דער וועלט בּיז ער וועט זיך בּאמת נישט נוטיקן... זיין פאַרמעגן האָט אים דאָס ווייב אַוועקגעגנבעט און געמאַכט פליטה מיט דעם...

נו, מיין טייער לעזערין, איך האָב דיר דערציילט אַ געשיכטע צום לאַכן, אָבער דאָך נישט בּלויז צום לאַכן. דו קענסט אין איר געפינען אויך אַ סך נוציקע זאַכן. דו קענסט דערפון לערנען ווי מען בּאַדאַרף זיך מרחק זיין פון בּעטלען און נאָכצוגעבן דעם האַלז, ווי שמאַיע גוט-יום-טוב-בּעטער

---

# ר׳ יודל שלאָבאַנער

# די שײנע מינקע

דאָס איז אַ שײנע דערצײלונג פֿון אײנער אַ מײדל, װאָס האָט געהײסן די שײנע מינקע, אַ טאָכטער פֿון אַ חסיד, װאָס האָט זיך פֿאַרליבט אין אַ מתנגדישן יונגענמאַן, װעלכער האָט געהײסן איציק שװאַרץ. דידאָזיקע געשיכטע איז גוט געװירצט און קנאַפּ געקירצט. זי איז שײן און זײער רײן און עס שפּיגלט זיך אָפּ אין איר אַ העלער מאָראַלישער זין, װי אַ זונשטראַל אין אַ געשליפֿענעם רובין.

באַמערקונג: צום ערשטן מאָל געדרוקט אין יאָר 1886.

# די שײנע מינקע

אָדער

# ר׳ יודעל שלאבּאנער

I.

# ר׳ יודל שלאָבאָנער.

אין אַ גרויסער שטאָט, וואָס ליגט אין וואָלין און וואָס איז דער הויפּטפּונקט פון חסידות, האָט פאַר אַ יאָר עטלאַכע און צוואַנציק צוריק, געוואוינט אַ געוויסער אָקסנהענדלער ר׳ יודל שלאָבאָנער, אַ חסיד פון הויט און קנאָכן. דאָס איז געווען אַ ייד אַן עושר און זיין רבין איז ער געווען איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן. אָן דעם רבים הסכם, האָט ער נישט געקויפט און נישט פאַרקויפט קיין אָקסן, קיין הויז נישט געבויט, אַפילו נישט געקינדלט, און אַ פשיטה שוין קיין שידוך נישט געטאָן מיט זיינע קינדער, און ס׳איז אים זייער גוט געגאַנגען.

עס האָט געהאַלטן ביים אויסגעבן די יינגסטע טאָכטער מינע, וואָס איז געווען אַזוי קלוג און שיין, אַז מען האָט זי גערופן די שיינע מינקע. דער פאָטער איז, באַטירלאַך, זייער זיכער געווען, אַז ער וועט טאָן מיט זיין טאָכטער דעם שענסטן שידוך, ווייל ער האָט געהאַט בדעה צו געבן איר אַ פאָר טויזנט רובל נדן. און דעריבער, ווען זי איז אַלט געווען אַ יאָר פופצען, האָבן שדכנים אָפּגעשלאָגן אים די שוועל. מען האָט אים גערעדט שידוכים מיט גרויסע גבירים, מיט גרויסע רביים, און ער וואָלט שוין אַודאי פאַרקנסט זיין מינקען, ווען ס׳וואָלט זיך נישט געמאַ-ט דערביי אַ זייטיקע סיבה. און די סיבה איז נישט געווען קיין אַנדערע, ווי אַ געהיימע ליבע, וואָס אין יענער צייט און אין יענער געגנט און בפרט נאָך ביי חסידים, איז

## ר׳ יודל שלאָבּאָנער.

עס געווען גאָר אַן אויסטערלישע זאַך. דאָרט האָט מען גוט געקאָנט די ווערטער: „האַס״, „פיינטשאַפט״, אָבער נישט דער אומריינער נאָמען ליבע, ווייל ס׳האָט זיך נאָך דאָרט נישט געטראָפן, אַז מען זאָל חתונה האָבן פון עפּיס אַ ליבע־געפיל, אָן אַ רעיון פון געלט אָדער יחוס.

דאָרט האָט מען זיך געשראָקן פאַר אַזוינע זאַכן: „אוי, אַ געהיימע ליבע! אַ קרימינאַל־פאַרברעכן!״, דאַרף עס אָבער גראָד טרעפן אין אַזאַ גרויסן חסידישן אָרט. ווי קומט פאָרט דאָס מיידל דערצו? און ווער איז דער אייגער, אין וועמען זי האָט זיך פאַרליבט? און נאָכמער: וואָס האָט די עלטערן געצוואונגען, אַז זיי זאָלן נעמען אין אַכט דער טאָכטערס ליבע־געפילן? ווער פרעגט דאָרט ביי אַ טאָכטער אָדער ביי אַ זון, וועמען זיי ווילן יאָ, און וועמען זיי ווילן נישט, ווייל די קינדער האָבן קיין שום דעה נישט געהאַט אין אַזוינע ענינים, פונקט ווי זיי האָבן קיין דעה נישט געהאַט ביי זייער געבוירן ווערן? מיר וועלן עס אָבער דערקלערן אין צווייטן קאַפּיטל.

II.

# אפרים שוואַרץ און זיין זון איציק.

אין אונזער מאָראַלישער וועלט איז שוין אַזוי איין מאָל פאַר אַלעמאָל איינגעשטעלט, אַז אַ סך פראַגן ווערן זייער אָפט פאַרענטפערט נאָר דורך אַ גרעסערער פראַגע. דערדאָזיקער כּלל קאָן אויך גילטן אין אונזער פאַל.

ווייל נישט-ווילנדיק דרינגט פון זיך אַליין אַרויס אַ האַרבערע שאלה: וויאַזוי האָט אַהין פאַרבלאָנדזשעט אַזאַ ראַמאַנען-העלד, אַ יונגערמאַן, וואָס זאָל זיך קאָנען פאַרליבן? דידאָזיקע פראַגע לאָזט זיך אָבער לייכט פאַרענטפערן.

מיט אַ יאָר דרייסיק צוריק האָט זיך דאָרט נישט-ווילנדיק באַזעצט אַ געוויסער רוסישער שרייבער אפרים שוואַרץ. ער איז אַהין פאַרשיקט געוואָרן... דערפאַר, ווייל ער האָט אָנגעשריבן אַ בקשה פאַר אַ פויער, וואָס האָט זיך נאָך דעמאָלט געטרע-נט פאַר לייב-אייגנטום. אַליין איז ער געווען אַ ווילנער, אַ גאַנץ בראַווער מענטש, א שיינער יודע-ספר, אַ שיין געבילדעטער מענטש, האָט פאַרשטאַנען זייער גוט רוסיש, דייטש, פויליש, העברעאיש, און איז געווען אַ גרויסער בקי אין געזעץ. געקומען איז ער מיט זיין ווייב און מיט אַ בן-יחיד פון אַ יאָר דרייצען-פערצען, וואָס איז דערצויגען געוואָרן אויפן ווילנער שטייגער, דאָס הייסט, ער האָט שוין באַדאַרפט אַריין אין פערטן קלאַס פון אַ שולע. דאָסדאָזיקע בחורל איז געווען זייער אַ געראָטן קינד, שיין געוואַקסן, מיט אַ גוטן קאָפ, מיט גוטע

פּעהיקייטן און האָט זיך אויך זייער שיין אויפגעפירט. געגאַנגען איז ער לייטיש אָנגעטאָן און האָט גערעדט אַ שיינעם דייטש. קורץ געזאָגט, ער האָט געהאַט זייער גוטע מעלות, און האָט געקאָנט געפעלן ווערן אַ שיין מיידל פון רייכע עלטערן אין יענער טונקעלער געגנט. און דאָס בחורל איז טאַקי געפעלן געוואָרן.

באַלד ווי זיינע עלטערן האָבן זיך דאָרטן באַזעצט, און מען איז געוואָר געוואָרן, אַז ער, דער פאָטער, איז אַ פּראַקטישער מענטש, וואָס פאַרשטייט אַ געזעץ און אַ משפט, האָבן די אָרטיקע גבירים אָנגעהויבן אים צו געברויכן אין זייערע פּראָצעסן, און מער פאַר אַלע אַנדערע האָט אים באַשעפטיקט ר׳ יודל שלאָבאָנער, וועלכער איז געווען פאַרדרייט אין גרויסע ספּראַוועס. און ווען שוואַרץ האָט אים פון מאַנכע פּראָצעסן זייער גוט אַרויסגעוויקלט, איז ער מיט אים זייער אויפגעטראָגן געוואָרן, אַזוי אַז ער האָט אים אָפּגעגעבן ביי זיך אין הויף אַ דירה, כדי ער זאָל אים אַלעמאָל האָבן ביי דער האַנט, און האָט זיך אים אָנגעטרויט מיט אַלע זיינע געהיימע געשעפטן. קיין חרטה דערויף האָט ער אייגענטלאַך נישט באַדאַרפט האָבן, ווייל דער אפרים שוואַרץ האָט אים אָרענטלאַך און טריי געדינט.

ביידע פאַמיליעס האָבן זיך זייער גוט איינגעלעבט, מען פלעגט לויטער גיין צו איינאַנדער אויף טיי, אויף אָווענטן, אויף געבורטסטעג און מיט דער צייט זיינען זיי אַזוי ווייט איינאַנדער אָנגעטרויט געוואָרן, אַז זיי האָבן געוואוסט וואָס עס טוט זיך ביי יעדן אין קאָפּ. אַזוי־אַרום, קאָן זיין, האָבן זיי זיך פאַרזינדיקט געגן דעם אַלטן קלוגן שפּריכוואָרט: „מעסיק דיין פריינטשאַפט צו דיין פריינט, בכדי דו זאָלסט זיך נישט דאַרפן שרעקן פאַר אים, אין פאַל, ווען יענער וועט דיר אַמאָל מוזן ווערן אַ שונא״. דאָסגלייכן קאָן מען אויך זאָגן, מעסיק דיין פיינטשאַפט צו דיין שונא, בכדי דו זאָלסט אים קענען ווערן מיט דער צייט אַ גוטער פריינט.

די פריינטשאַפט, וועגן וועלכער מירריידן דאָ, איז אָבער

געשלאָסן געוואָרן בלויז צוליב געלט-אינטערעסן. בטבע זיינען זיי געווען פֿון גאַנץ פֿאַרשידענע מיינונגען אין כאַראַקטערן. ר׳ יודל סלאָבאָנער איז געווען אַ פֿייערדיקער חסיד, בעת ר׳ אפֿרים האָט געהערט צו די קאַלטע מתנגדים. ר׳ יודל האָט גע-האַלטן, אַז אפֿרים איז אַ מענטש אָן אַ נשמה, אָן עולם-הבא, וואָס וועט פֿאַרפֿאַלן ווערן אין גיהנום ביז דעם יום האַחרון, און האָט אים אַלעמאָל שטאַרק באַדויערט, וואָס ער איז נישט קיין חסיד. אָבער אפֿרים האָט באַטראַכט דעם ר׳ יודל סלאָבאָנער פֿאַר אַ שוטה און אַ טיפּש, וואָס גלויבט ווי אַ געצנדינער, אין אַלע נאַרישקייטן. געלט-אינטערעסן זיינען אָבער אַלעמאָל געווען מעכטיק, און דידאָזיקע צוויי מענטשן האָבן זיך גערעכנט פֿאַר פֿריינט, בפֿרט נאָך אַז אפֿרים האָט נישט געוואָלט לאָזן פֿאַר-לירן כאָטש איין וואָרט וועגן אמונה-זאַכן און ר׳ יודל סלאָבאָנער האָט נישט געוואָלט ריידן מיט אפֿרימען וועגן מתנגדות און חסידות, ווייל ער האָט איינגעזען, אַז יענער האַלט בכלל די אמונה פֿאַר אַ פּוסטע צערעמאָניע. ער האָט עס אַפֿילו פֿון אים נישט געהערט, אָבער מען האָט עס געקאָנט זען דערפֿון, וואָס ער באַזוכט זייער זעלטן אַ שול, וואָס קאָן אויסקומען מיט איין עליה אַ גאַנצן חודש און וואָס ער פֿאַרזאַמט אַמאָל אַ מנחה. ווי אַזוי רעדט מען מיט אַזאַ מענטשן וועגן חסידות און אַנדערע אמונה-זאַכן?

דערפֿאַר אָבער האָבן זייערע קינדער, איציק און מינקע, געהאַט פֿיל צו ריידן צווישן איינאַנדער. זייער שמועס האָט אַפֿילו נישט געהאַט קיין שייכות צו חסידות און מתנגדות. מען קאָן זאָגן, אַז דאָס איז געווען אַ גאַנץ אינהאַלטסלאָזער שמועס, וואָס האָט אָבער ביידן פֿאַרשאַפֿט גרויס תענוג. ווען צוויי פֿאַרליבטע ריידן אַפֿילו פֿון פֿאַראַיאָריקן שניי, אָדער פֿון אַ פֿאַר-מעגן, וואָס אַ געוויסער יורד האָט אַ מאָל געהאַט און דאָסגלייכן, איז עס אויך אַן אַנגענעמער שמועס פֿאַר זיי. ווייל דאָס גיט ווידעראַמאָל אַ געלעגנהייט זיך אַריינצוקוקן איינאַנדער טיף אין פּנים אַריין און אַריינצובראָקן אין אַזאַ מין שמועס עפּיס

## ר' יודל שלאָבאָנער.

אַן אָנצוהערעניש אויף ווילטיקערע זאַכן, וואָס האָבן אַ שייכות צו זייערע איבערלעבונגען. דאָס ווייסן זייער גוט די אַלע יענע, וואָס זיינען אַ מאָל געווען יונג און וואָס זיינען נאָך עס אַצינד. אונזערע חכמים, אַ שטייגער, דערציילן פון דער פרוי אַביגיל, אַז בשעת זי איז געקומען בעטן דעם מלך דוד, ער זאָל שוינען דאָס לעבן פון איר מאַן נבל, האָט זי אים שוין מרמז געווען, ער זאָל זי נעמען פאַר אַ ווייב נאָך איר מאַנס טויט.

איציק און מינע האָבן זיך קיינמאָל נישט געקענט גאָר אָפריידן.' אפשר צען מאָל אַ טאָג האָט מען זיך געטראָפן און יעדעס מאָל מיט אַן אַנדער אויסרייד: דאָ ברויכט זי צו באָרגן זיין מעסערל און דאָ באַדאַרף ער איר שערעלע. דאָ איז זי געקומען אַ קוק טאָן אויף זיין זייגער, ווייל דער זייגער אין שטוב האָט זיך אָפגעשטעלט, און דאָ איז ער געקומען צו איר בעטן אַ פאָר פעדעם און דערווייל אַריינגעכאַפט אַ לאַנגן שמועס.

און אַז מען איז געוואָרן פאַרטרויטער, האָט איר איציק אָנגעהויבן לערנען דייטש און דאָס האָט איר גאַנץ גוט געשמעקט. דאָך האָט עס אָבער געמוזט געשען גאַנץ געהיים, ווייל דער פעטער וואָלט דערפאַר די ביינער צובראָכן. האָט מען זיך געהיט. און אין פערלויף פון איין יאָר האָט זי געהאַט אַ גרויסע פעולה אין דער דייטשער שפראַך און נאָך אַ גרעסערע פעולה — אין דער ליבע, ווייל זי האָט זיך פאַרליבט אין איציקלען איבער די אויערן, אַזוי ווי ער אין איר, און עס איז שוין אַזוי ווייט געקומען, אַז מען האָט זיך איינאַנדער דערקלערט אין ליבע און פייערלאַך אָפגערעדט, אַז זיי זאָלן חתונה האָבן. קיין שום זאַך אין דער וועלט טאָר זיי נישט שטערן.

אָ, מיין טייערע לעזערין! די, וואָס ווינטשן אונז בייז, זאָלן געפּלאָגט ווערן מיט אַ געהיימער ליבע. זי איז שטענדיק פאַרבונדן מיט גרויסע יסורים און צער.

מיר וועלן אָבער ווייטער פאַרציילן אונזער געשיכטע.

## III.

# די שרעקלאַבע אַנטדעקונג.

די ביידע קינדער האָבן זיך געליבט, אָבער מער נישט זוי געליבט און ווייטער גאָרנישט. ביי קלוגע ציוויליזירטע עלטערן ענדיקט זיך אַזאַ פֿאַל גאַנץ איינפֿאַך און אָן דעם מינדעסטן טומל. עס ווענדט זיך נאָר אָן דעם, צי דער געליבטער איז אַן אָרענטלאַכן און אַ פֿעהיקער יונגערמאַן. אויב ער איז אַן אָרנטלאַכער און פֿעהיקער מענטש, אָדער דאָס מיידל איז אַ וואויל און גוט מיידל, מאַכט מען זיי חתונה און די ליבע דערגרייכט איר ציל. אויב זיי פּאַסטן זיך נישט *), גיט מען זיי צו פֿאַרשטיין דורך קלוגע ווערטער און ביישפּילן, אַז זיי טאָרן נישט חתונה האָבן, אַז דאָס קאָן זיי אומגליקלאַך מאַכן אויפֿן גאַנצן לעבן, און מען צעשיידט זיי.

---

*) אַ שיין ביישפּיל דערצו גיט אונז די וועלט-געשיכטע פֿון קאַרל I, קייזער פֿון פֿראַנקרייך, איטאַליע און דייטשלאַנד. ער האָט געהאַט אַ טאָכטער, עמאַ האָט זי געהייסן, איז זי געווען דאָס שענסטע מיידל פֿון אַלע מיידלאַך, וואָס האָבן געלעבט אין איר צייט. דער פֿאָטער האָט זי זייער ליב געהאַט און האָט זי נישט געוואָלט חתונה מאַכן. ערשטנס: טאָמער וועט זי דער מאַן שלעכט באַהאַנדלען און, צווייטנס: טאָמער וועט זי גיין שווער צו קינד. עמאַ האָט אָבער געהאַט גאָר אַן אַנדער מיינונג, ווי איר פֿאָטער. נישט געקוקט דערויף, וואָס זי איז געווען אַ גרויסע צניעה און זייער פֿרום, האָט זי זיך דאַך פֿאַרליבט אָן דעם פֿאָטערס וויסן אין אַ יונגנמאַן, וואָס האָט געהייסן בערעהאַנט. דערדאָזיקער יונגערמאַן איז געווען אַ שרייבער ביי איר פֿאָטער און אַליין האָט ער געשטאַמט פֿון אַ גאַנץ קליינער פֿאַמיליע, ווייל אין יענע צייטן האָט מען אַ שרייבער געהאַלטן פֿאַר אַ גאַנץ פּשוטן בעל-מלאכה.

## ר׳ יודל שלאָבאָנער.

בּיי נישט-ציוויליזירטע מענטשן איז גראָד דער הפוך דערפון. אַ געהיימע ליבע בּלייבּט נור אַ סוד פאַר די עלטערן, בּיז עס רעדט שוין דערפון די גאַנצע שטאָט און דאַן ענדיקט זי זיך מיט אַ סקאַנדאַל. דאָס מיידל בּלייבּט אַ בּאַרעדטע און אַן אומגליקלאַכע אויפן גאַנצן לעבן. זי ווערט גערודפט און פאַרפאָלגט פון אירע אייגענע עלטערן, און דאָסגלייכן ער אויך. עס האָבּן צו טאָן דערמיט הונט און שפּונט און זייער לעבּן איז גאָרנישט ווערט.

אין אונזער פאַל וואָלט אפשר נאָך אַ סך ערגער געווען, ווייל דער פאָטער פון דעם מיידל איז געווען אַ חסיד און דער פאָטער פונם חתן — אַ קנאַפּער מתנגד. דאָס הייסט אַזוי גוט, ווי פייער מיט וואַסער. ס׳וואָלט דאָ געווען, ווי מען זאָגט, קעפּלאַך מיט פיסלאַך. בּיי ר׳ יודל שלאָבאָנער האָבּן שוין געוואוסט דערפון אַלע שטוב-לייט און אַלע שכנות און מאַרקווייבּער. ווען דער דאָרטיקער רבּי, אַ גוטער וועלטמענטש, וואָלט עס נישט פאַרכאַפּט בּאַצייטנס און וואָלט נישט געגעבּן דער נאָך אַ גוטע ווענדונג, וואָלט געווען זייער שלעכט. אָבּער מיר פירן ווייטער אונזער דערציילונג.

די ערשטע מענטשן, וואָס האָבּן אויסגעשפּירט דעם גע־

---

עס איז גאָר געווען אַ חרפּה, אַז אַן אַדלמאַן זאָל קענען אַליין שרייבּן, בּפרט נאָך אַ קייזער. זיין התימה איז בּלויז געווען אַן אָפּדרוק פון זיין האַנט, וואָס איז פריער בּאַשמירט געוואָרן מיט טינט אויפן פּאַפּיר. דערדאָזיקער בּערנהאַרדט פלעגט אַלע אָוונט קומען צו עמען און פלעגט זיצן בּיי איר בּיז שפּעט אין דער נאַכט. און דאָס איז געשען בּסוד-סודות. עס האָט דערפון געוואוסט אַ קאַמער-פרוי און ווייטער קיינער נישט. איינמאָל אָבּער איז בּיינאַכט ארויסגעפאַלן אַ שניי, וואָס דאָרט געשיט עס זייער זעלטן. בּערנהאַרדט האָט מורא געהאַט ארויסצוגיין פון הויז, ווייל די שפּורן אויפן שניי וואָלט אים געקאָנט אַרויסגעבּן. האָט אים עמע אַליין אַרויסגעטראָגן פון איר הויף. צום אומגליק אָבּער איז דאַן געווען אַ העלע לבנה־נאַכט, און דער פאָטער, וואָס האָט גראָד בּעת-מעשה נישט געשלאָפן, האָט עס בּאַמערקט דורכן פענסטער פון זיין שלאָפצימער. די נאַכט האָט דער מלך געשוויגן, אָבּער אויך צומאָרגנס האָט ער צוזאַמענגערופן זיין סינאַר

היימען ראָמאַן צווישן דער מינקע און איציקן, זיינען געווען גישט קיין אַנדערע, ווי די דינסטמיידלאַך פון די בײדע הייזער. דידאָזיקע מיידלאַך האָבן די ערשטע אונטערגעהערט זייערע שמועכן און די ערשטע באַמערקט, ווי מינע קימערט זיך וועגן איציקס עסן און טרינקען, און שיקט אים אַלעמאָל אַריין טיי, קאַווע, גריבנס, פּרוכטן און אַז ער איז אַמאָל נישט געזונט געווען, איז זי אַרומגעגאַנגען אָן אַ קאָפּ. אויסערדעם, האָבן זיי באַמערקט, ווי יעדער פונם פּאָרל טראָגט ביי זיך אויפן האַרצן אַ מעדאַליאָן מיטן בילד פונם צווייטן. האָבן די דינסטן עס פאַרציילט פאַר זייערע חברטעס נאָך מיט פאַרשידענע צוגע-באַכטסן, און די חברטעס האָבן עס דערציילט ווייטער מיט נאָך גרעסערע הוספות, ביז עס האָט אָנגעהויבן צוגיין רונדיק איבער דער שטאָט און האָט זיך פאַרגרעסערט אינם לויף ווי אַ שנייקויל. די לעצטע, וואָס האָבן עס באַקומען צו הערן, זיינען געראָד געווען אירע עלטערן. זיי זיינען געוואָר געוואָרן דער-פון ביידע אין איין טאָג אין צוויי באַזונדערע ערטער מיט מויזנט הוספות און צוגעבאַכטסן. זיי האָבן שוין געהערט, אַז די טאָכטער שוואַנגערט, אַז זי גייט שוין אָפּט אַריין צו פּיי-געטשקע די פּראָפּעסאָרקע, אַז מען האָט זי געזען זיך אַרומ-שלעפּן מיט איציקן, אָנגעטאָן ווי אַ פּאַניטש, אַז קליינע קינדער זיינען געקומען צו חלום און האָבן געמאָלדן, אַז זיי זיינען

---

און האָט געפרעגט די סינאָד-לייט, וואָס קומט אַזאַ איינעם, וואָס האָט פאַר-פירט זיין טאָכטער און וואָס קומט איר אַליין?

„מען באַדאַרף אים קעפּן,— האָבן זיי געענטפערט — און דאָס מיידל באַדאַרף מען אַריינגעבן אין אַ קלויסטער".

דעמאָלט האָט זיך אָנגערופן דער מלך:

„און איך זאָג אייך, אַז איך בין מער שולדיק פאַר זיי ביידן, ווייל איך בין געגאַנגען געגן די געזעצן פון דער נאַטור און דער אמונה. אַלזאָ, איך גיב אַרויס אַ דעקרעט: ביידע זאָלן חתונה האָבן!"

און ער האָט זיי ביידן חתונה-געמאַכט אינם געריכט-זאַל. דאָס פּאָרל האָט זייער גליקלאַך געלעבט, און בערנהאַרדט איז שפּעטער געוואָרן קאַרלס געשיכטע-שרייבער.

געשטאָרבן נאָר צוליב אירע זינד און נאָך אַזעלכע מעשׂיות און פּלוידערייען, וואָס די ליידיקגייער-באַריידער לאָזן אַרויס פון דער צונג און פּוצען אויס יעדע קלענסטע זאַך, הן צום גוטן און הן צום בייזן, אַז עס ווערט פון אַ וואָרט אַ קוואָרט.

די מוטער האָט עס דערהערט פון אירע אַ קרובה אין דער ווייבערשער שול און די מעשׂה האָט איר געקאָסט אַ סך געזונט. אין שטוב איז זי אַריינגעפאַלן נישט טויט, נישט לע-בעדיק. דער פאָטער, ווידער, האָט זיך דערוואוסט אין שטיבל און איז אויך געקומען אַ היים אַ טויטער. ער האָט עס באַלד דערציילט זיין ווייב, וואָס האָט שוין געוואוסט דערפון און וואָס איר האָט עס נאָכמער געקריינקט, ווי אים, ווייל זי האָט געהאַלטן, אַז זי איז דערין מער שולדיק, ווי ער. זי איז דאָך אַ מוטער, און זי זיצט מער אין שטוב, ווי דער מאַן, היינט ווי קוקט זי דאָס נישט אויף דער טאָכטער, ווי באַמערקט זי דאָס נישט, אַז יענע האָט צופיל צו טאָן מיט דעם איציקן.

„איך ווייס שוין פריער פון אונזער צרה, — האָט זי אים געענטפערט, — מאַך אָבער נישט קיין ליאַרם, ווייל דאָס שפּריכ-וואָרט זאָגט, אַז דו זאָלסט נישט ריידן דאָס, וואָס עס איז דיר נישט באַליבט, כּדי אַנדערע זאָלן דערפון נישט ריידן. ס׳פעלט אונז נאָך מער נישט, אַז אונזער דינסט זאָל דער-הערן דערפון. די גאַנצע שטאָט וועט נעמען קאָכן דערמיט".

„עס שפּאַרט מיך אָבער שטאַרק! — האָט ער זיך אָפּגע-רופן. — וואו איז זי, מינקע? אַוודאי ביי איר קאָכאַנעק! איך וועל אין איר קיין גאַנצן ביין נישט לאָזן, און דו ביזט נישט בעסער ווי זי".

„יודל! הערסטו, יודל! — האָט שוין דאָס ווייב געזאָגט מיט האַרץ. — איך בעט דיך, דו זאָלסט האָבן געדולט, ביז עלף דעם זיינער, ביז די מויד וועט אַוועקגיין שלאָפן אין קיך. דע-מאָלט וועלן מיר זיך שוין באַדאַכטן, וואָס מיר האָבן צו טאָן. מען טאָר אָבער נישט מאַכן קיין לייטיש געלעכטער. דערווייל דאַרף מען שווייגן. אַפילו מינקען טאָר מען איצט אויך נישט

אַריינרופן אין שטוב. מיר מוזן אָפּוואַרטן, ביז זי וועט אַליין קומען. מיר מוזן זיך שטיקן מיט אונזערע צרות. ס'איז אמת, איך בין שולדיק, דו ביזט אָבער אויך שולדיק. וואַרט, מיר וועלן זיך שוין אויסרעכענען".

„אַ ברירה האָב איך — האָט ער זיך אָפּגערופן, — איך וועל שוין וואַרטן, אָבער יעדע מינוט קאָסט מיר געזונט, וואָרום ווער ווייסט, וואָס זי קען אָפּטאָן שוין מיט אים פאַר אַ מעשׂה ביז עלף דעם זייגער. מען האָט מיר געזאָגט, אַזביידע ווילן גאָר אַנטלויפן קיין אויסלאַנד, אָדער גזָר, חלילה, זיך שמדן".

„ע, ביזט אַ נאַר, — האָט דאָס ווייב געזאָגט, — אַזוי ווייט האַלט עס נאָך נישט. איך קען אונזער קינד בעסער ווי דו און ווייס אויך, אַז עס האָט קיין האַפּט נישט, וואָס די וועלט רעדט. פאַרגעס נישט, אַז אַ האַלבע שטאָט איז אונז שונאים, פאַרוואָס מיר האָבן אַ פּאָר פייעמס אייגנס".

אַזוי האָבן זיך דורכגעטענהט מאַן און ווייב.

IV.

# אַ שמועס צווישן מאַן און ווייב און טאָכטער, צוועלף אַ זייגער ביינאַכט.

איבּ דו, מיין טייערע לעזערין, האָסט אַ גוטן זכרון, דאַרפסטו שוין געדיינקען, אַז מיר האָבן שוין אַ פּאָר מאָל אויסגעהערט די ביינאַכטיקע דרשות פון אונטערן פאָרהאַנג. איינמאָל דאָרט אין אונזער דערציילונג פון דעם „ווייבערשן סוד" און אַ צווייט מאָל אין דער „געשיכטע פון די קנעכט". אַצינד וועלן מיר דאָ אויסהערן אַ נאַכט-שמועס צווישן מאַן און ווייב און טאָכטער.

קוים האָט געשלאָגן דער זייגער עלף, זיינען אַלע הויזמענטשן אַריינגעקראָכן אין די בעטן, און די דינסט איז שוין איינגעשלאָפן פעסט ווי אַ נאַכט-שומר נאָך זיין ערשטן אויסשרייען: „דער זייגער האָט געשלאָגן צען!" אַז אונזער ר' יודל מיט זיין פרוי שרהן זיינען געווען זיכער, אַז קיינער פון די הויזמענטשן וועט נישט אַריינקומען צו זיי אין זייער שלאָפשטוב, אויסער דער טאָכטער, וואָס איז נאָך נישט צוריק געקומען פון איציקן, האָט דער ר' יודל פאַררוקט די טיר פונם פאָרהויז, פאַרמאַכט די טיר פון שטוב און געעפנט זיין מויל. ביידע האָבן זיך איצט צורעדט פון מינקען. און יעדער מיט אַן אַנדער נוסח, און ר' יודל האָט נאָכאַנאַנד געטענהט צום ווייב: „מילא, מיר — איז מיין קאָפּ אַלעמאָל פאַרדרייט אין געשעפטן, אַז

איך ווייס גאָרנישט וואָס עס טוט זיך אין שטוב, מער נישט דאָס, וואָס איך עס און אַמאָל דאָס אויך נישט. דו ביזט דאָך אָבער אַ היימישע און דערצו נישט קיין נאַר, היינט ווי לאָזט מען עס צו, אַז דיין טאָכטער זאָל פֿאַרברענגען טאָג און נאַכט מיט אַ יונג, אַ ליטוואַק, אַ צלם-קאָפּ, אַ ווילנער יונגאַטש, וואָס ליגט טאָג און נאַכט איבער די טריף-פּסלען, וואָס האָט נישט אין זיך קיין פּונק יידישקייט און וואָס זיינע עלטערן זיינען נישט בעסער פון אים. ווי פֿאַרשטייסטו עס נישט, אַז דיין טאָכטער וועט זיך דאָרטן קיין גוטס נישט אויסלערנען? מען האָט מיר דערציילט, אַז ער לערנט זי פון די ביכלאַך און לערנט איר שרייבן צעטעלאַך און מאַכט זיך פּאַר איר אין די אויגן פריילאַך איבער די חסידים, אין איבער די גבאים. וואָס איז דאָ צו ריידן, זי לערנט זיך דאָרט נישט אויס קיין גוטס און וואָס מענטשן ריידן, איז אַלץ צו גלויבן. און צו מיין אומגליק בין איך ערשט היינט געוואָר געוואָרן, אַז זיי ליגן טאָג און נאַכט ביי איינאַנדער, זי ביי אים און ער ביי איר, און ביי אים פֿאַרברענגט זי ביז האַלבע נאַכט. וואו זיינען געווען דיינע אויגן, אין וואו איז דיין שכל? דו ביזט דאָך אַ היימזיצערין, אַ גרויסע באַלעבאָסטע. אַז דו זעסט, אַז אַ טעפּל, אַ לעפל, אַ מעסער, אָדער אַ טעלער ליגט נישט אויפֿן געהעריקן אָרט, מאַכסטו דאָך דער דינסט אַ טויט, און אַז דיין טאָכטער איז אַלע טאָג נישט אויפֿן אָרט, דאָס האָט דיך גאָרנישט געאַרט. אַז דיין דינסט פֿאַרזוימט זיך אַ ווײַלע אין גאַס, פרעגסטו זי אויס מיט דער גרעסטער שטרייַנגקייט און אַז דיין טאָכטער קומט אַלע נאַכט נאָך צוועלף אַ זייגער, מאַכסטו זיך גאָרנישט וויסן דערפֿון. אַז אָך-און-ווי איז צו אונז, אַז זי איז ביי דעם יונגאַטש אַזוי שפּעט. און ווער ווייסט, צי איז זי נישט אַלע נאַכט נאָך אין אַנדערע שמוציקע ערטער, ווי איך האָב געהערט, ביי דער פֿייגעטשקען, וואָס איר הויז איז אַ נעסט פון אַלע ווייסע חברהניקעס, גאַלאַנטן און גאַלאַנטקעס. אַן אמת פֿיין הויז, וואו מען ווערט שוואַנגער פֿאַר דער צייט און מען גייט

צו קינד פאַר דער צייט. ווי צו אונזערע יאָרן, אַז אונזער קינד וואַלגערט זיך אַרום אין אַזאַ הויז״.

אויסגעהערט זיין דרשה, האָט איצט דאָס ווייב אַוועקגעלייגט איר דרשה:

„און איך זאָג פאַרקערט, — האָט זי געטענהט, — אַז שולדיק אין דעם ביזטו, און איך גאָרנישט. דו אַליין האָסט אַריינגעלאָזט דעם וואָלף אין שטאַל אַריין און נישט איך. איך האָב דיך אַפילו געוואָרנט, אַז דו זאָלסט דעמדאָזיקן אפרים שוואַרץ נישט אַריינלאָזן צו אונז אין הויף אַריין, ווייל איך האָב בטבע פיינט אַ ליטוואַק. ביזטו דאָך אָבער אויף מיר אויפגעבראַכט געוואָרן דערפאַר. ניין, מיין מאַן, פון אַ הויז-גנב קען מען זיך נישט איינהיטן, ווען מען זאָל זיין מיט הונדערט אויגן. און דעריבער ביזטו אַליין דער שולדיקער אין דעם, און אגב ווייס איך נאָך נישט, צי זי איז אַזוי ווייט געפאַלן. עס קאָן גאָר זיין, אַז זי איז דווקא ריין און אומשולדיק, ווי אַ מלאך, און אַז די גאַנצע רייד זיינען בלויז פלוידעריי און רכילות. עס וואַקסט גור פון די דינסטמיידלאַך און ווייטער נישט. איר קען בעסער דעם אפרים מיט זיין ווייב און מיט זייער איציקן, אַ סך בעסער ווי דו, — האָט זי זיך פלוצלונג פאַרכאַפּט. — איך פאַרברייננג דאָרט אַלע טאָג צוויי-דריי שעה. איך שווער דיר ביי מיין לעבן, אַז זיי זיינען גאַנץ גוטע מענטשן, איידעלע לייט, זיי זיינען אַפילו נישט קיין חסידים, און נישט קיין פאַברענטע מתנגדים, אָבער זיי פירן זיך גאַנץ יידיש אין שטוב, זיינען בעלי-צדקות און גרויסע בעלי-טובות. איך האָב נישט געהערט פון זיי, אַז זיי זאָלן ווען באַליידיקן, אָדער באַריידן און זייער קינד איז אַ גאַנץ אומשולדיקער בחור און אַ גרויסע קענער. ער איז פלייסיק אין לערנען און שרייבן, און האָט פיינט אַרומצעגיין ליידיק. און דעם אמת געזאָגט, איז ער ביי מיר אַ סך טייערער, ווי אונזערע אַלע וואָלינער בחורים, וואָס זיינען גראָבע יונגען און לײדיקגייער. אַן אמת בלייבט פאָרט אַן אמת, זייט איך האָב דערקאָנט די משפחה, זיינען די ליטוואַקעס

געוואָרן ביי מיר אַ סך געהויבענער ווי פריער, און אין אַנדערע זאַכן נאָך טייערער ווי אונזערע וואָלינער. זיי זיינען ניכטער און קליגער און דערציען זייערע קינדער בעסער ווי מיר. איך וועל דיר נישט לייקענען: איך האָב אַליין געזען ווי אונזער מינקע געפעלט זיי, אַז דער איציק האָט אויגן נאָר פאַר איר און דאָסגלייכן זי פאַר אים. אָבער קיין שלעכטע זאַכן האָב איך דאָך נישט באַמערקט צווישן זיי און קיין בייז וועט אויך נישט געשען. ער דערלאַנגט איר די האַנט ביים אַוועקגיין, ווייל ס׳איז שוין דאָרט, אין ליטע, אַזאַ מאָדע ביי זיי. די דינסטן, די ליידיקע צינגער, האָבן שוין געמאַכט דערפון אַ גאַנצן צימעס, ווייל ער איז אַ ליטוואַק. אַ ליטוואַק איז אַ צלם-קאָפּ. נו, און אַ צלם-קאָפּ איז דאָך אַ שד... מיט די וואָלינער, אַ שטייגער, האָט ביי אונז אין שטעטל פּאַסירט נישט קיין שיינע זאַכן, און קיין האָן האָט נישט געקרייעט, ווייל ס׳איז נישט געווען פאַרמישט קיין ליטוואַק. איז זי שוין אַריינגעפאַלן אין לייטישע מיילער, דאַרף מען זען, אַז אונזער מינקע זאָל אויפהערן דאָרט צוגיין, אָדער מען דאַרף זען, אַז דער אפרים זאָל זיך אַרויסציען פון אונזער הויף. נאָר אפרים וועט זיין בייז אויף אונז, און דאָס לוינט אונז נישט, ווייל דו ביזט צופיל אָנגעטרויט אין אים, און ער ווייסט אַלע דיינע געשעפטן. ער קען דיך מיט זיין פעדער אומגליקלאַך מאַכן. מיין עצה איז דעריבער, אַז דו זאָלסט זיך באַראָטן מיטן רבן, ווייל ס׳איז נישט קיין קלייניקייט".

אויסגעהערט די ווייב, האָט זיך ווידעראַמאָל אָנגערופן דער מאַן:

„וואָס מיינסטו, מיין ווייב, נישט אומזיסט האָט געזאָגט אַ גרויסער מאַן „בנותי, בנותי הלבינו שערותי" דאָס הייסט, מיינע טעכטער, האָבן מיך אַזוי באַזאָרגט, אַז מיינע האָר זיינען פאַר דער צייט גרוי געוואָרן. דער, וואָס האָט אַ טאָכטער, מוז זיין זייער פאָרזיכטיק. צוליב איר דאַרף ער נישט וואוינען, וואו ער וויל און מיט וועמען ער וויל. דערווייל אָבער דאַרף

מען זען מיט אַלע מעגלאַכקייטן, אַז אונזער טאָכטער זאָל זיך מרחיק זיין פון דעם אפרימס שטוב. ערשטנס, זאָל מען אויפ־הערן צו ריידן, און, צווייטנס, זאָל טאַקי מיט דער צייט נישט קומען צו עפּיס שענדלאַכס, ווייל אַ ליבע איז נישט צו טרויען. איר קלענסטער פונק ווערט צופלאַמט, אַז קיין ים מיט וואַסער וועט עס נישט לעשן. איך פאָלג דיך און גיי מאָרגן אַריבער צום רבין, זיך מישב צו זיין מיט אים, ווי איך זאָל מיך דאָ אַצינד באַגיין. זאָל גאָט אויסהיטן צו האָבן אַ מגע און משא מיט דעמדאָזיקן איציקן, ווייל ס׳וועט זיך איר שוין ווען אַ חתן אַ גאַלאַנטן, אַ ליטוואַק און נישט קיין חסידיש בחורל, און מיר וועלן שוין האָבן צו קלאַפּן און צו בלאָזן מיט איר, ווייל דאָס איז בעוונותנו הרבים אַ קליפּה און בפרט, אַז איך ווייס, אַז זי איז שוין פאַרליבט אין אים, אַז גאָט זאָל אויסהיטן. אוי, כ׳וואָלט זי איצט צוריסן! וואָס טוט דאָרט אַ מויד ביז צוועלף דעם זייגער? געוויס ווערט דאָרט נישט גערעדט קיין חסידות און פון אונזערע קדושים. אוי, נישט געדאַכט זאָל זי ווערן און ביי אַ מאַמען איז עס אַלץ רעכט״.

אין דעם האָבן זיי דערהערט, ווי מען קלאַפּט אין דער טיר. „געוויס — האָט זיך אָפּגערופן די מוטער — מוז זי עס קלאַפּן״. „אָ׳, קלאַפּן זאָל זי שוין דעם לעצטן מאָל! — האָט ר׳ יודל געשריען. — איך וועל איר שוין ווייזן, ווי מען ליגט אין פרעמדע הייזער ביז האַלבע נאַכט! דאַכט זיך, אַז זי וועט שוין ליגן ביי מיר אין בעט ביזן לעצטן טאָג. איך וועל איר דורכקיילן דאָס לייב. איך וועל איר קיין גאַנצן ביין נישט לאָזן!״

מיט דידאָזיקע ווערטער האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט פון בעט און געוואָלט גיין עפענען די טיר. זיין ווייב אָבער האָט אים אָפּגעהאַלטן: „משוגענער, — האָט זי זיך אָפּגערופן צו אים, — ליג, אַז דו ליגסט. דו וועסט נאָך דערמיט מער קאַליע מאַכן, ווי פאַרריכטן. פאַרגעס נישט, ס׳זיינען היינט נישט די פאַרצייטיקע יאָרן. מ׳קען נישט אויספירן מיט קינדער, ווי אַ מאָל, מיט

בייזן, בפרט נאָך שלאָגן. ס'וועט דיר מער נישט פעלן, אַז דער אפרים זאָל זיך דערוויסן, אַז דו האָסט זי געשלאָגן, דערפאַר ווייל זי איז ביי אים געווען. ער וועט דיך אויפן פייער אַרויפברענגען און גערעכט וועט ער זיין, ווייל ווען עס וועט עס אַזאַ באַליידיקונג נישט פאַרדריסן. דערצו נאָך וועסטו דאָס קינד אינגאַנצן איבערפירן. מאָרגן וועט שוין דערמיט אויף-זיין די גאַנצע שטאָט. ס'וועט הייסן, אַז דו האָסט זי אַליין געכאַפּט מיט דעם איציקן, אַז זי איז מפיל-געווען און דעריבער ליגט זי אין בעט. איך זאָג דיר, יודל, היט דיך! היט דיין קינד און בלייב רואיק; איך וועל גיין עפענען די טיר און אויב דו וועסט ווען, קענסטו איר אויסריידן, אָבער אויך אָן שטורם, ווייל איך ווייס, אַז זי איז אַן אומשולדיק קינד און איציק איז אויך אַן אומשולדיק קינד. איך האָב גאָרנישט געהערט פון אים קיינמאָל קיין שלעכט וואָרט, ווי פון אונזערע בחורים. ס'איז אמת. דאָרט רעדט מען נישט פון חסידות און מופתים, אָבער מען רעדט דאָרט אויך נישט פון מאוסע זאַכן. מען באַרעט קיינעם נישט און מען לאַכט נישט פון קיינעם. מען שפּילט זיך דאָרט ביינאַכט אַ ביסל אין קאָרטן, אָדער מען לייענט אַ ציימונג, אָדער מען רעדט פון וועלטלאַכע זאַכן. נו, זאָל מען איר דאָס פאַרגעניגן אויך נישט פאַרגינען?"

דערהערט דידאָזיקע ווערטער, איז ר' יודל געבליבן רואיק, און די מוטער האָט איר געעפנט די טיר.

נאָכדעם האָט איר דער פאָטער אָוועקגעלייגט אַ מוסר, אָבער מיט אַ גאַנץ רואיקן טאָן: „מיין ליב קינד — האָט ער זיך אָנגערופן צו איר — עס איז נישט שיין פאַר אַ יידישער טאָכטער צו זיצן אין אַ פרעמדער שטוב ביז האַלבע נאַכט. איך ווייס אַפילו, אַז דו וועסט זיך דאָרט קיין שלעכטס נישט אָפּלערנען, ווייל זיי זיינען גוטע מענטשן, דאָך אָבער וועט עס ברייגען צו לייטיש געלעכטער. דו ביזט אַ קינד, וואָס דו שטייסט אין שדוכים, און שונאים פעלט אונז נישט, ווייל מיר זיינען רייך. מען וועט שוין זאָגן, אַז יודלס טאָכטער קאָכעט זיך אין אפרימס

בחור, אַז זי ליגט דאָרט גאַנצע נעכט, און אַ צווייטער וועט נאָך צוליגן, אַז דו ביזט פאַרליבט אין דעם איציקן און ער אין דיר און אפשר נאָך מער און מען וועט עס גלויבן, ווייל ער איז אַ ליטוואַק. און אַזוי, מיין קינד, וועסטו באַשמוצט ווערן און וועסט אַוועקזיצן אַ מויד ביז אין גרויען צאָפּ אַריין. דעריבער זאָלסטו פון היינט-אָן זיך מרחיק זיין פון דאָרט ביסלעכווייז. איך האָב עס דיר ביז אַהער נישט געזאָגט צוליב צוויי סיבות: ערשטנס, האָב איך נישט געוואוסט, אַז דו ביזט באמת אַזאַ שטאַרקע איינגייערין דאָרט, און, צווייטנס, ווערט שוין דעריבער גערעדט אין שטאָט און אַ גוטער פריינט האָט מיר אַפילו היינט אויסגערעדט וועגן דעם. בכן, מיין קינד, פאַרהיט אונזער כבוד און דיין כבוד און פאַרבלייב אין שטוב, וועט שוין איציק ממילא אויפהערן צו גיין אַהער".

דאָס מיידל האָט רואיק אויסגעהערט דעם פאָטערס ווערטער און האָט צוגעזאָגט, אַז זי וועט געהאָרכן און פאָלגן.

V.

## די באַראַטונג.

אַ מאָדנע זאַך, אַמאָל, אַ שטייגער, זיינען אויך געווען גרויסע מחלוקת. אָט זיינען געווען מחלוקת צווישן בית-שמאי און בית-הלל. ווען איינער האָט מטמא געווען, האָט דער צווייטער מטהר געווען, ווען איינער האָט געטרפעט, האָט דער צווייטער כשר-געמאַכט, ווען איינער האָט געאַסרט, האָט דער צווייטער מתיר געמאַכט, און דאָך האָבן זיי זיך מתחתן געווען מיט איינאַנדער, איינער ביי דעם אַנדערן געגעסן און זיינען זיך געווען זייער גוטע פריינט. און דאָ, ביי אונז, איז דער פאַל גאָר אומגעקערט. מען איז זיך איינער דעם אַנדערן גרויסע שונאים, בלוט-פיינט, מען איז זיך איינער דעם אַנדערן יורד, און איינער שרעקט זיך פאַרן צווייטן, ווי פאַר אַ געפערלאַכן מענטשן. מען איז זיך נישט משדך צווישן איינאַנדער, מען עסט נישט פון איין חלף, מען מישט זיך נישט מיט די כלים בפרט אום פסח, מען האָט באַזונדערע רבנים, דער – אַ רבין, יענער אַ רב, דער הייסט חסיד, יענער מתנגד. ביי אַלעם דעם אָבער מוז מען זאָגן דעם אמת, דער חסיד איז אַ סך אַ גרעסערער שונא דעם מתנגד, ווי דער מתנגד דעם חסיד. אַ חסיד קען זיך וואוינען צווישן מתנגדים גאַנץ זיכער און רואיק, נישט אַזוי אָבער דער מתנגד צווישן חסידים. ער איז צווישן זיי נישט זיכער מיט זיין פרנסה, מיט זיין פאַרמעגן און אויך נישט מיט זיין לעבן. דאָס אייבציקע, וואָס עס האַלט איין די חסידים,

איז דאָס, וואָס דער ליטוואַק האָט אַ מויל און קאָן זיי אָנקלאָגן ביי נאַטשאַלסטווע, און מיט נאַטשאַלסטווע איז גלייכער, אַז מען הויבט זיך נישט אָן.

מיר ווען זיך אָבער אומקערן צו אונזער געשיכטע. ר׳ יודל איז אויף צומאָרגנס אַוועק צום רבין און האָט אויסגעשאָטן פאַר אים זיין גאַנץ האַרץ און האָט געבעטן, ער זאָל אים עצהן, וואָס צו טאָן. דער רבי אָבער האָט אים נישט געלאָזט לאַנג וואַרטן אויף אַן ענטפער און דערצו נאָך אויף אַ קלוגן ענטפער.

„הער נאָר צו, יודל, — האָט ער אַ זאָג געטאָן, — איך וואונ־דער מיך אויף דיר, וואָס דו ביזט אַזוי שפּעט געקומען צו מיר וועגן דיין טאָכטער. דו הער נאָר: איך ווייס שוין פון דעם מער ווי אַ האַלב יאָר. אָבער עס איז שוין אַן אַלטע זאַך, אַז פרעמדע דערוויסן זיך פריער פון די חטאים פון פרעמדע קינדער, ווי פון אייגענע, ווייל די ליבשאַפט פאַרדעקט אַלע פעלערן. יאָ, דו ביזט געקומען צו שפּעט, אָבער מען קאָן נאָך פאַרכאַפּן. דו מוזט אָבער וויסן, אַז דאָס איז אַ שווערער נוס פאַרביידע צדדים, אַזוי מצד דיין טאָכטער און מצד דעם אפּראַיקע. האָט זיך שוין דיין טאָכטער צוזאַמענגעפּאָרט מיט אַ צלם־קאָפּ, איז שוין שלעכט, ווייל דאָס איז אַ קליפּה, רחמנא לצלן. אַז דו וועסט זי אַפילו אָפּרייסן פון דעם ווייסן חברהניק, וועט זי שוין קיין אַפּעטיט אָבער נישט האָבן צו אַ חסידל, וואָס גייט זיך מיט אַן אָפן האַרץ און מיט אַ געגאָלטן קאָפּ. זי וועט נישט וועלן קוקן אויף אַ חסיד. דאָס גלייכסטע וואָלט, נאַטירלאַך, געווען, דו זאָלסט זי ערגעץ אַוועקשיקן. אָבער פון דער אַנדערער זייט טויג עס אויך נישט. די שטאָט וועט זאָגן, אַז זי דאַרף זיך לייגן אין קינפּעט און דעריבער איז זי אַוועקגעפאָרן. וועסטו פּטור ווערן פון דעם אַפּראָיקען מיט זיין שרץ, איז אַפילו זייער גוט. אונזערע חכמים זאָגן דאָך, אַז אַ מענטש זינדיקט נאָר מיט אַזאַ מענטשן, וואָס ער האָט אים שטענדיק פאַר די אויגן. אָבער ווי אַזוי מאַכט מען עס? דאָס איז נאָך געפערלאַכער

ווי אַרויסצעשיקן דיין טאָכטער. איך קען דעם אַפּראָיקען א סך בעסער, ווי דו. ער איז אַ געפּערלאַכער מענטש, מיט אַ מויל און מיט אַ פּעדער. עס פּעלט אונז, חסידים, טאַקי נישט מער, ווי איינצערייצן דעמדאָזיקן צלם־קאָפּ. ער וועט אונז אַריינברייגען אין פייער. דו קענסט דאָך אים מיט גוואַלד נישט הייסן, ער זאָל אַרויס פון דיין הויף. און אַז ער בלייבט אַפילו אין איין שטאָט, הייסט עס דען נישט אין איין שטוב? אַפילו אַ שטראָם, זאָגן אונזערע חכמים, קען נישט שיידן צווישן אַ האָן און אַ הון, אַפשיטה דפשיטה צווישן אַ בחור און אַ בתולה, וואָס האָבן זיך שוין איזניוכעט. נו, וועט עס הייסן פוילע פיש געגעסן און מוטנע וואַסער געטרונקען. ניין, דאָ מוז מען זיך אַ סך קליגער באַגיין. איך ווייס, אַז דער אפּראָיקע וויל שיקן זיין שרץ אין גובערניע אַריין שטודירן, נאָר ס׳פעלט אים געלט. אויב דיין טאָכטער איז דיר ליב און טייער, זאָלסטו אים אויסהעלפן דערין. דאָס מוז מען אָבער מאַכן זייער געשיקט, אַז מען זאָל נישט פאַרשטיין דיין כונה. אַנישט, וועט ער זיך געפינען באַליידיקט און ס׳וועט שוין נישט טויגן".

„ס׳איז זייער אַ גוטער פּלאַן, — האָט זיך ר׳ יודל אָפּגערופן. — איך ווייס אויך דערפון, אַז ער, און נאָך מער זיין זון, וויל דורכאויס פאָרן שטודירן קיין קיעוו, נאָר ס׳פעלט זיי געלט, אַ דרייהונדערט רובל. דער אפּראָיקע וואָלט עס וועלן באָרגן, נאָר ער ווייס, אַז ער וועט עס נישט קריגן, ווייל קיינער וועט אים נישט טרויען. מען האָט מורא פאַר אַ ליטוואַק און בפרט נאָך פאַר אים, וואָס ער איז אַ דרייקאָפּ. ביי מיר, ווידער, וויל ער נישט בעטן, ווייל ער ווייס, אַז איך וועל אים דערויף קיין געלט נישט באָרגן און איך וואָלט עס באמת נישט געטאָן, ווייל איך האַלט עס פאַר אַ זינד אויסצעהעלפן אַזאַ אייבעם, וואָס וויל מאַכן זיין זון פאַר אַ גוי".

אָבער דער רבי האָט אים פּלוצלונג איבערגעשלאָגן:

„וויי! דו ביזט אַ נאַר, — האָט דער רבי געזאָגט. — וואָס רעדסטו? הלעיטהו לרשע וימות, פאָלג מיך שטעל אָן אַ סרסור

און פאַרליי אים דאָס געלט. אָבער דער סרסור טאָר נישט זאָגן, אַז דו ביזט דער מלוה און ווער פטור דערווייל פון דעם שרץ. איך בין דיר נאָך ערב, אַז ער וועט דיר באַצאָלן ביז איין גראָשן, ווייל די אַפּיקורסים זיינען אין געלט־זאַכן גאַנץ ראַיעל. זיי מיינען, אַז דערין ליגט און באַשטייט די גאַנצע יידישקייט".

קורץ געזאָגט, מיין טייערע לעזערין, ס'איז נאָך קיין שום עצה אַזוי נישט געפאָלגט געוואָרן, ווי דידאָזיקע עצה. און איציק האָט זיך שוין מכין געווען צו פאָרן קיין קיעוו.

IV.

## זיין שיידן זיך מיט מינקען און זיין שטודיום.

מיר האָבן אונזער מינקען איבערגעלאָזט אַקוראַט אין יענעם אָרט, ווען זי האָט זיך געמאַכט געהאָרזאַם און שטיל און האָט צוגעזאָגט דעם פאָטער, אַז זי וועט אים געהאָרכן אין אַלץ. אינדעראמתן אָבער איז זי געווען דער הפוך דערפון, ווייל איר האַרץ איז שוין געפאַנגען געוואָרן פון דער ליבע צו איציקן. זי האָט נאָר געטאָן און געטראַכט פון אים. איציק איז געווען איר אָפגאָט, איר שמחה, איר פאַרגעניגן. זי האָט געקוקט אויף אים מיט דעם גרעסטן תענוג און זיינע רייד זיינען איר געווען זיס ווי האָניג. און ס'איז איר באמת נישט געווען צו פאַרדיינקען, ווייל זי האָט נאָך נישט געזען זיין גלייכן אין איר פאָטערס שטאָט. ער איז געווען שיין און געזונט, און קלוג, און פיין אָנגעטאָן און דערצו זייער געבילדעט. מיט אַזוינע גרויסע מעלות קאָן מען, דאַכט זיך, פאַנגען דאָס אומשולדיקע האַרץ פון אַ פופצען-יאָריק מיידל, און נאָך אַ מיידל, וואָס האָט געהאַט אַ געפיל פאַר שיינקייט און גרויסקייט. דעם פאָטערס ווערטער האָבן זי דעמאָלט שטאַרק צעטומלט און צעמישט. זי האָט נישט געקאָנט שלאָפן און די נאַכט האָט זיך איר געצויגן אָן אַן אָנהויב און אָן אַ סוף. זי האָט זיך קיין אָרט נישט געפונען. זי האָט באַנעצט די קישן מיט הייסע טרערן. דער אָטעם האָט איר פאַרפעלט. גרויסע יסורים האָט דער פאַרשמאַכטער רייזנדער, וואָס שטייט פאַר אַ ים און קאָן נישט טרינקען. אָבער אַ געליבטע, וואָס

קאָן זיך נישט זען מיט איר געליבטן, האָט נאָך גרעסערע יסורים, בפרט נאָך, אַז דער געליבטער וואוינט מיט איר אין איין שטאָט, אין איין הויף, אונטער איין דאַך.

פאַר דער נאַכט האָט זי זיך אַזוי אויסגעפייניקט, אַז איבערדערפרי איז זי שוין כמעט נישט געווען צו דערקענען. עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס איז אַן אַנדערע מינקע, נישט די אייגענע. די ערשטע צוויי טעג איז זי אַלץ געלעגן אין בעט. אויפן דריטן טאָג האָט זי איציק, וואָס האָט גאָרנישט געוואוסט פון דער גאַנצער זאַך, באַזוכט און זיך נאָכגעפרעגט, וואָס זי מאַכט, און זיך בעת־מעשה שטאַרק געחדושט, וואָס זי זעט אויס אַזוי שלעכט. נאָכדעם האָט ער איר פאַרטרויט, אַז ער פאָרט זיך לערנען, און דאָס האָט זי עטוואָס באַרואיקט.

„מינעלע, — האָט ער געזאָגט, — איך וועל מיך באַלד שיידן מיט דיר, אָבער דידאָזיקע שיידונג וועט אונזערע הערצער נאָך שטאַרקער באַהעפטן. דער טאַטע האָט באַקומען געלט צו לייען, קאָן איך איצט פאָרן קיין קיעוו זיך לערנען. איך וועל אַריין אין פינפטן קלאַס גימנאַזיע און אַז איך וועל ענדיקן די גימנאַזיע, וועל איך אַריינטרעטן אין דער מעדיצינישער אַקאַדעמיע. דאָס וועט אודאי געדויערן מיט דער גימנאַזיע — אַ גוטע זיבן יאָר, אָבער אַז איך וועל אַלץ איבערקומען און איך ווער אַ דאָקטאָר, פיר איך דיך תיכּף צו דער חופּה. דו מעגסט זיין רייך אָדער אָרעם, שיין אָדער מאוס, און צי וועלן עס די עלטערן וועלן אָדער נישט — דו ביזט מיינע אויף אייביק. איך שווער דיר ביי גאָט, אַז אַזוי וועט עס זיין, און דו האָב נאָר געדולט און וואַרט אויף מיר. דאָ האָסטו מיין וואָרט און מיין שבועה“...

און מינקע האָט אים געענטפערט דערויף:

„איציקל! איך וועל מסתמא האָבן גרויסע צרות פון מיינע עלטערן. זיי ווילן מיך פאַרשלייערן מיט אַ חסיד. אָבער איך וועל אויסהאַלטן און וואַרטן. איך האָב געדולט“.

„אָבער איך שרעק מיך: אין דער גרויסער וועלט וועסטו זען שענערע, רייכערע און געבילדעטערע פון מיר... צי וועל

איך אַמאָל נישט וואַרטן אומזיסט? צי וועסטו נישט ברעכן דיין שבועה?"

האָט איר איציק ווידעראַמאָל געשוואָרן גאַנצע דריי מאָל און ביידע האָבן זיך באַרואיקט.

אַז די עלטערן האָבן זיך דערוואוסט פון איציקס באַזוך, האָבן זיי איר אויסגערעדט דעריבער: סטייטש, זי האָט דאָך זיי געגעבן אַ וואָרט, אַז זי וועט אים מרחיק זיין פון זיך. אָבער זי האָט זיי געענטפערט דערויף:

„איציק האָט דאָ נאָך צו פאַרברייינגען בלויז עטלאַכע טעג, איז גלייכער, אַז איך זאָל דידאָזיקע קורצע צייט פאַרבלייבן מיט אים פריינטלאַך, ווי ביז אַהער. עס פּאַסט דאָך נישט פאַר זיינע עלטערן. אגב פאָרט ער אַוועק נישט אויף אַ טאָג, און נישט אויף אַ חודש, און נשט אויף אַ יאָר, נאָר אויף גאַנצע זיבן יאָר. די באַריידער וועלן אַנטשוויגן ווערן און וועלן זיך נאָך אַרויסווייזן פאַר אומפאַרשעמטע ליגנער".

דידאָזיקע ווערטער האָבן געווירקט אויף ר' יודלען מיטן ווייב, און זיי האָבן צוגעשטימט. איצט האָט מינקע געקאָנט פאַרברייינגען מיט איר געליבטן אַמאָל ביי זיך אין שטוב און אַמאָל ביי אים אין שטוב, און די עלטערן האָבן זיי מער נישט געשטערט.

אין דעם טאָג פון זיין אָפּפאָר האָבן ביידע געהאַט רויטע אויגן. ריידן האָבן זיי נישט געקאָנט פון גרויס פיין און יסורים, פון גרויס ביינקשאַפט און צער.

מען האָט זיך אָבער פאָרט צושיידט. איציק איז אַוועק קיין קיעוו, איז אַריין אין פינפטן קלאַס גימנאַזיע און האָט געלערנט זייער פלייסיק. סיי די לערער און סיי די חברים — אַלע זיינען געווען מיט אים זייער צופרידן. אָבער ער האָט נישט פאַרגעסן אין מינקען, ווי ער האָט נישט פאַרגעסן אין זיינע עלטערן. ער האָט זי אין יעדן בריוו זייער פריינטלאַך געגריסט און דאָסגלייכן זי אים צוריק אין די עלטערנס בריוו, און שפּעטער האָבו זיי שוין איינאַנדער באַזונדער געשריבן.

ר׳ יודל שלאָבאָנער.

און ווער נאָך אין דער וועלט האָט אַזויפיל צו שרייבן ווי צוויי געליבטע? זיי זייַנען אימשטאַנד אַ גאַנצן ים מיט טינט אויסצעגיסן, בפרט נאָך אונזער מינקע, וואָס האָט געהאַט אַ סך מער צו שרייבן ווי ער, ווייל איר ליבע צו אים איז געווען אַ געהיימע, אַ פאַרבאָטענע, און אַ פאַרבאָטענע ליבע האָט אַ סך מער צו זאָגן, ווי אַן אָפענע ליבע.

## VII.

# מינקעס יסורים.

מיר ווען לאָזן אונזער איציקן שטודירן אין דער קיעווער גימנאַזיע און ווען דאָ עטוואָס דערציילן פון אונזער שיינער מינקע, וואָס איז געבליבן ביי אירע עלטערן און הויז. דאָסדאָזיקע הויז איז אָבער געווען ערגער פון אַ גימנאַזיע. דאָס איז געווען אַ האַרבע שולע, וואו זי האָט געהערט אַ סך שווערערע לעקציעס, ווי איר געליבטער אין קיעוו. באַלד ווי איציק איז אָפּגעפאָרן, האָבן זיך די עלטערן געאיילט צו טאָן אַ שידוך מיט איר (ווייל אַזוי האָט דער רבי געהייסן), און ווען מינקע, האָט נישט געוואָלט ווערן קיין כלה, זיינען די עלטערן זייער אויפגעבראַכט געוואָרן אויף איר.

„נו, אָט האָסטו דיר! — האָט ר' יודל זיך אָנגערופן צו דעם ווייב. — זי וויל שוין נישט קיין חסידעשן בחורל. עס פּאַסט איר שוין נישט. אַ צלם-קאָפּ וויל זי. אָבער דאָס וועט נישט גיין! זי מעג ביי מיר זיצן ביזן גרויען צאָפּ"!

דערויף האָט אים דאָס ווייב באַמערקט:

„וואָס איילסטו דיך אַזוי? ווי מיינסטו, אַז זי מוז שוין ווערן אַ כלה מיט דעם ערשטן בעסטן חתן, וואָס מען לייגט איר פאָר? אפשר געפעלט ער איר נישט? און איך וועל דיר זאָגן דעם אמת: ער געפעלט מיר אויך נישט. ער איז טאַקי אַ גוט קינד, אַ מיוחס, דאָך אָבער אַ גאַנץ קנאַפּער מענטש. זי איז נישט

די ערשטע היינטיקע צייטן, וואָס איז אַ גרויסע איבערקלייבערין, אגב האָבן מיר נאָך גענוג צייט".

מיט יעדן טאָג איז אָבער ערגער געוואָרן. מען האָט מינקען גערעדט שיינע שדוכים און זי האָט נישט געוואָלט הערן און זען. די מוטער, וואָס איז פריער געווען איר באַשיצערין, איז איצט געווען זייער אויפגעבראַכט אויף איר און ביידע האָבן איר נאָכאַנאַנד געפּייניקט טאָג און נאַכט.

מינקע האָט אָבער איבערגעטראָגן אירע יסורים ווי אַ העלד און האָט לחלוטין פאַרבאָרגן איר ליבע צו איציקן. אויסער זיינע עלטערן, האָט קיינער דערפון ניט געוואוסט. אויף זייער אַדרעס פלעגט זי באַקומען פון אים בריוו און זיי זיינען געווען די איינציקע, וואָס זי האָט זיי געעפנט איר האַרץ. און זיי זיינען אויך געווען די איינציקע, וואָס פלעגן זי טיילמאָל טרייסטן און באַרואיקן מיט אַ גוט וואָרט.

„אונזער איציק, — פלעגן זיי זאָגן, — איז ווערט, אַז די זאָלסט עטוואָס צו-ליידן פאַר אים. ער איז שיין און ערלאַך. דו וועסט לעבן מיט אים אַ גליקלאַך לעבן אויף צו-להכעיס אונזערע שונאים. אונז געפעלט דער שידוך. נישט צוליב דיין געלט. ניין. ווען אונזער זון וועט אויסשטודירן דאָקטאָר, וואָלט ער געקאָנט נעמען אַ סך מער נדן ווי דיין פאָטער האָט דיר בדעה צוגעבן. אָבער מיר גיבן אונזער הסכמה אויף דעם שידוך בלויז דערפאַר, ווייל איר האָט זיך ליב און ווייל מיר האָבן דיך ליב, ווי אַן אייגען קינד, און ווייל דו האָסט אַ גוט האַרץ. ביזט אַ טייער קינד!"

דידאָזיקע טרייסטווערטער האָבן זי אַלעמאָל באַרואיקט און זי האָט זיך ווידעראַמאָל אָנגענומען מיט כוחות צו וואַרטן אויף איר איציקן. אָבער נאָכמער טרייסט און האָפנונג האָבן איר פאַרשאַפט איציקס בריוו, צערטלאַכע גוטע בריוו, וואָס האָבן איר שטענדיק פאַרשפּראָכן אַ גוטע צוקונפט און אַ גליקלאַך לעבן.

א. מ. דיק.

אַזױאַרום זײנען פֿאַרלאָפֿן גאַנצע צװײ יאָר. אירע עלטערן האָבן גאָרנישט געװאוסט פֿון דער געהײמער ליבע צװישן זײער טאָכטער און איציקלען.

VIII.

# דער יידישער פּאָטשטער

צום סוף פון דידאָזיקע צוויי שווערע יאָרן, וואָס האָבן דעם ר׳ יידל שלאָבאָנער גרוי און אַלט געמאַכט צוליב דער האַרטנעקיקייט פון זיין טאָכטער, האָט ער זיך ווידער געקלאָגט פאַרן רבין און דערביי זיך שטאַרק צעוויינט.

„זי פאַרשוואַרצט מיר די אויגן, — האָט ער געטענהט. — אַ מויד פון אַ זיבעצען יאָר זאָל נישט וועלן חתונה האָבן! וואָס זי וועט ריידן, וועט זי זיין גערעכט. און איך ווייס נישט, וואָס איז די מעשה דערמיט און וואָס טוט מען דערצו. זי מוז זיין פאַרכשופט אָדער אַ קליפּה איז אַריין אין איר. איך בעט אייך, רבי, זאָגט מיר, וואָס קען עס זיין און מיט וואָס קען זי געהאָלפן ווערן".

דער רבי האָט געזאָגט:

„ביי מיר איז עס גאָר אַפּשוטע זאַך. ס׳איז מער ווי זיכער, אַז זי איז פאַרליבט אין דעם איציקן, אין דעם שרץ ימח שמו, און אויב דו ווילסט עס וויסן אויף זיכער, טאָ נעם אַ פּאָר בריוו, וואָס דער שרץ שיקט צו זיינע עלטערן. דו וועסט דאָרטן געפינען פון פייגל-מילך. איך זאָג עס נישט פון בויך, נאָר פון בלאָט, ווייל דער שמעון צופרינסקי, וואָס נעמט און טראָגט פאַנאַנדער די יידישע בריוו אויף דער פּאָסט, און וואָס זיין שטייגער איז אויסצוטאַפּן יעדן בריוו, איידער ער גיט אים אָפּ, ווייס זייער גוט דעם סוד. דו גיב אים אַ ביסל געלט,

ווע‍ט ער דיר זיכער אַרויסגעבן אַ בריוו, וואָס דער איציק הײַנט געשיקט צו דײַן טאָכטער. אין יעדן בריוו, וואָס איציק שיקט צו זײַנע עלטערן, ליגט אַ בריוו פֿאַר דײַן טאָכטער. וואָס דאָרט שטייט געשריבן, ווייס נישט דער פּאָטשטער, ווײַל ס׳איז געשריבן גויאיש. איך בין דיר אָבער ערוב, אַז דאָרט רעדט זיך נישט פֿון חסידות. שמעון האָט אפילו געפּאָרקעט דײַן טאָכטערס בריוו, און אפּראָקע דער צלם־קאָפּ האָט באַלד פֿאַרשטאַנען, אַז דער בריוו איז געלעגן אין פּרעמדע הענט. ער האָט זיך שוין אַפילו געוואָלט אָפּרעכענען מיטן פּאָטשטער, און שמעון איז געקומען צו לויפן צו מיר און האָט מיר דערציילט די גאַנצע געשיכטע און האָט מיך געבעטן, איך זאָל רופן אפּראָקען און אָפּהאַלטן אים, ער זאָל קיין רעה נישט טאָן דעם פּאָטשטער. און איך האָב פֿיינט צו זאָגן, דער ליטוואַק האָט געהאַט בושה פֿאַר מיר און האָט מיך געפֿאָלגט. ביי אַלעם דעם וועל איך הייסן צופּרינסקין, ער זאָל אַ פּאָר בריוו, וואָס קומען אָן פֿון איציקן צום פּאָטער, דיר איבערגעבן לחלוטין. קיינער וועט דערפֿון נישט וויסן, ווײַל ער וועט מיינען, אַז זיי זײַנען פֿאַרפֿאַלן געוואָרן אויף דער פּאָטשט, אַ זאַך, וואָס טרעפֿט זייער אָפֿט. דו ווע‍סט דעמדאָזיקן צופּרינסקין שיינקען אַ קערבל, וועט ער דיר שוין אַלץ מאַכן, וואָס דו ווילסט, בפֿרט נאָך, אַז איך וועל אים בעטן".

ר׳ יידל איז אַרײַנגעפֿאַלן אין התפּעלות:

„איר רעדט ווי אַ חכם, רבי! — האָט ער זיך אָפּגערופֿן. — איר האָט מיך אויף אַ דרך אַרויסגעבראַכט מיט אייער עצה. געוויס, די שיקסע מוז זײַן פֿאַרליבט אין דעם שרץ. איך וועל אים געבן, דעם צופּרינסקין, אַ צוויי קערבלאַך, אַבי אַ סוף זאָל זײַן און לאָמיר וויסן אויף וואָסער וועלט איך בין. וועל איך נאָר דערגיין פֿון די בריוו, אַז זי האָט מיט אים געשעפֿטן, זײַנען, הערט איר, אירע בײַנער נישט אירע. איך וועל איר שוין ווײַזן..."

באַלד דערויף האָט דער ר׳ יידל געשיקט נאָך צופּרינסקען

און איז מיט אים זייער לייכט דורכגעקומען. ר׳ יידל האָט אַגב פאַרזיכערט, אַז דעם רבי׳ס דעה איז אויך דערביי. דער פאָטשטער איז באַלד מרוצה געוואָרן.

אין אייניקע טעג אַרום האָט ר׳ יידל טאַקי באַקומען פון זיין האַנט אַ בריוו, וואָס איציק האָט געשיקט צו זיין פאָטער, און אין דעמדאָזיקן בריוו האָט ער אויך געפונען אַ בריוועלע צו זיין טאָכטער, אַ ליבע-בריוועלע, וואָס האָט אים מגלה געוועזן נאָכמער, ווי ער האָט געוואָלט. האָט ער עס באַלד אַוועקגעטראָגן צום רבין, צו ווייזן אים, דעם רבין, וואָס פאַר אַ חכם ער איז און וואָס אַ געטלאַכער מאַן, אַז ער האָט אַלץ פאָרויסגעזען ווי פון סדור.

דעמאָלט האָט זיך דער רבי אָנגערופן:

„ניין, יידל — דאָס איז נאָך האַלב געטאָן. צופּרינסקי מוז נאָך דיר אַריינשפּילן אין האַנט אַריין דעם בריוו פון אפראָיקען צו זיין שרץ, ווייל מיר מוזן זען, וואָס דיין טאָכטער שרייבט אָפּ צוריק, און אַזוי מוז עס עטלאַכע מאָל געשען, ווערסטו דעמאָלט וויסן, וואָס דו האָסט צו טענהן מיט דיין טאָכטער. און דעמאָלט ווערסטו זיך קאָנען אָפּרעכענען מיט איר, ווי אַן ערלאַכער טאַטע מיט אַ צולאָזענער טאָכטער".

אויסגעהערט די ווערטער, האָט ר׳ יידל געזאָגט.

„איך פאָלג אייך רבי, איך בין כובש-כעסי. איך וועל האָבן געדולט ביז דעם דריטן בריוו, הגם ס׳קען זיך אַזוי ציען ביז אַ פּאָר חדשים צייט, ווייל זיי שרייבן זיך זעלטן".

„נו, וועט זיך ציען, – האָט דער רבי געזאָגט, – דערפאַר אָבער ווערסטו איין מאָל פאַר אַלעמאָל מאַכן אַ סוף דערצו.

געזעגנט און געטאָן. די קאָרעספּאָנדענץ פון די גאַנצע צוויי חדשים, וואָס איז געגאַנגען צווישן פאָטער, זון און כלה, איז דורך צופּרינסקין אַריינגעפאַלן אין ר׳ יידלס הענט, און ר׳ יידל האָט שוין איצט געוואוסט דעם גאַנצן גאַנג פון זייער ראָמאַן. און אָט האָט זיך עס אָנגעהויבן. איינמאָל, אַרום עלף אַ זייגער, ביינאַכט, ווען ר׳ יידל איז געבליבן אַליין מיט זיין

ווייב און מינקען, האָט ער צוגעשלאָסן די טירן און האָט זיך אָנגעהויבן אָפּצערעכענען מיט זיין טאָכטער. קודם האָט ער איר געוויזן אַלע בריוו פון איציקן און נאָכדעם אירע בריוו, און ווען זי האָט פּשוט נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן און די מוטער האָט אויך נישט געקאָנט עפענען אַ מויל, צו פאַרוואַרפן כאָטש אַ פּאָר ווערטער פאַר דער טאָכטער, האָט ער איר אָנגעהויבן צו האַקן מיט דעם לאַנגן ציבוק אָן שום רחמנות. ער האָט איר צעקיילט און צעביילט. ער האָט איר אויסגעשלאָגן ווי אַן עפּל פון פּאָטילניצע ביז צו די פּיאַטעס. און זי האָט געשוויגן. זי האָט אַפילו נישט געוויינט. די מוטער האָט מורא געהאַט זיך אַריינצומישן, טאָמער וועט ווערן אַ צו גרויסער טומל. און ר' יודל האָט זי אַזוי לאַנג געקיילט, ביז זיי זיינען ביידע געבליבן אָן כּוחות, דער פּאָטער און די טאָכטער, און ערשט דעמאָלט, ווען ער האָט דעם ציבוק אַרויסגעלאָזן פון דער האַנט און זיין כּעס איז עטוואָס איינגעשטילט געוואָרן, האָט דאָס ווייב אָנגעהויבן צו טענהן:

„דו האָסט דערמיט גאָרנישט פאַרריכט, — האָט זי געזאָגט. — אַזויאַרום וועסטו איר ליבע צו איציקן נישט פאַרטרייבן פון איר האַרץ און זי האָט נאָך אין גרונט נישט אַזוי ווייט פאַרזינדיקט, אַז דו זאָלסט זי אַזוי מערדעריש שלאָגן. וואָס האָט זי געטאָן? זי האָט ליב אַ מענטשן, וואָס ער געפעלט אונז נישט, באַדאַרף מען זי שלאָגן דערפאַר?

„מען האָט באַדאַרפט מיט איר ריידן קלוגע רייד, ווי מנוח מיט זיין זון שמשון, ווען ער האָט זיך פאַרליבט אין אַ טאָכטער פון די פּלשתּים. דער איציק איז נישט קיין ערל, און אַז דו וואָלסט געווען קליגער, וואָלסטו אים נאָך געקענט אָפּהאַלטן פון שטודירן אויך, און מאַכן אים גאָר פאַר אַ חסיד. און ער וואָלט געוואָרן אַ חסיד, ווייל ער האָט ליב אונזער טאָכטער, און וואָס טוט מען נישט פון ליבע? און אַ דאָקטאָר איז דאָך אויך עפּיס אַ שטיקל מענטש... הער נאָר: מיר קענען פון אונזערע קינדער נישט מאַכן, וואָס מיר זיינען און נישט

וואָס מיר ווילן, בפרט נאָך אין שדוכים. זיי ווייסן, נעמסט דיר אַ נפש אויף זיך. הלואי זאָל זי עס איבערלעבן. דערצו נאָך קענען מיר קיין דאָקטאָר נישט רופן צו איר, ווייל, באַהיט גאָט, מען זאָל געוואויר ווערן דערפון! מיר האָבן גענוג שונאים, בפרט נאָך, עס זאָל זיך דערוויסן דערפון אפרים שוואַרץ, וואָס ער האָט זי ליב, ווי אַן אייגן קינד. ער וועט דיך אומגליקלאַך מאַכן. זע, יידל, דיין צופיל חסידותי וועט דיך ברייננגען צו קאַלט וואַסער".

ס׳פאַרשטייט זיך, אַז דידאָזיקע דרשה איז נישט געהאַלטן געוואָרן אין דער געגנוואַרט פון דער טאָכטער, נאָר אין שלאָפ־שטוב, אָבער מען מוז מודה זיין, אַז עס איז נאָך נישט געווען אויף דער וועלט אַ דרשה, וואָס זאָל אַזוי ווירקן, ווי דידאָזיקע דרשה האָט געווירקט אויף איר מאַן. ער האָט זיך פאַנאַנדער־געוויינט ווי אַ קליין קינד און האָט עס שטאַרק, זייער שטאַרק באַדויערט. צו וואָס האָט ער זי געשלאָגן? אָבער עס איז שוין געווען פאַרפאַלן, נאָכמער: מינקע איז שיער נישט אַוועקגע־שטאָרבן. זי האָט באַקומען היץ און האָט געפאָכט מיט דער נשמה, און מען האָט זיך נאָך געמוזט שטיקן דערמיט ווי מיט דעם קימפעט פון אַ מויד. די מוטער אַליין, נעבעך, האָט זיך אַרום איר געטענטלט, האָט איר צוגעלייגט גענעצטע לייליעכער און קאַלט וואַסער צום קאָפּ און האָט איר קוים דערהאַלטן ביים לעבן. גאַנצע פיר וואָכן איז מינקע געלעגן אין בעט און די עלטערן זיינען אַרומגעגאַנגען, ווי אָן קעפּ. עס האָט זיך אָבער צוגעטשעפּעט נאָך אַ גרעסער אומגליק, ווי מיר וועלן עס באַלד זען.

IX.

# די גרעסטע מסירה.

נו, מיין טייערע לעזערין, מיר וועלן דאָ לאָזן אונזער שיינע מינקע, אַ קראַנקע אין בעט, און וועלן זיך ווענדען צו אונזער אפרים שוואַרץ, דער צערטלאַכער פאָטער, וואָס איז זייער אומרוהיק געוואָרן, פאַרוואָס ער האָט נאָך אַלץ קיין בריוו נישט דערהאַלטן פון זיין זון שוין מער ווי צוויי חדשים. ער האָט סוף־כל־סוף אַוועקגעשיקט אַ שליח צו זיין זון און יענער האָט אים געבראַכט אַ תשובה, אַז איציק האָט שוין אויך העכער צוויי חדשים קיין שום בריוו נישט באַקומען פון זיין פאָטער. וואָס זאָל דאָס הייסן? וואָרום ער האָט אים פאַר דער צייט געשריבן עטלאַכע בריוו. דער אפרים האָט באַלד פאַרשטאַנען, אַז דאָ איז עפּיס נישט גלאַטיק, אַז זייערע בריוו האָבן געמוזט איבערגענומען ווערן, און אַז דער פאָטשטער מוז דאָ האָבן אַ יד דערין. און אפשר ר׳ יודל אויך?.. באַזונדערס האָט זיך נאָך זיין חשד פאַרשטאַרקט, ווען ער האָט זיך צופעליק דער־וואוסט די סיבה פון מינקעס קראַנקהייט. דאָס איז אַפילו געווען שווער זיך צו דערוויסן, ווייל מען האָט אָפּגעהיט די קראַנקהייט בסודי־סודות. איר מוטער איז געזעסן טאָג און נאַכט, ווי אַ צו־געשמידטע, נעבן מינקעס בעט און האָט קיין ילוד־אישה נישט צוגעלאָזט צו איר, אפילו איר שכנה, אפרימס פרוי, נישט צוגעלאָזט, און קיינער האָט גאָרנישט געוואוסט. נאָר איינמאָל איז מינקען נישט גוט געוואָרן, און איר מוטער איז דעמאָלט גראָד אינדער־

היים נישט געוואָרן. און דאָס דינסטמיידל, וואָס האָט זיך בעת מעשה שטאַרק פאַרלאָרן. זי האָט אַריינגערופן די שכנה, אפרימס ווייב. יענע האָט זיך נישט געלאָזט לאַנג בעטן, ווייל זי האָט זי אַלעמאָל זייער ליב געהאַט און איז אַריינגעלאָפן אין שטוב מיט וויינעסיג און אַ טעלער שניי. אַז זי האָט זי אָפּגעמינטערט, האָט זי דערזען, ווי מינקע איז אינגאַנצן צוקיילט און צובייזלט, פונקט ווי מען וואָלט זי געשמיסן מיט אַ קנוט.

„מינקעלע, וואָס איז מיט דיר געשען?״ — האָט זי איר געפרעגט.

אָבער יענע האָט געשוויגן.

ערשט אין אַ צייט אַרום האָט זי קוים אַרויסגעשעפּטשעט:

„שרעקט זיך נישט, איך פאַרטראָג עס זייער לייכט. דאָס איז אַלץ צוליב מיין ליבע צו אייער זון. איך דאַנק אייך פאַר אייער מי און בעט אייך, איר זאָלט מיך פאַרלאָזן. איך וויל נישט, מיין מוטער זאָל וויסן, אַז איר זייט דאָ געווען... איר קאָנט שרייבן אייער זון, אַז איך האָב אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקע ראיה פון מיין ליבע צו אים. שרייבט אים, אַז נאָר דער טויט קען מיך שיידן פון אים!״

אפרימס ווייב האָט עס אַלץ דערציילט איר מאַן, און אפרים איז נאָך שטאַרקער געוואָרן אין דער דעה, אַז יודל האָט געמוזט איבערנעמען זיין בריוו, און ער האָט באַשלאָסן זיך אָפּצערעכענען מיט אים. קודם איז ער אַוועק צום פּאָטשטער און האָט אַוועקגעשיקט אַ מעלדונג אין דער קיעווער פּאָסט. ער האָט באַלד באַקומען קלאָרע באַווייזן, אַז מען האָט איבערגענומען זיינע בריוו, און דעמאָלט האָט ער דערלאַנגט אַ פּאַפּיר אויף צופּרינסקין און אין פּאַפּיר האָט ער דערוויזן, אַז צופּרינסקי גיט איבער די בריוו פאַר געלט אין פרעמדע הענט. האָט די מאַכט דורכגעפירט אַן אויספאָרשונג, און ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז צופּרינסקי איז שולדיק. צופּרינסקי איז האַרב באַשטראָפט געוואָרן: מען האָט אים פאַרמשפּט אויף פינף יאָר

אַרעסטאַנטן-ראָטעס. אויסערדעם האָט מען נאָך מאַנכע פּאָסט-באַאַמטע באַזייטיקט פון די שטעלעס.

פאַר דערדאָזיקער מעשׂה איז אפרים שטאַרק פאַרהאַסט געוואָרן אין שטאָט. אַלע האָבן אים אויסגעמידן ווי אַ מגפה. אָבער דער איינציקער, וואָס האָט אים נאָך געחנפעט, איז דוקא געווען ר׳ יודל שלאָבאָנער. ער האָט געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער איז דאָ גאָט די נשמה שולדיק און האָט אים אַרויסגעוויזן גרויס פריינטשאַפט. אפרים האָט זיך אָבער אויך געמאַכט נישט וויסנדיק און ביידע האָבן אויסערלאַך געלעבט גאַנץ גוט. אינדערהאמתן אָבער האָט עס געמעגט פאַלן אין טיפן ים אַריין, וואָס זיי האָבן זיך איינאַנדער געוואונטשן. נישט געקוקט דערויף, וואָס אפרים איז געווען פאַרהאַסט אין שטאָט, האָט אים דאָך קיין חיונה נישט געפעלט, ווייל ער איז דעמאָלט געווען אַשרייבער און אַ זאַקאָניק, און אַ גאַנצער מאַכער ביי נאַטשאַלסטווע. און דאָך האָט זיך אים געוואָלט פּטור ווערן פון דער שטאָט. זי איז אים שרעקלאַך מאוס געוואָרן פאַר טויזנטער זאַכן און באַזונדערס פאַרן האַס צו אַ ליטוואַק. אַגב האָט ער איצט געהייסן אין שטאָט נישט אַנדערש, ווי אפרים דער מסור. ס׳הייסט, אַלזאָ: אַ ליטוואַק, אַ מתנגד און אַ מסור...

ביי די וואָלינער אַ ליטוואַק איז שוין אַזוי אויך געווען אַ פאַרפאַלענער מענטש *).

אָבער וואוהין פאָרט מען? ווי רייסט מען זיך אַרויס פון דער שטאָט?

---

*) ווען עס איז געשטאָרבן ר׳ שמשון בלאָך, אַ מתנגד, וואָס איז געווען דער שטאָלץ פון בראָד, ווייל ער איז געווען אַ גרויסער למדן און אַ גרויסער געלערנטער, האָט דער רבי אַ זאָג געטאָן: „אַ שאָד, אַ שיין פערד איז געפאַלן אין שטאָט"...

## X.

# דער איבערפאַל.

אונזער שיינע מינקע איז געלעגן גאַנצע פיר וואָכן אין בעט און ביי דעם אַלעם האָט זי זיך דאָך נישט אויסגעהיילט פון איר פאַרבאָטענער ליבע צו דעם איציקן. זי האָט אים נאָכמער ליב געקראָגן, ווי פריער, און האָט שוין גאָר קיין סוד נישט געמאַכט דערפון. די עלטערן אַליין האָבן שוין איינגעזען, אַז קיין האַרץ קאָן מען נישט איבערמאַכן, און דאָס איינציקע, וואָס זיי האָבן פון איר פאַרלאַנגט, איז בלויז געווען דאָס, אַז זי זאָל נישט דערציילן אפרימען און זיין פרוי, אַז דער טאַטע האָט זי געשלאָגן. איצט איז שוין מינקע אַלע טאָג געגאַנגען צו אפרימען און האָט זיך אָפן קאָרעספאָנדירט מיט איציקן. דאָס האָט די עלטערן אפילו געקריינקט, באזונדערס דעם פאָטער, מען האט אָבער געמוזט האַלטן מויל. דער פאָטער האָט נאָך אַליין געקלערט וועגן עפּיס אַ מיטל, ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון אפרימען, דאָס הייסט, אַז ער זאָל נעקר ווערן דאָ פון שטאָט און דעמאָלט וועט אפשר נעמען אַ סוף צו דעם פאַרשאָלטענעם ראָמאַן פון זיין טאָכטער מיטן שרץ, וואָס איז שוין געווען אין אוניווערזיטעט און לערנט זיך זייער גוט. ער דאַרף שוין נישט זיין פאָטערס הילף, ווייל ער האַלט זיך אויס דורך לעקציעס, וועלכע ער גיט אין אָנשטענדיקע הייזער.

געווען אין דער שטאָט אַ יוד, איינער אַ ר׳ ראובן יאָכוועד, זייער אַ דורכגעטריבענער מענטש, אַ גאַנצער מאַכער ביי קהל

און ביי נאַטשאַלסטווע און אַ גרויסער שונא פון דעם אפרימען, ווייל דער לעצטער האָט אַמאָל אַרויסגעראַטעוועט פון זיינע נעגל אַ פּאָר בני־יחידימלאַך, וואָס ער האָט געמאַכט פאַר רעקרוטן.

און אָט האָט זיך ר׳ יודל צוזאַמענגערעדט מיט דעמדאָזיקן ראובנען, ווי אַזוי, אַ שטייגער, ווערט מען פּטור פון אפרימען, וואָס ווייס אַלע סודות פון שטאָט און וואָס איז זייער אַ געפערלאַכער מענטש. ער קאָן אונטערברענגען אַ גאַנצע שטאָט מיט מענטשן.

ראובן האָט זיך אָנגערופן:

„נו, קוים פּאַשאָל תּרח נאַ דרך! איר האָט אייך ערשט אַרומגעזען, וואָס פאַר אַ פייגעלע דאָס איז. איך האָב עס איינגעזען פון דער ערשטער מינוט אָן, ווען דערדאָזיקער אומגעבעטענער גאַסט איז אָנגעקומען אין שטאָט. גוט, פאַראַן נאָך צייט דערצו. איך וועל אַפילו האָבן נישט קיין לייכט שטיקל אַרבעט, ווייל ער איז אַ מאַן מיט אַ פעדער און פאַרשטייט זייער גוט אָן ענין, אָבער מען וועט זיך שוין אָן עצה געבן. איך מוז אייך זאָגן, אַז די פּאָליציי קוקט אויך קרום אויף אים, ווייל די פּאָליציי־לייט האָבן מורא פאַר זיין פעדער... אַ טשינאָווניק איז טיילמאָל אויך שוואַך געגן אים. מען מוז עפּיס צוטראַכטן אַזאַ זאַך, אַז ער זאָל געשטרויכלט ווערן און די שטאָט זאָל פּטור ווערן פון אים. לאָמיר קודם מאַכן אַ אַסיפה".

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט מען געמאַכט אַ גרויסע אַסיפה אין קהל־שטיבל און עס איז געבליבן, מען זאָל אים אונטערוואַרפן אַ פּעקל מיט פאַלשע אַסיגנאַציעס און באַלד דערלאַנגען אויף אים אַ פּאַפּיר אין די הויכע פענסטער.

אויף מאָרגן האָבן זיך שוין געפונען פאַלשע אַסיגינאַציעס, וועלכע מען האָט אַריינגעפּאַקט אין אפרימס טליתזעקל, וואָס ער פלעגט אַלע פרייטאָג פאַרנאַכט מיטנעמען אין שטיבל און זונטאָג אינדערפרי פלעגט עס אים דער שמש אָפּטראָגן אַהיים. אין שטאָט האָט מען נישט געטאָרט טראָגן אום שבת. און ווייל

מען איז אים חושד געווען, אַז ער דאַוונט אַלע טאָג, וועט ער זיך דאָך דערוויסן פונם אונטערגעוואָרפן פאַלש געלט נאָך פריער, איידער די פּאָליציי וועט קומען. האָט מען געהייסן דעם שמש, ער זאָל אים אָפּטראָגן דעם טליתזעקל ערשט אַרום צוועלף אַ זייגער בייטאָג און זאָל זיך דאָרט פאַרענטפערן, אַז ער האָט צוליב אַ וויכטיקן צופאַל נישט געקאָנט ברענגען פריער דעם טלית. אפרים, וואָס האָט געהאַלטן דעם שמש פאַר אַ תמים, האָט עס אים מוחל געווען, און האָט אים געבעטן, ער זאָל אויפהייבן דאָס טליתזעקל אויפן געווייגלאַכן אָרט, און נאָכדעם אים אַפילו מכבד־געווען מיט אַ שנאַפּס, געשיינקט אים, ווי דער שטייגער, איז פינף קאָפּיקעס און דער שמש איז אַוועק.

אָבער אינמיטן נאַכט איז די פּאָליציי מיט זשאַנדאַרמען און דריי עדות יידן, וואָס איינער פון זיי איז געווען ראובן יאָכוועדס באַפאַלן אפרימס וואוינונג, און מען האָט געמאַכט אַ שטרייינגערע רעוויזיע ווי צו בדיקת חמץ. מען האָט אומגעקערט די גאַנצע שטוב מיטן קאָפּ אַראָפּ, אַדורכגענישטערט אַלע זאַכן און מען האָט גאָר נישט געפונען ביז מען האָט זיך גענומען צום טליתזאַק. דאָרט האָט מען שוין געפונען פון פייגלמילך: עטלאַכע פינפאונצוואַנציקער, אַ צוויי־דריי הונדערטער, און דערצו נאָך אַ פאַלשן בריוו צו אים פון עפּיס אַ סוחר, וואָס פרעגט זיך נאָך אויפן פאַלשן געלט.

אפרימען האָט מען, נאַטירלאַך, תיכף געבונדן און אָפּגעפירט אין תפיסה. צומאָרגנס איז אין שטאָט שוין געווען ששון ושמחה: פטור געוואָרן פון אַ מתנגד און אַ ליטוואַק! מען האָט געמאַכט דעם גרויסן לחיים, געטאַנצט און דערציילט מופתים. אין זיין שטוב האָט מען אַלץ פאַרחתמעט, און זיין ווייב, די שיינע ביילע, וואָס איז דאַן קוים אַלט געווען זעקסאונדרייסיק יאָר און וואָס האָט ביז אַהער געלעבט מיט איר מאַן, ווי אַ פּאָר טויבן, איז איצט אַרומגעגאַנגען עלנט און אומגליקלאַך און כמעט האַלב משוגע פון צער און אַנגסט. בלויז אין־איינציק וועזן האָט איר מיטגעפילט אין איר גרויס אומגליק, און דאָס איז געווען

אונזער מינקע.ביילע האָט אָבער וויי‏ניק געגאָסן פון דעמדאָזיקן מיטגעפיל, ווייל די עלטערן, וואָס האָבן איצט געגלויבט, אַז זיי זיינען שוין אויף אַן אמת פטור געוואָרן פון דעמדאָזיקן „שרעקלאַכן" מענטשן, האָבן שוין אויסגעטאָן די פריינטלאַכע מאַסקע זייערע און האָבן פאַרבאָטן דער טאָכטער, אריינצוגיין צוביילען. און ווען מען האָט אפרימען אין עטלאַכע וואָכן אַרום אַוועקגעשיקט קיין קיעוו, וואו עס איז דעמאָלט אַוועקגעזעצט געוואָרן אַ גאַנצע קאָמיסיע איבער די פאַלשע אַסיגנאַציעס, וועלכע זיינען נתרבה געוואָרן אין יענער צייט, האָט ר' יידל אַרויסגעיאָגט פון דער דירה אפרימס ווייב און האָט נאָך דערהאַלטן אַ סך זאַכן אירע פאַרן רעשט געלט, וואָס איז נאָך אים געקומען פון אפרימס הלואה, בשעת אפרים האָט אַוועקגעשיקט זיין זון שטודירן.

ביילע איז אַרויס פון איר וואוינונג אָן אַ גראָשן ביים לייב און זעל. און ווען מינקע וואָלט איר שטילערהייט נישט אויסגעהאָלפן מיט אַ פּאָר רובל, וואָלט זי גאָר פאַרשמאַכט געוואָרן אין וואָלט אודאי געשטאָרבן פון הונגער. פאַר איר האָבן זיך, קענטיק, פאַרשלאָסן אַלע שערי רחמים.

זי איז פון איר וואוינונג אַרויס מיט אַ קליינעם פעקעלע אונטערן אָרעם און איר איינציקע באַגלייטערין איז נאָר געווען אונזער מינקע. זי האָט איר אָבער באַגלייט ביזן טויער און ווייטער נישט אַטריט, ווייל מען וואָלט איר פשוט פאַרשטיינערט. סטייטש, גיין מיט אַ ווייב פון אַזאַ איינעם, וואָס קהל האָט זיך קוים אָפּגעשאָקלט פון אים? „נו מיין קינד, — האָט זיך ביילע אָפּגערופן צו איר, — קער זיך אום צוריק, ווייל צו וואָס זאָלסטו דיך אַליין שאָדן? זיי מיר געזונט, מיין טייערע און האָף אויף בעסערע צייטן. מען וועט נאָך מיין מאַן נישט אויפעסן אין קאַשע. דערווייל אָבער איז מיין לאַגע זייער אַ שלעכטע. וואוהין גייט מען, מייט טייערע"? האָט איר מינקע איינגערוימט אויפן אויער: „גייט גלייך קיין קיעוו... דאָרט האָט איר אַ זון און דאָרט איז אייער מאַן. איציק וועט אייך אויס-

ר' יודל שלאָבאָנער.

האַלטן און אַייער מאַן קען אַ סך געהאָלפן ווערן דורך אייך ביידן"... באַלד האָבן זיי ביידע זיך הייס צעזעגנט אונטערן טויער און ביילע איז אַוועק קיין קיעוו, אַ ביסל צופוס און אַ ביסל מיט אַ פור. מינקע איז געבליבן ביי אירע עלטערן, אָבער זי האָט זיך נאָך אַלץ פעסט געהאַלטן און האָט נישט געוואָלט הערן אין זען פון אַן אַנדער שידוך. די ליבע האָט אָבער טויזנט וועגן און מינקע האָט זיך דאָך דורכגעשריבן מיט איציקן. זי האָט זיך פשוט באַדינט מיט דעם אפרימס איבערשרייבער, אַ שטילער מענטש, וואָס פלעגט עפטער קומען צו איר פאָטער. דערדאָזיקער האָט באַזאָרגט אירע בריוו צו איציקן און איציקס בריוו צו איר.

פון וואָס דידאָזיקע בריוו זיינען באַשטאַנען איז דיר, מיין טייערע לעזערין, גאַנץ פאַרשטענדלאך: זיי זיינען באַשטאַנען פון האַרץ און האַרץ...

IX

# אין קיעוו.

דאָס ערשטע, מיין טייערע לעזערין, מוז איך דיר ווידער דערמאָנען, אַז איציק איז שוין געווען אויפן צווייטן קורס פון דער מעדיצין און איז געווען איינער פון די אויסגעצייכנטסטע סטודענטן. ער איז געווען שטאַרק געשעצט פון זיינע פראָפעסאָרן און געליבט פון זיינע חברים. נאָכמער איז ער אָבער געווען אויסגענומען אין די-יעניקע גרויסע הייזער, וואו ער האָט געגעבן לעקציעס. ער האָט שוין פאַרדינט פון זעכציק ביז זיבעציק רובל אַ חודש און איז שוין געווען אומשטאַנד עפּיס צו טאָן פאַר זיינע עלטערן. דאָס ערשטע האָט ער אויסגעווירקט, אַז מען זאָל אים צולאָזן צו זיין פאָטער. דאָס איז געווען זייער אַטרויעריקע באַגעגעניש. ער איז געזעסן געשמידט אין קייטן, גאַנץ אַליין. געזען האָט מען זיך אַפילו נישט ילאַנג, אָבער ביידן איז דאָך לייכטער געוואָרן אויף דער נשמה. געקומען פון דער תפיסה, האָט ער געפּרובט באַרוהיקן זיין מוטער. זי האָט זיך באמת באַרוהיקט אַ ביסל, אָבער דער פּראָצעס האָט זיך אַ סך מער געצויגן, ווי איציק האָט זיך פאָרגעשטעלט. עס זיינען געזעסן אַ סך קריסטן, וואָס זיינען געווען די מאַכער פון די פאַלשע אַסיגנאַציעס און מאַנכע יידן, וואָס זיינען געווען די פאַרקויפער פון זיי. אַזוי האָט זיך פאַרשמאָלצן זיין פּראָצעס מיט זייערן, וואָס האָט זיך געצויגן מער ווי אַ האַלב יאָר צייט ביז מען האָט אפרימען גענומען צום ערשטן פאַרהער. אין שטעטל

איז ער שוין געווען זיכער, אַז מען איז מיט אפרימען פאַרטיק, בפרט נאָך אַז דער רבי האָט עס מרמז געווען צו שלש סעודות. און דער עולם האָט זיך זייער געפרייט. אפרימס איבערשרייבער, וואָס האָט געהייסן הערשקע שלייעמאַכער, האָט דערווײַלע אַרויסגעשיקט אַ גרויסן בריוו צו איציקן, אין וועלכן ער האָט אים באַקאַנט געמאַכט מיט דעם גאַנצן ענין אין מיט דעם גאַנצן שוואַרצן שטיקל אַרבעט, וואָס איז אָפּגעטאָן געוואָרן אונטער יאָכוועדס אָנפירונג. פאַר איציקן האָט זיך איצט אַנטפּלעקט דער גאַנצער פאַרברעכערישער פּלאַן מיט אַלע זיינע אָנטיילנעמער, און ער האָט עס איבערגעגעבן דער פּראָקוראַטור פון קיעוו. האָט די פּראָקוראַטור פון איר צד אַראָפּגעשיקט אַן אויספאָרשונגס-קאָמיסיע אין שטעטל אַריין און מען האָט גענומען די חברהלייט אויפן צימבל. עס איז צוגעצויגן געוואָרן צום פאַרהער ראובן יאָכוועדס, ר׳ יודל שלאָבאָנער און נאָך יידעלאַך. דער אמת איז תיכף אַרויסגעשוואומען, ווי בוימאייל אויפן וואַסער.

געענדיקט האָט זיך די זאַך דערמיט, וואָס מען האָט מאַנכע אָפּגעגעבן פאַר סאָלדאַטן און אַנדערע האָט מען פאַרשיקט קיין סיביר. צווישן די לעצטע איז אויך געווען דער ר׳ יודל שלאָבאָנער.

מיט דערדאָזיקער געשיכטע האָט געקלונגען זייער ווייט און ברייט *). אַלע צייטונגען האָבן געשריבן וועגן דעם. און יעדע שטאָט האָט געהאַט צו ריידן און צו ריידן פון אפרימען און ר׳ יודלען און פון דער ליבע צווישן מינקען און איציקן. די גאַנצע זאַך איז אָבער געווען נישט מער ווי אַ פּועל-יוצא פון צוויי פיינטלאַכע צדדים, וואָס האָבן זיך שטענדיק

*) איך געדיינק נאָך ווי היינט, ווי איינע אַ רוסישע צייטונג, האָט, ארומריידנדיק די זאַך, זיך טועה געווען: אַנשטאָט וואָלינער קהל, האָט זי מיטגעטיילט, אז דער ווילנער קהל איז פאַרמשפּט צו גיין אין סאָלדאַטן. אין ווילנע איז מען דערפאַר געווען זייער אומרואיק.

א. מ. דיק.

אַרומגעריסן און אַרומגעקריגט — פון חסידים און מתנגדים.

איצט וועלן מיר זיך אומקערן צו אונזערע צוויי פאַר־ליבטע – צו איציקן און מינקען.

———

XII.

## די ווייטערדיקע ליבע.

מיין ליבע לעזערין, דו קענסט אפילו אליין פארשטיין, וואס פאר טרויער און יאמער עס האט זיך אפגעשפילט אין יעדן הויז פון די פארמשפטע. ר׳ יודל האט די גאנצע צייט פון זיין זיצן געטאן און געשאלטן זיין טאכטער, פארשאלטן איר געביין און געזאגט זי ווי א ווארים און זי, וואס איר לעבן איז איר געווארן נמאס און מאוס, האט פארשאלטן דעם טאג, אין וועלכן זי האט זיך פארליבט אין איציקן. זי האט אים, ווי צו זאגן, מיטן בלוט פון איר הארצן אויסגעריסן, און האט אים אויפגעהערט צו שרייבן.

„א, ניין! – האט זי זיך געזאגט – איך האב מיך גענארט אין מיין ליבע. איך האב א צו גרויסן פרייז באצאלט פאר איר – די פרייהייט פון מיינע עלטערן. איך זאג מיך אפ פון מיין איציקן, וואס איז מיר געווען אזוי ליב און טייער, און וועל פירן א וויסט לעבן, ווייל עס איז נאך נישט געבארן געווארן דעריעניקער, וואס זאל פארנעמען זיין ארט. כ׳וועל בלייבן א לעבעדיקע אלמנה, אן אייביקע יונגפרוי, וואס איז ארומגעגארטלט מיט אן אייביקן זאק און באטרויערט איר ערשטן געליבטן".

און ביי דעם אלעם האט זי דאך נישט געוואלט מיט-גיין מיט איר פאטער אין וייטן סיביר. ערשטנס, ווייל זי האט געוואוסט, אז דער פאטער וועט איר אלעמאל אויפוואורפן איר

ליבע און וועט זי נויטן חתונה צו האָבן דאָרט מיט אַבי-וועמען. צווייטנס, האָט זיך איר געוואָלט, אַז די מוטער, וואָס איז געווען אַ שוואַכע פרוי און וועט געוויס נישט אויסהאַלטן די לאַנגע נסיעה און, אַ פשיטא שוין, דעם דאָרטיקן קלימאַט, זאָל פאַרבלייבן מיט איר דאָ, און, דריטנס, וועלן זיי אפשר קענען ווירקן, פאַרבלייבנדיק דאָ, צו באַפרייען דעם פאָטער.

ר׳ יודל שלאָבאָנער האָט אויך געוואָלט, אַז זי און די מוטער זאָלן פאַרבלייבן אין שטאָט.

„וועל איך לעבן, — האָט ער געזאָגט, — און גאָט וועט מיך צוריק אומקערן אַהער, וועל איך האָבן צו וועמען צו קומען. פאָרט איר אָבער מיט מיר, וועט איר געוויס שטאַרבן פאַר דער צייט, ווייל די נסיעה איז אַ לאַנגע און דער רויער קלימאַט איז נישט פאַר אייער שוואַכן געזונט".

קורץ געזאָגט, ר׳ יודל איז אַוועק אַליין קיין סיביר און די פרוי מיט דער טאָכטער האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין דערזעלביקער שטאָט, אָבער נישט אויף לאַנג. מינקע האָט דורכאויס נישט געוואָלט דאָרט פאַרבלייבן, ווייל די משפחות, וואָס האָבן געליטן אין דעם פראָצעס, זיינען געווען זייער אויפגעבראַכט אויף איר. זיי האָבן, אַלזאָ, אויסגעוואַנדערט פון דאָרט, נאָכדעם, ווי זיי האָבן געמאַכט אַלץ צו געלט און האָבן צוזאַמענגעשלאָגן אַ קאַפּיטאַל פון פערציק טויזנט רובל. זיי האָבן זיך באַזעצט אין וואַרשע, וואו עס האָט געוואוינט איר עלטסטע שוועסטער, וואָס איז געווען זייער רייך און וואָס איר מאַן איז שוין געווען מער פון דער נייער וועלט, ווי פון דער אַלטער. די שיינע מינקע איז מיט דער צייט געקומען צו די כּוחות, איז גוט-פריינט געוואָרן מיטן לעבן און האָט זיך אָנגעהויבן צו בילדן, און דער פונק פון דער אַלטער ליבע האָט ווידער אָנגעהויבן צו גליען. און דער בריוו-טויש מיט איציקן, וואָס איז פריער אונטערגעבראָכן געוואָרן, האָט זיך אָנגעהויבן פון דאָסניי, נאָך מיט מער פרישקייט, אָבער נאָך אַלץ אין געהיים. איציק פלעגט איר יעדעס מאָל דערפרייען מיט אַ פריילאַכער בשורה,

אַז ער לערנט זיך גוט און זי אים — אַז זי האָט געהאַט אַ גרויסע פּעולה אין שפּראַכן, אין מוזיק און אין האַנט-אַרבעט. דערבײַ איז אויך געטאָן געוואָרן פֿאַר דער באַפֿרײַאונג פֿון איר פֿאָטער.

זי און איציק — בײדע האָבן געאַרבעט דעריבער מיט ערפֿאָלג.

דערווײַל אָבער זײַנען זיך אַריבערגעלאָפֿן אײניקע יאָר אין פּחד און אין האָפֿנונג און דערבײַ איז אויך אַריבער די צײַט פֿון איציקס שטודיום. ער איז געוואָרן דאָקטאָר, און האָט שוין געהאַט בדעה צו קומען קײן וואַרשע, און זיך וואַרפֿן צו די פֿיס פֿון מינקעס מוטער, אַז זי זאָל דערלויבן איר טאָכטער חתונה צו האָבן מיט אים. דער האַרטער שיקזאַל אָבער האָט עס נאָך נישט דערלויבט. נײן, ער האָט נאָך געמוזט אויסשטײן אַ האַרטע פּראָבע, ווי מיר וועלן דאָס ווײַטער שרײַבן און דערמיט ענדיקן.

---

XIII.

# די פראָבע.

קוים האָט דער איציק באַקומען זיין דאָקטאָר־דיפּלאָם, איז ער געוואָרן לייב־אַרצט ביי אַ גרויסן רוסישן פירשט, וואָס האָט געוואוינט אין טיף רוסלאַנד, מיט אַ גרויסן געהאַלט, און איציק האָט געמוזט אָפּפאָרן מיט אים אין זיינע גיטער, ווייל וואו ס'איז נוגע פרנסה, פאַלן אַלע אַנדערע זאַכן אַוועק. פרנסה איז דער יסוד פון אַלע אַנדערע ענינים. אָן פרנסה קען מען נישט זיין קיין ירא שמים, ווי דער פסוק זאָגט: „פּן אורש וגנבתי, ותפשתי בשם אלהי", דאָס הייסט, ווען איך וועל נאָר זיין אָרעם, וועל איך שוין געוויס גנבענען און שווערן פאַלש, ווייל וואָס טוט מען נישט פון נויט. אָן פרנסה איז מען קיין למדן נישט, ווי אונזערע חכמים זאָגן: „אם אין קמח, אין תורה", אָן פרנסה איז מען קיין חכם נישט, ווי דער פסוק זאָגט: „חכמת המסכן בזויה", די חכמה פון אַן אָרעמען האָט קיין ווערט נישט. אַלזאָ, מיין טייערע לעזערין, איז איציק נישט נאַריש געווען, וואָס ער איז פריער געפאָרן אויף דער שטעלע, איידער צו זיין הייס געליבטער. ער האָט עס איר געשריבן און צוגלייך פאַרזיכערט צו קומען צו איר אין פאַרלויף פון דריי אָדער פיר חדשים, נאָכדעם ווי ער וועט זיך איינאָרדענען און זיך היימיש מאַכן אויף דער נייער שטעלע. און זי איז נישט גע־ווען ווייניקער קלוג פאַר אים און האָט זיך דערמיט צופרידנ־געשטעלט.

נאָר אָט איז איר מוטער שטאַרק קראַנק געוואָרן און די דאָקטוירים האָבן איינגעפונען, אַז זי מוז אַרויספאָרן קיין אויסלאַנד, קיין קאַרלסבאַד, און די טאָכטער איז מיט איר אַוועקגעפאָרן. אין דעם יאָר איז געווען אַ גרויסער צופאָר פון אַלע לענדער, אַפילו פון דעם טיפסטן צפון. אויף אַלע דאָרטיקע פּראָמענאַדן האָט געשוויבלט און געגריבלט פון באָד־געסט, און צווישן זיי האָט אויך אַלע טאָג נישט געפעלט אונזער שיינע מינקע, וואָס האָט דאָרט געמאַכט גרויס אויפזען מיט איר שלאַנקן וואוקס, מיט איר שיין געזיכט און פיינער האַלטונג. עס האָט זיך קיינער נישט געקענט זאַט אָנקוקן אויף איר, ווייל זי איז געווען, ווי צו זאָגן, אַ מייסטערווערק פון גאָט. זי פלעגט גיין שפּאַצירן מיט אַ געוויסער יידישער דאַמע, וואָס האָט לאָזשירט מיט איר אין איין האָטעל.

צווישן אַלע אירע פאַרערער און נאָכגייער האָבן זיך אויסגעצייכנט צוויי יונגע לייט, וואָס זיינען איר נאָכגעגאַנגען ווי צוויי שאָטנס. זיי האָבן זיך געזעצט, דאָרט וואו זי האָט זיך געזעצט, און געשטאַנען דאָרט, וואו זי האָט זיך אָפּגעשטעלט. זי האָט עס אָנגעמערקט און איז פון איר זייט געבליבן גאַנץ גלייכגילטיק צו זיי, ביז זי האָט איינמאָל דערהערט, ווי איינער פון זיי רופט אָן דעם אַנדערן מיט דעם נאָמען שוואַרץ. דער טייערער נאָמען האָט איר דורכגעצוקט ווי אַ בליץ. זי האָט זיך אומגעקערט, האָט זיי אַ קליינע ווײלע באַטראַכט און האָט אין דעם עלטערן דערקענט איר געליבטן איציקן... ער האָט זיך שטאַרק געענדערט צום גוטן, דאָס הייסט, ער איז געוואָרן פיל לייטישער און שענער, מיט אַ קליין רונד שוואַרץ בערדל, אָנגעטאָן לויט דער לעצטער מאָדע. ער איז געווען אַזוי ווייט געענדערט, אַז ווען נישט דער נאָמען שוואַרץ, וואָלט זי אים נישט דערקענט.

זי האָט אים דערקענט, אָבער זי האָט עס אַראָפּגעשלונגען, געבליבן כלומרשט גלייכגילטיק און איז זיך מיט איר פריינטין ווייטער געגאַנגען און זיי נאָך איר. אָבער פון דער מינוט אָן

איז זי שוין געוואָרן אויפמערקזאַם צו זייער געשפּרעך, צו זיין זיכער אין דער דעה, אַז דאָס איז טאַקי איציק.

מיט איר געשפּיצטן אויער האָט זי אויפגעכאַפּט אַלץ, וואָס זיי האָבן גערעדט, ביז עס איז איר געגוג קלאָר געוואָרן, אַז דאָס איז איר געליבטער, און דער צווייטער מוז געוויס זיין אַ זון פונם פּירשט, ביי וועלכן ער איז געווען לייב-אַרצט. איציק האָט אים גערופן לאָפּוכין, און די אייגענע פאַמיליע האָט ער איר אָנגעגעבן מיט אַ פּאָר חדשים צוריק, ווען ער האָט באַקומען זיין שטעלע.

איצט האָט זי זייער נויטיק געהאַט מיט עמיצן זיך איבער-צושמועסן און זיך צו באַראַטן. מיט דער מוטער האָט מען עס נישט געקאָנט, ווייל פאַר יענער איז דער המשך פון דער ליבע נאָך אַלץ געווען אַ סוד. אַזויאַרום איז זי אָנגעוויזן געוואָרן אויף דער דאַמע, מיט וועלכער זי האָט שפּאַצירט און וואָס האָט לאַזשירט אין דעם אייגענעם האָטל, וואָס זי. זי האָט איר פאַרטרויט פון אַלעם, וואָס מיר ווייסן און האָט זי געבעטן, זי זאָל איר דינען אין דער זאַך מיט איר נומער, וואו זי וועט זיך קענען זען מיט איציקן. די דאַמע האָט עס איר פאַרשפּראָכן און האָט געהאַלטן וואָרט.

„איך וויל אים אויספּרובירן, — האָט מינקע אַ זאָג געטאָן צו דער דאַמע, — צי ער איז מיר נאָך באמת טריי, צי איז ער נאָך דערזעלביקער, פייערדיקער געליבטער מיינער. פון זיין שרייבן צו מיר איז ער אַפילו דערזעלבער. דאָך צווישן שרייבן און דער ווירקלעכקייט ליגט נאָך אַ גרויסער מהלך, און איך מערק עס שוין פון זיין קוקן אויף מיר מיט פייערדיקע אויגן, נישט וויסנדיק, אַז איך בין מינקע. ער דערקענט מיך נישט. איך מוז אים אַהער אַריינגאַרן אין אייער נומער. אויף דער פּראָמענאַדע וועל איך מאַכן אַן אָנשטעל, אַז מיר איז נישט גוט געוואָרן, וועט ער דאָך מסתמא מיר קומען צו הילף אַלס דאָקטאָר, וועט איר אים בעטן, ער זאָל מיך באַגלייטן אַהיים, דאָס הייסט אין אייער נומער. אַזויאַרום וועט ער האָבן אַ גע-

לעגנהייט מיך אָפטער צו באַזוכן, און דעמאָלט וועל איך שוין אויסשפּירן אַלע שטעגעלעך פון זיין האַרץ און איך וועל וויסן שוין אויף קלאָר, צי איך קען מיך אים אָנטרויען, צי נישט.

דידאָזיקע ראָלע איז אויף מאָרגן, דאָרט, אויף דער פּראָמענאַדע, ריכטיק אָפּגעשפּילט געוואָרן, פּונקט ווי עס איז אָפּגערעדט געוואָרן. איציק האָט זיך זייער גערן געלאָזט אַריינ-נאַרן אין דעם נומער פון דער דאַמע און האָט דאָרט אַ שטיק צייט פאַרבראַכט ווי אַ געוויינלאַכער דאָקטאָר און פאַרן וויזיט האָט ער נישט געוואָלט נעמען קיין געצאָלט. צומאָרגנס איז ער אויך געקומען צו דער באַשטימטער שעה און אויף איבער-מאָרגן — אויך דאָס אייגענע. אָבער די וויזיטן זיינען שוין געווען מער פריינטלאַכע, ווי דאָקטאָרישע, און האָבן זיך פון טאָג צו טאָג אַלץ מער פאַרלענגערט.

געשמועסט האָט מען פון די געסט, פון פּאָליטיק, פון שידוכים. ער איז אָבער אַזוי באַפריינדעט געוואָרן מיט די ביידע דאַמען, אַז ער האָט אַפילו געלויבט מינקעס שיינקייט פאַר איר אין די אויגן. „פריילין, איר זענט, — האָט ער געזאָגט - זייער ליבעסווירדיק, און איך וואָלט מיך זיכער געשדכנט צו אייך, ווען מיין האַרץ וואָלט נישט געווען שוין פאַרנומען מיט אַן אַנדערער. זי איז געווען זייער שיין, ווען איך האָב מיך אין איר געליבט, אָבער שוין מער ווי זיבן יאָר, ווי כ׳האָב זי נישט געזען. זי איז געווען זייער ענלעך צו אייך. איצט ווייסט דער ליבער גאָט, ווי זי זעט אויס, ווייל זי האָט אַ סך געליטן, און געליטן צוליב מיר. נו, זי מעג אויסזען ווי זי וויל, אָבער איך וועל זי קיינמאָל נישט אויסטוישן אויף אַן אַנדערער. און דעם אמת געזאָגט, ציט מיך צו אייך בלויז דערפאַר, ווייל מיין געליבטע איז ענלעך צו אייך...״

„עס פרייט מיך זייער, — האָט מינקע זיך אָפּגערופן — צו זען אַ געבילדעטן מענטשן, וואָס בלייבט טריי זיין ליבע. איך ווינטש אייך גליק פון גאַנצן האַרצן. פאַרלעבט אייך גליק-לעך אייערע יאָרן מיט אייער ערשטער געליבטער. דאָך, מיין

ליבער הער, אַנטשולדיקט מיר מיין נייגעריקייט, ווייל די פרויען זיינען שוין אַמאָל אַזוי געשאַפן, אַז זיי ווילן וויסן, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט אַן אַנדערער און בפרט נאָך, ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַ ליבע. איר זאָגט, אַז זי האָט פיל געליטן פון איר ליבע צו אייך, דערציילט עס מיר, און דער־פאַר זאָג איך אייך צו, אַז איך וועל אייך אויך דערציילן פון מיינע ליבע־סודות".

דער דאָקטאָר האָט זיך נישט געלאָזט לאַנג בעטן און האָט אָנגעהויבן צו דערציילן, אַלץ, וואָס האָט פּאַסירט מיט זיין ליבע, אָבער אַז ער האָט שוין געהאַלטן ביים סוף, האָט אים מינקע דערמאָנט אַ סך זאַכן, וואָס ער האָט פאַרגעסן אָדער איבערגעהיפּט, נישט געוואָלט דערציילן. דערביי האָט זי גע־לאַכט און געוויינט און דאָס אַליין האָט שוין איציקן אַרויפ־געפירט אויפן געדאַנק, אַז די פריילן איז נישט קיין אַנדערע, ווי זיין געליבטע.

„דו ביזט מיין מינקע! — האָט ער אויסגעשריען, און איז אַריינגעפאַלן אין אירע אָרעמס, ווי זי אין זיינע. — נאַריש בין איך געווען ביז אַהער, ווי באַלד איך האָב דיך נישט דערקענט אַזוי לאַנג!"

איך וועל נישט באַשרייבן, וואָס ס'איז ווייטער גערעדט געוואָרן צווישן זיי, ווייל עס פעלט מיר דאָ צייט און אָרט. איך וועל דאָ נאָר באַשרייבן אין קורצן דעם סוף פון אונזער געשיכטע.

איציק האָט דורכאויס געוואָלט, אַז באַלד נאָכדעם, ווי זייער געמיטער האָבן זיך עטוואָס באַרואיקט פון דער שרעק־לאַכע באַוועגונג, זאָלן זיי אַריינגיין צו דער מוטער, וואַרפן זיך צו אירע פיס און בעטן, זי זאָל זיי דערלויבן חתונה צו האָבן. מינקע אָבער איז געווען געגן דעם.

„ניין — האָט זי געזאָגט, — דו זאָלסט עס נישט טאָן. דו וועסט זי דערמיט צו שטאַרק איבעררעשן, דו באַדאַרפסט וויסן, אַז זי איז שוואַך און קרייינקלאַך. דאָס בעסטע וועט זיין, ווען

## ר׳ יודל שלאָבאָנער.

מיין פריינדין וועט דיך אַריינפירן צו איר, ווי אַ באַרימטן דאָקטאָר, און דעמאָלט, אין עטלעכע וויזיטן אַרום, קענסטו איר זאָגן ווער דו ביזט, און בעטן, זי זאָל אונז דערלויבן חתונה צו האָבן. מיין מוטער וואָלט שוין זייער געוואָלט איך זאָל אַמאָל חתונה־האָבן, און אַ דאָקטאָר איז שוין ביי איר אויך רעכט״.

ער האָט איר געפאָלגט, און אַזוי איז געווען. ווען די מוטער האָט זיך פאַרבעסערט דורך זיינע רעצעפטן, האָט ער ביי איר לייכט געפועלט דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט און עס זיינען געווען שמחות איבער שמחות. מען האָט געמאַכט פאָר־מעלע תנאים. דערביי איז אויך געווען דער יונגער פירשט לאָפּוכין, וואָס איז מיט אים געפאָרן קיין קאַרלסבאַד. די חתונה איז אָפּגעלייגט געוואָרן אויף אַ פּאָר חדשים אין וואַרשע. באַלד נאָך די תנאים זיינען זיי זיך פאַנאַנדערגעפאָרן. די חתונה איז געפּראַוועט געוואָרן צו דער באַשטימטער צייט און אין אַ פּאָר חדשים אַרום נאָך דער חתונה האָבן זיי דערלעבט אַ גרויסע פרייד, צו האָבן צוריק זייער פאָטער, וואָס איז באַפרייט גע־וואָרן צוליב אַ מאַניפעסט.

נאָך איז קיין גאַסט נישט אויפגענומען געוואָרן מיט אַזויפיל פריידן, ווי ער אינם קרייז פון זיין פאַמיליע. נאָך האָט זיך קיינער אַזוי וויים נישט איבערצייגט, ווי ער אינם שפּריכוואָרט „אַז שידוכים זיינען פון גאָט״. ער איז מיט איציקן געווען אַ סך מער צופרידן ווי מיט זיינע זין. ער איז אויך איצט געווען אַ חסיד, אָבער ער איז שוין געווען גענוג אָנגע־לערנט. ער האָט שוין געוואוסט, אַז מען מוז זיין העכסט טאָ־לעראַנט צו אַ מתנגד, און זיך רעכענען מיט יעדן מענטשן.

ר׳ יודל שלאָבאָנער מיט זיין פרוי האָבן פאַרלעבט זיי־ערע לעצטע טעג אין מנוחה און גליק און כבוד ביי זייער איידעם און טאָכטער. ביי זייערע אַנדערע קינדער וואָלטן זיי זיכער נישט געהאַט אַזאַ עלטער. דעם אמת געזאָגט, שטייגט די נייע וועלט איבער די אַלטע וועלט אין דער מצוה כבוד אב ואם. מיר האָבן גענוג ביישפּילן דערפון אין אונזער יידישער

שטאָט ווילנע, וואו די אויסגעבילדעטע קינדער שטיצן די עלטערן, מאַכן חתונה זייערע שוועסטער, באַזוכן זיי, טרייסטן זיי, בלייבן אַלטע בחורים צוליב זיי, כדי די פרוי זאָל זיי נישט שטערן דערין. אונזערע אַלטע אָבער קימערן זיך גאָרנישט וועגן זיי־ערע עלטערן, לאָזן זיי שמאַכטן אין נויט און עלענט, און ווי צו יענע עלטערן, וואָס זיינען ביי זייער טיש אונטער דער צונג־בייטש פון דער שנור און די אייניקלאַך, וועלכע ווייסן נישט פון קיין שום דערציאונג. זיי זיינען דאָרט אין שטוב ווי אַ פינפטע ראָד צום וואָגן, ווי עס איז אַרויסצוזען פון דעם יידישן שפריכוואָרט: „ס׳פעלט דאָ אויף דעם טיש נאָר טאַטע־מאַמע״.

און וויל מיין איז דאָ בלויז די הגדה און נישט די קניידלאַך, דאָס הייסט, איך מיין נישט די מעשה, נאָר דעם מוסר השכל דערפון, בעט איך דיך, מיין לעזערין, אַז דו זאָלסט לערנען דערפון, וואָס עס איז ווערט צו לערנען. ערשטנס: ווען דיין טאָכטער פאַרליבט זיך אין אַן אָרענטלאַכן יונגנמאַן, וואָס קען זי דערנערן, זאָלסט איר מיט געוואַלט דערין נישט שטערן, אויב יענער איז נישט אַזאַ מיוחס, ווי דו ביזט, אָדער האָט נישט אַזויפיל געלט. ניין, מיר טאָרן עס נישט טאָן, וואָרום דער בורא אַליין איז דער ליינקער פון שידוכים, און אונזער שטערן וועט אונז גאָר לייד פאַרמערן. צווייטנס: אויב דו ביזט אַ חסיד, זאָלסטו נישט פאַראַכטן קיין מתנגד, און אַזוי אויך אומגעקערט. אַפילו די קריסטלעכע וועלט איז טיילמאָל טאָלע־ראַנטער צו אונז, ווי די חסידים צו מתנגדים און די מתנגדים צו חסידים. ניין, מיין טייערע לעזערין, מיר דאַרפן זיין העכסט טאָלעראַנט צו איינאַנדער. אַזוי האָט זיך געפירט אונזער פאָ־טער אברהם, וואָס האָט זיך באַצויגן צו אַלעמען גוט. איך האָב נאָך אַפילו פיל צו שרייבן, אָבער איך האָב נישט קיין פלאַץ אויסצושיטן אַזאַ מין שאַץ.

# דאָס נעפּוועגע קינד

• • •

# א.

## אהרן און העניע.

מ ט אַ יאָר דרייסיק צוריק האָבן געוואינט אין קישענעוו אַ פּאָר־פאָלק, דאָס הייסט, פּראָסט געזאָגט, אַ מאַן מיט אַ ווייב. ער האָט געהייסן אהרן און זי העניע.

זיי זיינען נאָך דעמאָלט געווען ביידע יונגעלייט. ער איז אַלט געווען זעקסאונצוואַנציק יאָר, זי — פיראונצוואַנציק. זיי זיינען ביידע געווען גאַנץ גוטע און פרומע מענטשן און דערצו אויך נישט זייער פאַרגרעבט, וגם זיי זיינען געווען אַ ביסל פאַרטראָגן אין חסידות. זיי האָבן פאַרשטאַנען צו לעבן אַ סך שענער און איידעלער, ווי די אַלע יידן אין יענער סביבה.

אהרן און העניע זיינען געווען פון דער היים זייער רייך, דאָס הייסט, זיי האָבן געהאַט רייכע עלטערן און האָבן אַליין אויך געהאַט אַ גרויס פאַרמעגן, און געפירט אַ פרידלעך, שטיל לעבן, ווייל זיי האָבן שטאַרק געליבט איינאַנדער און וואָלטן מסתמא אַזוי געלעבט דאָס גאַנצע לעבן, ווען עס וואָלטן זיי נישט געפעלט אייביקע גיטער צו זייערע צייטלעכע גליקס־גיטער*)

*) אַלע גליקן, גיטער און עשירות און אַזוי אויך אַלע תענוגים, וואָס מוזן מ׳ט דער צייט אויפהערן, ווערן אָנגערופן מיטן נאָמען צ י י ט ל ע כ ע ג י ט ע ר. קינדער אָבער, לומדות, חכמה און מעשים טובים ווערן אָנגערופן א י י ב י ק ע ג י ט ע ר.

אַון דאָס מיינט מען נישט עפּעס אַנדערש, ווי קינדער. זיי האָבּן זיך געלאָזט געגוג קאָסטן וועגן זיך ביי גוטע יידן, ביי דאָקטוירים. מען איז אויך געווען ביי טאָטערן, מען האָט געפּרוּווט אַלערליי מיטלען, אָבער ס׳האָט גאָרנישט געהאָלפן.

צום סוף האָט זיי איינער פון די גרויסע רביים געראָטן, זיי זאָלן ענדערן זייער וואוינונג, זיך אַריבּערציען אין אַן אַנדער שטאָט, אַ ווייטע! דידאָזיקע עצה איז פאַר זיי געווען ווי געפונען, ווייל זיי האָבן סיי־ווי־סיי געהאַלטן דערביי. אין דערזעלביקער וואָך איז זיי אָנגעקומען אַ בריוו פון בראָד, וואו עס האָט געוואוינט העניעס אַ מומע. זי איז געווען זייער רייך און האָט געהאַט אַ גרויס הויז מיט אַ גרויס זיידנגעשעפט. זי האָט אָבער אויך נישט געהאַט קיין קינדער, און אַז זי איז געשטאָרבן, האָט זי אָפּגעזאָגט דאָס גאַנצע פאַרמעגן העניען, אָבער מיט דעם תנאי, אַז יענע זאָל זיך איבערציען אין בראָד, ווייל זי וויל נישט, אַז איר גאָלדן געשעפט זאָל אַריינפאַלן אין אַ פרעמדער האַנט.

די בּיידע צופאַלן, דאָס הייסט, די אומגעריכטע ירושה (די מומע איז געשטאָרבן נאָך אין די מיטעלע יאָרן), און דעם רבינס עצה, וואָס האָבן זיך אַקוראַט צוגעפּאַסט, פונקט ווי זיי וואָלטן שוין פון פריער אויסגערעכנט געוואָרן, האָבן געמאַכט אַ רושם נישט פון געוויינלעכע צופאַלן, נאָר פון א נס. בּיידע האָבן זיך באַלד צוגעגרייט צו דער נסיעה. זיי האָבן פאַרקויפט זייער ווירטשאַפט, זיך געשאַפן אַ גוטן געדעקטן רייזע־וואָגן מיט דריי גוטע פערד, האָבן מיטגענומען אַ געזונטן בחור אַ שמייסער און זיינען אַרויס פון קעשענאָוו אין אַ פאָר וואָכן נאָך פּסח.

———

## ב.

# דאָס געפונענע קינד.

זיי האָבן באַלד פאַרלאָזן קעשענאָוו מיט דער האָפענונג און שמחה צו דערלעבן נאָך אַ קינד. אין דעם רבינס עצה און אין דער פּלעצלעכער ירושה, האָבן זיי געזען אַ רמז צו אַ לעבן מיט קינדער. זייער רבי, וואָס זיין הייליקער ריח האָט זיי פאַרשמעקט שוין פון לאַנג, האָט ביי זיי אָנגעהויבן צו שטיין אין גרויסן קרעדיט.

אין וועג זיינען זיי פאַרפאָרן צו אים זיך געזעגענען, און אַרויסבאַקומען זיין ברכה. זיי האָבן אים איבערגעלאָזט אַ פיינע מטבע, האָבן באַקומען אַ ברכה און זיינען ווייטער געפאָרן, העכסט גליקלעך פונם געדאַנק, אַז זיי וועלן האָבן אַ קינד. דאָס געפיל צו אַ קינד ווייזט זיך אַרויס אפילו ביי אַ קליין מיידעלע. ווען זי איז נאָך אַלט צוויי יאָר, וויגט זי שוין אַ ליאַלקע אין אירע אָרעמס, טענטלט זיך מיט איר, קושט זי, טאַנצט מיט איר, און וויגט זי ביז אין איר צענטן יאָר.

דעמאָלט הערט זי עס אויף צו טאָן, אָבער דערפאַר, ווייל זי שעמט זיך. אין האַרץ גליט איר נאָך אַלץ דאָס געפיל, און זי ווינטשט אין דער שטיל צו ווערן שוין אַ מוטער פון אַן אייגענעם קינד.

דאָסזעלבע איז אויך מיט יעדער קינדערלאָזער פרוי, וואָס זי שטילט זיך אָט דאָס געפיל מיטן דערציען אַ פרעמד קינד.*)

---

דעריבער געפינען מיר על-פי-רוב, אַז די קינדערלאָזע פרויען דערציען הינטלעך, פייגעלעך, הינדעלעך, קעצלעך און ד. גל. מאַנכע גייען נאָך ווייטער און בריען אויס אונטער זייערע בריסט הינערשע אייער און צערטלען זייערע הינדעלעך. די פרויען אָבער, וואָס פאַרלירן דעמדאָזיקן הייליקן טריב, בלייבן קאַלטע פרויען און צוזאַמען דערמיט פאַרלירן זיי אויך אַלע אַנדערע צאַרטע געפילן.

און אַ געוויסן פרימאָרגן האָבן זיך אהרן מיט העניען גע־פונען אין זייער נסיעה ביי אַ בריקל, וואָס איז געלעגן ביי דער זייט פון שליאַך, נישט ווייט פון אַ וואַלד.

עס איז געזעסן דערביי אַ קינד פון אַ יאָר צוויי, אָנגע־טאָן זייער רייך, און געוויינט זייער ביטערלעך און דורכגעצנומען פון קעלט. אין דרויסן איז שוין דעמאָלט געווען גאַנץ קאַלט. ריידן האָט עס נאָך נישט געקאָנט, דאָך אָבער האָט מען עס באַלד געקאָנט פאַרשטיין דורך זיין יאָמערן.

אין זיין געוויין האָט זיך געפילט אַ סך צער און נויט. דערצו האָט עס פיינלעך באַוועגט מיט זיינע קליינע, שיינע הענטלעך.

אונזערע וועגלייט האָבן זיך באַלד אָפּגעשטעלט, זיינען אַרויס פון זייער וואָגן, באַטראַכט און באַוואונדערט דאָס קינד, אָבער זיי זיינען געבליבן שטיין אומבאַהאָלפן און האָבן נישט געוואוסט וואָס צו טאָן. מיטנעמען דאָס קינד האָבן זיי מורא געהאַט. אפשר איז דאָס אַ קריסטלעך קינד, און זיי קאָנען נאָך, חלילה, אַריינפאַלן אין אָן אומגליק. ערשטנס, קאָן מען נאָכדעם זאָגן, אַז זיי האָבן עס געגנבעט פון זיינע עלטערן, צו מאַכן עס פאַר אַ יידן; צווייטנס, קאָן מען זיי חושד זיין, אַז זיי האָבן זיך געוואָלט באַנוצן מיט זיין בלוט אויף פסח, ווייל אין יענער צייט האָט מען זייער שטאַרק געגלויבט צווישן די קריסטן, אַז מיר באַדארפן קריסטלעך בלוט אַריינצוטאָן אין אונזער מצה... צוליב דעמדאָזיקן בלבול איז נאָך דעמאָלט די גאַנצע וואָלינער קהילה געלעגן אין די תפיסות געשמידט אין קייטן.

אהרן האָט זיך אָבער נישט געקאָנט איינהאַלטן און האָט אויסגערופן.

„עס מעג זיין וואָס עס וויל, דערווייל מוז מען ראַטעווען דאָס קינד. פאַרזאַמען מיר נאָך אַ ביסל, קאָן עס נאָך אומקומען און זיין בלוט וועט קומען אויף אונז“.

„אויב דאָס איז אַ קריסטלעך קינד, — האָט ער ווייטער געזאָגט, — וועלן מיר עס באַלד מעלדן ביים אַסעסאָר, און מען

וועט אונז נישט איפּצסן אין קאַשע. אויב אָבער דאָס איז אַ יידיש קינד, וועלן מיר עס דערהאַלטן בּיי אונז אָנשטאָט אַן אייגן קינד. עס קאָן זיין, אַז די השגחה האָט אונז אומישנע געפירט אויף דעמדאָזיקן וועג, צו ראַטעווען דאָס עופעלע... אונזערע חכמים זאָגן, אַז ווער עס האָט נישט קיין קינדער און האָט מגדל געווען אַ פרעמד קינד, איז עס אַלצאיינס, ווי ער וואָלט עס אַליין געבוירן".

קורץ דערפון, זיי האָבן עס אַריינגענומען אין וואָגן און האָבן עס אַרומגעווישט, ווייל עס איז געווען שמוציק פון קויט און פון שטויב.

העניע האָט אים אַריינגעלייגט צו זיך אין שויס און האָט אים בּאַלד דערוואַרעמט. נאָכדעם האָט זי אַרויסגענומען פון קויש אַ שטיקל בּיסקוויט, זיסן ווייך און האָט עס מחיה געווען. דאָס קינד איז איינגעשלאָפן, האָט בּאַקומען אַ פאַרב אין די בּעקלעך, און זיי האָבן עס בּיידע אַזוי ליב געקראָגן, פּונקט ווי פרעהס טאָכטער דעם קליינעם משהלען, ווען זי האָט אים געפונען אין קעסטל.

זיי האָבן אים אָנגעקושט אַלע גלידער, האָבן אים בּאַנעצט מיט זייערע טרערן און האָבן אין שטילן געבעטן צו גאָט, ער זאָל זיך בּיי זיי אָפּשטעלן אויף לאַנגע יאָרן.

ווער קאָן באַשרייבּן די גרויסע פרייד און גליק, ווען זיי האָבן זיך דערוואוסט, אַז דאָס איז א געמלט יינגעלע?

„הער מיין מאַן, — האָט זיך העניע אָפּגערופן, — דאָס איז אונז גאָטס אַ געשאַנק".

„יאָ, ס'איז אַזוי, — האָט ער צוגעשטימט, — און זאָל ער דעריבּער הייסן מיטן נאָמען מתתיהו".

„איך זאָג מיין אמן דערויף", — האָט העניע געשעפּטשעט און האָט זיך דערבּיי זייער שטאַרק צעוויינט.

אין אַ פּאָר שעה אַרום, ווען דאָס קינד האָט זיך אויפגע-כאַפּט און האָט אָנגעהויבן צו פּלאַפּלען „טאַטע", „מאַמע", און אַך מאַנכע נישט דייטלעכע ווערטער, איז העניע געווען אויסער

זיך פון פרייד. זי האָט אים אָנגעהויבן צו האַלדזן און צו קושן אָן אַ סוף. זי האָט זיך גאָרנישט געקאָנט גענוג אָפּ־פרייען.

ביידע האָבן זיך געהאַלטן אין איין פרייען מיט אים. אגב איז דאָס טאַקע געווען אַן אויסגעצייכנט קינד – זייער שיין, ליב און קלוג, ווי דער טאָג. און דעמזעלבן טאָג האָט ער זיך אַזוי גוט געשפּילט מיט זיי, פּונקט ווי ער וואָלט ביי זיי געבוירן געוואָרן.

נאָכמער האָבן זיי אים ליב געקריגן, ווען זיי זיינען פאַרפאָרן אין אַ קרעטשמע, און האָבן געזען ווי ער לויפט אום ווי אַ שרעטל און שפּילט זיך דאָרט מיטן קרעטשמערס קינדער, שטיפט און לאַכט. זיי האָבן געקוואָלן פון נחת און ער איז זיי געוואָרן אַזוי ליב און טייער, אַז זיי האָבן געזאָגט דעם פורמאַן, ער זאָל גאָרנישט ריידן פון דער גאַנצער געשיכטע, וואָס דאָ האָט פּאַסירט מיט דעם קינד, כדי עס זאָלן זיך נישט אָפּגעפינען די עלטערן, וועלכע וואָלטן עס געוואָלט אָפּנעמען פון זיי.

אויפן דריטן טאָג האָבן זיי אָנגעטראָפן אונטערוועגנס אַ פאָטאָגראַפיסט, וואָס האָט פאָטאָגראַפירט אייניקע פּוילישע מאַגנאַטן אין אַ דערבייאיקן הויף. דאָס איז געווען דער ערשטער פאָטאָגראַפיסט, וואָס זיי האָבן געזען אין זייער לעבן. ער איז געווען אַ גרויסער קינסטלער, ווייל לבד דעם, וואָס ער האָט געקאָנט אַרונטערנעמען, האָט ער נאָך געקאָנט צוגעבן דעם אמתן חן סיי די געזיכטער און סיי דער קליידונג.

זיי האָבן אים זייער באַוואונדערט און האָבן געלאָזט זיך און דאָס קינד פאָטאָגראַפירן אויף איין פּאַפּיר. עס איז געווען זייער אַ געלונגען בילד, האָבן זיי עס אַריינגעשטעלט אין אַן אַלבאָם, וואָס זיי האָבן געקויפט ביים פאָטאָגראַפיסט.

נאָכדעם זיינען זיי ווייטער געפאָרן, און אַז זיי זיינען געקומען ביי דער עסטרייכישער גרענעץ, האָבן זיי פאַרקויפט דעם וואָגן און די פערד און האָבן אָפּגעלאָזט דעם פורמאַן, וואָס

איז אַוועק קיין ליטע פאַר מורא, מען זאָל אים נישט נעמען אינדערהיים פאַר אַ סאָלדאַט. אונטערוועגנס האָט ער זיך פאַרקויפט פאַר אַן אָכאָטניק און איז אַריינגעפאַלן ווי אין וואַסער.

---

## ג.

## זייער לעבן אין בראָד.

בראָד איז אין יענער צייט געווען — און אפשר אויך אַצינד — אַ גרויסער קאָנטראַסט פון דער שטאָט קישענעוו. אין קישענעוו איז די באַפעלקערונג באַשטאַנען פון פאַרשידענע נאַציעס: טאַטערן, טערקן, אַרמענער, ציגיינער, וואַלאַכער, קאָזאַקן, גריכן און יידן, וואָס דער גרעסטער טייל זייערער איז באַשטאַנען פון עם-הארצים-חסידים, אָן תורה, אָן דרך-ארץ און אָן יראת-שמים. און אַזוי ווי דאָ, אַ מאָל נאָך פאַר פוילן, האָט איינער פון אַ גוּ-בערניע מוציא געווען מיט פויליש ריידן דעם גאַנצן יידישן כלל און פלעגט זיין דער פאַרמיטלער צווישן יידן און דער רעגירונג, אַזוי איז דאָרט געווען אַ גוטער ייד, דער איינציקער, וואָס האָט זיי אַלעמען מוציא געווען מיטן דאַווענען, מיט לערנען און מיט יראת שמים און איז געווען, אַזוי ווי צו זאָגן, דער איינציקער פאַרמיטלער צווישן זיי און צווישן גאָט.

זיי אַליין האָבן געלעבט דעם גוטן טאָג, זיינען געווען פול אין די ווייַנקעלערס, אין די שיינקען, אין די פריילעכע הייז-לעך. די גרעסטע צייט האָט מען דאָרט פאַרבראַכט אין זינגען, אָדער ביי אַן אָקע אָדער ביי אַן עמער וויין. מען האָט געכאַפּט אַ טענצל מיט הייזלמיידלעך — יידישע, אָדער מאָלדאַוואַנישע, אָדער גאָר אַ ציגיינערין, ווייל אין דער הינזיכט זיינען זיי געווען העכסט טאָלעראַנט. דערצו נאָך זיינען זיי געווען גרויסע

**א. מ. דיק.**

ליבהאָבער פון מוזיק און פון זינגען. געזאַנג און מוזיק האָט מען געהאַט אין יעדן הויז, ווייל מאָלדאוואנער און ציגיינער זיינען זייער גוטע שפּילער און זינגער.

אויף זיי האָט מען טאַקע געקאָנט זאָגן דעם פּסוק: ...הוי משכמי בבוקר שכר ירדופו מאחרי בנפש יין ידליקם והיה כנור ונבל תוף וחליל ויין משתיהם וגו לא יביטו ומעשה ידיו לא ראו, דאָס הייסט, ווי=געשריי איבער דידאָזיקע, וואָס שטייען אויף אינדערפרי און לויפן צו שטאַרקע משקאות, און פאַרזאָמען זיך שפּעט, ווייל דער ווין ברענט אין זיי. פידל, צימבל, פּויק, פיאָל און ווין פעלן נישט ביי זייערע מאָלציַיטן, און זיי באַטראַכטן נישט דערביי גאָטס וואונדערווערק, און די קונסטווערק פון זיינע הענט באַקוקן זיי נישט.

זיי זיינען אַזוי אַלעמאָל געווען לוסטיק און פריילעך און האָבן געלעבט אַ גוטן טאָג. די ערד פון יענער געגנט איז זייער אַ פרוכטבאַרע, דער קלימאַט אַ מילדער. אויסערדעם, איז די באַפעלקערונג געווען פריי פון אַ סך שטייערן און רעקרוטן.

דאָסדאָזיקע אָרט האָט אַמאָל געהערט צו טערקיי. אָבער שפּעטער, אַז עס איז אַרונטער אונטער דער רוסישער רעגירונג, האָט זיך דאָרט פאַרייניקט דער אייראָפּייאישער לוקסוס מיט דעם אַזיאַטישן, און מען האָט נאָר געטאָן און געהוליעט. פון לייענען, טראַכטן, שרייבן, האָט מען דאָרט נישט געוואוסט. דער עולם האָט דאָרט אויך לייכט פאַרדינט זיין הוצאה.

ביי אַלעם דעם זיינען די דאָרטיקע יידן געווען זייער פאַנאַטיש און אַבערגלויביש. אין יעדער יידישער שטוב האָט מען געקאָנט זען אַ צויבערקרייז, געמאַכט פון קויל, ווענט=שמירות, און איבער יעדער טיר און פענסטער איז געהאַנגען אַ בינטל טראַנטעס, וואו דער רוח זאָל זיצן און לייגן זיינע אייער. און נאָך אַזעלכע הבלים, וואָס עס איז ממש נישט ווערט די מי, זיי צו באַשרייבן.

דאָס געפונענע קינד.

און אַזוי ווי אומעטום איז נישטאָ קיין כּלל אָן אַן אויס־נאַם, האָבן זיך דאָרט אונטערן צוזאַמענגעלאָפענעם המון געפונען מאַנכע פיינע לייט, על־פּי־רוב אונזערע ליטוואַקעס, לומדים און יראת־שמים, און זערצו נאָך אוהבי תורה.

צו דערדאָזיקער קליינער אויסדערווײלטער גרופּע האָט מען אויך געקאָנט צורעכענען אונזער אהרנען, וואָס איז דאָרטן געבוירן געוואָרן, אָבער פון ליטווישע עלטערן.

בּראָד איז געווען דער היפּוך פון קישענעוו. איר באַ־פעלקערונג איז על־פּי־רוב באַשטאַנען פון יידן, צווישן וועלכע עס האָט זיך געפונען גרויסע לומדים, חכמים, מיוחסים, גבירים, סוחרים, נכבדים און גרויסע מכובדים*). דעריבער וועט דיר שוין קיין וואונדער נישט זיין, מיין טייערע לעזערין, אַז די מומע פון אונזער העניע, וואָס איז געווען אַ בּראָדערין, האָט אָפּגעזאָגט איר פאַרמעגן פאַרן טויט איר פּלימעניצע, נאָר בתנאי, אַז יענע זאָל זיך באַזעצן מיט איר מאַן אין בּראָד. די מומע איז געווען זייער שטאָלץ אויף איר בּראָדער יחוס.

נאָך ביים לעבן האָט זי געוואָלט, אַז אהרן מיט העניען זאָלן פאַרלאָזן קישענעוו און קומען קיין בּראָד. און וואָס זי האָט נישט אויסגעפירט מיט אירע בריוו ביים לעבן, האָט זי אויסגעפירט מיט דער גרויסער ירושה נאָך איר טויט.

אונזערע וועגלייט זיינען אָנגעקומען קיין בּראָד איי־ניקע טעג פאַר שבועות און זיינען זייער פריינטלעך אויפגענומען גע־וואָרן פון זייטיקע קרובים און גוטע פריינט. זיי האָבן זיך באַלד איינגעאָרדנט מיט דער ירושה און מיטן געשעפט.

יום־טוב האָבן זיי שוין געהאַט וויזיטן איבער וויזיטן פון סוחרים און מעקלער, וואָס זיינען געשטאַנען אין פאַרבינדונג

*) אַ נכבד ווערט אָנגערופן דעריעניקער, וואָס ווערט געשעצט דורך אַ צווייטן. אַ מכובד הייסט יענער, וואָס שעצט אַנדערע מענטשן.

מיט דער פֿאַרשטאָרבענער מומע און האָבן ביידן באַקענט מיט דער שטאָט און מיטן געשעפֿט.

באַלד נאָך יום=טוב האָבן זיי דאָס געשעפֿט פֿאַרגרעסערט און פֿאַרבעסערט. זיי האָבן אויך גענומען אַ לערער אויף דייטש, אויף פּויליש און אויף בוכהאַלטעריע, און האָבן זיך מיט גרויס חשק געלערנט. אין אַ קורצער צייט האָבן זיי אָנגעהויבן צו פֿירן זייער געשעפֿט אַזוי רעיעל, אַז זיי האָבן באַלד באַקומען אַ נאָמען אין דער גאַנצער שטאָט.

זיי האָבן געמאַכט זייער גוטע געשעפֿטן, זיינען געווען געזונט און אַרבעטספֿעאיק און האָבן געהאַט גרויס נחת פֿונם קינד, פֿון דעם קליינעם מתתיהו, וואָס איז געווען פֿריש און מונטער, ווי אַ פֿישעלע אין וואַסער.

ער איז געווען זייער פֿרייד און זייער האָפֿנונג.

זיי האָבן גאָר פֿאַרגעסן, אַז זיי האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ פֿרעמד געפֿונען קינד.

אין שטאָט האָט אויך קיינער נישט געוואוסט, אַז דאָס איז נישט זייער קינד. קיינער האָט בכלל פֿון דער גאַנצער געשיכטע נישט געוואוסט. אַלע זיינען געווען זיכער, אַז דאָס איז זייער אייגענער זון.

און וואָס זיי זיינען עלטער געוואָרן, אַלץ מער האָבן זיי אים ליבער באַקומען, ווייל פֿון טאָג צו טאָג האָט זיך אַנטוויקלט זיין שכל און זיין קערפּערלעכע שיינקייט. קיין שום עלטערן אין דער וועלט האָט זיך אַזוי נישט געפֿרייט מיט זייער אייגענעם קינד אין דעם טאָג, ווען עס האָט אָנגעהויבן צו לערנען, ווי זיי. און אַז זיי האָבן דערזען, ווי מען ווייזט אים דעם א״ב און ווי ער באַנעמט עס באַלד מיט זיין פֿלינקן קעפּל, האָבן זיי שוין פֿאָרויס באַרעכנט די נחמה און דעם נחת.

דעם סוד, אַז דאָס איז נישט זייער קינד, נאָר אַ געפֿונענס, האָבן זיי באַשלאָסן מיטצונעמען אין קבר אַריין. קיינער קיינער טאָר נישט וויסן דערפֿון.

באַרעכנט האָבן זיי, ווי עס זעט אויס, זייער גוט, אָבער צי האָט זיך עס זיי איינגעגעבן? צי איז עס טאַקע פאַרבליבן אַ סוד? אָס דאָס, מיין ליבע לעזערין, וועסטו זיך דערוויסן ערשט אין פערטן קאַפּיטל.

---

## ד.

## טריבע טעג.

אונזערע חכמים זאָגן אין מדרש: ווען דער מענטש מאַכט זיך ביי גאָט פאַרדינט, שטייט ער העכער פון אַ מלאך, און אַז נישט, איז ער נאָך אַ סך נידריקער און נישטיקער פון אַ פליג און פון אַ מוק.

דאָס זיינען ווערטער, אמתע ווערטער, אין וועלכע מען מעג זיכער גלויבן. אָבער אויב דער ערשטער זאַץ לאָזט זיך זעלטן פאַרוויקלעכן, ווייל איינער פון הונדערט טויזנט מאַכט זיך אפשר ווירדיק צו אַזאַ הויכער מדרגה, איז דערפאַר דער צווייטער פאַל זייער אַן אָפטע דערשיינונג. מיר זעען עס טאָג טעגלעך מיט אונזערע אויגן, אַז מיר, געוויינלעכע מענטשן, שטייען נידריקער, אַ סך נידריקער און קלענער פון די קלענסטע ברואימלעך.

אַזוי, צום ביישפּיל, פאַרשטייט די וועיוועריקע אין הערבסט, וואָס פאַר אַ ווינטער עס וועט זיין — צי אַ שטאַרקער, צי אַ לינדער, צי אַ קורצער, צי אַ לאַנגער, און פון וועלכער זייט עס וועט בלאָזן דער ווינט — פון לינקס, צי פון רעכטס. לויט דעמדאָזיקן חשבון אָרדנט זי זיך איין איר נעסט און אירע שפּייזזאַפּאַסן. ווען זי רעכנט אויס, אַז אין דעם הייַנטיקן ווינטער וועט דער ווינט בלאָזן פון צפון-זייט, מאַכט זי די טיר פון איר באַרעלע אין דער דרום-זייט און אַזוי אויך אומגעקערט; וועט

א. מ. דיק.

וויין אַ שטרייִנגער ווינטער, באַליגט זי איר נאָרעלע מיט מאָך און דאָסגלייכן. נאָכמער איז צו באַוואונדערן די פאָרויסבאַרעכענונג ביי די שפינען. ס'איז אַ גאַנצע למוד צו פאַרשטיין פון זייערע געוועבן די וועטערס פון אַ גאַנץ יאָר. א פראַנצויזישער גענעראַל דעבוי, וואָס איז געפאַנגען געוואָרן פון די פרייסן אין צווייאוןניינציקסטן יאָר און איז איינגעשפאַרט געוואָרן אין אַ טורעם, האָט פון דאָרטן אָנגעשריבן קיין פאַריז, אַז זיי זאָלן זיך באַנוצן מיט דעם צענטן, עלפטן און צוועלפטן דעצעמבער און אַריינמאַרשירן קיין פרייסן, ווייל דער ריין, דער גרעניץ טייך וועט זיין געפראָרן נאָר אין דידאָזיקע דריי טעג און שפּעטער וועט דאָס אייז צעשמעלצן. און עס איז טאַקע געווען אַזוי ווי ער האָט געשריבן און דאָס האָט ער געוואוסט נאָר פון די שפינגעוועבן אין זיין תפיסה. נאָכמער שכל ווייזן אַרויס די בינען, אָבער נישט דאָ איז דער אָרט צו באַשרייבן דאָס וואונדער, וואָס זיי טוען אויף.

נישט אַזוי איז אָבער דער געוויינלעכער מענטש. ער פאַרשטייט זיך אַזוי ווייניק אויף דער צוקונפט און אויפן קומענדיקן וועטער נישט מער ווי דאָס קינד, וואָס ליגט נאָך אין דער מוטערס לייב, ווי שלמה המלך זאָגט: דו קאָנסט נישט דעם וועג פונם וועטער, ווי דאָס קינד, וואָס ליגט נאָך אינם לייב פון דער פרוי.

אַ וואַרעמער פרילינגס-טאָג נאַרט אַרויס פון אונזער וואוינונג די טאָפּעלע פענסטער און נאָכדעם פרירן מיר דעם גאַנצן אַפּריל. אַ גליקלעך יאָר פאַרדעקט אונז טיילמאָל אַן עלנטע צוקונפט.

מיר לאָזן זיך זייער לייכטזיניק פאַרפירן, אַריסטאָקראַטן ווייזן זיך אין סאַמעט, זייד און צירונג און נאָכדעם שעמען זיי זיך אַרויסצושטעקן אַ נאָז אין גאַס. אַזעלכע שלעכטע רעכנמייסטער זיינען מיר, מענטשן, על-פי-רוב, און אַזוי זיינען אויך געווען אהרן מיט העניען.

## דאָס געפונענע קינד.

פינף יאָר זיינען אין בראָד א בערגעלאָפן, ווי אַ גאָלדע-נער חלום און זיי האָבן געלעבט אַ שיין און גליקלעך לעבן. אָבער אויפן זעקסטן יאָר האָט זיך זייער קלאָרער, לויטערער הימל אַזוי ווייט פאַרכמאַרעט, און עס האָט אַזוי שטאַרק געדונערט און געבליצט איבער זייערע קעפּ, אַז עס האָט געדראָט אויסצו-וואָרצלען אינגאַנצן זייער איינגעוואַקסענע ליבע צו איינאַנדער און האָט זיי געצוואונגען צו אַנטפּלעקן זייער סוד, וועלכן זיי האָבן געוואָלט מיטנעמען אין קבר אַריין.

דאָס גאַנצע אומגליק האָט זיך גענומען פון אַ קראַנקהייט. אהרן איז קראַנק געוואָרן, און די דאָקטוירים האָבן אים גע-האַלטן פאַר מסוכן. זיי האָבן אים מרמז געווען, אַז עס האַלט מיט אים זייער שמאָל, און ער באַדאַרף זיך באַצייטנס באַזאָרגן מיט אַ צואה. מיט שרעק האָט מען עס מיטגעטיילט זיין גע-ליבטער פרוי און מיט טאָפּעלער אַנגסט האָט זי עס אויס-געהערט.

די לאַגע איז געווען זייער אַן ערנסטע. אין פאַל, ווען ער זאָל שטאַרבן, וועט זי מוזן נעמען חליצה, ווייל מתתיהו איז דאָך נישט זייער קינד און אהרן האָט געהאַט אַ ברודער — אַ פאַרדאָרבענער מענטש, וועט ער קאָנען טאָן מיט איר, וואָס ער וועט אַליין וועלן.

די אַלע שווערע דאגות האָבן די געצוואונגען, ווי עס איז איר נישט געווען ביטער ווי דער טויט, אַז זי זאָל פאַרלאַנגען פון אים אַ תנאי-גט.

דאָס אָנמוטן דידאָזיקע זאַך איז אפילו געשען נישט די-רעקט דורך איר אַליין, נאָר דורך דער פאַרמיטלונג פון אַ גוטן פריינט.

דאָך האָט עס איר געקאָסט גענוג טרערן ביז זי האָט עס געפועלט ביי זיך. און ביטערער ווי דער דעם טויט איז געווען זי אָנצוקוקן אין פנים נאָכדעם, ווי מען האָט מיט אים איבער-גערעדט און צו באַקומען פון זיין מויל אַ הסכמה דערויף. טייכן

א. מ. דיק.

טרערן זיינען דערביי פאַרגאָסן געוואָרן, ווייל זי האָט גאָר קיינ־מאָל נישט געטראַכט זיך צו שיידן מיט אים.

און דאָס האָט שוין געפירט דערצו, אַז זייער סוד זאָל אַנטפּלעקט ווערן און אַז מען זאָל זיך דערוויסן, אַז דאָס קינד איז נישט זייערס, ווייל אַ נישט, וואָלט זי דאָך קיין תנאי־גט נישט געדאַרפט פאַרלאַנגען.

באַלד דערויף האָט שוין די גאַנצע שטאָט געקאָכט ווי אין אַ קעסל.

דערדאָזיקער בראָטן האָט זייער שטאַרק פאַרשמעקט דער דאָרטיקער צדקה־גדולה. זיינען געקומען צו אים די גבאים, ער זאָל עפּעס אָפּזאָגן פאַר די עולמות. חברה־קדישא האָט שוין גע־נייט אַ גרויסן בייטל, ווייל ער איז דאָך עפּעס געווען אַ גרוי־סער גביר.

פון אַלע זייטן האָט מען געצאַפּט געלט און אהרן מיט העניען האָבן זיך געשראָקן, אַז זיי וועלן אודאי נישט קאָנען באַזאָרגן זייער קינד. זיי האָבן שטענדיק געחלומט דערפון, צו מאַכן אים פאַר זייער איינציקן יורש. איצט וועט זיי די וועלט אויפעסן דערפאַר.

דרייסיק שווערע טריבע טעג האָבן זיך אַזוי געצויגן, אָבער אהרן איז דאָך געזונט געוואָרן. די בעסטע דאָקטוירים האָבן אים געהיילט און האָבן אים געראַטעוועט. ער האָט זיך צוריקגעשטעלט אויף די פיס און איז געוואָרן נאָך געזינטער, ווי פריער.

---

## ה.

## שמחות איבער שמחות.

ווי אַ שיינע לאָנקע נאָך אַ געוויטער ווערט גרינער און שענער, אַזוי האָט זיך אויך פאַרבעסערט און פאַרשענערט דער באַשטאַנד פון אונזער פריינט.

ביידע האָבן אויסגעזען נאָך דעם געוויטער גאָר ווי ניי געבאָרן. נאָר אַ טרויעריקן זכר האָבן דאָך איבערגעלאָזט הינטער זיך די שווערע טריבע טעג, אַ זכר, וועלכן מען האָט שוין בשום אופן נישט געקאָנט פאַרטיליקן און אויסראָטן.

די וועלט האָט איצט געוואוסט, אַז מתתיהו איז נישט זייער קינד, נאָר אַ פרעמדס. סוף־כל־סוף אָבער האָט אויך דידאָזיקע זאָרג פאַרלאָרן איר באָדן, ווייל אין צוויי דריי חדשים אַרום האָט העניע, איינמאָל, אין אַ שיינעם פרימאָרגן, אָנגעזאָגט דעם מאַן, אַז זי איז מעוברת...

ס'זיינען געווען שמחות איבער שמחות. מען האָט נישט געוואוסט, ווי אַזוי גאָט אָפּצודאַנקען פאַר דערדאָזיקער לייטזעליקייט.

זייער ליבע צו מתתיהו האָט זיך אָבער אויף אַ האָר נישט געמינערט און זיי האָבן געגלויבט, אַז נאָר בזכות דעם, וואָס זיי זיינען מגדל אַזאַ עלנט קינד ביי זיך אין הויז, שיינקט זיי גאָט אַן אייגן קינד...

אין ניין חדשים אַרום האָט אונזער העניע געבוירן אַ מיידעלע.

„מיין פרוי, — האָט זיך אהרן אָנגערופן צו זיין ווייב, — אַ מיידעלע איז אויך אַ קינד, אַ גוטער גאַסט. און ווען גאָט גיט, דערלעבט מען אַ מאָל פון אַ טאָכטער מער שמחה ווי פון אַ זון. מען באַקומט אַ גוטן איידעם, וואָס ווייסט צו שעצן אַ שווער און שוויגער בעסער ווי אַ שנור, אין וואָס פאַרשאַפט נאָך כבוד דער גאַנצער משפחה. דערצו נאָך, צווישן אונז גערעדט,

בין איך מיט אַ מיידל מער צעפרידן ווי מיט אַ ייִנגל, ווייל איך בין שוין זאַט מיט מתתיהון. ער איז מיר אַזוי ליב ווי אַן אייגן קינד, און נאָכמער. ווען גאָט וועט וועלן, קאָן ער אַמאָל זיין אונזער איידעם".

„אָ, מיר מעגן עס דערלעבן, — האָט העניע געזאָגט מיט טרערן אויף די אויגן.—איך מיין אויך נישט אַנדערש ווי דו. דערווייל אָבער דאַרפן מיר בעטן דעם לעבעדיקן, אַז זיי ביידע זאָלן זיך דערציִען אָן צער, און אַז מיר זאָלן נישט אָפּגעריסן ווערן פון זיי פאַר דער צייט. אָבער מיר דאַרפן נישט דאגהן וועגן דעם, וואָס שפּעטער וועט זיין."

„העניע, דו ביזט גערעכט, — האָט ער געענטפערט. — ווי לאַנג האָבן מיר, דאַכט זיך, באַשלאָסן צו פאַרשווייגן אויף אייביק, אַז מתתיהו איז אַ פרעמדער און אַצינד זיינען מיר געצוואונגען געוועזן, עס אַליין אויסצופּלוידערן."

דאָס מיידל האָט באַקומען דעם נאָמען אייגעלע, ווייל אַזוי האָט געהייסן העניעס פאַרשטאָרבענע מומע, וואָס האָט זיי איבער-געלאָזט בירושה איר גרויס פאַרמעגן.

דאָס איז געווען זייער אַ שיין מיידעלע, אַ מונטער באַ-שעפעניש, געזונט און שטאַרק און זי איז אויך געוואָרן דאָס גליק און די שמחה פון אירע עלטערן.

מתתיהו האָט זיך מיט איר שטענדיק געשפּילט, ווי אַ ברודערל. ער האָט נאָך גאָרנישט געוואוסט, הגם די גאַסן-יונגען אין חדר פלעגן אים אָפט אויפוואַרפן, אַז ער איז אַ געפונען קינד.

אין צענטן יאָר האָט ער ערשט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין און צו ליידן דערפון. אָבער אויך דעמאָלט איז זיין ברידערלעכע ליבע צו איר און צו די „עלטערן" נישט געמינערט געוואָרן. פאַרקערט, זי האָט זיך נאָך פאַרשטאַרקט פון טאָג צו טאָג. דער נאָמען „טאַטע", „מאַמע" איז נאָך געבליבן אויף זיינע ליפּן, ווי פריער, ווי זיי האָבן אים גערופן מיטן נאָמען זון.

ביידע האָבן זיך דערצויגן זייער גוט, הן קערפּערלעך, הן גייסטיק, און ביידע האָבן זייער שיין געוואַקסן. ער איז געווען געזונט און שטאַרק, ווי אַ סאָסנע, און זי שלאַנק ווי אַ פּאַלמע. ער שיין, ווי יוסף פון מצרים, און זי — ווי אַבישג השונמית. און ביידע זיינען געווען געלערנט און געבילדעט און אַנטוויקלט, און מען האָט זיך פּשוט געבענטשט מיט זיי.

אַזוי איז זיך די צייט געלאָפן און געלאָפן, ביז מתתיהו איז אַלט געוואָרן זעכצן יאָר און אייגעלע — צען יאָר.

אויסער זיינע יידישע ידיעות, האָט מתתיהו דעמאָלט זייער גוט פאַרשטאַנען דייטש, פּויליש, פראַנצויזיש, מאַטעמאַטיק, געאָגראַפיע, און ער האָט געבעטן אהרנען, ער זאָל אים לאָזן שטודירן אויף סוחר אין ווין. דערמיט האָט ער קודם געוואָלט פאַרזיכערן זיין צוקונפט.

„איך בין דאָך, — האָט ער געטראַכט, — נאָר אַ פרעמדער אין שטוב. מיט דער צייט וועל איך געוויס באַזייטיקט ווערן פון זיי, ווייל זיי האָבן דאָך שוין אָן אייגענע טאָכטער. זיי וועלן מיך געוויס נישט וועלן פאַר אַ איידעם. סוף-כל-סוף וועל איך מוזן בלייבן אָן אַ באָדן אונטער די פיס. איך מוז טראַכטן וועגן עפּעס אַ תכלית. און דאָס בעסטע וועט זיין, אַז איך וועל ווערן אַ סוחר".

מיט אהרנען האָט ער איבערגערעדט זייער געלאַסן און איינגעהאַלטן.

„איך וויל זיין אַ גוטער סוחר, — האָט ער זיך איינמאָל אָנגערופן צו אהרנען, — איך מיין, אַז איך האָב דערצו די נויטיקע פעאיקייטן".

„איך וויל אָבער זיין אַ געשטודירטער סוחר, איך זאָל קענען גוט אַוועקשטעלן אַ געשעפט".

אהרן און העניע, — ביידע האָבן גאָרנישט געהאַט וואַגעגן. זיי האָבן זייער גוט פאַרשטאַנען, ווי ווייט דאָס איז נויטיק, אויב מען וויל ווערן אַ גוטער סוחר.

זיי האָבן זיך אָבער גוט מישב געווען, ווי מיר וועלן עס זען אין דעם ווייטערדיקן קאַפּיטל.

---

ו.

## אַ שמועס צווישן אהרנען און מתתיהון.

וואָס לייַנגער עס האָט זיך אָבער געצויגן זייער ישוב-הדעת, אַלץ מער איז מתתיהו צוגעשטאַנען צו זיי, אַז זיי זאָלן אים שיקן שטודירן.

און אָט האָט אים אהרן איינמאָל אין אַן אָוונט אַ זאָג געטאָן:

„זיי וויסן, מיין קינד, אַז איך וויל פון גאַנצן האַרצן, דו זאָלסט זיין אַן אויסגעשטודירטער סוחר, ווייל איך ווייס פון זיך אַליין ווי נויטיק דאָס איז. ביי אַלעם דעם אָבער איז מיר ליבער צו דערהאַלטן דיך ביי דיין פרומקייט, ביי דיין ריינקייט און ביי דיינע גוטע זיטן, איידער אַוועקצולאָזן דיך אין אַ פרעמדער שטאָט אָן דער השגחה פון דיינע עלטערן. אַזעלכע סטודענטן פאַרלירן גאַנץ אָפט זייערע גוטע מעלות, און ווערן פאַר-דאָרבן.

„פאַר אַ טרויעריקן ביישפּיל קענען דיר דינען כתריאל און בערוש. צוויי יונגעלייט, וואָס זיינען געווען אָרעמע און עלנטע קינדער, און האָבן אויסגעשטודירט נאָר אַ דאַנק דער הילף פון די עלטערן פון צוויי מיידלעך, וואָס האָבן זיי געשטיצט מיט אַלע מעגלעכקייטן עטלעכע יאָר צייט. די עלטערן האָבן אין דידאָזיקע יונגעלייט געזען זייערע קינפטיקע איידעמס. עס איז אַזוי אָפּגעמאַכט געוואָרן, אָבער אַז די יונגעלייט האָבן געענדיקט שטודירן, האָבן זיי חתונה געהאַט מיט אַנדערע...

## דאָס געפונענע קינד

„אַזוי, מיין קינד, דו ביזט מיר צו-טייער און צו-ליב, אַז איך זאָל דיך מפקיר זיין צו אַזאַ געפאַר, אַז דו זאָלסט ווערן איינער פון זיי. דו וועסט מיך מסתמא פאַרגעסן, און פאַרגעסן אין אַלעם, און מיך וועט פלאָגן דאָס געוויסן, אַז איך האָב דיר געהאָלפן דערצו. ניין, מיין קינד, דאָס קענסטו פון מיר נישט פאַרלאַנגען. בלייב ביי מיר אין הויז אַלס קינד ווי פריער, און דאָסזעלבע וועלן מיר דיר בלייבן עלטערן איוף וויטער. און דער ליבער גאָט, וואָס נערט אַלעמען, וועט דיך אויך נערן. דערווייל איז נאָך נישטאָ אַזאַ דאָקטאָר, וואָס זאָל זיין אַזוי רייך ווי איך, און איך האָב דאָך נישט געשטודירט...“

און מתתיהו האָט זיך צעוויינט:

„ליבער פאָטער, — האָט ער געזאָגט. — איר זאָרגט פאַר מיין עולם-הבא. איך מוז אייך מודה זיין, אַז ס׳ליגט אַ סך אמת אין אייערע ווערטער. דאָך אָבער לאָזט זיך נאָך זייער פיל איינצו-ווענדן דערביי. ערשטנס, זיינען אַלע אויסגעשטודירטע, וואָס איר קענט זיי פון דער שלעכטער זייט, נאָר קינדער פון אַזעלכע עלטערן, וואָס האָבן געגעבן אַ שלעכטע דערציאונג, און ווען זיי וואָלטן נישט אויסגעשטודירט, וואָלטן זיי מסתמא געווען די סאַמע פאַרדאָרבנסטע מענטשן אין דער וועלט. אָבער איך האָב דאָך געהאַט אַ גוטע דערציאונג... מען קאָן זיין אַ דאָקטאָר — אַ גוטער מענטש.

איזאַק האָוואַרד באַזוכט אָרעמע קראַנקע אָן געצאָלט און גיט זיי נאָך זיינע רעצעפּטן און אַמאָל אַ הון אויך. אויסערדעם איז ער פרום, באַזוכט די שול זייער אָפט און איז זיך מתקרב מיט זיינע אָרעמע קרובים. עס זיינען געווען יידישע דאָקטוירים גרויסע מענער, גוטע מענטשן, וואָס זיינען נאָך עד-היום דער שטאָלץ פון אונזער פאָלק, ווי דאָקטאָר ר׳ יוסף קאַנדיאַ, דער לאָנדאָנער דאָקטער פאָלקין און אַנדערע. אמת, דער קרעמער, דער בעל-מלאכה און אַ פשיטא דער לערנער, באַזוכן אַ סך פלייסיקער די שולן און היטן בעסער אָפּ די יידישע מנהגים ווי אַ דאָקטאָר, דאָך אָבער פאַרדינט טייל מאָל דער

א. מ. דיק.

דאָקטאָר מער עולם־הבא פאַרן קרעמער אָדער סוחר. און דאָס איז פקוח־נפש*) און בקור חולים.

„קיין דאָקטאָר קלייב איך מיך אָבער נישט צו ווערן. איך וויל נאָר זיין אַ סוחר. און די סוחרישע תורה וועט מיר נישט שאָדן...

דעריבער וויל איך, ליבער פאָטער, איר זאָלט עס מיר דערלויבן.“

אהרון האָט זיך אָנגערופן:

*) דאָ איז כדאי צו דערמאָנען דעם גרויסן מענטשן ר׳ בנימין נאָטאָנזאָן, וואָס האָט פאַרבראַכט דעם רוב שנותיו אין אונזער ווילנער בקור־חלים, און האָט מציל געווען כמה וכמה נפשות מיט זיין השגחה און שקירה טאָג און נאַכט. ערב יום־כפור פון דעם ערשטן יאָר, ווען ער האָט גענומען אויף זיך די הייליקע לאַסט, האָט ער געהייסן גרייטן אַ טיש אינמיטן הויף פון שפּיטאָל מיט לעקעך, שנאַפּס און פּירעשקעס. נאָכדעם האָט ער געלאָזט צענויפרופן אַלע באַדינער און באַדינערינס און האָט געהאַלטן פאַר זיי אַ קורצע רעדע איבער דעם ענין, ווי ווייט ס׳איז וויכטיקער צו בלייבן צו כל־נדרי ביי די חולאים, איידער צו גיין אין שול:

„דער גרויסער ר׳ רפאל, דער האַמבורגער רב — האָט ער אָנגעהויבן, — וואָס דער גאון האָט אויף אים געזאָגט, אַז אויב משיח וועט קומען אין דעם דור, וועט ער קיין אַנדערן נישט אויסקלויבן פאַר אַ כהן גדול סיידן נאָר ר׳ רפאלן, האָט זיך אַמאָל פאַרזאָמט צו קומען אין שול צו כל־נדרי. דער עולם האָט אויף אים געוואַרט אַ לאַנגע צייט, און ווען מען האָט אים אויסגעזוכט אומעטום און מען האָט אים נישט געפונען, האָט מען כל־נדרי אָפּגעזאָגט אָן אים און שפּעטער געדאַוונט מעריב. די קהילה איז געווען העכסט אומרואיק, ווייל זיי האָבן נישט געוואוסט וואָס איבערצוקלערן און האָבן דערלעבט אים צו זען ערשט צו די וידוים. דער עולם איז, נאַטירלעך, געווען העכסט נייגעריק צו וויסן, וואָס איז געשען מיטן רב. און דער רב האָט דערציילט:

„ביי מיין שכן ליגט קראַנק אַ יונגערמאַן, וואָס איך באַזוך אים אַלע טאָג. און ווען איך בין אַריין צו אים, גייענדיק אין שול, האָב איך נישט געטראָפן זיין באַדינער, ווייל יענער איז אַוועק אין שול צו כל־נדרי. בין איך פאַרבליבן ביי אים ביז יענער איז געקומען צוריק.“ איצט קאָנט איר שוין וויסן, וואָס עס איז מער מצוה, צי זיין ביי אַ חולה, צי גיין אין שול...

## דאָס געפונענע קינד.

„דו ביזט אַפילו גאַנץ גערעכט און טענהסט אַ ריכטיקע טענה, מיט אַן אייגענעם קינד אָבער וואָלט איך מיר נישט געקווײנקלט, ווייל איך וואָלט געווען זיכער, אַז ער בלייבט מיינער. נישט אַזוי איז אָבער מיט דיר. דו ביזט מיר אַ פרעמדער, אַן אויפגע־הויבענער אויפן פעלד, אָבער מיר האָבן דיך דערצויגן און דאָס האָט דיר געגעבן קינדער־רעכט און אונז עלטערן־רעכט. שיידן מיר זיך פאַנאַנדער אויף אַ פאָר יאָר, ווערן מיר קאַלט און פרעמד צו איינאַנדער, און דער געדאַנק שרעקט מיך, ווייל איך וועל פאַר־לירן אין דיר אַ גוטן זון.“

„אָבער דער פאָטער וועט מיך דאָך לאָזן שטודירן. דער פאָטער מעג זיין זיכער אין מיר מער ווי אין אַן אייגן קינד“.

דעמאָלט האָט אהרן נאָכגעגעבן.

„איך וועל דיך לאָזן שטודירן, — האָט ער געזאָגט, — און איך פאַרהאָף, אַז דו וועסט זיין אַ גוטער מענטש און אַ גוטער ייד. איך וויל אָבער, אַז דו זאָלסט מיר שווערן, אַז דו וועסט נאָך דיין ענדיקן דיין שטודיום נעמען מיין טאָכטער פאַר אַ ווייב. און דאָס איז אויך דער ווילן פון מיין העניען. נאָכדעם פאָר דיר קיין ווין און בלייב דאָרט די גאַנצע פיר יאָר ביז דו וועסט ענדיקן דיין לערנען. צי וועט דיך וועלן אונזער טאָכטער, דאָס איז שוין אונזער זאַך. זי וועט דיך מסתמא זיכער וועלן. אין די פיר יאָר צייט וועסטו דיך נאָך מער מאַכן באַליבט אין אירע אויגן*). דו מוזט מיר אָבער געבן דיין שבועה דערויף אין דער געגנוואַרט פון אונזערע צוויי גוטע פריינט — פאַר מיין

*) עס איז שווער, אַז צוויי מענטשן פון ביידע געשלעכטן, וואָס האָבן פון קינדהייט אָן זיך דערצויגן און געלעבט צוזאַמען, זאָלן זיך שפּעטער קאָנען ליבן. דער מדרש דערציילט פון אַ פירשטין, וואָס האָט פאַרציילט ר׳ יוסי, אַז קינדהייט איז זי געווען פאַרקנסנט מיט איר מוטערס אַ ברודער, אבער פון דעמ־דאָזיקן שדוך איז גאָרנישט געוואָרן, ווייל זי האָט זיך מיט אים דערצויגן אין איין שטוב. ער האָט גענומען אַן אַנדער פרוי, וואָס איז געווען אַ סך מיאוסער פאַר איר.

קאַסירער ליזער און פאַרן נאָטאַריוס ליפּמאַן. אַלזאָ, אויב דו ביזט מסכים, האָבן מיר נישט וואָס צו ריידן.״

ס׳איז נאָך קיין אָרעמער יתום אויף גאָטס וועלט נישט געווען אַזוי גליקלעך ווי ער. ער האָט זיך קוים געקאָנט איינהאַלטן פון פרייד. ביי אַלעם דעם אָבער האָט עס אים זייער געקריינקט, וואָס אהרן וויל דוקא אַ שבועה און באַנוגנט זיך נישט מיט אַ געוויינלעכער הבטחה.

צולעצט האָט ער עס אים אפילו באַמערקט און אהרן האָט געענטפערט דערויף:

„די ביזט אפילו גאַנץ קלוג, — דאָך אָבער נישט פּראַקטיש. איך האָב מיך שוין געגוג אָנגעזען אין מיין לעבן. איך האָב געזען, אַ שטייגער, ווי מאַנכע רייכע עלטערן פון גאַנץ שיינע טעכטער, וואָס האָבן דערצויגן ביי זיך אָרעמע יינגלעך און זיי געלאָזט שטודירן מיט גרויסע קאָסטן, האָבן זיך נאָכדעם מיאש געווען פון זיי, ווייל די אויסגעשטודירטע יונגעלייט האָבן זיי אָפּגענאַרט. און מיר, מיין קינד, מיר זיצן אויך נישט אויף גאָטס שויס. מיר זיינען אויך נישט מער ווי מענטשן. פיר יאָר האָבן עפּעס צו זאָגן. די וועלט איז אַ רעדעלע. זי דרייט זיך און קיינער וויל נישט בויען אויף זאַמד. דעריבער, מיין קינד, מוזשו מיר שווערן פאַר די צוויי מענטשן, אַז דו וועסט האַנדלען אַזוי, און נישט אַנדערש. דיין כבוד וועט גאַנץ וויניק ליידן דערביי און אגב וועט די גאַנצע זאַך פאַרבלייבן בסוד.״

קורץ געזאָגט, מתתיהו האָט נישט געהאַט וואָס איינצווענדן און האָט דערפילט דעם רצון פון זיינע עלטערן. עס איז געווען געמאַכט אַ געהיימער אוונט, מען האָט זיך געפרייט און פאַרצייכנט די תנאים אויפן פּאַפּיר.

אייגעלע, וואָס איז דאַן אַלט געווען עלף יאָר, איז באַשיינקט געוואָרן מיט בריליאַנטן און פּערל און איז געווען לוסטיק און פריילעך.

אירע שיינע אייגעלעך אָבער האָבן זיך אָנגעפילט מיט

טרערן, בשעת ער האָט אין אַ פּאָר וואָכן אַרום יך געזעגנט מיט איר.

און דער ערשטער קליינער פונק פון ליבע, וואָס האָט דאָן קוים אויסגעגליט אין איר, איז מיט דער צייט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שטאַרקן פלאַם.ביידע האָבן זיך געשריבן איינאַנדער הייסע בריוועלעך, און אייגעלע האָט געוואַרט מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ, ער זאָל שוין ענדיקן זיין שטודיום און קומען צו פאָרן.

---

## ז.

# דער שמש פון רב.

שיין און פאַרכּישופט זעט טיילמאָל אויס פון ווייטן אַ געגנט פאר אַ רייזנדער. זי מאַכט אַן איינדרוק פון אַן אמתן גן-ערן. דער רייזנדער מיינט, אַז ער זעט בלויז אַ סאַמעטענע גרינקייט און שיינע בלומען און הערלעכעביימער. און די מענטשן, וואָס באַוועגן זיך אין דערדאָזיקער געגנט, זעען אויך אויס שיין, פונקט ווי זיי וואָלטן געלעבט אין אַ בעסערער וועלט.

באַטראַכט מען אָבער בעסער די געגנט, זעט מען באַלד איין דעם טעות. דעמאָלט זעען מיר אַ סך זאַמדן און שטיינער און בלאָטעס און גרויס נויט און עלנט צווישן די מענטשן.

נישט בעסער גייט עס צו ביי אונז אַלעמען מיטן פאָרשטעלן זיך די צוקונפט. מיר מאָלן זי אויס מיט אונזער פאַנטאַזיע פול כשוף און רייץ. מיר ווילן אין איר דערגרייכן דעם שפּיץ פון גליק, מיר ווילן זיך דעמאָלט זען געזונט און געאַכפערט און געשעצט; אונזערע זין ווילן זיין גרויסע סוחרים, אָדער גרויסע פּאָדריאַטשיקעס, אָדער בכלל הויכגעשעצטע מענטשן.

**א. מ. דיק.**

אונזערע טעכטער — אַריסטאָקראַטקעס, פּאַרנעמע דאַמען, און מען גרייט זיי צו צו אַזאַ אַרט לעבן. מען לערנט זיי פראַנצויזיש, שפּילן קלאַוויר, מען טוט זיי אָן אין סאַמעט מיט שלעפּעס און דעסגלייכן. אָבער קיין זאַק שטריקן לערנט מען זיי נישט, קיין העמד, קיין קלייד נייען לערנט מען זיי נישט. מען געוויינט זיי איין צו זיין פיינשמעקערינס, צו עסן נאָר גוטע מאכלים, אָבער נישט זיי אַליין צו מאַכן, און זיי וויכן פון דער קיך, ווי אַ גנב פון דער תפיסה. מען לאָזט זיי לייענען נאָר ראָמאַנען. דעם תנ"ך אָבער קאָנען זיי נישט.

זיי דאַרפן זיין בלויז „אַריסטאָקראַטקעס" און נישט מער.

אָ, מיין טייערע לעזערין, מעגסט דיר נעמען מיינע רייד צום האַרצן און מאַך נישט פון דיינע טעכטער קיין אריסטאָקראַטקעס, קיין פּאַרנעמע דאַמען. ריכט זיך נישט אויף כבוד, ס'איז נישט די צייט צו פאַנטאַזירן. מאַך זיי בעסער פאַר גוטע באַלעבאָסטעס, פאר הויזלעכע ווייבער, פאַר גוטע נייטערינס.

זיי דאַרפן, נאַטירלעך, נישט זיין נישט־געלערנט. זיי מוזן קענען לייענען און שרייבן, און דאָס איז גענוג.

מיר וועלן זיך אָבער אומקערן צו אונזער דערציילונג:

אין דעמדאָזיקן טעות איז אויך אַריינגעפאַלן אונזער אהרן, זיין פרוי העניע און חתן־כלה. אין האַרצן האָבן זיי זיך געוואונטשן, אַז די שטודירצייט זאָל איבערפליען ווי אַ נאַכט־חלום. און ווען זיי וואָלטן געקאָנט אַרומדרייען דעם פיר־י׳ריקן גאַנג פון דער זון אַרום דער וועלט אין איין סעקונדע, צו דערגענטערן דעם חתונה־טאָג, וואָלטן זיי עס געוויס געטאָן, ווען אַן אַנדערער וואָלט זיי נישט געשטערט דערין מיט זיין פאַרקערטן פאַרלאַנג. למשל: אַ בעל־חוב, וואָס האָט מורא פאַרן נאָענטן טערמין פון זיינע חובות, וואָלט וועלן, אַז די זון זאָל זיך פאַרזאַמען אויף איר וועג פון איין טאָג אויף אַ גאַנץ יאָר... אָבער די זון הערט קיינעם נישט און גייט זיך איר געוויינלעכן וועג. זי האָט קיינ־

מאָל זיך נישט פאַרזאָמט און נישט צוגעאיילט מיט איין מינוט פריער אָדער שפּעטער, סיידן אין די צייטן פון יהושע...

יאָ! די זון איז זיך געגאַנגען מיט איר געוויינלעכן וועג די גאַנצע פיר יאָר און די העלדן פון אונזער געשיכטע זיינען גאָט צו דאַנקען איבערגעקומען די צייט בשלום.

מתתיהו האָט געענדיקט זיין לערנען, אייגעלע איז זייער שיין אויסגעוואַקסן און איז געוואָרן אַ באַרימטע שיינהייט.

די עלטערן זיינען רייכער געוואָרן און אַ חודש פאַר מתתיהוס קומען, זיינען שוין געמאַכט געוואָרן גרויסע הכנות צו דער חתונה.

אַלץ איז אַפילו צוגעגאַנגען נאָך אין שטילן. שדכנים האָבן נישט געוואוסט פון דעם גאַנצן ענין און האָבן פאַרשאָטן מיט שידוכים.

עס האָט שוין אָבער נישט געקאָנט מער בלייבן אַ סוד, ווייל באַלד האָבן עס באַמערקט די דינסטן אין שטוב און אויך פרעמדע מענטשן און אזויאַרום האָט מען שוין אין שטאָט אָנגעהויבן צו שמועסן, אַז אהרן נעמט מתתיהון פאַר אַן איידעם.

אין אַלע הייזער האָט מען גערעדט דעריבער.

מאַנכע האָבן אהרנען געלויבט, אַז ער טוט אַ גוטע זאַך, אַז ער קוקט נישט אויף געלט און נעמט אַן אָרעם קינד, וואָס האָט נישט קיין עלטערן און וואָס ער האָט אים זייער שיין דערצויגן און גוט אויסגעבילדעט.

אַנדערע ווידער האָבן געהאַט אַן אַנדער מיינונג דעריבער און האָבן אהרנען שטאַרק באַרעדט.

„אַזאַ שידוך צו טאָן, — האָבן זיי געטענהט — פּאַסט פאַר אַ געמיינעם באַלעבאָס, וואָס איז נישט אומשטאַנד צו געבן עפּעס אַ רעכטן נדן, אָדער אַזעלכן, וואָט האָט אַ פּסול אין דער משפחה, אָבער נישט פאַר אַזאַ לייטישן גביר, וואָס האָט נאָר אַן איינאיינציקע טאָכטער. ער האָט געקענט פאַר איר באַקומען אַ חתן דעם גרעסטן מיוחס, דעם גרעסטן גביר, די קרוין פון אַ פיינער משפּחה, דאָס טעלערל פון הימל“.

באַזונדערס שטאַרק האָבן זיך געקאָכט די שדכנים, וואָס האָבן געטאַרפט די ציין אויסצעפירן ביי אהרנען דעם שידוך. זיי האָבן אויף אים אויסגערעדט, וואָס אין קאָרט שטייט. אויף אים און אויף זיין ווייב. אַפילו אייגעלע איז אויך נישט געשוינט געוואָרן.

דערעיקרשט האָט זיי געקריינקט, וואָס אהרן האָט דעם גאַנצן ענין געהאַלטן די גאַנצע צייט בסוד, און האָט זיי געלאָזט לויפן צו זיך מיט שידוכים גאָר בחינם. דאָס הייסט שוין אַ פאַלשער מענטש. אַ פאַרדאָרבענער מענטש, וואָס נעמט נישט אין אַכט דעם צווייטנס טרחה.

אינדעראמתן איז ער קיינמאָל נישט געווען, — נישט קיין פאַלשער און נישט קיין פאַרדאָרבענער. ער האָט עס געוואָלט האַלטן בסוד צוליב כמה טעמים. ערשטנס, האָט ער נישט געוואָלט, אַז די וועלט זאָל זיך נישט דערוויסן, דערפאַר ווייל די גאַנצע זאַך קאָן זיך אַמאָל ענדערן אין אַ משך פון פיר יאָר. דערווייל וועט עס הייסן, אַז אייגעלע א ז שוין געווען אַ כלה פאַר אַן אָרעם ייִנגל, און מאַנכע בייזע צינגער וועלן נאָך צוּוואַרפן, — „מיט אַן אונטערגעוואָרפענעם ייִנגל“. דאָס קאָן אים געוויס שאָדן ביי אַן אַנדערן שידוך, אויב דאָ וועט זיך גאָרנישט אויסלאָזן; צווייטנס, וואָלט אים זיין פאַמיליע דערצו נישט געלאָזן; דריטנס, האָט ער מורא געהאַט, אַז ווען אַלע זאָלן נעמען ריידן דערפון, וואָלטן זיך אפשר אָפּגעפונען מתתיהוס עלטערן, וואָס וואָלטן, מעגלעך, נישט געפּאַסט פאַר אים אַלס מחותנים.

אַצינד אָבער האָט ער שוין נישט וואָס מורא צו האָבן פאַר די אַלע דריי זאַכן, ווייל ער קען דאָך שוין אָפּמאַכן די חתונה, און די עולם מעג זיך ריידן, וואָס ער וויל.

דאָך האָט ער געשוויגן דערפון ביז דעם לעצטן טאָג פאַר דער חתונה, און ביז דעם לעצטן טאָג האָט ער געענטפערט, ווען עמעץ האָט אים געפרעגט:

„איז דאָס אַן אמת, וואָס מען רעדט, אַז אייער טאָכטער נעמט מתתיהון?“

## דאָס געפונענע קינד

„דערווייל נאָך נישט“.

מתתיהו האָט, ווי מיר האָבן שוין פריער דערציילט, בשלום געענדיקט זיין לערנען און האָט זיך אין אַ חודש אַרום אומגעקערט קיין בראָד צו זיין כלה.

קיין גאַסט אין דער וועלט איז נאָך קיינמאָל נישט אויפגענומען געוואָרן מיט אַזאַ שמחה, ווי ער. דאָס איז געווען אַ טאָפּעלע שמחה. זיי האָבן אים אויפגענומען אַלס זון און אַלס קינפּטיקן איידעם. און וועגן אייגעלען איז דאָך גאָרנישטאָ צו ריידן : יענע איז ממש געוואָקסן פון שמחה.

עטלעכע טעג זיינען אַדורכגעלאָפן אין שמחה און גליק, אין קושעניש און האַלזעניש און אין אַריינקוקן זיך טיף אין די אויגן און אין האַרציקע שמועסן.

מען האָט אויך פיל גערעדט פון דער פאַרגאַנגענהייט, און העניע האָט זיי ביידן דערציילט, וויאַזוי זיי האָבן געפונען מתתיהון זיצנדיק ביים בריקל, דערפראָרן פון קעלט, פאַרשמאַכט פון הונגער און אַנגסט. אַ גליק, וואָס זיי האָבן איס געפונען צו דער ריכטיקער צייט, ווייל מיט אַ שעה שפּעטער וואָלט ער שוין אַודאי נישט געלעבט.

מען האָט אויך געשמועסט פון דער התונה, ווער עס זאָל איינגעלאַדן ווערן און ווער נישט. און ס׳זיינען געווען שמחית איבער שמחות.

צום סוף איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז דעם קינפּטיקן שבת זאָל ער אויפגערופן ווערן.

ס׳זיינען געמאַכט געוואָרן גרויסע הכנות. מען האָט אָנגעבאַקט זייער פיל צוקער-געבעקס, אָנגעפּרעגלט טייערע קאָנפיטורן, אָנגעגרייט פאַרשיידענע משקאות און דאָסגלייכן. לכבוד דעם חתן האָט דער חזן געדאַוונט פאַרן עמוד.

נאָכן דאַוונען, האָט מען פאַרבעטן אַ גרויסן עולם. די גאַנצע שטאָט האָט פאַרהיילכט מיטן מזל-טוב, וואָס מען האָט אָפּגעגעבן אהרנען מיט זיין ווייב און טאָכטער.

אַ גאַנצן שבת האָט דאָרטן געקאָכט ווי אין אַ קעסל. דער אַריין און דער אַרויס. וואָס איינער אָדער איינע איז געווען מער „אַריסטאָקראַטיש“, אַלץ שפּעטער איז מען געקומען און אַלץ לייגער האָט מען זיך דאָרט פאַרזאַמט. און די עלטערן האָבן זיך גזשמאַלצן פאַר נחת און האָבן געדאַנקט גאָט, וואָס זיי האָבן דערלעבט דעמדאָזיקן טאָג.

באַלד נאָך הבדלה האָט מען געשפּילט זמירות, געזאָגט פּיוט פון דעם יום-טובדיקן דאַוונען.

מען האָט אויך געטאַנצט, געזונגען אין געשפּרונגען פון גדולה און גרויס גליק.

אָבער די אַלע שמחות און גדולות האָבן זיך אויסגעלאָשן ווי הונדערט העל-פלאַמענדיקע ליכט פון אַ צוגווינט, און די שטוב איז איינגעהילט געוואָרן אין אַ גרויסן טרויער. דידאָזיקע שרעקלאַכע קאַטאַסטראָפע, איז געשען בלויז דורך איין וואָרט, וואָס אַ קליין יידל האָט איינגערוימט אין אהרנס אויער. און דאָסדאָזיקע קליינע יידעלע איז געווען נישט קיין אַנדערער ווי נאָר דער שמש פון רב, וואָס איז געשיקט געוואָרן פון אים אָנצעזאָגן אהרנען אין זיין נאָמען, אַז ער זאָל גאָרנישט קלערן חתונה צו מאַכן זיין טאָכטער מיט מתתיהון. מתתיהו אין אַן אסופי, אַ געפונען קינד און אַזאַ איינער טאָר נישט נעמען קיין יידישע טאָכטער. עס קאָן געמאָלט זיין אַז ער איז גאָר אַ ממזר.

דידאָזיקע ווערטער האָבן דורכגעלעכערט אהרנען ביידע אויערן און דעם מוח, ווי עמעץ וואָלט דאָרט אַריינגעשאָסן צוויי בלייענע קוילן.

ער האָט זיך אינגאַנצן פאַרלוירן און ס'האָט געדויערט גענוג לאַנג ביז ער האָט ווידער באַקומען מוט צו דערגיין פון שמש מער דייטלעכע ווערטער.

אָבער דער שמש איז אַרויסגעגאַנגען פון שטוב...

האָט אהרן געוואָלט גיין צום רב און איבעררייידן מיט אים. ער האָט עס אָבער נישט געקאָנט טאָן, ווייל די פיס זיינען

אים אַזוי ווי אונטערגעהאַקט געוואָרן, אַזוי, אַז ער האָט זיך געמוזט לייגן אין בעט אַריין.

ער האָט אויך מורא געהאַט אויסצעזאָגן עס דעם ווייב און די קינדער, און ער איז געלעגן ווי משוגע.

„איך האָב מיך היינט צופיל אָנגעשטריינגט, — האָט ער זיי געזאָגט, ווען זיי האָבן זיך געחדושט דערויף, וואָס ער האָט זיך אַריינגעלייגט אין בעט. — איך מוז מיך אויסרוען און דעריבער שיקט אַוועק די קלעזמער און די געסט. איך פיל מיך נישט גוט און דערצו מוז איך מיך איבערשמועסן מיט מיינעם אַ גוטן פריינט.

דאָס ווייב און די קינדער האָבן זיך שטאַרק באַאמרואיקט. ער איז אַלע מאָל געווען אַ שוואַכער מענטש, וואָס קאָן אַ ליאַדע מינוט ערנסט קראַנק ווערן און דעריבער האָבן זיי זיך באַלד אָפּגעפּאַרטיקט מיט די געסט, מיט די קלעזמער און אין שטוב איז געוואָרן שטיל.

דעמאָלט האָט אהרן געלאָזט רופן צו זיך זיינעם אַ גוטן פריינט, אַ געוויסן ר' מרדכי טריוועש, וואָס איז געווען אַ גרויסער למדן און וואָס איז ביים רב אויך געווען זייער געהויבן. דער רב פלעגט זיך מיט אים עפּטער מישב זיין ביי אַ שווערן ענין.

אהרן האָט אים געוואָלט בלויז פרעגן, צי איז עס אמת, אַז מיט אַ געפונען קינד טאָר מען זיך נישט משדך זיין.

ר' מרדכי האָט אים אויף דערדאָזיקער פראַגע גאָרנישט געענטפערט, נאָר ער האָט געהייסן דערלאַנגען דעם לאַנגען משניות סדר נשים און האָט אים דאָרטן געוויזן אַ בפרושע משנה, אַז אַן אסופי לא די וואָס ער טאָר ניט נעמען אַ בת ישראל פון באַשטימטע עלטערן, נאָר ער טאָר אַפילו נישט נעמען זיין גלייכן, ווען זי איז אַשטייגער, אַ געפונען קינד, ווייל מען האָט מורא, טאָמער איז איינער פון זיי אַ כשר קינד און דער צווייטער אַ ממזר. און אַ ממזר טאָר נישט אַריינקומען אין גאָטס קהילה.

דידאָזיקע משנה האָט אויף אהרנען געמאַכט נישט קיין קלענערן רושם, ווי דער טויט־אורטייל, וואָס ווערט פאַרגעלייענט ביים עשאַפאָט דעם פאַרמשפּטן. ער האָט זיך שוין נישט געקאָנט מער איינהאַלטן און האָט זיך צעבראָכן אין אַ הויכן געוויין.

אויף זיין געוויין זיינען צריינגעלאָפן צו אים אין קאַבינעט אריין ווייב און קינדער מיט דער גרעסטער פאַרצווייפלונג און זיי האָבן זיך דערוואוסט פון דעם שרעקלעכן סוד...

דאָס איז געווען אַ געוואַלדיקע אַנטדעקונג, וואָס האָט אין אַ מינוט צייט צעבראָכן זייערע גאָלדענע לופטשלעסער, וואָס זיי האָבן שוין יאָרנלאַנג מיט גרויס מי געבויט, ווי אַ גוואַלטיקער הונגער ברעכט איין אַ הונדערטיאָריקן דעמב אין אַ העלן טאָג.

ווער קאָן באַשרייבן דעם יאָמער און די פאַרצווייפלונג פון דער גליקלעכער פאַמיליע אין דערדאָזיקער אימהדיקער נאַכט? ווער פון אייך, מיינע טייערע לעזערינס איז אַ מאַמע, וועט זי שוין פאַרשטיין פון מיין קנאַפּער שילדערונג, ווי ס'איז געווען צו מוט די עלטערן; און ווער פון אייך האָט געליבט אָדער ליבט נאָך אַצינד, וועט זיך אויך דאָסגלייכן מאַכן אַ באַגריף, ווי ס'איז דעמאָלט געווען צו מוט אייגעלען און מתתיהון. ס'איז געוועונג צו זאָגן מיט קורצע ווערטער, אַז זיי זיינען דאַן געווען די אומגליקלעכסטע אויף גאָטס ערד, ווייל קיינער איז אַזוי נישט אומגליקלעך, ווי יענער, וואָס געפינט זיך אָפּגענאַרט פון זיין אייגן גליק. אַזאַ איינער, וואָס געפינט זיך גענאַרט אין זיין ליבע, דערטרינקט זיך אָדער הייגט זיך.

אונזערע געליבטע אָבער, באַהיט גאָט, האָבן עס נישט געטאָן און האָבן אויך נישט געקלערט דערפון, ווייל קיין מענטש האָט זיי אין זייער ליבע נישט געשטערט, נאָר די אמונה. און די אמונה איז שטריינג אין אַלע אירע געזעצן און אַ פשיטא אין די עינים פון מאַן און ווייב. אַפילו די צערטלעכסטע ליבע ווערט נישט געשוינט פון איר. זי ווערט נישט גערירט פון די טייכן טרערן, וואָס פליסן פון די אויגן טויזנטער עגונות, חליצות, וואָס מאַטערן זיך זייער גאַנץ לעבן און וואָס די פאַרדאָרבענע

מאַנסלייט מאַכן דידאַזיקע געזעצן בלויז זיך צום נוצן, מיט דער כונה צו פרעסן געלט אָדער זיך נוקם צו זיין.

אונזערע טעכטער פאַרטראָגן עס גאַנץ געדולדיק און דאָס־זעלבע האָבן אויך געטאָן די פאַרליבטע העלדן פון אונזער געשיכטע. זיי האָבן, באַהיט גאָט, קיין שום טענות נישט געהאַט צום רב.

אהרנען האָט בלויז פאַרדראָסן, פאַרוואָס דער רב האָט ביז איצט געשוויגן, און פאַרוואָס האָט ער עס אים נישט אַנטפּלעקט, בשעת ער האָט געוואָלט שרייבן אַ תנאי־גט.

דעמאָלט וואָלט ער דאָך אים פאַרשפּאָרט אַ סך פּיין און צער און דאָטגלייכן אויך אַ סך חרפה און בושה.

ר' מרדכי האָט אים אָבער באַלד צוגעמאַכט דאָס מויל.

„אין דעם זייט איר אַליין שולדיק, — האָט ער אים געזאָגט, — און נישט דער רב, ווייל דער רב האָט בלויז געוואוסט, אַז ער איז נישט אייערער, אָבער נישט, אַז ער איז אַ געפונענער. אַנדערש, וואָלט ער אייך שוין אָנגעזאָגט, אַז ער טאָר נישט נעמען קיין יידישע טאָכטער".

אַ גאַנצע וואָך זיינען זיי אַלע געווען ווי געלעמט, איינגעשפּאַרט אינדערהיים, זיי האָבן זיך געשעמט אַ נאָז אַרויסצושטעקן, ווייל ווער האָט עס נישט קיין שונאים, ווער פרייט עס זיך נישט מיטן אומגליק פון אַ גביר?

מען האָט דעריבער גערעדט אין יעדער שטוב, און דער המון האָט געזען אין אים נקמה, וואָס ער האָט זיך מרחם געווען איבער אַ ממזר.

די וואָך אָבער, וואָס זיי האָבן זיך פאַרהאַלטן אין שטוב, איז נישט אַוועק בחינם. מען האָט זיך זייער גוט באַראַטן וואָס צו טאָן ווייטער. עס איז געווען אַ העכסט שווערע אויפגאַבע ווי אַזוי צו ראַטעווען ביידע קינדער און גלייכצייטיק אויך דעם כבוד. מען האָט זיי געמוזט ראַטעווען, ווייל זיי וואָלטן זיכער

אויסגעגאַנגען פון ליבע צו איינאַנדער און פון בושה, וואָס מען האַלט אים פאַר אַ ממזר...

---

## ח.

## דער אומגעריכטער גאַסט.

נאָך אַ לאַנגן ישוב־הדעת איז ביי זיי געבליבן, אַז אויב מען וויל פאַרשטאָפן לייטן די מיילער, מוז מען, ערשטנס, מתחיהון נישט האַלטן ביי ר׳ אהרנען אין הויז, נאָר ערגעץ אַנדערש, און זיי האָבן אים אַוועקגעשיקט קיין שטראַסבורג, וואו ער האָט באַלד באַקומען אַ שטעלע אַלט בוכהאַלטער מיט אַ גוטן געהאַלט; צווייטנס, מוז מען מיט אַלע מעגלעכקייטן נאָכפאָרשן, ווער זיינע עלטערן זיינען.

האָט מען אָנגעהויבן צו שרייבן אין די צייטונגען וועגן דעם, אַז דער און דער האָט געפונען אַ קינד אין דעם און דעם עלטער, אויף דעם און דעם אָרט, נעבן דעם און דעם וויאָרסט־סלופ, אין דעם און דעם יאָר, חודש, טאָג און שעה, און אַז ער געפינט זיך איצט ביי דעם און דעם, וואָס האָט אים זייער שיין דערצויגן און פאַרלאַנגט אַצינד צו וויסן, ווער עס זיינען זיינע עלטערן, ווייל אַנדערש איז אים פאַרבאָטן חתונה צו האָבן.

אַ גאַנץ יאָר נאָכאַנאַנד, איז עס וואָכנטלעך געדרוקט געוועז אין פאַרשידענע צייטונגען, אָבער קיינער האָט זיך נישט אָפגערופן, און אַ פינסטערער טרויער־וואָלקן איז געהאַנגען איבער ר׳ אהרנס הויז.

ער האָט שוין פאַרשאָלטן די שעה פון דער גרויסער מצוה, ווען ער האָט אויפגעהויבןביים בריקל דאָס פאַרלוירענע קינד

## דאָס געפונענע קינד.

אין אַנדערטהאַלבן יאָר אַרום, בשעת דער לעצטער פונק האָט זיך שוין אויסגעלאָשן אין אייגעלעס האַרץ, אַז זי זאָל אַמאָל קאָנען נעמען מתתיהון פאַר אַ מאַן, און האָט זיך, ווי צו צו זאָגן, אָנגעטאָן אַן אייביק טרויערקלייד, זיינען געקומען צו־פאָרן קיין בראָד אַ פּאָרפאָלק, וואָס זיינען געווען זייער רייך און שוין ניט יונג.

זיי זיינען געקומען פון אַזאַ לאַנד, וואָס מען פאָרט אַהין אויף נישט צו קומען צוריק, דאָס הייסט פון ארץ־ישראל און זיינען פאַרפאָרן אין אַ גרויסער אכסניא און האָבן זיך דאָרטן אָפּגעשטעלט אויף עטלעכע וואָכן.

זיי האָבן דאָרט געהאַט נאָך אַן אַלטע באַקאַנטשאַפט פון אַלטע צייטן, מיט מאַנכע גבירים, וואָס זיינען געשטאַנען מיט זיי אַמאָל אין געשעפטן, און האָבן זיי באַזוכט.

מיט דער צייט אָבער האָבן זיי געמאַכט נייע באַקאַנט־שאַפטן און נייע וויזיטן, ביז עס איז אויך אָנגעקומען צו ר׳ אהרנען, ווייל אין בראָד האָט ער זיך גערעכנט פון די נכבדים.

זיי האָבן אים געמאַכט אַ וויזיט און האָבן זיך פאַרזוימט ביי אים מער ווי ביי אַן אַנדערן. זיי האָבן אים אַ סך דערציילט פון ארץ־ישראל און פון זייער נסיעה און ער, ווידער, האָט אַריינ־געוואָרפן אַ פּאָר ווערטער וועגן זיין טאָכטער. ער האָט גע־וואוסט, אַז די געסט ווייסן אַ סך מער, וויפיל זיי דאַרפן צו וויסן און יענע האָבן אים זייער באַדויערט.

ביים טיש (ער האָט זיי געהאַלטן צו אונטערבייסן), ווען מען האָט שוין ליידיק געמאַכט אַ פּאָר פלעשער אונגערוויין, און מען איז אַריינגעפאַלן אין עצבות, האָט מען זיך אָנגעהויבן צו דער־ציילן דאָס, וואָס מען האָט פריער פלייסיק פאַרשוויגן, דאָס הייסט יעדער איינער האָט אָנגעהויבן מיטצעטיילן דעם צווייטן די אויסטערלישע פּאַסירונגען פון זיין לעבן.

אָבער מיין טייערע לעזערין, פון זייער לאַנגן געשפּרעך וועלן מיר נאָר איבערגעבן די־יעניקע פּרטים, וואָס זיינען בלויז

## א. מ. דיק.

נוגע אונזער דערציילונג, דאָס הייסט, מיר וועלן אין קורצן איבערגעבן דאָס, וואָס דער גאַסט האָט דערציילט באריכות.

„איך הייס, ווי אייך איז שוין געוויס באַוואוסט, — האָט ער אָנגעהויבן, — רפאל גובלינער, מיין פרוי הייסט שפרה, מיר זיינען געבוירן געוואָרן אין יאַלטע. מיר האָבן דאָרט חתונה געהאַט און פאַרלעבט, ווי צו זאָגן, די ערשטע העלפט יאָרן אונזערע אין שמחה און עשירות. מיר האָבן געפירט גרויסע געשעפטן און אַרום אונז האָבן געלעבט אַ סך מענטשן. עס האָט אונז אָבער געפעלט אַזאַ זאַך, וואָס אָן דעם האָט ביי אונז, יידן, דאָס לעבן קיין שום ווערט נישט. מיר האָבן מער ווי צוועלף יאָר קיין קינדער נישט געהאַט. מיר האָבן זיך דאָקטירט, אויסגעוועוען ביי די גרעסטע רביים און ס׳איז אַלץ געווען אומזיסט, נאָר דער אויבערשטער האָט אונז געבראַכט צו דעם נאזליווקאָווער רבי. האָט ער אונז געבענטשט און מיר זיינען געהאָלפן געוואָרן פון זיין ליבן נאָמען. באַלד נאָך אונזער אָפּפאָרן איז מיין ווייב מעוברת געוואָרן און האָט געבוירן אַן יינגל. מיר האָבן אים אַ נאָמען געגעבן, ווי דער נאזליווקאָווער האָט אונז געהייסן — „מתתיהו“. אַלעמאָל האָט ער געהייסן געבן אַ נאָמען די קינדער פון די עקרות, וואָס ער האָט זיי געבענטשט — מיט אַ רמז אויף גאָטס הילף, דהיינו, איינעם האָט ער געהייסן רופן עזריאל, אַ צווייטן מיכאל און מיינעם מתתיהו. אונזער פרייד איז געווען זייער גרויס, ווייל מיר האָבן שוין גאָרנישט געהאָפט צו דערלעבן אַמאָל אַ קינד און האָבן שוין גערעכנט צו מאַכן פאַר אַ יורש אונזער פלעמעניק, וואָס האָט זיך נאָך פריער, איידער מיר האָבן באַשלאָסן, געגרייט דערצו“.

„דאָס קינד איז געווען אונזער ליבע, אונזער פרייד, ווייל ער איז געווען זייער שיין, קלוג און זייער באַחנט, אַזוי, אַז אפילו פרעמדע פלעגן אים ממש איינשלינגען. דאָך אָבער האָט זיך די שמחה נישט לאַנג געהאַלטן. בשעת עס איז אַלט געווען אַ יאָר צוויי, איז עס אונז אומגעקומען אויף אַ שרעקלעכן אופן. איך און מיין פרוי זיינען דעמאָלט געווען אויף אַ רייכער חתונה. עס

איז געווען אַכטאָג פאַר פסח (אין דעם טאָג און דעם און דעם יאָר), איז צו אונז געקומען אַ רייטער מיט אַ בשורה רעה, אַז עס איז אונז אָפּגעבּרענט געוואָרן אונזער הויז מיטן גאַנצן האָב און גוטס. ס'איז מער נישט געבּליבּן ווי אַ צימער, און דאָס קינד איז אויך פאַרבּרענט געוואָרן. אונזער געשריי, אונזער יאָמער האָט געמעגט קומען פאַר גאָט. עס האָבּן מיט אונז גע־קלאָגט אַלע חתונה־לייט, עס האָבּן מיט אונז געטרויערט הימל און ערד און די גאַנצע נאַטור. מיר זיינען געווען שטאַרקער פון אייזן, אַז מיר האָבּן עס געקאָנט איבּערלעבּן.

„מיר זיינען געקומען קיין יאַלטע – האַלבּ טויטע און אונזערע אויגן האָבּן זיך געעפנט ווי וואַסערקוואַלן, ווען מיר דערזען דאָס אַש פון אונזער וואוינונג. אונזער ערשטע זאַך איז געווען אויפצוזוכן די רעשט בּיינדעלעך פון אונזער קינד צו באַ־נעצן זיי מיט אונזערע טרערן, און דערנאָך צו באַגראָבּן אויף דעם יידישן בּית־עולם, און צו טרייסטן זיך מיט זיין קליינעם קבר'ל. אָבּער אויך די קליינע טרייסט איז אונז נישט באַשערט געווען. דער שאָדן פון אונזער פאַרמעגן האָט זיך אונז אומגע־קערט טאָפּל, ווייל אַלץ איז געווען זייער הויך אַסעקורירט, אָבּער אונזער קינד האָט זיך נישט אומגעקערט.

„מיר האָבּן געטרויערט פיל־פיל טעג, חדשים, יאָרן, מיר האָבּן זיך נישט געקאָנט טרייסטן, ווי אונזער פאָטער יעקב נאָך זיין זון יוסף, און האָבּן די גאַנצע צייט, בּיזן היינטיקן טאָג גע־האַלטן אין איין שילטן די „מאַמקע" זיינע, וואָס איז נישט גע־ווען דאַן אין שטוב. זי איז גאָר דעמאָלט אַוועק צו איר געליבּטן, און ווען זי איז געקומען צו לויפן, האָט מען שוין נישט געקאָנט אַריינדרינגען אין שטוב. דאָס אייציקע, וואָס איז אונז פאַר־בּליבּן צום אָנדיינק פון אונזער קינד, איז די פאָטאָגראַפיע זיינע, וואָס מיר האָבּן דערוויסט הייגען אין דעם געבּליבּענעם צימער. און מיר קושן זי אינדערפרי און אין אוונט און באַ־וואַשן זי מיט אונזערע טרערן. אַ טאָג טראָג איך זי אויף מיין האַרץ, אַ טאָג מיין פרוי. ס'איז אַ היילונג צו אונזער פיי־

ערדיקער וואונד, וואָס שטייט נאָך אָפן, אייטערט און וויל זיך נאָך נישט פאַרמאַכן.

דאָס אומגליק האָט אונז שוין אַזוי ווייט צעקלאַפּט דעם מוט, אַז מיר האָבן שוין מער נישט געטראַכט פון צו מאַכן נייע געשעפטן. מיר האָבן אונזער קאַפּיטאַל — אַכציק טויזנט רובל פאַרליען אין זיכערע הענט אויף אַ קליינעם פּראָצענט, און שפּעטער, אין אַ פּאָר יאָר אַרום, זיינען מיר ביידע געפאָרן צו דעם נאָזליוקאָווער, אַז ער זאָל אונז ווידער בענטשן מיט אַ קינד. ער האָט עס אָבער נישט געטאָן.

„ניין, — האָט ער אונז געענטפערט, — איך וועל אייך קיין פאַלשע מתנה נישט געבן. מיין עצה איז, אַז איר זאָלט פאָרן קיין ארץ־ישראל און זיך באַזעצן אין חברון".

„מיר האָבן אים געפאָלגט. מיר האָבן אונזער גרויסן קאַפּיטאַל מיטגענומען. אַ צענטל דערפון האָב איך אַוועקגעגעבן מיין פלימעניק, וואָס האָט שוין געהאַט ווידער אַ גרויסע אויסויכט צו זיין מיין יורש, און האָב דעריבער נישט געוואָלט אים לאָזן גענאַרט אין זיין האָפנונג. און מיר זיינען באַלד אַוועקגעפאָרן קיין ארץ ישראל, און האָבן פאַרלעבט די גאַנצע צייט אין שכם, ווייל כ'האָב נישט געקאָנט פאַרגעסן מיין קינד. איך האָב אָפּגעהיט זיין יאָרצייט מיט לערנען נאָך זיין נשמה, מיט צדקה און דעסגלייכן. אין גראַד אין זיין לעצטן יאָרצייט מיט אַ פיר חדשים צוריק, האָט זיך אין מיר דערוועקט עפּעס אַ האָפנונג, אַז אונזער קינד לעבט, ווייל איך האָב דערהאַלטן דורך דער פּאָסט אַ געדרוקטע צייטונג פון יאַלטע, וואו עס איז געווען אַן אַנאָנס פון אַ געוויסן אהרן פון בראָד, אַז ער האָט אין דעם און דעם חודש פון דעם און דעם יאָר און דעם און דעם טאָג געפונען אַ צוויי־יאָריק קינד, ביי אַ בריקל אויף דעם און דעם אָרט, נעבן דעם און דעם וויאָרסט, וואָס האָט געהאַט דעם און דעם נומער. ער האָט אים אָנגענומען פאַר אַן אייגן קינד און פאָטערלעך דערצויגן, אָבער איצט פאַרלאַנגט ער צו וויסן דורכאויס, ווער זיינע עלטערן זיינען, ווייל אַנדערש, וועט אים

זיין פאַרוועוּרט חתונה צו האָבן, ווי אַלע אַנדערע געפונענע קינדער, וואָס ווערן געשטעמפּלט מיט נאָמען אסופי, און ווערן באַהאַנדלט פון אונזער אמונה, ווי עכטע ממזרים און טאָרן דעריבער נישט חתונה האָבן.

„דער אַנאָנס אין דער צייטונג וועגן דעם געפונענעם קינד שטימט האָר אין האָר מיט דער דאַטע פון יענעם טאָג, ווען ס'איז מיר געשען דאָס אומגליק מיט מיין קינד און איך האָב מיך געפילט ווי יעקב, ווען מען האָט אים אָנגעזאָגט די בשורה, אַז יוסף לעבט".

„עס האָט אָנגעהויבן צו טאָגן אין אונזערע פינסטערע הערצער, אָבער דאָס אויפגעגאַנגענע ליכט האָט מער נישט געדויערט ווי אַ בליץ אין אַ פינסטערער נאַכט, וואָס דורך זיין פאַרשווינדן ווערט נאָך פינסטערער. באַלד דערויף האָבן מיר געלאַכט פון זיך אַליין, אַז מיר זאָלן גאָר קאָנען האָבן אין די רעיונות, אַז אונזער קינד לעבט. נאָך איז אַ געשטאָרבענער צוריק לעבעדיק נישט געוואָרן און אַ פשיטא שוין אַזאַ איינער, וואָס איז אויף אש פאַרברענט געוואָרן.

„דאָך, נאָך אַ לאַנגן ישוב הדעת, האָבן מיר שוין געלייגט אַ סך מער געוויכט אויף דער צייטונג און בפרט נאָך, אַז זי איז אונז גראָד צוגעשיקט געוואָרן דירעקט פון יאַלטע דערצו נאָך אָן אַ נאָמען. אַלזאָ, איז עס געוויס אַ סך מער ווי אַ פוסט וואָרט. דאָס און נאָך אַ סך אַנדערע אומשטענדן, וואָס האָבן זיך בּיסלעכווייז געלייגט אויפן שכל, האָבן אַלץ מער און מער דערוועקט אין אונז אַ חשד, אַז אונזער היז איז מיט אַ כּיון אונטערגעצונדן געוואָרן, כּדי אַוועקצורייסן אונז דאָס קינד אָן אַ שום פאַרדאַכט, אַז מען זאָל דעם גונב נפשות קיינמאָל נישט קאָנען כאַפּן.

„אָבער אַזאַ אונטערצינדער און צוגלייך אַ גונב נפשות, קאָן געוויס קיין אַנדערער נישט זיין, ווי אַזוינער, וואָס האָט דערביי אַ נוצן, און ווער קאָן האָבן אַ גרעסערן נוצן דערביי ווי מיין פּלימעניק, וואָס האָט אַלץ געהאָפט צו זיין מיין איינ-

ציקער יורש ? נו, האָט זיך אים געשטעלט מיין קינד אין וועג און האָט אים געמאַכט אַ שטריך דורך זיין חשבון. עס איז אונז איינגעפאַלן, אַז ער האָט פאַרפירט דאָס קינד פאַר פופציק מייל און האָט עס אַוועקגעזעצט ערגעץ נעבן אַ בריקל. דער חשד, אַז ער האָט עס זיכער געטאָן, ווערט נאָך שטאַרקער דערמיט, וואָס באַלד נאָך דער שרפה איז ער אויף עטלעכע וואָכן פאַרשוואונדן פון יאַלטע.

„קורץ געזאָגט, ביי אונז איז געבליבן, אַז דער חשד אויף אונזער פלימעניק איז מער ווי זיכער, און דער געדאַנק האָט אונז נישט געלאָזט רוען. דערצו האָבן זיך אָנגעהויבן גרויסע אומרוען פון די אַראַבער און קיינער איז נישט געווען זיכער מיטן לעבן. זיינען מיר אָפּגעפאָרן פון דאָרט און מיר זיינען געקומען אַהער מיט דער צייטונג אין דער האַנט און צוגלייך מיט זיין בילד. מיר זיינען נישט אַריין צו אייך דעם ערשטן, ווייל מיר האָבן פריער געוואָלט הערן די מיינונג פון שטאָט איבער אייך, צו קענען דעם מאַן, מיט וועלכן מיר וועלן האָבן צו טאָן. נו, גאָט צו דאַנקען, וואָס איר זייט איינער פון די הערלעכסטע מענטשן, און מיר שעצן זיך טאָפּל גליקלעך, וואָס איר זייט געווען דער גוטער מדריך פון אונזער קינד.

„אַלזאָ, ליבער ר׳ אהרן, איך האַלט שוין מיט מיין דערציילונג ביים סוף. הייגט ווייל איך דעריבער הערן עטוואָס דייטלעכס וועגן דעם אסופי. אפשר איז ער טאַקע אונזערער און דער אויבערשטער וועט אונז פון דאָסניי העלפן מיט שמחה און גדולה...״

נאָך איז קיין שום דערציילונג אין דער וועלט נישט אויסגעהערט געוואָרן מיט אַזאַ אויפמערקזאַמקייט און מיט אַזויפיל אינטערעס, ווי דידאָזיקע דערציילונג פון ר׳ רפאל גובלינער איז אויסגעהערט געוואָרן פון ר׳ אהרנען, זיין פרוי און טאָכטער, און דעמאָלט, ווען ר׳ רפאל האָט שוין געענדיקט זיין דערציילונג, האָט אים ר׳ אהרן פאַרציילט אַלץ, וואָס מיר ווייסן שוין פון פריער און האָט אים דערביי געוויזן דאָס אַלטע קינדערשע בילד

פון מתתיהון, וואָס האָט געשטימט מיט ר׳ רפאלס בילד ווי צוויי טראָפּנס וואַסער. דיזעלבע קליידונג, דאָסזעלבע היטעלע, אַזוי אַז מען האָט שוין נישט געטאָרט צווייפלען, אַז מתתיהו איז זייער זון, און עס האָבן זיך אָנגעהויבן שמחות איבער שמחות!

---

## ט.

## דער סוף איז גוט, איז אַלץ גוט.

באַלד דערנאָך האָט מען געשיקט קיין שטראַסבורג נאָך מתתיהון. ער איז נעקומען און די עלטערן האָבן אין אים תיכף דערקענט זייער קינד, ווייל ער איז געווען אַ טרייע קאָפּיע פון ר׳ רפאלן, זיין פאָטער. דערצו נאָך האָבן זיי געהאַט נאָך קליינע סמנים אויף אים, דהיינו, אַ קליינעם ברוינעם פלעק, וואָס איז געווען באַוואָקסן מיט האָר...

אָ, ווער איז אומשטאַנד צו באַשרייבן די גרויסע שמחה, וואָס דאָרט האָט זיך אויפגעהויבן! און ווער קאָן אויסדריקן אַזויפיל דאַנקבאַרקייט, וויפיל מתתיהוס עלטערן האָבן אויסגע־דריקט אהרנען און זיין פרוי, וואָס האָבן זייער קינד דערצויגן פון דריטן יאָר אָן מיט אַזויפיל מי און אַזויפיל צערטלעכקייט?

ער איז געווען אומבאַשרייבלעך שיין אויסגעוואָקסן, קלוג, און פרום און געבילדעט.

די עלטערן האָבן פאַרלוירן אַ קערנדל און געפונען דער־נאָך אַן אויסגעוואָקסענעם בוים מיט די שענסטע פרוכטן. דאָס־זעלבע האָבן די דערציערס געהאַט אויך מיט וואָס זיך צו פרייען, ווייל ער איז דאָך געווען זייער טאָכטערס חתן, און זיינע עלטערן זיינען דאָך זייער לייטישע און רייכע מענטשן.

א. מ. דיק.

באַלד דערנאָך זיינען ביידע מחותנים אַוועק צום רב, צו ווייזן אים, אַז מתתיהו האָט כשרע טאַטע־מאַמע. זיי האָבן אים אַלץ דערציילט, וואָס מיר ווייסן, און דער רב האָט עס אָנגע־גומען פאַר סימנים מובהקים און האָט דערלויבט מתתיהון צו נעמען אַ יידישע טאָכטער פאַר אַ ווייב און מען האָט טאַקע באַלד אָפגעשפּילט די חתונה.

דער לאַדמירער בדחן, וואָס האָט געפירט די חתונה, האָט געהאַט געגנוג שטאָף פון וואָס צו ריידן און צו זינגען ביים טיש פאַרן עולם. ער האָט באַזונגען די גאַנצע געשיכטע אין גראַמען. איבערהויפּט אָבער איז פאַר אים געווען אַ גוטער ביסן דער נאָמען מתתיהו, וואָס ביידע עלטערן האָבן אים גערופן נישט וויסנדיק איינער פון צווייטן. ער האָט עס אָנגענומען אַ סך מער ווי פאַר אַ בלויזן צופאַל: ער האָט עס געהאַלטן פאַר אַ געט־לעכקייט.

אַ סך טרערן זיינען דערביי געפאַלן און די ווייבער האָבן זיך גוט אויסגעוויינט. עס איז אָבער אויך געווען אַ סך שמחה, ווייל דערזעלבער לאַדמירער, וואָס האָ: געוואוסט וויאַזוי אויסצעפּרעסן טרערן, האָט אויך געוואוסט וויאַזוי זיי צו טריקענען. אַזוי גייט עס אין דעם מענטשנס לעבן, פריידן און ליידן גייען מיט איינ־אַנדער, ווי אַ צווילינג, צוזאַמענגעוואַקסן, ווי די רויז מיטן דאָרן.

---

## סוף.

אין אַ יאָר אַרום איז ר׳ רפאל געפאָרן מיט זיין פרוי קיין יאַלטע אויף קברי־אבות, און אגב צו דערגיין, וועמענס אַרבעט איז עס געווען אונטערצעציינדן זיין הויז און אָוועקצערייסן אים דאָס קינד, און אויך ווער איז געווען דער צושיקער פון דער צייטונג.

ר׳ רפאל האָט שוין זיין פלימעניק נישט געטראָפן ביים לעבן. יענער איז שוין געווען אַנדערטהאַלבן יאָר טויט. זיין פרוי האָט זיך אַריבערגעצויגן אין אַן אַנדער שטאָט. קיין קינד איז פון אים נישט געבליבן. ער האָט געהאַט פינף קינדער, און אַלע זיינען ביי זיין לעבן אויסגעשטאָרבן. ער אַליין איז אויך געווען די גאַנצע צייט זייער קראַנק און מרה־שחורהדיק.

„דאָס איז גאָטס שטראָף“, — האָט ר׳ רפאל געטראַכט ביי זיך. דאָך האָט ער עס נישט אַרויסגעזאָגט, ווייל איידער מען ווייסט נישט אויף קלאָר, דאַרף מען אויף קיין מענטשן נישט ריידן קיין שלעכטס. ער האָט עס נאָר געזאָגט זיין מחותן, ווייל ס׳איז געווען נייטיק צו כשרן דאָס קינד. ער האָט, אַלזאָ, נישט גערעדט וועגן גוטס אָדער שלעכטס, נישט באַדויערט אים און זיך נישט געפרייט מיט זיין שלעכטן סוף, ביז ער האָט זיך נאָכדעם דערוואוסט אויף קלאָר, אַז דאָסדאָזיקע שרעקלעכע שטיקל אַרבעט האָט אָפּגעטאָן דער פלימעניק. ער איז עס דערגאַנגען זייער לייכט, ווי מיר וועלן עס באַלד דערציילן אין קורצן.

נאָכדעם ווי ער האָט באַזוכט די טויטע אויפן בית־עולם, האָט ער אָנגעהויבן באַזוכן די לעבעדיקע קרובים און גוטע פריינט. ער האָט זיי דערפרייט מיט זיין גליק, אַז זיין זון מתתיהו לעבט, אַז ער האָט גרויס נחת פון אים און אַז דאָס האָט ער צו פאַרדאַנקען אַ בלאַט, וואָס מען האָט אים פונדאַנען

צוגעשיקט; ער ווייסט אָבער נישט, ווער ס'איז דער מענטש, וואָס האָט פאַרדינט די־דאָזיקע מצוה, און וויל גערן דאָס וויסן כדי יענעם צו באַדאַנקען און צו באַלוינען.

„דאָס האָט קיין אַנדערער נישט געטאָן, — האָט זיך איי־נער פון זיינע קרובים אָפּגערופן, — ווי אונזער רב זאָל לעבן, ווייל ער האָט מיר עס אַליין געזאָגט, אַז ער האָט באַצאָלט צוויי רובל פּאָסט־געלט.“

קוים האָט עס ר' רפאל דערהערט, איז ער תיכף אַוועק צום רב און האָט עס אים געפרעגט. יענער האָט דערפון קיין שום סוד נישט געמאַכט.

„ס'איז אמת, — האָט דער רב געענטפערט, — אַז איך האָב אייך דאָס בלאַט געשיקט.“

און ר' רפאל האָט אים געפרעגט:

„ווער האָט עס א"יך, רבי, דערצו באַוואויגן? ערשטנס קענט איר מיך גאָרנישט, ווייל איר זענט דאָ רב אינגאַנצן דריי יאָר און איר ווייסט גאָרנישט, אַז עס איז מיר דאָס קינד פאַר־לאָרן געוואָרן. העכסטנס האָט איר געקענט וויסן, אַז ביי מיר איז אַ קינד פאַרברענט געוואָרן, אָבער נישט פאַרלאָרן געגאַנגען. צווייטנס, ווי קומט איר צו דעם בלאַט?“

דאָ האָט אים דער רב אַריינגענומען אין אַ חדר מיוחד און האָט אים דערציילט, וויאַזוי ער קומט דערצו.

„מיט אַ יאָר אָנדערטהאַלבן צוריק, בין איך גערופן גע־רופן געוואָרן שפּעט אין דער נאַכט צו אַ קראַנקן, וואָס האָט געהאַלטן ביים שטאַרבן. האָט ער מיך געבעטן, איך זאָל אייך וואָס שנעלער אַוועקשיקן דאָס בלאַט קיין חברון, ווייל עס האַנדלט זיך וועגן אייער קינד, וואָס איז אייך אַוועקגעריסן גע־וואָרן אין דער און דער צייט, פּונקט ווי די צייטונג שרייבט. די צייט און דאָס אָרט זיינען פּינקטלעך אָנגעגעבן געוואָרן. טוט עס, רבי, איר וועט אייך דערמיט פאַרדינען אַ מצוה ביי גאָט און ביי לייטן, שיקט אים אַוועק די צייטונג. מיר באַלאַנגט עס זייער, ווייל אַנדערש שלעפּ איך מיט זיך אַוועק זייער אַ שווערע

זינד אויף יענער וועלט. שיקט עס אַוועק, און ווייטער שרייבט נישט קיין אין וואָרט, נישט וועגן אייך, און נישט וועגן מיר".

„באַלד דערנאָך איז ער געשטאָרבן און איך האָב מקיים געווען די דברי המת און האָב דאָס בלאַט אַוועקגעשיקט צו אייך. און ווער דערדאָזיקער ייד איז, ווייס איך נישט מער ווי זיין נאָמען. ער האָט געהייסן שמשון קאָך. איך האָב עס קיינעם נישט דערציילט און עס האָט דערפון קיינער נישט געוואוסט, אויסער ר' יודלען, וואָס האָט עס אייך אַנטדעקט, ווייל ער איז דער יידישער עקספּעדיטאָר אויף דער פּאָסט."

„נו, לײדער, — האָט זיך ר' רפאל געטראַכט אין האַרצן,— איך האָב עס זייער גוט באַרעכנט פאָרויס. מיין אייגן בלוט מיין פּלימעניק, וואָס כ'האָב איב אַזויפיל גוטס געטאָן, האָט מיר אַזויפיל ווי געטאָן. איך בין עס אים מוחל. זאָל אים דער אויבערשטער מוחל זיין אין הימל"...

ער האָט זיך דערביי געווישט די אויגן, געדאַנקט דעם רב און אים באַלוינט, ווי געהעריק.

ער האָט געבעטן דעם רב, ער זאָל עס אים אַרויסגעבן שריפטלעך. תחילת האָט עס אים דער רב אפילו נישט געוואָלט טאָן, ווייל דער פאַרשטאָרבענער האָט אים געבעטן, ער זאָל דערפון נישט שרייבן, דאָך, אַז ר' רפאל האָט אים דערקלערט, אַז ער ברויך עס צו האָבן אַלס באַווייז פאַר זיין מחותן אין דעם דאָרטיקן רב, אַז ער איז דער ריכטיקער פאָטער פון זיין געפונענעם קינד, האָט ער עס אים אַרויסגעגעבן.

אַזוי ווייט, מיין ליבע לעזערין, קאָן זיך דער מענטש פאַר־זינדיקן פאַר דעם ליבן גרויסן גאָט. ס'איז אַ סך, אַ סך צו לער־נען פון דערדאָזיקער געשיכטע און לערן עס, ווייל כ'בין נישט אויסן די געשיכטע, נאָר דעם פועל־יוצא דערפון.

---